STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11080

ALEFBEYS FUN POLITISHER EKONOMYE

Lev Lubimov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

33 (023)

לעוו לובימאָוו

פּראָפעסאָר פון מאָסקווער אוניווערסיטעט

אלעפבייס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע

(עלעמענטארער קורס)

קאָאָפּעראַטיווער פארלאַג
קולטור־ליגע
קיעוו—1924

מעלוכע-טרעסט „קיעוו-דרוק״.
4-טע דרוקעריי, קרעשט. 42.
באַשט. 3336, געדרוקט 4000.
ע. ד. 4188—קיעוו.

אריינפיר

זייער פילע לייקענען איינגאַנצן אָפּ די נויטיקייט צו דערלערנען געזעלשאַפטלאכע וויסנשאפטן, ד. ה. די וויסנשאפטן, וועלכע דערקלערן די אָדער יענע זייטן פונם געזעל־שאפטלאכן לעבן; זיי מיינען אפילע, אַז דידאָזיקע געביטן פון קענטעניש האָבן קיין רעכט ניט אָנצורופן זיך וויסנשאַפט, ווייל דאָ האבן מיר פאר זיך אַ פאַרשיידנהייט פון מיינונגען. מיטן בעקאָוועדיקן טיטול וויסנשאפט באַערן זיי נאָר נאַטורוויסנשאפט און מאַטע־מאַטיק. דאס איז, פאַרשטייט זיך, לאכלוטן ניט ריכטיק.

מיר ריידן שוין ניט פון דעם, אַז פאַרשיידענע מיינונגען טרעפן זיך אַמאָל אויך אין געביט פון נאַטורוויסנשאַפט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, וואָס פאר א שטרייט סע האָט זיך געפירט און פירט זיך נאָך אפילע איצט בענויגייע צו דאַרווינס טעאָריע. אַ פאַרשיידנ־הייט פון מיינונגען טרעפט אויך אין מאַטעמאַטיק. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַשטייגער, ווי אַזוי פילע האָבן אָפּגעלייקנט לאבאטשעווסקיס געאָמעטריע און ווי אַזוי סע האָבן זיך צעפלאַקערט די ליידנשאַפטן אויך אַרום דעם מאטעמאַטישן טייל פון איינשטיינס טעאָריע.

די מענטשן, וועלכע פריידיקן, אַז דערלערנען דאַרף מען נאָר יענע וויסנשאַפטן, ווו ס'איז ניטא קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, דערמאנען אונז אן יענעם לעקיש, וועלכער האָט געגעבן אַ שווּע, אַז ער וועט זיך ניט צורירן צו וואַסער, ביז וואַנען ער וועט זיך ניט אויסלערנען שווימען.

און אויך אן דעמדאזיקן לעקיש דערמאָנען זיי נאָר אין בעסטן פאל. איינדרעמעסן אָבער איז זייער טאָעס פיל ברוטאַלער און אומפאַרציילאכער. ווען סע וואָלט קיין געזעל־שאַפט ניט געווען, וואלט דער שוואַכער און אומבאַהאָלפענער אוראַלטער מענטש, אָן שום סאָפעק, ניט אויסגעהאַלטן דעם קאַמף פאר זיין עקזיסטענץ. דאָס איז ווייניק—די געזעלשאַפט איז נאָך איצט אויך דאָס הויפּט־געווער פון דער מענטשהייט אינם קאַמף פאר דער עקזיס־טענץ און, וואָלט די געזעלשאַפט נאָר פאַרשווינדן, וואלטן די מענטשן איינגאַנצן אומגעקו־מען, ווייל אויסער דער געזעלשאַפט קאָנען זיי מיט וועלכן ס'איז ערפאָלג ניט קעמפן מיט דער נאַטור. די מענטשן, וועלכע אינטערעסירן זיך נאָר מיט נאַטורוויסנשאַפט און מאטעמאטיק און זיינען גלייכגילטיק צום גורל פון דער געזעלשאַפט, ווי קלוג און גוט זיי זאָלן ניט זיין, האַנדלען, אין טאָך אריין, ווי די באוווסטע קרילאָווס העלדן, וועלכע האָט זייער ליב געהאַט כאַזער־ניסלאך, אָבער זי איז געווען לעגאַמרע גלייכגילטיק צום גורל פונם דעמב.

אינטערעסירן מיר זיך אבער מיט דער געזעלשאַפט, קאָנען מיר ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די געזעלשאַפטלאַכע וויסנשאַפטן, ווייל די געזעלשאַפט איז אַ צו קאמפליצירטער ארגאַניזם, אַז אן איינצעלנער מענטש זאָל זיין אימשטאַנד צו מאסיג זיין אים בלויז מיט

זיין אייגענעם סייכל, אָן דער הילף פון סיסטעמאַטיזירטער פּראַקטיק און קענטעניש פון אַנדערע מענטשן אינם דאָזיקן געביט, ד. ה. אָן דער הילף פון די געזעלשאַפטלעכע ווּיסנשאַפטן.

צווישן די געזעלשאַפטלעכע וויסנשאפטן פארנעמט זייער אַן אנגעזעען אָרט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ביפראַט ווען מיר נעמען אין אכט, אַז אַלע געדאַנקען, געפילן, אנשויונגען א. א. וו. פון די מענטשן ווערן סאָפקאָלסאָף באשטימט דורך דער עקאָנאָמישער (ווירטשאפטלאַכער) ווירקלאַכקייט, וואָס רינגלט זיי אַרום, און נאָר די עקאָנאָמיק (די ווירטשאַפטלאַכע דערשיינונגען) ליגט אין גרונט פונם גאַנצן געזעלשאַפטלאכן לעבן.

דערצו דאַרפן מיר נאָך מויסיף זיין אַט וואָס. קעדיי איבערצובויען די געזעלשאַפט ווי בעסער איז, איז זייער וויכטיק צו וויסן, ווי אַזוי זי איז געבויט, וועלכע עקאָנאָמישע באציונגען הערשן אין איר, בעקיצער — מע דארף זיין באקאַנט מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

דערלערנען מיר, ווי סע דאַרף צו זיין די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פאַרקלענערן מיר די מעגלאכקייט פון ווירקלאכער געזעלשאַפטלאַכער איבערבויונג. הייסט עס, די דראשעס, אַז מע דאַרף ניט דערלערנען די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, לוינט זייער גוט פאר די הערשנדיקע קלאַסן *) (אין וועלט-מאסשטאב), און איז אין העכסטן גראַד שעדלאך פאר די קלאַסן, וואס ווערן עקספּלואַטירט.

דער שטאַנדפונקט, אַז סע איז ניט נויטיק צו דערלערנען די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, איז ניט בלויז לאָגיש שוואַך באגרינדעט, נאר ער איז אויך אמבעסטן אנגעמאָסטן פאר די וועלט-הערשער — פאר די קלאסן, וואס הערשן אין וועלט-מאסשטאב.

דאס איז נאך ווייניק. די גרעסטע מערהייט וויסנשאפטן בא דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג בריינגט אַ סאך אַ גרעסערן נוצן פאַר די הערשנדיקע קלאַסן. סע איז גאַנץ קלאָר, אַשטייגער, אַז די עקספּלואַטירטע קלאסן קאָנען ניט פאלגן די אנווייזונגען פון דער וויסנשאפט וועגן דער נויטיקייט פון גוטער שפּייז, פון געזונטע דירעס און פון אַ גענוגן אָפּרו; זיי קאָנען ניט פאָרן אין די נויטיקע פאַלן היילן זיך אין די וואַרימע לענדער אדער צו די גרעסטע ספּעציאַליסטן א. א. וו. א. א. וו. געוויס, דערין איז שולדיק ניט די וויסנשאפט, נאר די געזעלשאפטלאכע אָרדנונג. אָבער, האגאם די וויסנשאפט גופע איז דערין ניט שולדיק, דארף מען דאָך ניט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז די מערהייט פון אירע געביטן (בא דער קאפּיטאַליסטישער אָרדנונג) דינט אין אַ סאך אַ גרעסערער מאָס די רייכע, איידער די אָרימע און אונטערדריקטע. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע (אין מאַרקס טעאָריע) איז אין דער הינזיכט אַ גלענצנדער אויסנאם. אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג דינט זי ניט די עקספּלואַטאַטאָרן, נאָר די עקספּלואַטירטע, ניט דער בורזשואזיע, נאָר דעם פּראָלעטאַריאַט. און דאס איז איינע פון אירע גרעסטע פארדינסטן.

אויבן האָבן מיר פארבייגייענדיק דערמאָנט וועגן קלאסן. דאָרט, ווו סע עקזיסטירן קלאסן, מוז אומפארמיידלאך ברענען דער קלאַסנקאַמף. דאס ווארט „קלאסנקאמף“ דערוועקט אויך אַן אומצופרידנהייט בא פילע ווייכהארציקע מענטשן. זיי געפינען איין, אַז מע דארף ריידן ניט וועגן קאמף צווישן קלאַסן, נאָר שטרעבן צו פארווירקלאַכן די ביבלישע אידיליע (אַ פרידלאַך און שיין בילד), אַז דער וואָלף און דאס לעמעלע זאָלן ליגן באַנאַנד. די דאָזיקע ווייכהארציקע מענטשן פארגעסן איין זאך, אַז דעם וואָלף וועט אַזא שכיינעס בעשום אופן ניט שאַטן, דעם לעמעלע אָבער וועט דאָס אָבער זייער און זייער שאַדן;

*) א קלאַס איז אַ טייל פון דער געזעלשאפט, וואס ווערט פארייניקט דורך דער אלציינער לאגע אינם פּראדוציר-פּראצעס און דורך דער אלציינער לאגע בענעגייע צום אייגנטום אף די פּראדוציר-מיטלען.

יי באַמערקן ניט, אַז זייער דראָשעס דינען פּראַקטיש צום נוצן פון די וועלף און צום שאָדן פון די לעמעלאַך. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט עקזיסטירן קלאַסן און, קאָלזמאַן זי וועט ניט אונטערגיין, וועלן די קלאַסן עקסיסטירן. דערמיט וואָס מיר פאַרמאַכן די אויגן אַף דעמדאָזיקן פאַקט, פאַרניכטן מיר אים ניט. נאָכמער, מיר קאָנען דאַן ניט קעמפן מער-ווייניקער ערפאָלגרייך פאַר די אונטערדריקטע (אין וועלט-מאַסשטאַב) קעגן די אונטערדריקער, קעגן דער בורזשואַזיע פאַרן פּראָלעטאַריאַט: וואָס איז דאָס פאַר אַ קעמפער, ווען ער איז בלינד אַף ביידע אויגן — און אין אַזאַ פאַל קאָנען מיר ניט קעמפן פאַר דער אָרדנונג, אין וועלכער עס וועלן קיין קלאַסן ניט זיין, — פאַר דער סאָציאַליסטישער קאָמוניסטישער אָרדנונג *), ווייל זי קאָן אנקומען נאָר ווי אַ רעזולטאַט פונם ניצחון פונם אַרבעטער-קלאַס, וואָס, פאַרנעמענדיק דעם סאַמע נידעריקן פלאַץ אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, קאָן ער זיך ניט באַפרייען, ווען ער וועט ניט באַפרייען אויך די איבעריקע. אַזוי אַרום, ווען מיר לייקענען אַף דעם פאַקט פון קלאַסנקאַמף, העלפן מיר נאָר מיט, אַז ער זאָל נאָך לענגער עקזיסטירן. שרייען וועגן דער צינישקייט פון דער טעאָריע פון קלאַסנקאַמף, ווי דאָס טוען אייניקע, איז, ווייניקסטנס, ניט קלוג. דער ציניזם ליגט אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס ווערן אָפּגעשפּיגלט אין דערדאָזיקער טעאָריע, אָבער בשום אופן ניט אין דער טעאָריע גופא.

מכמעט דעם אַליין קאָן מען שוין ניט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פונם קלאַסנקאַמף. אָבער, אַנערקענענדיק דעמדאָזיקן פאַקט, מוזן מיר אויסקלייבן דעם קלאַס, וואָס אַף זיין צד שטעלן מיר זיך אינם דאָזיקן קאַמף. מיר מיינען, אַז דער איינציק ריכטיקער אויס-וואַל, אומאָפּהענגיק אפילע פונם אפּשטאַם — איז שטעלן זיך אַפן צד פונם אַרבעטער-קלאַס, ווייל:

1) אַף דער עקספּלואַטאַציע פונם דאָזיקן קלאַס, ווי מיר וועלן שפּעטער באַווייזן, לעבן אַלע הערשנדיקע קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

---

*) אין דער מייריוו-אייראָפּייאישער, באַזונדערס אין דער דייטשישער ליטעראַטור, האָט מען ביז גאָר ניט לאַנג בשום אופן ניט געקאָנט שטעלן קיין גלייכונג-צייכן צווישן די ווערטער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער. דער טערמין „קאָמוניזם” האָט געהייסן די געמיינזאַמקייט פון די געברויך-מיטלען (דערביי קאָנען די פּראָדוקציע-מיטלען געפינען זיך, ווי אין אַלגעמיינעם, אַזוי אויך אין פּריוואַטן אייגנטום): אַהער געהערן דער אוראַלטער קאָמוניזם, די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס א. א. וו. דער טערמין קאָלעקטיוויזם האָט באַטייט די געמיינזאַמקייט פון פּראָדוקציע-מיטלען, דערביי בלייבט דאָס פּריוואַט-אייגנטום אַף די געברויך-מיטלען. אַזוי האָבן געמאָלט די קומענדיקע אָרדנונג די מערהייט פון אירע אָנהייגער. און, ענדלאַך, דער טערמין סאָציאַליזם (אַ וואָרט, וואָס איז צום ערשטן מאָל געברויכט געוואָרן אין 1836 יאָר דורך פּיער לערו), אַלס אַן אַלגעמיינע פאַרשטעלונג, האָט מיט זיך אַרומגעכאַפּט ביידע פּראַט-באַגריפן: אי דעם קאָמוניזם, אי דעם קאָלעקטיוויזם. אַזוי, אַז אַף וויפל די אָרדנונג פון דער צוקונפט איז נאָך ניט דעטאַליזירט געוואָרן, האָט מען גערעדט פּשוט וועגן סאָציאַליזם.

אַזאַ וואָרט-געברויך איז געווען אָנגענומען אויך אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, אָן אונטער-שייד פון ריכטונגען. ניט זעלטן ווערט עס איצט אויך געברויכט; לאָמיר, צ. ב., נעמען דעם נאָמען פון אונזערע מעלוכעס — פ. ס. ר. ר. אָדער אירע באַשטאַנד-טיילן: ר. ס. פ. ר. ר. א. א. וו.

אָבער נאָך דער אויסבילדונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט מען אָנגעהויבן געברויכן דעם טערמין „קאָמוניזם” סיי בא אונז, סיי אין אויסלאַנד ניט אין דעם אויבן אָנגעוויזענעם זינען, נאָר אין דעם זינען, ווי מע האָט אַמאָל געברויכט דעם טערמין „סאָציאַליזם”, ד. ה. אַלס אַלגעמיינע באַצייכענונג פון דער אָרדנונג, וועלכע איז באַרופן געוואָרן צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. מע מוז באַמערקן, אַז אין דעם זינען טאַקע ווערט געברויכט דאָס וואָרט קאָמוניסטישער אין אַזאַ אומגעהייער וויכטיקן ווערק פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, ווי דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט”.

אין „אַלעפבייס פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע”, וואָס איז דערצו נאָך געווידמעט דעם אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער אָרדנונג, איז, פאַרשטייט זיך, קיין אָרט ניט צו אַנאַליזירן וואָסערער פון די דאָזיקע טערמינען — סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם — איז געלונגענער. דעריבער געברויכן מיר דאָ ביידע טערמינען אין איין און דעם-זעלביקן זינען.

2) דערדאָזיקער קלאַס, ווי מיר ווײַלן ווייטער באַווייזן, איז דער סאַמע פּראָגרעסיווער אין עקאָנאָמישער הינזיכט, און זיין ניצאָכן וועט ברייגען דערצו, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג וועט פאַרביטן ווערן אַף אַזאַ אָרדנונג, וואָס איז אַ סאַך העכער פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער, — אַף דער סאָציאַליסטישער (קאָמוניסטישער) אָרדנונג.

3) בלויז ווען מיר שטעלן זיך אַפן שטאַנדפּונקט פונם דאָזיקן קלאַס, קאָנען מיר באַאָבאַכטן די ווירקלאַכקייט פּונקט אַזוי, ווי זי איז, ווייל די אינטערעסן פון אַלע אנדערע קלאַסן, ווי מיר ווײַלן דאס שפּעטער באווייזן, פאָדערן צו פאַרקריפּלען די ווירקלאַכע פּערספּעקטיוו, פאַרקריפּלען די ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער זאַך־לאַגע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

מאַכמעס דעם אלעמען טרעטן מיר צו צו דערלערנען די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, שטעלנדיק זיך אַפן שטאַנדפּונקט פונם אַרבעטער־קלאַס. פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט פירן מיר אונזער גאַנצע אויספאָרשונג.

I אָפּטייל. — דער קעגנשטאַנד פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע

דער אָפּשטאַם פונם נאָמען

דער נאָמען „פּאָליטישע עקאָנאָמיע” נעמט זיך פון דריי גריכישע ווערטער, וואָס באַטייטן: — — (מעלוכע), — — (ווירטשאַפט, הויז) און —·— (געזעץ) און דער טייטש איז: די וויסנשאַפט וועגן מעלוכישער (פאָלקס-) ווירטשאַפט.

דערדאָזיקער נאָמען גיט איבער אין א ג ע וו י ס ע ר מאָס דעם טאָך פון דער וויסנשאַפט.

טעכנישע וויסנשאַפטן און פּאָליטישע עקאָנאָמיע

מיט דער פּאָלקס-ווירטשאַפט האָבן צו טאָן פאַרשיידענע וויסנשאַפטן: טעכנישע וויסנשאַפטן און פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

די ערשטע האָבן צו טאָן מיט די פראַגן, ווי אַזוי צו מאַכן די ווירטשאַפט פּראָדוקטיווער, די צווייטע פאָרשט אויס, אין וואָסערע קעגנזייטיקע באַציונגען סע שטעלן זיך איינער צום אנדערן די מענטשן, וועלכע זיינען פאַרנומען אין דער פּאָלקס-ווירטשאַפט, ד. ה. זי דערלערנט די געזעלשאַפטלאַך-אַרבעט-פאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן.

היימישע און פּאָלקס-ווירטשאַפט

אין די אַלטע צייטן האָט מען געהאַלטן, אַז סיי די היימישע און סיי די פּאָלקס-ווירטשאַפט ווערן אָנגעפירט פון איינע און דיזעלביקע געזעצן. פון דערדאָזיקער מיינונג האָבן געהאַלטן אפילע די כאַכאָמים פונם אַלטן גריכנלאַנד, סאָקראַטוס און אַריסטאָטעל.

דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט אָבער איז לאַכלוטן ניט ריכטיק. סע איז, לעמאָשל, קלאָר, אַז וואָס מער זיכערע וועקסלען סע ווערט אנגעזאַמעלט אין די הענט פון אַן א יי נ צ ל-נ ע ר פּערזאָן, אַלץ רייכער איז זי; אָבער די רייכקייט פון אַ מעלוכע קאָן ניט געהעכערט ווערן אַף אזא אויפן, ווייל די פאַרגרעסערונג פון דער האַכנאָסע באַ איין מיטגליד דורך דעם, וואָס ער באַקומט אַפּן וועקסל, ווערט א ו מ ב א ד י נ ג ט באַגלייט דורך פ ו נ ק ט אַ ז אַ פאַרקלענערונג פון דער האַכנאָסע באַ די איבעריקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן אַף די דאָזיקע וועקסלען באַצאָלט.

פאַרגלייכן די געזעצן פון דער פּאָלקס-ווירטשאַפט מיט די געזעצן פון אַן איינצלנער ווירטשאַפט איז נאָך מער ניט ריכטיק דערפאַר, וואָס די שטרעבונגען פון איינע איינגוואוינער פון דער מעלוכע שטויסן זיך צוזאַמען מיט די פאַרלאַנגען פון די איבעריקע און פאַרניכטן קעגנזייטיק איינע די צווייטע, און, אזוי אַרום, ווערט די פּאָלקס-ווירטשאַפט געבויט אומאָפּהענגיק פון די פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פון באַזונדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. הייסט עס, אַז די פּאָלקס-ווירטשאַפט ווערט אָנגעפירט דורך אייגענע ספּעציעלע, פאַר איר אַליין אייגנטימלאַכע געזעצן.

די עקאָנאָמישע געזעצן אין פאַרשיידענע עפּאָכעס זיינען ניט איינאַרטיק.

בעכיין, דערלערנט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע די געזעצן פון פּאָלק-ווירטשאַפט. אין פאַרשיידענע עפּאָכעס אבער און אפילע אין איין און דערזעלביקער צייט, נאָר בא פאַר-שיידענע פעלקער, וואָס שטייען אַף פאַרשיידענע שטופעס פון עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, טראָגט די פּאָלק-ווירטשאַפט גאָר אַ פאַרשיידענעם כאַראַקטער. אַזוי, לעמאָשל, האָט פריער פּרעוואַלירט די נאַטוראַלע ווירטשאַפט, און איצט הערשט די געלט-ווירטשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער, פריער זיינען די פּראָדוקטן פּראָדוצירט געוואָרן קימאַט אויסשליסלאַך צוליבן אייגענעם געברויך, און איצט ווערן זיי פּראָדוצירט הויפּטזאַכלאַך צוליבן פאַרקויף, און אַפן אויסגעלייזטן געלט קריגט די ווירטשאַפט דאָס, וואָס זי דאַרף.

וואָס פאַר אַן עפּאָכע דערלערנט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

ס'קומט אויף אַ פראַגע, צי איז מעכויעוו די פּאָליטישע עקאָנאָמיע צו אַנטדעקן די געזעצן, וועלכע זיינען אַלגעמיין פאַר אַלע אַזוינע פאַרשיידנאַרטיקע, און ניט זעלטן אַפילע קעגנזעצלאַכע עקאָנאָמישע טקופעס (עפּאָכעס), אָדער זי דאַרף נאָר באַגרענעצן זיך מיטן דערלערנען די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, וועלכע הערשט קימאַט אומעטום? צי דאַרף זי זיך פּרווון „ארומנעמען אזוינס, וואָס מע קאָן ניט אַרומנעמען”, אָדער טאָן קליגער און אָפּזאָגן זיך פון אַזוינע כימערישע (אומאויספירבאַרע) פּלענער?

אונז דוכט, אַז מ'דאַרף טאָן דאָס לעצטע. און אָט פאַרוואָס:

קיינער וועט ניט לייקענען דערין, אַז מיר דאַרפן טיף אַריינדרינגען אין דעם איניען, וואָס מיר דערלערנען. אָבער, וואָס ברייטער און פאַרשיידנאַרטיקער סע איז דער קרייז (פּאַרנעם) פון די דערשיינונגען, וואָס ווערן ארומגעכאַפּט דורך דעם איניען, וואָס מיר דערלערנען, אלץ וויניקער זייטן זיינע וועלן ארומכאַפּן די געזעצן, וואָס מיר דרינגען ארויס, אלץ מער אומדערקלערטע זאַכן וועלן בלייבן, און אַלץ וויניקער טיף וועט זיין אונזער וויסן.

ס'איז קלאָר, צום בייעפּיל, אַז דער באַגריף געוויקס איז אַסאַך ברייטער, איידער דער באגריף בוים, ווייל דער ערשטער כאַפּט ארום ניט בלויז בוימער, נאָר אויך גראָזן, טוווע-געוויקסן, אַלערליי מינים מאך א. א. וו. ס'איז אויך ניט וויניקער קלאָר, אַז די ערשטע גרופּע האָט וויניקער אלגעמיינע שטריכן, איידער די צווייטע, ווייל אין לעצטן פאַל ווערן צוגעגעבן צו אַלע שטריכן, וואָס זיינען זיי אַלגעמיין אלס געוויקסן, נאָך שטריכן, וואָס זיינען זיי אלגעמיין אַלס בוימער.

הייסט עס, וואס אַ ברייטערן פעריאָד מיר וועלן נעמען, אַלץ וויניקער אלגעמיינע שטריכן (געזעצן) וועלן מיר קאָנען ארויסדרינגען, אַלץ וויניקער פול און פולקאָם וועט זיין אונזער וויסן און פארשטיין די מאָדערנע (קאַפּיטאַליסטישע) עקאָנאָמישעווירקלאַכקייט.

אינדערעמעסן, ווען דער באַוווסטער עקאָנאָמיסט דזשעמס סטואַרט מילל (1773 — 1836) האָט געפּרווט ארויספירן געזעצן, אלגעמיינע פאַר אַלע עקאָנאָמישע פאָרמאציעס, האָבן זיי זיך געקאָנט בעהאַרכאָווע אויסשטעלן אַף 5 קלייניגקע זייטלאַך; דערביי האָבן צווישן דידאָזיקע געזעצן דעם וויכטיקסטן פּלאַץ פאַרנומען אלערליי פּלאַטשיקע (זעלבסט-פארשטענד-לאַכע), אלגעמיינע, און דאך ניט אַלעמאָל אומבאַשטרייטבארע שטעלן, ווי אַשטייגער, אַז צוליב דער פּראָדוקציע זיינען נויטיק צוויי זאַכן: ארבעט און קאַפּיטאַל.

אויסערדעם איז אַזעלכע געזעצן ווייזן אָן די שטריכן, וועלכע זיינען אַלגעמיין דער קאַפּיטאַליסטישער און ניט קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און וועלכע קאָנען דעריבער ניט כאַראַקטעריזירן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אַלס אַזעלכע, פּונקט אַזוי, ווי די

שטריכן, וואָס זיינען אייגנטימלאַך פאַר אַלע געוויקסן, קאָנען ניט כאַראַקטעריזירן דעם בוים אַלס אַזעלכן, און אָנוויזן, מיט וואָס שיידט ער זיך אונטער פון אַלע איבעריקע געוויקסן: גראָזן, מאָך, א. א. וו.

מאַכמעס דעם אַלעמען איז, דאַכט זיך, קלאָר, אַז יענע עקאָנאָמיסטן, וועלכע ווילן מעגלאַכסט טיפער דערלערנען די עקאָנאָמישע סטרוקטור (בוי) פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, קלאָר מאַכן אירע ספּעציפישע באַזונדערהייטן, מוזן זיך אָפּשטעלן נאָר אַף איר, און דאַפקע אַף איר אַליין.

און העיויס ווי דאס פאַרטיפן זיך אינם טאָך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג באַווייזט, אַז דידאָזיקע אָרדנונג פאַרבאַרגט אין זיך דעם מאקער פון איר אייגענעם אונטערגאַנג, איז דעריבער פולקאם קלאָר, פאַרוואָס דאַפקע די פרינציפיעלע סאָנים פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג באַשטייען דערוף, אַז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע מוז זיך באַגרעניצן נאָר מיטן דערלערנען דידאָזיקע אָרדנונג.

דאָס מאַכט אויך קלאָר, פאַרוואָס דאס גרעסטע ווערק פונם טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם, פון קאַרל מאַרקס, טראָגט דעם נאָמען „קאַפּיטאַל“. אונז דאַכט זיך, אַז פּאָדערן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, זי זאָל ארויספירן געזעצן, אַלגעמיינע פאר אלע, און בעטויכאָם אויך פאר די סאמע קעגנזעצלאכע עקאָנאָמישע פאָרמאַציעס, איז בעערעך פונקט אזוי ניט ריכטיק, ווי צו פּאָדערן, אז דער נאַטורפאָרשער זאָל געבן אַן אַלגעמיינע טעאָריע וועגן דעם אפשטאם פון אַלע פאפוגייען, ד. ה. כון פויגל און מענטשן, וואָס טראָגן דאָס דאָזיקע „פיינע“ צונעמעניש.

רעזומירן מיר דאָס געזאָגטע, קאָנען מיר, אַזוי ארום, אַ ביסל דערגאַנצן די דעפיניציע פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס מיר האָבן אויבן געגעבן, און דאַן וועלן מיר באַקומען דידאָזיקע פאָרמול: די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פארשט אויס, אין וועלכע קעגנזייטיקע באַציונגען סע שטעלן זיך איינער צום צווייטן די מענטשן, וועלכע זיינען פארנומען אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, ד. ה. זי דערלערנט די געזעלשאַפטלאַך-אַרבעט-פאַרהעלטענישן פון די מענטשן בא דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

קאַפּיטאַליסטישע און פּריוואט-קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג

צום שלוס מוז מען וואָרענען פון איין טאָעס, וואָס מע טרעפט אים זייער אָפט. געוויינטלאַך מישט מען צונויף די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג מיט דער פריוואַט-קאפיטאליסטישער. פריער איז דאָס טאקע געווען קימאט א סינאָנים (קימאַט — א גלייכבאדייטנדיקער אויסדרוק), אבער מיט דער אנטוויקלונג פונם קאַפּיטאליזם האט זיך דער איניען ראדיקאל געביטן. דער לעצטער נעמט אַריין אין זיך אויך אזעלכע פארמען, וואס מע קאָן שווערלאַך צורעכענען צו די פריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע פאָרמען, צ. ב. דער מעלוכישער און מוניציפאלער קאַפּיטאַליזם, די קאָאָפּעראַציע א. א. וו.

קעדיי ניט צו פאַרלירן די ריכטיקע פּערספּעקטיוו, מוז מען פעסט גדיינקען יענעם באשיימפערלאכן עמעס, וואָס מע פארגעסט אים גאַנץ אָפט, אַז דער באגריף קאַפּיטאַליסטישער איז ברייטער (און באַדייטנד) איידער דער באַגריף פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישער און אַז דער לעצטער איז נאָר איין אַרט פונם ערשטן.

II אָפּטייל. — די טעאָריע פון ארבעטוועדט

1. דאס געזעץ פון ארבעטוועדט

א) די ראָליע פון סכוירע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

בעכיין, פארנעמט זיך די פּאָליטישע עקאָנאָמיע מיטן דערלערנען די געזעלשאַפטלאַך־ווירטשאַפטלאַכע פארהעלטענישן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און, הייסט עס, אויך מיט די פראגן פון פאָלקס־רייכטום.

אין וואס־זשע באשטייט דאס רייכטום פון דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאַפט?

אין דער גוואַלדיקער אנזאמלונג פין סכוירעס, ד. ה., ווי מיר האָבן אויבן געשריבן, פון פראָדוקטן, וואס זיינען באשטימט צוליבן פארקויף.

הייסט עס, אז מע קאָן ניט פארשטיין די קאפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, אויב מיר מאַכן זיך פריער ניט קלאָר, וואָס איז אזוינס סכוירע, וואס זיינען די הויפּט־אייגנשאפטן אירע.

ב) די הויפּט־אייגנשאַפטן פון סכוירעס.

אַזעלכע הויפּט־אייגנשאפטן זיינען אין סכוירע דאָ צוויי. ערשטנס — דאָס, וואָס זי איז עמעצן נויטיק, עמעצער געברויכט זי צו האָבן, אָדער, ווי די מאָדערנע עקאָנאָמיסטן זאָגן, זי האָט אַ „געברויך־ווערט"; און צווייטנס, — דאָס, וואָס מע קאָן זי אומבייטן אַף אַן אַנדער סכוירע (אָדער אַף געלט, וואָס איז, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אויך אַ סכוירע). ס'איז קלאָר, אַז די צווייטע אייגנשאַפט איז זייער אייננ פארבונדן מיט דער ערשטער, ווייל אַ סכוירע, וואס קיינער דאַרף זי ניט האבן, קאָן מען ניט אומבייטן אַף אַוועלכער ניט איז אנדער סכוירע אדער אַף געלט. מיט אנדערע ווערטער, אַ סכוירע, וואָס באזיצט ניט קיין געברויך־ווערט, קאן אויך ניט באזיצן קיין בייטווערט אָדער, ווי די עקאָנאָמיסטן זאָגן, „די געברויך־ווערט איז דער יעסאָד פון דער אומבייטווערט".

דער געברויך איז ניט קיין איניען פאר דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. גאַנץ אָפּט האָט ער קיין שייכעס ניט צו קיין וויסנשאַפט, ווייל יעדערער ווייס אליין, ווי אַזוי מע דאַרף באנוצן די געגעבענע סכוירע.

אין מער קאָמפּליצירטע פאלן גיבן די נויטיקע אָנווייזונגען די טעכניק און די סכוירע־קענטעניש.

דערפון איז קלאָר, אַז דער געברויך־ווערט אַן און פאר זיך אינטערעסירט ניט דעם עקאָנאָמיסט (אַלס אַזעלכן). גאָר אנדערש איז מיט דער בייטווערט. זי ווייזט זיך ארויס אין די אקטן פון קויף און פאַרקויף, ברייטער גענומען—ביכלאַל פון אומבייט (ווי דאס ווערט אפילע קענטיק פונם נאָמען בייט־ווערט). דידאָזיקע אַקטן זיינען שוין די אנטפלעקונג פון דער ווירטשאַפטלאַכער טעטיקייט, און דער עקאָנאָמיסט מוז זיי דעריבער דערלערנען. מע קאָן אפילע זאָגן, אַז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז אין אַ באדייטנדיקער מאָס אנטשטאַנען פון דער שטרעבונג צו דערקלערן, דורך וואָס ווערט באשטימט די „בייט־(קויף־) קראַפט" פון די סכוירעס.

ג) דער מאקער פון ווערט (ב״ט-)

וואָסזשע איז דער מאקער פון דעם בייטווערט (אָדער, בעקיצער, פּאָשעט פון „ווערט") פון סכוירעס: אין זייער נוצלעכקייט אָדער אין דער אַרבעט, וואָס מע האָט פאַרטאָן אויף צו פּראָדוצירן זיי?

אין פלוג דאַכט זיך, אַז די סיבע פון ווערט ליגט אין דער נוצלעכקייט: וואָס אַ זאַך איז נוצלעכער, אַלץ אַ גרעסערע סומע וועט מען פאַר איר, מיסטאָמע, באַצאָלן.

די ווירקלעכקייט אָבער באַווייזט אויף יעדן טריט, אַז ניט די נוצלעכקייט איז די סיבע פון ווערט. ווי סע האָט נאָך אָנגעוויזן איינער פון די ערשטע עקאָנאָמיסטן, אַדאַם סמיט, זיינען די סאַמע נוצלעכע זאַכן גאַנץ אָפט אָדער גאָר גאָרניט ניט ווערט, ווי, צום בייש־פּיל, די לופט, אָדער זיי האָבן גאָר אַ קליינעם ווערט, ווי, צ. ב. וואַסער. פאַרקערט, ווייניק נוצלעכע זאַכן קאָסטן גאַנץ אָפט זייער טייער (צ. ב. קאָסטבאַרע שטיינער), און דאָס, וועלן מיר צוגעבן, איז זייער גוט. וואָלט אַזוי ניט געווען, וואָלט די מענטשלעכע געזעלשאַפט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. אינדערעמעסן, ווען די פּראָדוקטן וואָלטן קאָסטן אַלץ טייערער, וואָס נוצלעכער זיי זיינען, וואָלטן, אַשטייגער, ברויט און וואַסער קאָסטן אַזויפיל, וויפיל סע קאָסטן איצט דימענטן, און דימענטן, בריליאַנטן א. א. וו. וואָלטן קאָסטן אַזויפל, וויפל סע קאָסט איצט ברויט. אין אַזאַ פאַל, וואָלט די גרעסטע צאָל מענטשן פאַר־מאָגט, עפשער, פיל טייערע צירונגען, אָבער זי וואָלט געוויס גיך געשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט.

סע איז אָבער ניט קיין מוז, אַז מער נוצלעכע זאַכן זאָלן זיין ביליקער, ווי מע וואָלט עס געקאָנט מיינען אַפן יעסאָד פון דעם ווערט פון דיזעלביקע דימענטן און וואַסער. אינ־דערעמעסן, וואָלענע מאַטעריע איז אַסאַך בעסער און נוצלעכער, איידער באַוולנע, אָבער זי איז אויך באַדייטנד טייערער. אַ גוטע שטוב איז אי פעסטער, אי נוצלעכער פון אַ האַלב־כאָרעווער כאַלופּקע, אָבער זי איז אויך באַדייטנד טייערער א. א. וו. א. א. וו. בעכיין, זיינען די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן ווערט און נוצלעכקייט זייער פאַרשיידנאַר־טיק, דערפון איז געדרונגען, אַז די לעצטע קאָן ניט זיין די סיבע פון דער ערשטער.

הייסט עס, אַז די סיבע פון ווערט איז די אַרבעט. צי אַנטשפּרעכט די באַהויפּ־טונג, אַז אַרבעט איז דער מאַקער פון ווערט, די פאַקטן פונם ווירק־לאַכן לעבן? אָן שום ספק. אויף צו באַקומען אַ פונט גאָלד גייט אוועק מינימום אין 200.000 מאָל מער אַרבעט, איידער אויף צו באַקומען אַ פונט זאַלץ, און גאָלד קאָסט דעריבער ניט אין אַן ערך טייערער פון זאַלץ.

די לופט קאָסט גאָרניט, ווייל צו קריגן זי ווערט ניט פאַרטאָן קיין שום אַרבעט. ווען אָבער מע גרייט צו פאַר די כאַלאַציעס אין די אַפּטייקן זויערשטאָף־קישעלאַך (זויער־שטאָף איז יענער באַשטאַנדטייל פון דער לופט, וואָס אַדאַנק אים אָטעמען מיר), האָבן זיי שוין אַ ווערט. וואַסער אין טייך אָדער שטראָם קאָסט גאָרניט, נאָר וואַסער, געבראַכט אַהיים, האָט שוין אַ געוויסע ווערט, ווייל אויף ברענגען עס צופירן ווערט אויסגעגעבן אַ געוויסע אַרבעט. קאָלזמאַן די באַאַרבעטונג פון אייזן האָט געקאָסט זייער פיל מי, איז דער ווערט זיינער געווען זייער הויך, און די באַנוצעווונג פון אַ רייטער אין דער אַנטישער וועלט האָט געקאָסט טייערער פאַר הונדערט אַקן. ווען מע האָט זיך אָבער אויסגעלערנט ניט אין אַן ערך בעסער באַאַרבעטן אייזן, איז זיין מעקאַך געפאַלן ביז עטלעכע קאָפּיקעס אַ פונט, ניט געקוקט דערויף, וואָס זיין אייכעס איז אַסאַך בעסער געוואָרן.

פריער, ווען צו קריגן אַלומיניום האָט געקאָסט אַ קאָלאָסאַלער סכום אַרבעט, האָט ער באַטראָפן טייערער פון גאָלד. שפּעטער אָבער, אין דער מאָס וואָס פּראָדוצירן אייזן

איינסל זיינע האט אָפּגענומען אַלץ ווייניקער ארבעט, איז זיין ווערט געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז וואַנען זי האט, סאָפּקאָלסאָף, דערגרייכט צום מאַצעוו פון פאר דער מילכאָמע.

דאָסזעלביקע באַווייזט אויך די געשיכטע פונם בוך. קאַלזמאַן מע פלעגט איבערשרייבן די ביכער און דערצו נאָך אַף פאַפּירוס, וואס אַף צו פּראָדוצירן אים האָט זיך געפאָדערט פיל ארבעט, האבן זיי געקאָסט אַזוי טייער, אַז מע פלעגט זיי גאַנץ אָפט צושמידן אַף א קייט צו דער וואַנט, קעדיי עמעצער זאָל זיי ניט צוגאַנוועגען. גאַנץ אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט אויך די געשיכטע פון געוועב. מיט אייניקע יאָרהונדערטער צוריק, ווען ציק פלעגט מען נאָך אויסאַרבעטן מיט דער האַנט, פלעגט דאָס פּראָדוצירן אַן אַרשין פונם דאָזיקן דינעם געוועב אָפּנעמען אַזאַ טכום אַרבעט, אז אין ציצענע קליידער פלעגט אומגיין נאָר איין פערזאָן אין דער וועלט: די איינגלישע קיניגן. איצט אָבער (פאר דער מילכאָמע) ווילן אים ניט טראָגן אַפילע די טעכטער פון די אָרימע פויערים.

די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט וואַקסט איצט און וואַקסט, און אַף פּראָדוצירן אַן איינסל פון אַ וועלכן ניט איז פּראָדוקט פון דער אינדוסטרי גייט אַוועק אַלץ ווייניקער און ווייניקער צייט. אַלס רעזולטאַט דערפון, פאלט די ווערט פון פּראָדוקטן קימאַט פון אַלע אינדוסטרי-צווייגן. אַזעלכע פאַקטן, וואָס באַשטעטיקן די טעאָריע פון אַרבעטווערט, זיינען דאָ זייער פיל, און יעדערער קאָן זיך אליין אַסאַך אזוינס דערמאָנען אין דער פּראַקטיק פונם טאָגטעגלאכן לעבן.

אַסאַך שווערער איז צו דערווייזן אַ פאַרקערטן ביישפּיל, ווען אַף פּראָדוצירן אַ באַזונדער עקזעמפּליאַר סכוירע זאָל זיך אָנהויבן פאָדערן מער צייט און זי זאָל מאַכמעס דעם ווערן טייערער. דאָך זיינען דאָ ניט ווייניק אויך אַזעלכע פאַלן, וואָס באַשטעטיקן די טעאָריע פון אַרבעטווערט. אָט איז איינער פון זיי. ווען מע האָט צום ערשטן מאָל אַנטדעקט פּלאַטינע (אין קאָלומביע, אין 1735 יאָר), האָט מען אויסגעקליבן נאָר יענע שטיקלאַך, וועלכע האָבן זיך אַליין געוואָרפן אין די אויגן. הייסט עס, אַז אין יעדער איינסל אירער איז געווען פארקערפּערט ווייניק ארבעט, און די ווערט אירע איז דאַן געווען זייער נידעריק. מאַכמעס דעם, וואָס פּלאַטינע איז אויסערלאַך ענלאַך צו זילבער, האָט מען זי פאַרקויפט אַנשטאָט זילבער, און קעדיי ניט צו דערלאָזן דידאָזיקע פאַלסיפיקאַציע, האָט מען זי ארייַנגעוואָרפן אין יאַם אריין. איצט אבער, ווען סע קומט אויס צו באַאַרבעטן זייער אָרימע מינען-גרובן פון פּלאַטינע, ווען אַף קריגן אַ אונציע פּלאַטינע פאָדערט זיך 100 מיט עפּעס מאל מער ארבעט, איידער צו קריגן אַ אונציע זילבער, איז זי בעערעך אַזוי פיל מאָל טייערער פון זילבער.

מע קאָן ברייַנגען אויך ווייניקער „עקזאטישע" (אויסערגעוויינלאכע) ביישפּילן, וואָס ווייזן, ווי אונטערן איינפלוס פון דעם פאַרגרעסערונג פונם סכום ארבעט, וואס ווערט געפאָדערט אַף צו פּראָדוצירן אַן איינסל סכוירע, וואַקסט אויך די ווערט פון דער סכוירע. ניט זעלטן טרעפט, אַז אונטערן איינפלוס פונם וואַקסנדיקן נאַכפרעג אַף ברויט אדער אַף מינעריַיען גייט מען אריבער צו באַאַרבעטן ערדן ווייניקער פרוכפּעריקע אָדער ווייניקער רייַכע מיט מינערייַען. אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ איבערגאַנג, פאָדערט, פאַרשטייט זיך, די פּראָדוקציע פאַר א פוד ברויט (אָדער דאס ארויסבאַקומען אַ פוד מינעריַיען) מער ארבעט, און די ווערט פון די לעצטע וואַקסט.

אָט איז נאָך א ביישפּיל פונם זעלביקן מין.

ווען כאַיעס זיינען געווען אַסאַך, האָט רויכווארג געקאָסט ביליק; ווען זייער צאָל איז פארקלענערט געוואָרן, און אַף צו געפינען אַ באַזונדער עקזעמפּליאַר (שטיק) מוז אוועקגיין אַסאַך מער צייט, האט זיך די פּרייז פון רויכווארג שטאַרק אופגעהויבן.

ד) די סאָציאַליסטישע (געזעלשאַפטלאַכע) מעקוירים פונם געזעץ וועגן אַרבעטווערט.

לאָמיר זיך איצט אפשטעלן אַף דער סאַמע וויכטיקער, סאַמע גרינדלאַכער סיבע, פאַרוואָס ארבעט איז די מוטער פון ווערט (בייט-). ס'איז קלאָר, אַז די בייטווערט קאָן זיך ארויסווייזן נאָר אין די פאלן פון אומבייט. אומבייט אבער, אַלס אָפטע, אַלס שטענדיקע דערשיינונג, קאָן געמאָלט זיין נאָר אין אַ געזעלשאַפט. ראָבינזאָן האָט, מאַשמאָעס, ניט געהאַט ניט קיין גרונט, ניט קיין מעגלאַכקייט צו בייטן זיך מיט זיך אַליין. דאָס איז נאָך ווייניק. אַלס אן אָפטע, אַלס אַ טיפישע דערשיינונג, איז דער אומבייט ניט אין יעדער געזעלשאַפט, נאָר אין אַזא געזעלשאַפט, וואָס צווישן אירע מיטגלידער איז שטאַרק אַנטוויקלט די אַרבעט-צעטיילונג, ווו איינער פראָדוצירט איין זאַך, דער צווייטער — אַ צווייטע; אן אומבייט פון לאכלוטן אַלציינע קעגנשטאַנדן קאָן האָבן נאָר אַ באדייטונג פון אַ מינהעג (צ. ב. מיט רינגען בא דער כופע), אבער בעשום אויפן ניט קיין עקאָנאָמישע באַדייטונג.

אַזוי אַרום קומט אויס, אַז נאָר אַדאַנק דער אַרבעט-צעטיילונג פאַרייניקן זיך מענטשן, זיי פאַרבינדן זיך דורך מאַטעריעלע אינטערעסן אין איין גרויסע עקאָנאָמישע גאַנצע, אין איין גוואלטיקע געמיינשאפט, אין אַ געזעלשאַפט, וואס באזירט זיך אפן אומבייט.

און נאר דאַן, ווען דער אומבייט ווערט אַ שטענדיקע דערשיינונג, אַן אַלגעמיינער קלאַל, — נאָר דאַן ווערט אומבאַדינגט נויטיק ריכטיק אָפצושאַצן די סכוירע-ווערט, נויטיק סיי פאר דער גאַנצער געזעלשאַפט, סיי פאר די פערזאָנען, וועלכע פירן די ווירטשאַפט. ס'איז דאָך קלאָר, אז א ווירטשאַפט, וואָס פראָדוצירט פאַרן אומבייט, און וועלכע באַקומט אין אַ מעשעך פון אַ לאַנגער צייט אַ קלענערע ווערט, איידער זי גיט אליין, מוז אומפאַרמיידלאַך רואינירט ווערן אָדער זי דאַרף אופהערן אויסאַרבעטן דעם פראָדוקט, וואָס סע לוינט איר ניט. די געזעלשאַפט אבער וועט אין ביידע פאַלן בלייבן אָן די נויטיקע פראָדוקטן.

אלזא, ווערט (בייט-) איז אַ קאטעגאָריע (באגריף) ניט פון פערזענלאַכן (אינדיווידועלן), נאָר פון געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער; און העיויס ווי די געזעלשאַפט, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, פארבינדט זיך אין איין גאנצעס דורך אַרבעט-צעטיילונג, איז דער סכום אַרבעט דעריבער דאָס, וואָס באַשטימט די הייך פון דער ווערט. און ווייל די ווערט האָט אַ געזעלשאַפטלאכן כאַראַקטער, דעריבער הייגגט אָפּ איר גרייס ניט פונם סכום ארבעט, וואָס דער אָדער יענער איינצלנער מענטש האָט פארווענדעט אף צו פראָדוצירן די געגעבענע סכוירע, נאָר פונם סכום געזעלשאַפטלאַך-נויטיקער ארבעט, וואָס סע פאָדערט זיך אַף צו פראָדוצירן די געגעבענע סכוירע. ד. ה. אויב, צוםביישפיל, באַם ניט געניטן און שלאַבעריקן מייסטער גייט אוועק אַף אויסארבעטן אַ שלאס פיר שאָ, און בא זייער אַ געניטן און געשיקטן — נאָר צוויי שאָ, דורכשניטלאַך אָבער גייט אוועק אף פראָדוצירן דעמדאָזיקן שלאָס אין דער געגעבענער געזעלשאפט דריי שאָ, וועט דאָס לעצטע זיין יענע געזעלשאַפטלאַך-נויטיקע ארבעט-צייט, „וואס איז נויטיק אַף צוצוגרייטן עפעס אַ געברויך-ווערט באַ די פאַראַנענע געזעלשאַפטלאַך-נאָרמאַלע באַדינגונגען פון דער פראָדוקציע און באַם מיטלמעסיקן אין דער געגעבענער געזעלשאַפט מאצעוו פון געניטקייט און אינטענסיווקייט פון דער ארבעט". (ק. מאַרקס, קאַפיטאַל, 1 ב.).

ווער סע האט ניט טויפעס געוועז דעמדאָזיקן געזעלשאפטלאַכן כאַראַקטער פון דער ארבעט, וואָס ברייגגט ארויס די ווערט, יענער פאַרשטייט גאָרנישט אין דער טעאָריע פון ארבעטווערט, אין איר מאָדערנער (מארקסיסטישער) פאָרם. צום שלוס וועלן מיר באמערקן אָט וואָס. סע איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אז די ווערט פון אַ זאך ווערט באשטימט ניט

בלויז דורך יענעם סכום ארבעט, וואס ווערט פארוועגדט אף צו פראָדוצירן זי אין דער ענדגילטיקער סטאַדיע (אַף דער לעצטער שטופע) אין דער פאבריק אדער אין ווארשטאַט. אהער דארף מען צוגעבן אויך יענעם סכום ארבעט, וואס איז פארוועגדט געוואָרן אף ארויסצובאקומען דעם רויען מאטעריאל, און אויך אַ געוויסן טייל פון יענעם סכום ארבעט, וואס איז פארוועגדט געווען אַף צו בויען די געביידעס און די מאשינען פון דער פאַבריק, ווייל זיי ווערן אָפגענוצט בעאַיִיס דער ארבעט און זיי פארלירן ביסלאכווייס אַ טייל פון זייער ווערט, אפגעבנדיק עס די פראָדוקטן, וואָס ווערן מיט זייער הילף פראָדוצירט. ס'פאַרשטייט זיך, אז אויך די ווערט פון אַ פּוד ברויט ווערט באשטימט ניט בלויז דורך יענעם סכום ארבעט, וואס דער בעקער האָט פארוועגדט אַף ארויסצובאקן אים, נאר אויך דורך יענעם סכום ארבעט, וואס דער מילנער האט פארוועגדט אַף צו פארוואנדלען דעם אנטשפרעכנדיקן סכום קערנער און מעל, און אויך דעם סכום ארבעט, וואָס דער פויער האָט פארוועגדט אַף לאָזן אויסצווואַקסן דידאָזיקע קערנער, און דורך דער אַרבעט פונם שאַכטער, וועלכער האָט ארויסבאַקומען די קוילן, וועלכע האָבן געגעבן דעם אויוון די געהעריקע טעמפּעראַטור, און דורך דעם געהעריקן טייל ארבעט פונם אויוון-מאַכער, וואָס האָט דעם אויוון געלייגט, און פונם בויער, וואס האט אויסגעבויט די געביידע, אין וועלכער סע געפינט זיך די בעקעריי א. א. וו. א. א. וו. בעקיצער, ווען מיר ריידן וועגן דער ארבעט-ווערט פון אַ סחורה, האבן מיר אין אויג ניט בלויז יענעם סכום ארבעט, וואס מע האט פארוועגדט אף דער ענדגילטיקער סטאַדיע פון דער פראָדוקציע, נאר אויך די געהעריקע טיילן פון יענער געזעלשאַפטלאך-נויטיקער ארבעט, וואָס מע האט אויסגעגעבן אַף אַלע פארגייענדיקע סטאַדיעס פונם פראָדוצירן די געגעבענע סחורה.

2. פרייז און ווערט

וועלכע קראַפט פירט דורך אין לעבן דעם געזעץ פון ארבעט-ווערט, פארוואס ווערט דאס געזעץ פארווירקלאכט אַסאַך פולער איידער די געזעצן, וואָס ווערן ארויסגעגעבן פון דער מעלוכע-מאכט, וועלכע באַזיצט דעם סאמע פארצווייגטן און מעכטיקן צוואנג-אַפּאַראַט?

דידאָזיקע קראַפט איז דער אייגענער אינטערעס פון די קאַפּיטאַליסטן, ווייל אויב די סחורה ווערט פארקויפט נידעריקער פון איר ווערט, לוינט דאס ניט פאר די פאַבריקאַנטן. אין אזאַ פאַל פארקירצן זיי זייער פראָדוקציע. אלס רעזולטאַט דערפון ווערט ווייניקער אָט דער מין סחורה, און איר פרייז הויבט אן צו שטייגן. אַזוי וועט עס געדויערן ביז יענער צייט, ווען די פרייז פון דערדאָזיקער סחורה וועט זיך אופהויבן ביז איר ווערט. ווען אָבער די פרייז פון אַ סחורה ווערט העכער פון איר ווערט, הויבן אָן די קאַפּיטאַליסטן צו באקומען א צו הויכן רעוואַך. זיינען זיך מיסקאַנע אַנדערע קאַפּיטאַליסטן, און זיי לייגן ארײַן זייערע מיטלען אינם דאָזיקן פּראָדוקציע-צווייג, וועלכער ברייִנגט אַזאַ גרויסן רעוואַך. אויסערדעם, איז די אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן פון פריער פונקציאָנירט אין דעמדאָזיקן געביט פון פאָלק-ווירטשאַפט, פאַרגרעסערן זייער פּראָדוקטיוויטעט (זיי דינגען צו נאָך ארבעטער). אַלס רעזולטאַט דערפון, וועט דער סכום פון די געהעריקע סחורעס גרעסער ווערן, און זייער פרייז וועט אָנהויבן פאַלן. דערדאָזיקער צופלוס פון ארבעט און קאַפּיטאַל וועט זיך ציען, ביז וואנען די פרייזן פון דער סחורע וועלן זיך ניט אַראָפּלאָזן ביז איר ווערט.

אַזוי ארום זעען מיר, אַז אויב אין דער פראָדוקציע פונם געגעבענעם פּראָדוקט באשעפטיקן זיך מער ארבעטער-קרעפטן, איידער דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט (די קאַפּיטאַליסטישע), פאַלט די פרייז פון דער געהעריקער סחורע נידעריקער פון איר ווערט, און יענע פּעריאָדן, וועלכע האָבן פון שטאַנדפּונקט פון געזעלשאַפטלאַכער

ווירטשאַפט לאַכלוטן אומזיסט זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן די געגעבענע סכוירע, וועלן פאַרלאָזן אָט די פּראָדוקציע און וועלן איבערטראָגן זייערע קויכעס אין אַן אנדער פּראָדוקציע — אַהין, וואו די פּרייזן פון די סכוירעס שטייען העכער פון זייער ווערט, הייסט עס, אַהין, וואו דידאָזיקע מיטלען זייגען אין געגעבענעם מאָמענט פון שטאַנדפּונקט פון דער פֿאָלק-ווירטשאַפט נויטיקער.

אַזוי ארום איז די קאָנקורענץ, שלאָגנדיק איבערן טאַש פון דער אדער יענעם פּריוואַטן אונטערנעמער, צווינגט אים, — גאָר אומאָפּהענגיק פון זיין ווילן, באַוואוסטזיין און פאַרלאַנג, — אויספילן געזעלשאַפטלאַכע פונקציעס, טאָן דאָס, וואס די געזעלשאַפט דאַרף האָבן, און דערביי אין אזא מאָס, ווי די געזעלשאַפט נויטיקט זיך. דער פּריוואַטער אינטערעס ברייגגט צו דער הערשאַפט פונם געזעלשאַפטלאַכן אינטערעס, די אפּגויגונג פון דער ווערט ברייגגט צו איר הערשאַפט, ד. ה. צו דעם, וואס די פּרייזן ווערן סאָפּקאָלסאָף באַשטימט דורך דער ארבעטווערט, הייגגען פון איר אָפּ.

דאס איז די דיאַלעקטיק פונם לעבן, דעם גרעסטן פון אלע דיאַלעקטיקער (וועגן דיאַלעקטיק זע ווייטער IV אָפּטייל).

ווייטער. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז ניטאָ קיין שום מאַכט, וועלכע זאָל פּלאַנמעסיק פאַרטיילן איר ארבעטקראַפט איבער פאַרשיידענע פּראָדוקציע-געביטן. יעדער באַזונדערע ווירטשאַפט ווערט געפירט פּלאַנמעסיק, אָרגאַניזירט; די געזעלשאַפטלאַכע ווירטשאַפט אינגאַנצן אבער ווערט געפירט ניט פּלאַנמעסיק, ניט אָרגאַניזירט. פונדעסטוועגן עקזיסטירט צווישן אירע פאַרשיידענע טיילן כאָטש ניט קיין אָרגאַניזירטער, דאָך זייער אַן איינגער צוזאַמענבונד: ס'איז קלאָר, צום ביישפּיל, אַז אויב מע וועט באַוול פּראָדוצירן מער, איידער די געגעבענע געזעלשאַפט איז בעקויאָך צו באַאַרבעטן, וועט דער טייל ארבעט, וואס איז פאַרווענדט געוואָרן אָף צו פּראָדוצירן אים, פאַרפאַלן ווערן בעכינאָם; וועון מע וועט אָבער פּראָדוצירן צו ווייניק באַוול, וועט אַ טייל פאַבריקן פונם געגעבענעם לאַנד שטיין אָן שום ארבעט און אָן שום נוצן. און וויבאַלד צווישן אלע ווירטשאַפטן אין דער געגעבענער געזעלשאַפט עקזיסטירט אַן איינגער עקאָנאָמישער און ווירטשאַפטלאַכער צוזאַמענבונד, איז קלאָר, אַז ווען ער — דער צוזאַמענבונד — ווייזט זיך ניט ארויס פּלאַנמעסיק און באַוווסטזיניק, וועט ער פאַרווירקלאַכט ווערן אָן סיידער און סטיכיאיש: דעריקער דורך דער וואקלעניש פון די פּרייזן, דורך דעם, וואס די פּרייזן אנטשפּרעכן ניט דער ארבעט-ווערט פון די סכוירעס, און מאַכמעס דעם וואַנדערן איבער די קאַפּיטאַלן פון איין אינדוסטרי-צווייג אין צווייטן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אזאַ מין ארויסווייזן זיך פונם ווירטשאַפטלאַכן צוזאַמענהאנג אין דער געזעלשאַפט, אזא מעטאָד צו פאַרטיילן אירע ארבעט-קרעפטן רופט זיך זייער שלעכט אָפּ אָף אירע פּראָדוקטיווע קרעפטן און רופט ארויס אַ גוואַלדיקע פאַרשווענדונג פון קויכעס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די געזעלשאַפט וועט פיל געווינען, ווען אנשטאט דעמדאָזיקן סטיכייאישן פּראָצעס וועט קומען דאס באַוואוסטזיניקע רעגולירן דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער געזעלשאַפט. קאָלזמאַן אָבער דאס איז נאָך ניטאָ, איז דער איינציקער רעגוליאַטאָר פון דער געזעלשאַפטלאַכער פּראָדוקציע דאס, וואָס די פּרייזן נויגן זיך אָפּ פון דער ווערט, און דידאָזיקע אָפּגויגונג, הייסט עס, איז דער נויטיקסטער טנאַי פאַר דער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט גופע.

אזוי ארום זעען מיר ווייטער, אַז דער געזעץ פון ארבעטווערט פּייערט סאָפּקאָלסאָף זיין אומפאַרמיידלאַכן ניצאָכן. און ער איז אומפאַרמיידלאָך טאַקע מאַכמעס דעם געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער פון דער ארבעט, וואס בילדעט די ווערט; מיט אנדערע ווערטער, דערפאַר, וואס באַם אפּווייכן פונם געזעץ פון ארבעטווערט איז אומעגלאָך וואסערע ניט איז

רעגולערע רעפּראָדוקציע, ד. ה. די רעפּראָדוקציע פון יענע סכוירעס און אין יענער מאָס (בעערעך), וואָס סע פאָדערן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט; און די אינטערעסן זיינען אַזעלכע וויכטיקע, אַז ווען מע זאָל זיי אַ לאַנגע צייט און סיסטעמאַטיש ניט באַפרידיקן, וואָלט די געזעלשאַפט גופא צעפאַלן ווערן; לעפאָכעס, אַלס אַ בייט-געזעלשאַפט. אַלזאָ, דער פאַקט גופא, וואָס אַזוינס פּאַסירט ניט, וואָס ס'איז ניטאָ דער צוריקקער צו נאַטורעלער ווירטשאַפט, באַווייזט קלאָר, אַז ניט געקוקט אַף די שטענדיקע אָפּווייכונגען פון די סכוירע-פּרייזן פון זייער ווערט (אָדער, ריכטיקער, דאַפקע דערפאַר), ווערן אַלע סכוירעס אין גרויסן און גאַנצן פאַרקויפט דאַפקע לויט זייער אַרבעטווערט.

3. דער פעטישיזם פון סכוירעס

דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון דער אַרבעט, וואָס בילדעט די ווערט, דערקלערט אָפּן בעסטן אויפן איין דערשיינונג, וועלכע איז זייער פאַרשפּרייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און וועלכע מאַרקס האָט זייער שאַרפזיניק אָנגערופן — פעטישיזם פון סכוירעס. ווי ס'איז באַוואוסט, מאַכן די ווילדע מענטשן אַליין אָן געטשקעס (פעטישן) און נאָכדעם הויבן זיי אָן טראַכטן, אַז דידאַזיקע ווערק פון זייערע הענט האָבן די מאַכט איבער די אייגענע שעפער, איבער מענטשן, די מאַכט „אויפצוהויבן מענטשן אָפן שפּיץ פון גליק און אַראָפּשליידערן זיי אין אָפּגרונט פון אומגליק". דאָסזעלביקע האָבן מיר בא סכוירעס. אַז זיי זיינען ווערק פונעם מענטשנס הענט, זעט מען בעכוש. אָבער די העכערונג פון די פּרייזן אַף סכוירעס מאַכט רייך איינע און אָרעם די צווייטע. אַנאַלאָגיש (פּונקט אַזוי), נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ווירקט אויך די נידערונג פון די פּרייזן אַף סכוירעס. און די סכוירע-אייגנטימער הויבט זיך אָן אויסדוכטן, אַז זייער גורל הייַנגט אָפּ פון די סכוירעס, פונעם שטייגן אָדער פאַלן פון זייערע פּרייזן, און אין געדאַנק פון די קאַפּיטאַליסטן באַקומט זיך, אַז די סכוירעס הויבן אָן הערשן איבער די מענטשן, איבער זייערע שעפער. דעריבער האָט מאַרקס אָנגערופן דעמדאָזיקן וועלטפאַרשטיין און וועלט-אופנעם פעטישיזם פון סכוירעס.

ס'איז פאַרשטענדלאַך, אַז ווען מע זאָל זיך אַביסל טיפער אַריינטראַכטן אינעם אויבנגעבראַכטן פאַל, וועלן מיר דערזעען, אַז די ענדערונג פון די פּרייזן הייסט דאָרט ניט אַ *זעלבשטענדיקע* ענדערונג פון די פאַרהעלטענישן צווישן די סכוירעס, נאָר אַן ענדערונג פון די פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן, אַן ענדערונג, וועלכע *שיינט* אונז אַלס אַן ענדערונג פון די פאַרהעלטענישן צווישן די סכוירעס. אינדערעמעסן, וואָס באַטייט עס דאָס פאַלן פון די פּרייזן נידעריקער פון דער ווערט? דאָס באַטייט נאָר, אַז אין דער פּראָדוקציע פון דער געגעבענער סכוירע באַטייליקט זיך אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער, איידער דאָס איז געזעלשאַפטלאַך נויטיק, ד. ה. איידער דאָס איז נויטיק אַף צו דעקן דעם נאָכפרעג פון דער געגעבענער געזעלשאַפט אַף דערדאָזיקער סכוירע.

דאָס שטייגן פון די פּרייזן העכער פון דער ווערט הייסט, מאַשמאָעס, פאַרקערט, ד. ה. אַז אין דער פּראָדוקציע פון אָט דעם מין סכוירע זיינען באַשעפטיקט ווייניק אַרבעטער איידער מע דאַרף אַף צו דעקן דעם צאָל-פייאיקן נאָכפרעג אַף אָט דער סכוירע, און דעריבער האָט מען זי פּראָדוצירט ווייניקער, איידער די געגעבענע געזעלשאַפט פאָדערט, און ווי אַ רעזולטאַט דערפון איז איר פּרייז געשטיגן. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז די ענדערונג פון די פּרייזן אַף סכוירעס אין פאַרגלייך מיט זייער ווערט הייסט די ענדערונג פון די פאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן, וועלכע זיינען באַשעפטיקט אין פאַרשיידענע פּראָדוקציע-צווייגן, און דאָס *שיינט*, ווי די ענדערונג פון די פאַרהעלטענישן צווישן די

סכוירעס. פונקט אַזוי, ווי אײַנדערעמעסן שטייט דאָך די זון (לעגאַבע דער ערד), און די ערד דרייט זיך, און דוכטן דוכט זיך פאַרקערט, אַז די ערד שטייט, און די זון דרייט זיך ארום איר.

אלזאָ, דער פעטישיזם פון סכוירעס באשטייט דערין, וואָס עקאָנאָמישע דערשײַנונגען ווערן דערקלערט ניט אלס קעגנזײַטיקע באַציונגען פון מענטשן, נאר ווי קעגנזײַטיקע באַציונגען פון סכוירעס. דאס איז איין פאַל פון יענעם פארשפרייטן טאָעס, ווען די ארויסווייז-פאָרם פון עפּעס אַ דערשײַנונג ווערט אַנגענומען פאַר איר טאָך.

אויבן האבן מיר געבראַכט איין בוילעטן פריוואַטן פאל פון סכוירע-פעטישיזם, אָבער דער לעצטער האט נאָך פיל אַנדערע אנטפלעקונג-פאָרמען.

יעדער פעטישיזם איז, פאַרשטייט זיך, אַ טיפער און אַ גראָבער טאָעס, און דער סכוירע-פעטישיזם איז אויך ניט קיין יוצא מין הכלל. נאר פונקט אזוי ווי דער רעליגיעזער פעטישיזם האָט אומפארמיידלאַך געמוזט אנטשטיין אַף אַ געוויסער אנטוויקלונג-שטופע פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, אזוי האט אויך דער סכוירע-פעטישיזם אומפאַרמיידלאַך געמוזט אנטשטיין אַף אַ געוויסער אנטוויקלונג-שטופע פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, און נעמלאַך: צווישן די סכוירע-פּראָדוצירער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

אײַנדערעמעסן, די פּאָליטישע עקאָנאָמיע דאַרף אויספאָרשן די געזעלשאַפטלאַך-אַרבעט-פאַרהעלטענישן פון די מענטשן באַם קאַפּיטאַליזם. אָבער די מענטשן, אַלס ווערטשאַפנדיקע סוביעקטן (פערזאָנען), זײַנען, מאַשמאָעס, באַ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט לאַכלוטן אָפּגעטײלט אײנער פונעם צווייטן, „אַטאָמיזירט", זיי זײַנען פּאָשעט „מענטשן-שטויב". קיין שום ווירטשאַפט רעדט זיך ניט צונויף מיט דער צווייטער, וויפל און וועלכע סכוירע זי דאַרף פּראָדוצירן. יעדערע פון זיי אַרבעט אַף איר אייגענער אַכראַיעס, אין פלוג זײַנען זיי פאַרבונדן צווישן זיך נאָר דורך די באַציונגען פון קויפן און פאַרקויפן סכוירעס.

אײַנדערעמעסן, דער גאַרן גייט איבער (אין פלוג) צום אייגנטימער פון דער וועבעריי ניט דערפאַר, וואָס די געזעלשאַפט נויטיקט זיך אין קליידונג, נאָר מער ניט דערפאַר, וואָס ער האָט געקויפט דידאָזיקע סכוירע באַם אייגנטימער פון דער שפּינערײַ. די באַציונגען צווישן די מענטשן באַ דער אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע מוזן זיך אים דערייבער אויסווייזן, ווי די באַציונגען צווישן די סכוירעס, ווייל דער צוזאַמענבונד צווישן די מענטשן ווייזט זיך ארויס נאָר אַף אזא אופן.

ווען אַ מענטש פאַרקויפט די סכוירעס, וואָס ער פּראָדוצירט, און קויפט אנדערע סכוירעס, וועלכע ער דאַרף, — מוז זיך אים אויסדוכטן, אַז דער גאַנצער איקער ליגט נאָר אין די קעגנזײַטיקע באַציונגען פון די סכוירע-פרייזן, אַז פון זיי און נאָר פון זיי היינגט אָפּ זײַן גאַנצער וואוילשטאַנד, ווי דעם ווילדן מענטשן מוז זיך דוכטן, אַז זײַן ערפאָלג אָדער אומערפאָלג אַפּן געיעג היינגט אָפּ אויסשליסלאַך פון זײַן פעטיש, וואָס ער האָט זיך אליין געמאַכט.

אָבער אַ גאַנץ פאַרשטענדלאַכער טאָעס הערט ניט אויף צו זײַן אַ טאָעס, הערט ניט אויף צו באַווייזן, אַז מענטשן קאָנען זיך שלעכט אָריענטירן אין דער ווירקלאַכקייט, אין גע-געבענעם פאַל, — באַמערקן, אַז הינטער די פאַרהעלטענישן פון זאַכן שטייט די פאַרהעלטעניש צווישן מענטשן, וואָס באַשטימט די ערשטע, און אז אויב, צ. ב., די אייגנטימער פון דער וועבעריי וועלן אנקויפן מער גאַרן, איידער זיי וועלן עס קאָנען פאַרקויפן איבערגעאַרבעטערהייד, אין דער געשטאַלט פון געוועב, ד. ה. אויב זיי וועלן פּראָדוצירן געוועב מער, איידער די געזעלשאַפט פאָדערט, וועלן זיי באַצאָלן מיט זייער האָב און גוטס.

4. רעדוקציע

ווען מיר וועלן זיך טיפער אריינטראכטן, וועלן מיר דערזעען, אַז פונם געזעלשאַפטלאכן כאראקטער פון דער ארבעט, וואָס בילדעט די ווערט, מוז ארויסדרינגען, אז די ווערט פון אַ סכוירע ווערט אויסגעבילדעט ניט בלויז דורך יענער ארבעט, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן אַף צו פּראָדוצירן זי אַף אלע סטאַדיעס פון דער פּראָדוקציע, נאָר אויך דורך דער ארבעט פון די פּערזאָנען, וועלכע האָבן, עמעס, קיין אנטייל ניט גענומען אינם שאפן די געגעבענע סכוירע, אָבער זייער ארבעט איז פונדעסטוועגן ניט ווייניקער נויטיק, קעדיי די-דאָזיקע סכוירע זאָל זיך באווייזן אַפן מארק. לאָמיר נעמען אלס ביישפּיל אַ דימענט. אויפהויבן אים קאָסט קיין גרויסע מי ניט, און פונדעסטוועגן באַזיצט דער דימענט אַ גרויסע ווערט, ווייל כוץ יענעם קליינעם סכום ארבעט, וואָס מע האָט געדארפט פאַרטון אַף אויפצוהויבן אים, האָט מען אַף צו באקומען דעם דימענט געמוזט פאַטערן אַ קאָלאָסאַלן סכום צייט, אַף אומפּרוכפּעריקע זוכענישן,—סיי די פּערזאָן, וועלכע האָט אים געפונען, סיי די מאסע אנדערע מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעבראכט אומזיסטע צייט אַף צו זוכן אים. דערביי קומט אויס, אַז ווען דער דימענט איז טאָפּלט גרעסער, קאָסט ער, לאָמיר זאָגן, דריימאָל טייערער, ווען ער איז אין דריימאָל גרעסער, קאָסט ער זיבן מאָל טייערער א. א. וו, דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס גרעסערע דימענטן פאָדערן אַסאַך מער ארבעט מיצאַד דער געזעלשאפט אַף צו געפינען זיי, איידער די קלענערע; סע פאָדערט זיך אַ גרעסערער, פּערזענלאך אומפּרוכפּעריקער אָנווער פון קויכעס מיצאַד פילע און פילע מיטגלידער אַף אָפּצוזוכן אַזעלכע דימענטן, אַן אָנווער, וואָס ווערט בלויז קאָמפּענסירט אין אַ געוויסער מאָס דורך די קלענערע דערגרייכונגען.

אין עצעם באמערקן מיר דאָסזעלביקע אויך אין פילע אַנדערע געביטן פונם ווירטשאַפטלאכן לעבן. אינדערעמעסן, קעדיי צו באקומען, צ. ב., אַ געוויסן סכום גארן, איז נויטיק געווען איבערצוארבעטן, לאָמיר זאָגן, 20 פונט באַוול. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז אינם גארן גופע איז אריין נאָר 19 פונט, און אַ פונט איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַף צעשטויבונג, קאסטרע, אָפּפאַל א. א. וו. אויב לויטן צושטאַנד פון דער טעכניק איז דאס אומבאַדינגט נויטיק, וועט דער שפּינער אריבערטראָגן אין זיין גאַרן די ווערט ניט פון 19, נאָר פון די גאַנצע 20 פונט באוול.

אַזוי ארום זעען מיר, אַז די ארבעט, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, נאטעריעל פאַרפאַלן געוואָרן אומפּרוכפּעריק (לעמאָשל, די ארבעט, וואָס איז פאַרטון געוואָרן אַף לאָזן אויסוואקסן דעם באוול, אַף צעשטויבונג), ווערט עקאָנאָמיש אומזיסט ניט פאַרפאלן, און די געשאַפענע ווערט טראָגט זי אריבער אַף יענעם פּראָדוקט, וואָס בא זיין פּראָדוצירן האָט זי געמוזט פארפאלן ווערן, ניט געבנדיק קיין דירעקטן מאטעריעלן רעזולטאַט.

אַרויסגייענדיק פון דערדאָזיקער האנאָכע, וועלן לייכט קאָנען דערקלערט ווערן פילע דערשיינונגען, וועלכע זיינען קלאָמעשט סויסער די טעאָריע פון ארבעטווערט. לאָמיר נעמען, לעמאָשל, וויין, — נאָך דעם, ווי מע האָט אים אַוועקגעשטעלט אין קעלער אריין, איז ער שוין קימאַט ניט קיין אָביעקט פון נייער צוגאָב-אַרבעט, זיין ווערט אָבער וואקסט אומאויפהערלאך און גאַנץ שנעל פון יאָר צו יאָר. אָט דער פאַקט, מיינען די קעגנער פון דער טעאָריע פון ארבעטווערט, דארף איינגאנצן אומווארפן דידאָזיקע טעאָריע.

לאָמיר זיך דערמאָנען, אז פונם וויין, וואָס מע האָט אַוועקגעשטעלט אַף א לאַנגער צייט, וועט אַ גרויסער טייל קאַליע ווערן, א טייל וועט זיך אויסגיסן (מאכמעס דעם, וואָס דאָס פעסל ווערט קאַליע). פון עטלאכע פעסלאַך, וואָס מע האָט אַוועקגעשטעלט, וועלן עפּשער איינס אָדער צוויי אויסגעצייטיקט ווערן, די איבעריקע וועלן פארלאָרן גיין. בא

איצטיקן דורכשניטלאכן צושטאַנד פון דער טעכניק איז דאָס אומפּאַרמיידלאַך, געזעל־שאַפטלאַך־נויטיק. און העיויס ווי די ווערט ווערט באַשטימט ניט דורך דער אינדיווידועל־אַנגעוואָרענער, נאָר דורך דער געזעלשאַפטלאַך־נויטיקער צייט, איז קלאָר, אַז דער גליק־לאַכער עקזעמפּליאַר, וועלכער האָט דערגרייכט די נויטיקע צייטיקייט, האלט איין אין זיין ווערט אויך יענע אַרבעט, וואָס איז פאַרטון געוואָרן אַף צו פּראָדוצירן די איבעריקע, ווייניקער גליקלאַכע עקזעמפּליאַרן פון ;ערדאָזיקער סכוירע. דאָס איז ניט די איינציקע, אָבער די וויכטיקסטע סיבע, פאַרוואָס סע וואַקסט אויס די ווערט פונם אַלטן וויין. אַ געוויסע, ניט קיין גרויסע באַדייטונג האָט דאָ אויך יענער צוגאָב־סכום פון אַרבעט, וואָס איז אַוועק אַף אָפּצוהיטן דעם וויין אין מעשעך פון אַ לייגגערער צייט, און דער גרעסטער טייל פון דעם, וואָס סע קאָסט די געביידע א. א. וו.—דאָס אַלץ ווערט אַריבערגעטראָגן אַפן וויין פאַר דער לייגגערער צייט, וואָס ער געפינט זיך אין קעלער. לאָמיר דאָ באַמערקן, אַז — ווי מיר וועלן עס שפּעטער דערוויזן, — די פּרייז פון אַלטן וויין וואַקסט נאָך העכער, איידער זיין ווערט. פונם אַלטן וויין וועלן מיר אַריבערגיין צו אַן אַנדערע, נאָך אָפּטערע טאַינע קעגן דער דער טעאָריע פון אַרבעטווערט. קעגן איר שטעלט מען שטענדיק אַרויס די טיינע, וואָס אַלטע מאַטבייעס קאָסטן אַסאַך טייערער, איידער דאָס אַנטשפּרעכט זייער מעטאַלישן אינהאַלט, אַלטע געשיר א. א. וו. קאָסט אויך אַסאַך טייערער, איידער דאָס אַנטשפּרעכט דער אַרבעט, וואָס איז אַנגעווענדט געוואָרן אַף צו פּראָדוצירן זי. די, וואָס ברייגגען דידאָזיקע טיינע, פאַרגעסן, אַז כוץ דער אַרבעט, וואָס מע האָט אַמאָל אויסגעגעבן אַף צו פּראָדוצירן דידאָזיקע אַלטערטימלאַכע זאַכן, איז נאָך אין זיי פאַרקערפּערט זייער פיל אַרבעט, וואָס מע האָט אויסגעבראַכט אַף צו געפינען זיי: די אויסגראָבונגען פאָדערן דאָך אַ גרויסע אַרבעט, סיי ניט קוואַליפיצירטע (מיצאַד די ערדגרעבער), סיי קוואַליפיצירטע (מיצאַד די געלערנטע). און ניט יעדע אויסגראָבונג גיט געגוג רייכע רעזולטאַטן. יעדער עקזעמפּליאַר, וואָס מע האָט געפונען בא אַ געלונגענער אויסגראָבונג (מאַטבייעס, געווער, געשיר א. א. וו.), פאַרקערפּערט ניט בלויז די אַרבעט, וואָס מע האָט פאַרווענדט אַף דערדאָזיקער אויסגראָבונג, נאָר אויך אַ געוויסן, אָפטמאָל זייער אַ באַדייטנדיקן טייל פון אַרבעט, וואָס איז פאַרווענדט געוואָרן בא אויסגראָבונגען, וואָס האָבן קיין רעזולטאַטן ניט געגעבן אָדער וואָס האָבן געגעבן קליינע רעזולטאַטן.

סע טרעפט זיך, אַז מע געפינט אַמאָל לייכט אַ וועלכן ס'איז דיינקמאָל פון קונסט, אַ זעלטענע מאַטבייע, אָבער דאָס בייט ניט זייער אַלגעמיינע הויכע ווערט. אלס קלאל פאָדערט דאָס אַרויסבאַקומען און אָפּהיטן דידאָזיקע סכוירעס זייער אַ גרויסן סכום געזעלשאַפטלאַך־נויטיקע אַרבעט.

דיזעלביקע סיבע איז איינע פון די הויפּט־יעסוידעס, פאַרוואָס קוואַליפיצירטע אַרבעט (די אַרבעט פון אַ געלערנטן אָדער טאַלאַנטפולן אַרבעטער) פּראָדוצירט פאַר איין און דערזעלביקער צייט אַ גרעסערע ווערט, איידער די אַרבעט פון ניט אַ קוואַליפיצירטן אַרבעטער אָדער, ווי די עקאָנאָמיסטן וואָלטן געזאָגט, פאַרוואָס די אַרבעט פון אַ קוואַליפיצירטן אַרבעטער (אַף וויפל דאָס איז שאַיעך צו דער אויסבילדונג פון ווערט) איז גלייך צו דער געקייפלטער אַרבעט פון אַן איינפאַכן אַרבעטער.

קיינער וועט ניט נעמען זיך שפּאַרן, אַז, צ. ב. אויסמאָלן אַ גוט בילד איז זייער שווער. מיט אַנדערע ווערטער, אַף צו שאַפן זי מוז מען פאַרטאָן אַ מאַסע אַרבעט. ס'איז אָבער קלאָר, אַז דאָס לעצטע איז שאַיעך ניט צו דער אַרבעט פונם קינסטלער גופע. בעשאַס די באַגייסטערונג איז אַף אים אַנגעקומען, האָט ער זי געקאָנט שאַפן זייער שנעל. פאַרוואָס־זשע האַלט מען, אַז שאַפן אַזאַ מין ווערק איז שווער? דערפאַר וואָס פילע האָבן זיך געפּרוווט דאָס טון, און ס'איז דערפון גאָרנישט ניט אַרויס, זיי האָבן נאָר

אומזיסט געפּאַטערט צייט (אַרבעט), די צייט (אַרבעט), וואָס די אייניקע מיטגלידער האָבן געפּאַטערט, גיט צו אַ הויכע ווערט יענע ווערק, וואָס איז געלונגען די אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. ווען קיינער זאָל ניט פּאַטערן קיין צייט (קיין ארבעט) אַף אומזיס-טיקע פּרוּוון, ווען יעדערער, ווער סע וויל, וואָלט געקאָנט אויסמאָלן אַ בילד, וואָלטן, מיסטאָמע, רובענס און ראַפּאַעלס בילדער ניט געקאָסט אַזוי טייער ווי איצט.

אַף איינעם צו דערהויבן,
רייסט טויזנט שוואַכע אַרויס דער קאַמף.

און דערדאָזיקער אונטערגאַנג פון די טויזנטער „שוואַכע" באַשאַפט דאָ די הויכע ווערט פאַרן ווערק פונם זיגער, פונם טריומפאַטאָר.

אין אַלע אויבן אויסגערעכנטע פאַלן קומט פאָר דיזעלביקע זאַך, וואָס אין אַ ריכטיקער לאָטעריי; יענער, וועמען סע פאַלט אויס דאָס געווינס, באַקומט אַלץ, וואָס סע ווערט פאַרלאָרן אַף די פאַרשפּילטע בילעטן. פונם ביישפּיל מיט דער לאָטעריי זעט מען קלאָר, אַז די מאַזלדיקע זיינען ניט אַלעמאָל די ווירדיקע. דאָס איז ריכטיק, עמעס, ניט אין אַזאַ פולער מאָס בענויגייע צו די מאַזלדיקע אין אַנדערע פאַלן און אַף אַנדערע געביטן. אינם לעבנס-יאַם, ווי ביכלאַל אין יאַם, זינקט גאָלד אַראָפּ אַפן גרונט, און גרינגוואָגיקע זאַכן שווימען אַרוף אויבן. אָבער צו זיינען די מאַזלדיקע ווירדיק אָדער ניט ווירדיק — דאָס ענדערט ניט יענעם פאַקט, אַז זיי זיינען קליין אין צאָל, און שלימאַזלדיקע זיינען דאָ זייער פיל. דאָס ענדערט ניט דעם עקאָנאָמישן מעהוס פון יענעם פּראָצעס, וועלכער גיט אַזאַ הויכע ווערט די ווערק פון די אויסדערוויילטע, די מאַזלדיקע.

סע איז דאָ נאָך איין אומשטאַנד, וואָס העלפט שטאַרק מיט, אַז די קוואַליפיצירטע אַרבעט זאָל שאַפן אַ גרעסערע ווערט, איידער דערזעלביקער סכום ניט קוואַליפיצירטע אַרבעט. דאָס איז די ארבעט פון לערער א. א. וו., וואָס איז פאַרוועגדט געוואָרן אַף אויס-לערנען די זאַך. ווען צווישן די טאַלמידים וואָלטן ניט געווען קיין פעריזאָנען, וועלכע האָבן ניט דערגרייכט צו דער נויטיקער מייסטערשאַפט, וואָלט דידאָזיקע אַרבעט פון די לערער, אַ פאַרטיילטע אַף אַ גרויסער מאַסע, אויסגעמאַכט נאָר אַן אומבאַדייטנדיקע גרויס אַף יעדן טאַלמיד, וואָס האָט דערגרייכט צו אַ גענוגע שלימעס. אָבער העויוס ווי אַזוינס גיט ניט, ווערט זיך דעם לערערס ארבעט, וואָס איז פאַרוועגדט געוואָרן אַף פילע טאַלמידים, פאַר-קערפערן אין דער ווערט פונם פּראָדוקט פון יענעם טאַלמיד, וואָס האָט דערגרייכט צו דער נויטיקער שטופע פון שלימעס. דאָסזעלביקע איז שאַיעך אויך צו דער ווערט פון מאַטע-ריאַלן, אינסטרומענטן א. א. וו., וועלכע זיינען קאַליע געוואָרן בעשאַסן לערנען.

דאָס צופירן די קוואַליפיצירטע אַרבעט צו איינפאַכער אַרבעט, אַף וויפל דאָס איז נויגייע צום שאַפן ווערט, הייסט רעדוקציע (צופירן).

אונז שטעלט זיך פאַר, אַז אין איר יעסאָד דאַרף ליגן דאָס, פון וואָס מיר האָבן אויבן גע-שריבן, אַז די ארבעט, וואָס די ניטגעראָטענע טאַלמידים האָבן פאַרוועגדט, און די ארבעט, וואָס די לערער האָבן אַף זיי פאַרוועגדט, אַף וויפל דער פּראָצענט פון די ניטגעראָטענע שטייגט ניט אריבער די דורכשניטלאַכע מאָס פאַר דער געגעבענער געזעלשאַפט, ווערט ניט פאַרפאַלן לאַכלוטן אומזיסט; זי ווערט פאַרקערפּערט אין די פּראָדוקטן פון די געראָ-טענע פעריזאָנען, העכערנדיק אַזוי אַרום די ווערט פון די סכוירעס, וואָס זיי האָבן פּראָדוצירט.

דעריבער רופן מיר אָן רעדוקציע לויט דער אַנאַלאָגיע אַלע יענע פאַלן, ווען מיר נעמען אין אכט, אַז די ווערט פון געוויסע סכוירעס ווערט באַשטימט ניט בלויז דורך יענעם סכום געזעלשאַפטלאַך-נויטיקער אַרבעט, וואָס איז פאַרוועגדט געוואָרן אַף זייער פּראָדוצירן, נאָר אויך דורך יענעם סכום געזעלשאַפטלאַך-נויטיקער אַרבעט, וואָס האָט געמוזט פאַרפאַלן ווערן, ביט שאַפנדיק קיין שום אַנטשפּרעכנדיקן פּראָדוקט.

מיר באַשטייען בעשום אויפן ניט אַף דער געלונגענקייט פונם טערמין „רעדוקציע״ אין אָנווענד צו דידאַזיקע אַלע פאַלן, אָבער מיר שטרייכן אונטער די וויכטיקייט און נויטיקייט פונם באַגריף, וואָס ווערט דאָ דורכן דאָזיקן טערמין באַצייכנט, און פון דעמדאָזיקן מעטאָד פון דערקלערונג. מיר שטרייכן דאָס אונטער ניט בלויז דערפאַר, וואָס מיט זיין הילף, און נאָר מיט זיין הילף, קאָן דערקלערט ווערן א גאַנצע ריי דערשיינונגען (די הויכע ווערט פון א דימענט, פון גאָלד-מינעריעיען, פון אַלטן וויין, פון אנטישן געשיר, פון אַלטע מאָטבייעס, פון די ווערק פון גרויסע קינסטלער און סקולפּטאָרן און ביכלאַל די העכערע ווערט, וואָס ווערט געשאַפן דורך אַן איינסל פון קוואַליפיצירטער אַרבעט א. א. וו., א. א. וו.), נאָר אויך דערפאַר, וואָס דאָ ווייזט זיך ארויס באַזונדערס קלאָר און בולעט, אַז ניט די אינדיווידועלע ארבעט שאַפט די ווערט, נאָר די געזעלשאַפטלאַך-נויטיקע אַרבעט. צום שלוס וועלן מיר אַגעוו באַמערקן, אַז די גרעסטע מערהייט פון די טיינעס, וואָס מע שטעלט ארויס קעגן דער טעאָריע פון אַרבעט-ווערט, נעמט זיך פונם ניט פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון ארבעט, וואָס בילדעט די ווערט, פון דעם, וואָס מע האָט זיך ניט קלאָר געמאַכט איר געזעלשאַפטלאַכע טעווע, ווי זי ווערט געמאָלט אין דער נייסטער (מאַרקסיסטישער) אינטערפּרעטאַציע (אויסטייטשונג) פון דערדאָזיקער טעאָריע.

אָפּלייקענען מיט דער הילף פון דידאָזיקע טיינעס די מאָדערנע ווערט-טעאָריע, איז אַלציינס ווי, לעמאָשל, אָפּלייקענען די ערודיציע (די בקיעס) פונם גרעסטן געלערנטן אין דער וועלט אַף דעם סמאַך, וואָס סע איז אמאָל א צייט געווען (לעמאָשל, קינדווייס), ווען ער האָט אַפילע לייענען ניט געקאָנט.

5. קאָנקרעטע אַרבעט און אַבסטראַקטע

א) דער מעהוס פון דידאָזיקע באַגריפן.

בעכיין, איז די סיבע פון ווערט—אַרבעט און נאָר אַרבעט. און דערביי ניט פּאָשעט אַרבעט, נאָר געזעלשאַפטלאַך-נויטיקע ארבעט. דערמיט איז שוין געזאָגט זייער פיל, אָבער ווייט ניט אַלץ. דעם אנאַליז פון די ווערט-בילדנדיקע אייגנשאַפטן פון ארבעט קאָן מען אָנהייסט עס, מע מוז פירן ווייטער.

טוענדיק דאָס, דאַרפן מיר קוידעם קאָל באַמערקן, אַז יעדע ארבעט שאַפט פולשטענדיק באַשטימטע (קאָנקרעטע) זאַכן. די אַרבעט, וואָס ווערט באַטראַכט, אלס א שעפערן פון אַזעלכע קאָנקרעטע קעגנשטאַנדן, ווערט דעריבער אָנגערופן קאָנקרעטע אַרבעט.

פאַרשיידענע זאַכן שיידן זיך אונטער אַלעמאָל און אומפאַרמיידלאַך אין אייכעס (לויט זייערע אייגנשאַפטן) איינע פון דער צווייטער, אניט וואָלטן זיי ניט געווען פאַרשיידענע. אזוי זיינען, אָן שום ספק, א טיש און א שטיוול אין אייכעס פאַרשיידענע זאַכן. דעריבער זיינען אויך פאַרשיידן אין אייכעס פאַרשיידענע מינים אַרבעט, וועלכע פּראָדוצירן פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן, און ניט אין דעם זין זיינען זיי אין אייכעס פאַרשיידן, וואָס איינער פּראָדוצירט זאַכן פון גוטן אייכעס און דער צווייטער פון שלעכטן, נאָר דער'ן, וואָס זיי פּראָדוצירן זאַכן, וואָס די אייגנשאַפטן זייערע זיינען לעגאַמרע פאַרשיידן.

אָבער באַ דער גאַנצער פאַרשיידנקייט פון זייערע אייגנשאַפטן זיינען דאָך באַ פאַרשיידענע מינים פון מענטשלאַכער אַרבעט פאַראַן עפּעס אלגעמיינעס, אניט וואָלטן זיי ניט געקאָנט פאַראייניקט ווערן אין איין באַגריף „מענטשלאַכע ארבעט״. באַ יעדערן פון זיי זיינען פאַראַן אנדערע ספּעציעלע אייגנשאַפטן. הייסט עס, קעדיי צו פאַרשטיין, וואָס איז אין זיי דאָ אַלגעמיינעס, מוזן מיר זיך אבסטראַהירן (דערווייטערן זיך) פון אַלע זייערע קאָנקרעטע באַזונדערקייטן, פון אַלע זייערע אייכעסדיקע פאַרשיידנקייטן.

וואָס פאַר אן אייגנשאַפט וועט באַ דער מענטשלאַכער אַרבעט בלייבן, ווען מע זאָל זיך אבסטראהירן פון אלע באַזונדערקייטן (אייגנשאַפטן), וואָס כאַראַקטעריזירן די באַזונדערע מינים אירע? — דאָס, וואָס זי איז א פאַרוועגדונג פון מענטשלאַכע געהירן, מוסקעלן, נערוון א. א. וו. דאָסדאָזיקע אלגעמיינע פאַר אלע מינים אַרבעט איז שאַייך צו יעדערן פון זיי.

העיויס, ווי דאָסדאָזיקע אַלגעמיינע קאָנען מיר באַמערקן נאָר דאַן, ווען מיר אבסטראהירן זיך פון אלע באַזונדערקייטן פון פאַרשיידענע מינים אַרבעט, איז קלאָר, אז די אַרבעט, אלס א פאַרוועגדונג פון געהירן, מוסקעלן, נערוון א. א. וו., האָט מאַרקס געהאט דאָס פולע רעכט אָנצורופן אַבסטראַקטע אַרבעט.

אַבסטראַקטע אַרבעט באַטייט, מאַשמאָעס, אין דעם פאַל דאָ", אַז טויפעס זיין די אַרבעט קאָן מען נאָר דורך אן אַבסטראַקציע, אָבער בעשום אויפן ניט דאָס, אז דאָס איז עפעס א זאַך, וועלכע איז ניט רעאַל, וועלכע עקסיסטיר ניט אין דער לעבעדיקער ווירקלאַכקייט. אלזאָ, די אַרבעט פונם שלאָסער, פונם שניידער, פונם שריפטשטעלער, בעקיצער, יעדער באַזונדער מין אַרבעט — דאָס וועט זיין קאָנקרעטע אַרבעט. אַרבעט אָבער ביכלאַל, אַרבעט אלס א פאַרוועגדונג פון געהירן, מוסקעלן, נערוון א. א. וו. איז אַבסטראַקטע אַרבעט.

מיר זעען, אז די ווערטער קאָנקרעטע און אבסטראַקטע ווערן דאָ באַנוצט ניט אזוי, ווי אין געוויינטלאַכן לעבן. מאַרקס טערמין „קאָנקרעטע אַרבעט" אנטשפרעכט (אין א געוויסער מאָס) דער אויסדרוק „פריוואַטער — באַזונדער — מין אַרבעט" און דעם טערמין „אַבסטראַקטע אַרבעט" אַנטשפרעכט דער אויסדרוק „אַרבעט, אלס אלגעמיינער באַגריף", „אַרבעט ביכלאַל".

ב) די ראַליע און באַדייטונג פון יעדערן פון דידאָזיקע מינים אַרבעט.

לאָמיר איצט באַטראַכטן, וואָס פאַר א ראָליע סע שפילן דידאָזיקע פאַרשיידענע מינים אַרבעט: די קאָנקרעטע און אַבסטראַקטע אינם אומבייט און אינם שאַפן בייט-ווערט פון סכוירעס.

קעדיי סע זאָל זיין אן אומבייט, דאַרף מען האָבן, אז אין די סכוירעס, וואָס מע בייט, זאָל זיין, פון איין זייט, ווי מיר האָבן שוין געשריבן, עפעס אַזוינס, מיט וואָס זיי שיידן זיך אונטער איינע פון דער אַנדערער: אַניט איז ניטאָ קיין עקאָנאָמישער זין צו בייטן זיי איינע אף דער אַנדערער, און פון דער צווייטער זייט, קעדיי סע זאָל זיין אַן אומבייט און ניט קיין אָפנאַרעריי, איז נויטיק, אז די גרייסן, וואָס מע בייט אום, זאָלן זיין גלייך צווישן זיך און, הייסט עס, זיי זאָלן קאָנען זיין מיטגעמאָסטן (соизмеримы) איינער מיטן צווייטן, ווייל דאָרטן, וואו ס'איז ניטאָ קיין מיטגעמאָסטנקייט, קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן גלייכקייט. אָבער קעדיי סע זאָל זיין עפעס אַזוינס, וואָס איז מיטגעמאָסטן באַביידע סכוירעס, דאַרפן זיי האָבן עטוואָס אַלגעמיינעס. דאָרט, ווו ס'איז ניטאָ קיין אלגעמיינעס, דאָרט קאָן ניט זיין קיין מיטגעמאָסטנקייט. די אַרבעט באַשאַפט סיי דאָס, מיט וואָס די סכוירעס שיידן זיך אונטער איינע פון דער צווייטער, סיי דאָס, וואָס צווישן זיי איז אַלגעמיין. דאָס ערשטע שאַפט די קאָנקרעטע אַרבעט, דאָס צווייטע — די אַבסטראַקטע אַרבעט. אנדערש גערעדט, דאָס לעצטע שאַפט בייט-ווערט, דאָס ערשטע — געברויך-ווערט (וואָס איז א נויטיקער טנאַי פאַר דער מעגלאַכקייט סע זאָל עקסיסטירן די בייט-ווערט). מיט אַנדערע ווערטער, איין בייט-ווערט קאָן זיך אונטערשיידן פון דער צווייטער נאָר אין קאָמעס (צווישן דעצעליאָנען רובל און א קאָפיקע איז דער כילעק נאָר אַ קאָמעסדיקער), און דעריבער דאַרף זי זיין א פויעל-יויצע פון אַבסטראַקטער אַרבעט, וועלכע ווייס אויך נאָר קאָמעסדיקע פאַרשיידנקייטן. געברויך-ווערטן אָבער קאָנען זיך אונטערשיידן איינע פון דער צווייטער אין אייכעס (ד. ה. לויט זייערע אייגנשאַפטן) און, הייסט עס, זיי עקסיסטירן נאָר אַדאַנק דער קאָנקרעטער אַרבעט, וואָס פאַרשיידענע מינים אירע שיידן זיך אונטער איינע פון דער צווייטער דאַפקע אין אייכעס (ד. ה. לויט זייערע אייגנשאפטן).

ג) דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון אַבסטראַקטער אַרבעט

דאָס, וואָס די ווערט בילדעט דאַפקע די אַבסטראַקטע אַרבעט, נעמט זיך אויך פונם געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער פון דער אַרבעט, וואָס בילדעט די ווערט. אינדערעמעסן. אי דער סטאָליער, אי דער שמיד, אי דער טאָקער—בעקיצער, אַלע פאָרשטייער פון דער קאָנקרעטער אַרבעט זײַנען אין א גלייכער מאָס מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, קוואַלן פון געזעלשאַפטלאַך-נויטיקער אַרבעט. אלס פאָרשטייער פון געזעלשאַפטלאַך-נויטיקער אַרבעט, זײַנען גלייך די פאָרשטייער פון סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע מינים פון קאָנקרעטער אַרבעט; הייסט עס, דער באַגריף געזעלשאַפטלאַך-נויטיקע אַרבעט באַקומט זיך דורכן אבסטראהירן פון אלע באַזונדערקייטן, פון אלע ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון אינדיווידועלער ארבעט—הייסט עס, געזעלשאַפטלאַך-נויטיקע ארבעט קאָן האָבן נאָר קאַמעסדיקע פאַרשיידנקייטן און איז אבסטראַקטע אַרבעט. דאָס מאַכט נויטיק אונטערצושטרייכן יענעם אומשטאַנד, וואָס אַבסטראַקטע ארבעט, די ארבעט, וואָס בילדעט די ווערט—דאָס איז בעשום אופן ניט סטאַם אַרבעט, אַרבעט אלס פאַרווענדונג פון געהירן, מוסקעלן, נערוון א. א. וו. אין אזא פאַל וואָלט די ארבעט פון פערד, קי, אייזלען, כאַזיירים און פיל-פיל אַנדערע באַלעכאַים אויך שאַפן ווערט. דאָס איז געוויס ניט ארבעט, אלס א פאַרוועגדונג פון ענערגיע, ווייל אין אזא פאַל וואָלטן, אויסער באַלעכאַים, געבילדעט ווערט אויך מאַשינען, וואסערפאלן א. ד. ג. נײַן, אַבסטראַקטע אַרבעט—דאָס איז ניט בלויז די פאַרוועגדונג פון געהירן, מוסקעלן און נערוון, ניט בלויז די פאַרוועגדונג פון ענערגיע, דאס איז עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ געזעלשאַפטלאַכן כאַראַקטער,—פּינקטלאַכער, דאָס איז די פונקציע פון פערזאָנען (מענטשן), וואָס שטעלן צונויף די געזעלשאַפט, און באַ אלע זייערע אינדיווידועלע פאַרשיידנקייטן, זײַנען זײַ צווישן זיך גלייך אין דער הינזיכט, וואָס זיי זײַנען אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

מיר זעען, ווי וויכטיק סע איז אונטערצושיידן קאָנקרעטע פון אַבסטראַקטע אַרבעט, ווי טיף סע איז דער כילעק צווישן זיי. נאָך מער וועט דאָס קלאָר ווערן ווייטער באַם איבערגעבן מאַרקס טעאָריע וועגן געלט, צו וועלכער מיר גייען באַלד איבער.

III אָפּטייל. — געלט

1. די נויטיקייט פון געלט און געלט־מאַטעריאַל

א) די נויטיקייט פון געלט.

אין דער סכוירע־געזעלשאַפט קומט פאַר יעדע רעגע א מאַסע בייט־אקציעס, בייט־געשעפטן. דעריבער איז דאָ באַזונדערס נויטיק צו וויסן, צו וואָס איז גלייך די ווערט פון יעדער סכוירע. באַשטימען יעדן מאָל, וויפל זי האָט אין זיך געזעלשאַפטלאַך־נויטיקע צייט, און מאַכן צוליב דעם קאָמפּליצירטע סטאַטיסטישע כעשבוינעס, איז א מיטל צו א טייערער, און דעריבער קאָן מען אים לאַכלוטן ניט אָנווענדן אין דער פּראַקטישער ווירקלאַכקייט. ביפראַט נאָך, אז פילע סכוירעס וואָלטן קאָליע געוואָרן אסאַך פריער, איידער די סטאַטיסטיקער וואָלטן באַוויזן פינקטלאַך אויסצורעכענען, וויפל געזעלשאַפטלאַך־נויטיקע אַרבעט סע איז דאָ אין דידאָזיקע סכוירעס. מע מוז דעריבער אָנקומען צו אַן אַנדערן, עמעס, ווייניקער פינקטלאַכן, אָבער דערפאַר א גיכערן און באַקוועמערן מיטל. אַזוי טוען מיר אויך אין אַנדערע געביטן פון לעבן.

מיר רעכענען דאָך ניט אויס מיט דער הילף פון אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטן, וויפל ס'איז איצט אזייגער, באַזונדערס, ווען מיר איילן זיך, נאָר מיר קוקן פּאָשעט אָפן זייגער און אף אזא אויפן באַשטימען מיר די צייט ניט אין אן ערעך באַקוועמער.

מע מוז זוכן אן אַנאַלאָגישן מיטל אויך אף צו באַשטימען די הייך פון דער ווערט. איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך, אַז פּונקט אזוי ווי די וואָג פון א זאך קאָנען מיר באַשטימען נאר מיט דער הילף פון א קעגנשטאַנד, וואָס האָט א וואָג, די ליינג — מיט דער הילף פון א קערפּער, וואָס האָט א ליינג, די טעמפּעראַטור — מיט דער הילף פון א קערפּער, וואָס ווערט אָנגעוואַרימט און אָפּגעקילט, פּונקט אזוי קאָנען מיר באַשטימען די ווערט נאָר מיט דער הילף פון א קעגנשטאַנד, וואָס האָט א ווערט, וואָס פאָדערט געזעלשאַפטלאַך־נויטיקע אַרבעט אף צו פּראָדוצירן אים.

ווייטער. סע איז קלאָר פון זיך אליין, אז די סכוירע, וועלכע דינט אונז אף אויסצומעסטן די ווערט, אַנטהאַלט אין זיך ניט בלויז אַבסטראַקטע אַרבעט, וואָס בילדעט די ווערט, נאָר אויך קאָנקרעטע אַרבעט.

מיר ווענדן זיך אָבער אָפּ פון דער קאָנקרעטער אַרבעט און פון די אייגנשאַפטן פון דער סכוירע, וועלכע דינט אונז אף צו באַשטימען די ווערט, און דידאָזיקע סכוירע איז פאַר אונז די פאַרקערפּערונג פון בלויז אַבסטראַקטער אַרבעט און פון דער ווערט, וואָס זי באַשאַפט, פּונקט אזוי, ווי דאָס געוויכט איז פאַר אונז די פאַרקערפּערונג נאָר פון דער וואָג, דער אַרשין — נאָר פון דער ליינג, כאָטש זיי האָבן געוויס נאָך א מאַסע אַנדערע אייגנשאַפטן (פאַרבעס, קאָליר, געדיכטקייט א. א. וו.).

ב) די אייגנשאַפטן פון גוטן געלט-מאַטעריאַל.

העיויס ווי אַבסטראַקטע אַרבעט קאָן זיך אונטערשיידן נאָר אין קאַמעס, איז קלאָר, אז אף צו פאַרקערפערן זי טויג בעסער פון אלץ אזא סכוירע, וואָס קאָן זיך אונטערשיידן אויך נאָר אין קאַמעס, דאָס הייסט, אַזאַ סכוירע, וואָס באַזיצט אין דער גרעסטער מאָס די אַזויגערופענע עקאָנאָמישע טיילעוודיקייט (ד. ה. וואָס פאַרלירט ניט באַם טיילן איר ווערט, ווייל אלע שטיקלאַך אירע, וואָס באַקומען זיך באַם טיילן, קאָסטן אין זייער סאַכאַקל פונקט אַזופיל, וויפל סע האָט געקאָסט דאָס שטיקל, וואָס מע האָט גע-טיילט).

דידאָזיקע עקאָנאָמישע טיילעוודיקייט איז ניט בלויז די הויפּט-אייגנשאַפט, וואָס מאַכט די סכוירע צוגעפּאַסט צו דער ראָליע פון פיזישער פאַרקערפערונג פון אבסטראַקטער אַרבעט, נאָר זי באַשטימט אויך די גרעסטע מערהייט פון אַנדערע פאָדערונגען, וועלכע דאַרפן געשטעלט ווערן צו אזא מין סכוירע.

די עקאָנאָמישע טיילעוודיקייט קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן אָן א פולשטענדיקער איינ-אַרטיקייט פון דער סכוירע. כוץ אלעמען פאָדערט זי נאָך, אז די אנטשפּרעכיקע סכוירע זאָל גיך ניט קאַליע ווערן; ווארום צווישן דער קאַליע-געוואָרענער און ניט קאַליע-געוואָ-רענער סכוירע איז דאָך דאָ אַן אייכעסדיקער אונטערשייד, בעאייס די פאַרקערפערונג פון אבכטראַקטע אַרבעט קאָן האָבן נאָר קאַמעסדיקע אונטערשיידן.

אויסערדעם, איז דידאָזיקע פּייאיקייט פון דער סכוירע לאַנג צו דערהאַלטן זיך גיט דער געזעלשאַפט די מעגלאַכקייט אָנצוזאַמלען גרויסע רעזערוון פון דעמדאָזיקן מין סכוירע, און דערמיט גופא מאַכט זי אים ווייניקער פילעוודיק צו די וואַקלענישן פונם יאָריקן ארויס-באַקום זיינעם און גיט צו א באַדייטנד גרויסע שטאַנדהאַפטיקייט דער פרייז.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו סע ווערט פאַרקויפט און געקויפט זייער פיל סכוירעס און אף קאָלאָסאַלע סומעס, איז וויכטיק, אויסערדעם, אז די סכוירע, וואָס דינט אף באַצאָלן (געלט), זאָל אין א קליינעם פאַרנעם פאַרקערפערן א גרויסן סכום געזעל-שאַפטלאַך-נויטיקע אַרבעט.

מאַכמעס דידאָזיקע אלע סיבעס איז גאָלד נאַטירלאַכערוויס געוואָרן די געלט-סכוירע. דימענטן ווערן אויך ניט קאַליע, און גרויסע דימענטן פאַרקערפערן אין זיך אפילע א גרע-סערן סכום ארבעט, איידער א שטיק גאָלד פון דערזעלביקער וואָג. אָבער בענויגייע צו דער עקאָנאָמישער טיילעוודיקייט זיינען זיי הינטערשטעליק אנטקעגן גאָלד; אויסערדעם איז גאָלד אייגאַרטיק, און די ווערט פון דימענטן וואקלט זיך באַדייטנד, אָפּהייניגיק פון דער ריינקייט פונם „וואסער" א. א. וו.

ווען אָבער דער סכוירע-פאַרקער איז ניט געווען אַזוי גרויס, ווי איצט, האָט די ראָליע פון א ווערטמאָס געקאָנט גאַנץ באַפרידיגנדיק אויספילן אויך ניט אזא קאָסטבאַרער מעטאַל — זילבער. זילבער האָט געקאָנט עס אויספילן מיט ערפאָלג דערפאַר, וואָס די איבעריקע אייגנשאַפטן זיינע, אלס געלט-מאַטעריאַל, זיינען זייער הויך. גאָלד און זילבער פאַרנעמען דערפאַר גיך דעם פלאַץ פון געלט, ווייל דידאָזיקע אַמפּלואַ (ראָליע) האָט געזאָלט, בא אנדערע גלייכע באַדינגונגען, אָנקומען דער סכוירע. וואָס איז מער גאַנגבאַר, וואָס מע נעמט זי מער גערן, און אין דער פאַרקאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז דער האַנדל געגאַנגען, דעריקער, מיט לוקסוס-זאַכן, ווייל קימאט אלע זאַכן פון ערשטער נויטוענדיקייט האָט מען פראָדוצירט אין די גרענעצן פון דער אייגענער ווירטשאַפט. צווישן די לוקסוס-זאַכן האָבן גאָלד און זילבער פאַרנומען, לויט דער גאַנגבאַרקייט, דעם ערשטן פלאַץ, מאַכמעס דער פאַרשפרייטקייט פון גאָלדענע און זילבערנע צירונג.

אָבער, ווי פרי זילבער איז ניט געוואָרן די מאָס פון ווערט, דאַרף מען ניט מיינען, אז סע האָט ניט געהאַט קיין פאַרגייענגער אין דערדאָזיקער ראָליע. דאָס זיינען געווען (אין פאַרשיידענע ערטער און בא פאַרשיידענע פעלקער) אי אייזן, אי קופער, אי לעדער, אי פיך (גאַסעס און דאַקעס), אי מושעלאַך, אי זאַלץ, בעקיצער, סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע זאַכן. עמעס, דאָס ראָוו פון זיי האָט, צוליב די אויבן-אָנגעוויזענע סיבעס, גאַנץ שלעכט געפּאַסט צו דערדאָזיקער ראָליע, אָבער דאָס האָט ניט געקאָנט דינען פאַר קיין אַבסאָליוטער מעניע אין דער הינזיכט, ווייל דער אומבייט איז פאָרגעקומען גאַנץ זעלטן, קיין גרויסן אָרט אין ווירטשאַפטלאַכן לעבן האָט ער ניט פאַרנומען, און דעריבער האָבן די אָדער יענע אומבאַ-קוועמלאַכקייטן באַם אומבייט ניט געקאָנט ברייגגען קיין גרויסן שאָדן דעם געגעבענעם שייוועט, דעם געגעבענעם לאַנד.

2. די פאַרהעלטניסמעסיקע און עקוויוואַלענטע פאָרם פון ווערט

מע דאַרף באַמערקן, אז געלט באַשטימט ניט די אבסאָליוט, נאָר די פאַרהעלטניסמעסיקע ווערט פון סכוירעס, ד. ה. מע זאָגט ניט, וויפל געזעלשאַפטלאַך-נויטיקע ארבעט איז ארייג-געלייגט אין דער פּראָדוקציע פון דער געגעבענער סכוירע, לאָמיר זאָגן, פון א שוואַרצן זייגערל. מע ווייזט נאָר אָן, אז אין אים איז אריינגעלייגט אזויפיל אַרבעט, וויפל אין צווי גאָלדענע מאַטבייעס צו 5 רובל יעדער (אויב, לאָמיר זאָגן, די פרייז פונם זייגער איז גלייך 10 רובל).

דאָס איז גאַנץ גענוג פאַר פּראַקטישע צוועקן. קיין שום אויסמעסטונג גיט אונז אין עצעם ניט מער. אינדערעמעסן, ווען מיר וועגן אָפּ א היטל צוקער, דערוויסן מיר ניט זיין אַבסאָלוטע וואָג, נאָר דאָס, אז ער וועגט אזויפיל, וויפל סע וועגט א שטיקל אייזן אָדער קופּער, וואָס מיר רופן אן 20-פונטיקע געוויכט.

געדיינקענדיק, אז מיר האָבן נאָר אַ פאַרהעלטניסמעסיקע מאָס פון ווערט (ווי אויך פון אנד. גרייסן) וועלן מיר איצט באַטראַכטן די גלייכונג: די ווערט פון זייגער = דער ווערט פון צוויי זאָלאָטניקעס גאָלד (רעכענענדיק, אז א זאָלאָטניק איז ווערט 5 רובל), אָדער קירצער: 1 זייגער = 2 זאָלאָטניק גאָלד.

פון דערדאָזיקער גלייכונג איז קלאָר, אז מיר באַשטימען די ווערט פונם זייגער אין פאַרהעלטניש צום גאָלד, מיט אנדערע ווערטער — די פאַרהעלטניסמעסיקע ווערט פונם זייגער. דעריבער רופט זיך אן דער ערשטער טייל פון דער גלייכונג פאַרהעלטנעסמעסיקע פאָרם פון ווערט.

דער צווייטער טייל פון דער גלייכונג ווייזט, צו וואָס איז עקוויוואַלענט (גלייך די ווערט פונם זייגער און הייסט דעריבער עקוויוואַלענטע פאָרם פון ווערט.

צוקוקנדיק זיך צו דער לעצטער, באַמערקן מיר, אז האַגאַם גאָלד איז אין טאָך ארייך פונקט אזא געברויך-ווערט, ווי דער זייגער, פונדעסטוועגן גיט עס דאָ די מעגלאַכקייט צו באַשטימען די ווייך פון דער בייט-ווערט, דאָס הייסט, סע טרעט אַרויס אלס דער פאָר-שטייער פון דער לעצטער. די ערשטע אייגנשאַפט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן באַם באַטראַכטן די עקוויוואַלענטע פאָרם, באַשטייט דערין, וואָס די געברויך-ווערט ווערט די ארויסווייזונג-פאָרם פון בייט-ווערט.

די צווייטע אייגנשאַפט פון דער עקוויוואַלענטער פאָרם באַשטייט דערין, וואָס די קאָנקרעטע אַרבעט ווערט די ארויסווייזונג-פאָרם פון אַבסטראַקטער מענטשלאַכער אַרבעט.

די דריטע אייגנשאַפט פון דער עקוויוואַלענטער פאָרם באַשטייט דערין, וואָס די פּריוואַטע אַרבעט נעמט אָן די פאָרם פון דירעקטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז די פאַרהעלטניסמעסיקע און די עקוויוואַלענטע פאָרמען פון ווערט זיינען קעגנזעצלעך איינע דער אַנדערער, ווי, צ. ב., די באַגריפן אונטערטאַנען און קיניג, רעכטע און לינקע זייט, אויבן און אונטן, א. א. וו. אָבער זיי זיינען פונקט אַזוי אייניג פאַרבונדן (לאָגיש) איינע מיט דער אַנדערער, פונקט אַזוי קאָנען זיי ניט געמאָלט זיין איינע אָן דער צווייטער, ווי די דאָזיקע אַלע געבראַכטע באַגריפן. סע איז קלאָר, צ. ב., אַז דאָרטן וווּ ס'איז ניטאָ קיין אונטערטאַנען, ד. ה. פעראַנען, וועלכע האַלטן עמעצן פאַר זייער מיילאַך, דאָרטן קאָן קיין מיילאַך אויך ניט זיין; ווו ס'איז ניטאָ קיין פאַרהעלטנעסמעסיקע פאָרם פון ווערט, דאָרטן קאָן אויך ניט זיין קיין עקוויוואַלענטע פאָרם, ווייל דעם מעסטער (עקוויוואַלענט) דאַרף מען האָבן נאָר דאָרטן, ווו מע דאַרף עפּעס מעסטן.

די פאַרהעלטינסמעסיקע און עקוויוואַלענטע פאָרם פון ווערט זיינען אייניג פאַרבונדן איינע מיט דער צווייטער, זיי זיינען ווי עפּעס איין גאַנצעס. דאָסדאָזיקע גאַנצע ווערט אויך פולשטענדיק צוועקמעסיק אָנגערופן באַ מאַרקסן ווערט-פאָרם. דאָס גאַנצע און די באַשטאַנד-טיילן זיינע טראָגן איין און דעמזעלביקן נאָמען. און ס'איז ניט קיין אומגליק, וואָס איין און דערזעלביקער טערמין ווערט צווייערליי געברויכט. קיין פלאָנטער ווערט דערפון ניט אַרויסקומען. מע דאַרף נאָר קלאָר און שאַרף פאַרשטיין דעם כילעק צווישן די צוויי באַדייטונגען פונם זעלביקן וואָרט און פּעסט וויסן, אין וואָסער אַ זין דערדאָזיקער טערמין ווערט אין געגעבענעם פאַל געברויכט. אין קעגנפאַל איז דער פלאָנטער אומפאַרמיידלאַך.

העיויס ווי דער עקוויוואַלענט איז דער מעסטער פון ווערט, און גאָלד ווערט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געברויכט אַף צו מעסטן די ווערט פון אַלע זאַכן, דעריבער רופט זיך עס „אַלגעמיינער עקוויוואַלענט”.

3. די מאַטבייע

איצט פונקציאָנירן מעטאַלישע געלטן אין דער געשטאַלט פון מאַטבייעס. ס'פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן דערגרייכט צו אַזאַ באַקוועמער פאָרם ניט מיטאַמאָל, נאָר אַלס רעזולטאַט פון אַ גאַנץ לאַנגדויערנדיקן אַנטוויקלונג-פּראָצעס. לאָמיר זיך אַביסל אָפּשטעלן אַף די וויכטיקסטע עטאַפּן זיינע.

ווען די איידעלע מעטאַלן האָבן גענומען פונקציאָנירן אַלס געלט, איז קעדיי צו באַצאָלן פאַר דער אָדער יענער סכוירע, פלעגט מען אָפּוועגן אַן אַנטשפּרעכנדיקן סכום פונם איידעלן מעטאַל, געוויינטלאַך—זילבער.

די ביבל, וועלכע גיט ערטערווייס בילדער פונם גרויען אַלטערטום, דערציילט, אַז אַווראָהאָם האָט אָפּגעוועגן צו עפרענען פיר הונדערט זילבערנע שקאָלים פאַר דער מעאָראַס האַמאַכפּיילע.

דער פאַקט פון וועגן איידעלע מעטאַלן, ווען זיי האָבן פונקציאָנירט אַלס געלט, האָט געלאָזן נאָך זיך בוילעטע שפּורן אין די נעמען פון פילע מינים מאַטבייעס. ס'איז גענוג צו דערמאַנען וועגן דעם איינגלישן פונט שטערלינג.

ביזן מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט איז דער ליוור (פונט) געלעגן אין יעסאָד פון דער צייל-סיסטעם אין 24 אייראָפּייאישע מעדינעס. און ווען ניט די פאַרשפּרייטונג פון דער מעטרישער סיסטעם, וואָלטן נאָך אַדאַיעם אָנגעגאַנגען די וואָג-געלט-סיסטעמען.

העיויס ווי מע האָט געוויינטלאַך ניט געקאָנט מיטאַמאָל צוקלייבן אזא גוס-שטיק, וואָס זיין ווערט זאָל פּונקט צונויפפאַלן מיט דער פּרייז פון דער געקויפטער סכוירע, דעריבער האָט מען געמוזט פונם געגעבענעם גוס-שטיק אָדער אָפּהאַקן א געוויסן טייל, אָדער צוגעבן עפּעס נאָך א שטיקל, ד. ה. ווידער טאַקע אָפּהאַקן אים פון אן אנדער שטיק. דאָס האָט, מאַשמאָעס, געלאָזן א שפּור אינם נאָמען פון דער רוסישער צייל-איינהייט: רובל (האַקן).

אין העיויס ווי די איידעלע מעטאַלן זיינען דאָך האַרטער פון פּוטער, איז האַקן זיי, באַזונדער אָפּהאַקן שטיקער, וועלכע זאָלן אנטשפּרעכן פּונקט דער געגעבענער גרייס — ניט קיין לייכטע און פּאָשעטע זאַך.

אויסערדעם, זיינען די וואָגשאָלן דאמאָלס געווען ניט פולקאָמע און מעגושעמדיקע און זיי פלעגן ניט צונויפפאַלן פּינקטלאַך באַ פאַרשיידענע פּערזאָנען. דאָס אלץ האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט ברייגגען ניט ווייניק מיספאַרשטייענישן און פלאָנטערנישן. דערפאַר האָבן די סאָכרים, וואָס האָבן פאַרנומען אן אָנגעזעענע לאָגע לויטן מאַסשטאַב פון זייערע בייט-פאַרבינדונגען, אָנגעהויבן באַשטעטיקן די וואָג און ריינקייט פון די גוס-שטיקער פון די איידעלע מעטאַלן דערמיט, וואָס זיי פלעגן אף זיי ארופלייגן זייער כסימע. אבער שוין גאר פרי זיינען די סאָכרים אין דעם פּראַט ארויסגעשטויסן געוואָרן דורכן טעמפּל, וועלכער איז פון אָנפאַנג אָן געווען געשטעלט אין צענטר פון די פאַרהעלטענישן, און דערנאָך האָט די מאַכט, וואָס איז געשטאַנען בעראָש פון דער געזעלשאַפט, גענומען אליין אויסגיסן מאַט-בייעס, ד. ה. באַשטעטיקן, אַז אינם געגעבענעם גוס-שטיק איז דאָ פּונקט אזא און אזא סכום פונם „איידעלן" מעטאַל. שפּעטער (און אסאך שפּעטער) האָט מען אף די זייטן פון דער מאַטבייע גענומען מאַכן קאַרבן (א „קאַרב" הייסט דערפאַר אף אידיש רובל, אף אוקראַיניש רופט זיך קאַרבאָוואַנעץ), קעדיי קיין שווינדלער זאָלן ניט קאָנען אַראָפּהאַקן א טייל פון דער מאַטבייע און נאָכדעם פאַרקויפן דאָס אַנטווערטיקטע געלט פאַר פולווערטיקע.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מאַטבייעס גיסט מען אויס פון פאַרשיידענער וואָג, קעדיי מיט זייער הילף קאָנען קויפן זאַכן פון פאַרשיידענער ווערט.

אינם פאַרקער-פּראָצעס האָבן זיך די מאַטבייעס אָפּגעריבן, געוואָרן ניט פולוואָגיק, אָנגעוואָרן א טייל פונם מעטאַלישן אינהאַלט, וואָס איז אף זיי באַצייכנט און באַשטעטיקט געוואָרן, אָבער, לעפּאָכעס ביז א צייט, האָבן זיי דערביי דאָך דערהאַלטן זייער פריערדיקע קויף-קראַפט.

דערפון האָט זיך גענומען דער שטאַנדפּונקט, אַז דעריקער אין א מאַטבייע איז ניט דער אינהאַלט פונם איידעלן מעטאַל, נאָר דער צאַרישער אָדער דער גלייכן-צייכן. אזא מיינונג האָבן זיך געהאַלטן ניט בלויז די קייסאָרים, נאָר אויך אַפילע אייניקע געלערנטע.

ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך, אַז האַלטנדיק אזוי, האָבן די קייסאָרים, מעלאָכים און אנדערע הערשער אין אן אייס-צאָרע גענומען מיט א קיוון אַרויסלאָזן מאַטבייעס מיט א קלענערן סכום איידעלן מעטאַל, לאָזנדיק באַ זיי דעם פריערדיקן נאָמען.

4. פּאַפּיר-געלט

פון דער זיכערקייט, אַז דעריקער אין דער מאַטבייע איז דער מעלוכישער צייכן, איז שוין לאָגיש ניט ווייט צו פּאַפּיר-געלט. אינדערעמעסן, אויב די ווערט פון דער מאַטבייע נעמט זיך ניט פונם אנטשפּרעכנדיקן סכום איידעלן מעטאַל, נאָר פונם געהעריקן צייכן, איז דאָך ניטאָ קיין אַבסאָלוטע נויטיקייט צו לייגן דעם צייכן דאַפקע אף מעטאַל, מע קאָן אים אוועקשטעלן אף א ביליקערן מאַטעריאַל, אשטייגער, אף פּאַפּיר, און די מאַטבייע וועט סיי ווי האָבן דיזעלביקע ווערט, וואָס אף איר איז אָנגעוויזן. דעמדאָזיקן אויספיר האָט טאַקע געמאַכט דזשאָן לאָ (1671—1729), דער פאָטער פון פּאַפּיר-געלט.

אויבן האָבן מיר באַגרינדעט יענעם געזעץ פון מאַרקסן, אַז צום אויסמעסטן ווערט קאָן דינען נאָר דאָס, וואָס באַזיצט אליין ווערט, ארבעט-ווערט. אָבער פילע דערשיינונגען פון טאָג-טעגלאַכן לעבן קאָנען אונז צווינגען צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון אָט דעם געזעץ. אָט, לעמאָשל, אפגעריבענע מאַטבייעס האָבן, אפאָנים, דיזעלביקע ווערט, וואָס נייע, האַגאַם ס'איז קלאָר, אַז די ערשטע אנטהאַלטן ווייניקער איידעלן מעטאַל און, דאָס הייסט, אַז זיי פאַרקערפּערן אַ קלענערן סכום פון געזעלשאַפטלאַך-נויטיקער ארבעט, איידער די צווייטע.

פאַפיר-געלט האָט דאָך גאָר אַ נישטיקע, קימאט אַ נוליקע ווערט, בעאייס סע פאַרבייט מיט פולן ערפאָלג דאָס פולווערטיקע געלט.

דאָס אלץ זיינען אָבער נאָר קלאָמערשטיקע אויסנאַמען. לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער אַלטן ביישפּיל. ס'איז, דאַכט זיך, קיין שום סאָפעק ניטא, אַז צום וועגן קאָנען דינען נאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס באַזיצן אליין אַ וואָג. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז צוליבן דאָזיקן צוועק ווערן געברויכט ניט בלויז געוויכטן, וואָס האָבן ווירקלאַך די אַנטשפּרעכיקע וואָג, נאָר אויך שפּרינג-וואָג-שאָלן, בעזמען און אנדערע וואָג-מאַכשירים, וועלכע נויטיקן זיך ניט אין געוויכטן אָדער אין אַנדערע זאַכן פון געהעריקער שווערקייט, אף אויסצופילן זייער פונקציע.

לאָמיר זיך בעסער אריינטראַכטן אין דעמדאָזיקן קלאָמערשטן אויסנאַם.

ס'איז באַקאַנט, אַז קעדיי אָנצוצייכענען די אַנטשפּרעכיקע טיילונגען אף שפּרינג-וואָגשאָלן, היינגט מען פריער אוף אף זייער העקעלע געוויכטן פון פאַרשיידענער וואָג, און דאָרט, וואו סע שטעלט זיך נאָך דעם אָפּ דאָס ווייזערל, מאַכט מען אַ סימען: אַזויפיל פונט. אַזוי אַרום דערווייזט די שפּרינג-וואָגשאָל ניט דאָס, אַז מע קאָן וועגן, ניט באַנוצנדיק די קערפּערס, וועלכע האָבן די אַנטשפּרעכיקע שווערקייט, נאָר דאָס, אַז ניט יעדן מאָל מוז מען אַזאַ קערפּער אופהיינגען. די אָנווייזונג פונם ווייזערל ווערט דער שטעלפאַרטרעטער פון דער אַנטשפּרעכיקער וואָג, אַזוי צו זאָגן, זיין פאָרשטייער.

דאָסזעלביקע איז אויך מיטן פאַפּיר-געלט און מיט אָפּגעריבענע מאַטבייעס: ווי די סימאָנים אף דער שפּרינג-שאָל, דינען זיי אויך ניט זעלבשטענדיק אף צו מעסטן (ווערט), זיי זיינען נאָר פאָרשטייער און שטעלפאַרטרעטער פון אַנטשפּרעכיקן סכום גאָלד. דער פאָרשטייער אָבער שיידט זיך אלעמאָל אונטער פונם פאָרגעשטעלטן.

לאָמיר אונזער פאַרגלייך פאָרזעצן ווייטער. סע קאָן זיך טרעפן, אַז די שפּרינג-שאָל זאָל קאַליע ווערן; אנשטאט 3 פונט באַווייזן זיי — 17, אנשטאט 5—24 א. א. וו., א. א. וו. ווען מיר זאָלן זיי דאמאלס באַנוצן, וועלן מיר אומפאַרמיידלאַך האָבן פיל אומבאַקוועמלאַכקייטן, שווועריקייטן און פלאָנטערנישן.

דאָסזעלביקע איז אויך מיט פאַפּיר-געלט און מיט אָפּגעריבענע מאַטבייעס. ווען סע זאָל, לעמאָשל, קאַליע ווערן דער מעכאַניזם פון זייער פאַרקער, ווען זיי וועלן אופהערן צו זיין פאָרשטייער און שטעלפאַרטרעטער פון יענעם סכום גאָלד, וואָס איז פריער געווען אף זיי אָנגעצייכנט, וועלן מיר לעסאָף האָבן טויזנטער אומבאַקוועמלאַכקייטן און שוועריקייטן, אופטרייסלונגען אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. דאָס באַווייזט, אַז דאָס ניט פולווערטיקע און פאַפּירענע געלט זיינען ניט קיין זעלבשטענדיקע און ווירקלאַכע מאָס, פון ווערט, נאָר זיי קאָנען שפּילן די ראָליע פון אַ ווערט-מאָס אף אזויפיל, אף וויפל זיי שטעלן פאָר דעם אַנטשפּרעכיקן סכום גאָלד.

דאָס פאַפּירענע און ניט פולווערטיקע געלט קאָנען אַ האָר ניט אָפּלייקענען מאַרקס געלט-טעאָריע. אַדעראבע, זי מאַכט קלאָר אמבעסטן אי דעם מאָקער פון זייער אפשטאַם, אי די גרענעצן, אין וועלכע זיי קאָנען פונקציאָנירן. אָט איז דער טאמצים פון דעם וואָס זי, — די דאָזיקע טעאָריע — זאָגט וועגן דערדאָזיקער פראַגע.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געפינט זיך שטענדיק אין פאַרקער אן אומגעהייערע מאַסע סכוירע; צוליב איר פאַרקער פאַדערט זי, פאַרשטייט זיך, זייער א באַדייטנדיקע סומע פאַרקער-מיטלען. דידאָזיקע סומע פאַלט קיינמאָל ניט נידעריקער פון א באַשטימטן שטאַנד, וועלכן מע קאָן איינשטעלן פאַר יעדער געגעבענער מעלוכע אפּן יעסאָד פון דער פּראַקטיק. אין דידאָזיקע גרעניצן קאָן דאָס פּולוועךטיקע געלט לייכט פאַרבייטן ווערן דורך ניט פולווערטיקע און אפילע דורך פּאָשעטע פּאַפּירלאַך.

ווען אָבער די פּאַפּיר-געלטן „טרעטן אריבער זייער מאָס", ד. ה. יענעם סכום איינגאָמענדיקע גאָלדענע מאַטבייעס, וואָס האָט ווירקלאַך געקאָנט זיין אין פאַרקער, הויבן זיי אָן פאַרצושטעלן אין דער סכוירע-וועלט ניט יענעם סכום גאָלד, וואָס אף זיי איז אָנגעצייכנט, נאָר יענעם סכום, וואָס זיי שטעלן פאָר אין דער ווירקלאַכקייט, ד. ה. אויב צ. ב. די געגעבענע מאַסע פּאַפּירלאַך שטעלט פאָר לויט איר אָנרוף 2 אונציעס גאָלד, רעאַל אָבער פאַרבייט זי נאָר 1 אונציע, ווערן פאַקטיש 10 רובל א געלט-אָנרוף, לאָמיר זאָגן, פון $1/8$ אונציע אנשטאט פריערדיקע $1/4$ אונציע גאָלד. דיזעלביקע ווערטן, וועלכע האָבן זיך פריער אויסגעדרוקט אין א פרייז, וואָס איז גלייך 10 רובל (ד. ה. זיי האָבן אַנטשפּראָכן $1/4$ אונציע גאָלד), דריקן זיך איצטער אויס אין א פרייז, וואָס איז גלייך 20 רובל, און, הייסט עס, זיי אַנטשפּרעכן ווי פריער $1/4$ אונציע גאָלד.

דאָסזעלביקע איז שאַיעך אויך צו ניט פולווערטיקע מאַטבייעס, נאָר מיטן אונטערשייד, וואָס די פרייז פון פּאַפּיר-געלטן (אונטער דער ווירקונג פון דעם, וואָס מע לאָזט זיי צופיל אַרויס) קאָן פאַלן קימאַט אן א שיר, און די פרייז פון מעטאַלישע געלטן (ניט פולווערטיקע) קאָן ניט פאַלן אף א לאַנגער צייט נידעריקער פון דער ווערט פון זייער מעטאַלישן אינהאַלט, ווייל אויב ניט אַזוי, וועט מען א טייל זייערן איבערשמעלצן און זיי וועלן דינען ניט צוליבן געלט-פאַרקער, נאָר צוליב אנדערע צוועקן. די פאַרקלענערונג אָבער פונם סכום ניט פולווערטיקע געלטן וועט מוזן ארויסרופן די העכערונג פון זייער פרייז ביז זייער ווערט.

אין דער מאָס, ווי דער קאַפּיטאַליזם אנטוויקלט זיך, הויבט דאָס מעטאַלישע געלט אן צו באַפרידיקן אַלץ א קלענערן טייל פונם אומזאַץ, און דאָס פּאַפּיר-געלט — אלץ א גרעסערן טייל. אין די אָפּעראַציעס פון דייטשן רייכסבאַנק איז אין 1894 יאָר געווען געווען 1 פעניג מעזומען געלט פאַרן יערלאַכן אומזאַץ פון 4,35 מאַרק, אין 1900 יאָר פאַרן יערלאַכן אומזאץ פון 8,30 מאַרק (א מאַרק=100 פעניג אָדער 51 גאָלדענע קאָפּיקע).

פּונקט אזוי ווי לעפּיערעך קליינע געוויכטן קאָנען אָפּוועגן מיט דער הילף פון דעצימאַלע, צענטימאַלע א. א. וו. וואָג זייער גרויסע מאַסאָעס, אזוי קאָן אויך א קליינער (לעפּיערעך) סכום גאָלד באַ ספּעציעלע באַדינגונגען מיט דער הילף פון ניט פולווערטיקע (מעטאַלישע) און פּאַפּיר-געלטן ברייגנען אין באַוועגונג א קאָלאָסאַלע מאָס סכוירעס. אָבער אזוי ווי געוויכטן זיינען דאָך נויטיק אויך באַ דעצימאַלע א. א. וו. וואָג, אזוי איז אויך נויטיק גאָלד אַפילע באַם קאָלאָסאַלסטן סכום פּאַפּיר-געלט, וואָס געפינט זיך אין פאַרקער.

מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז די פּעריאָדן פון מילכאָמעס און רעוואָלוציעס צווינגען די רעגירונג איבערצופילן די פאַרקער-קאַנאַלן מיט געלט-סוראָגאַטן. אמאָל זיינען די פּעריאָדן פון מילכאָמעס געווען מער ניט ווי אן עפּאָכע פון א פאַרשטאַרקטן אַרויסלאָזן ניט קיין פולווערטיקע מעטאַלישע מאַטבייעס, איצט זיינען זיי (און אויך רעוואָלוציעס) אן עפּאָכע פון פאַרשטאַרקטער אַרבעט אף די וואַשטאַטן, וואָס דריקן געלט, ריכטיקער — סע וואַקסן די ציפער, וואָס שטייען אף די פּאַפּירלאַך. סע ווערן געוויינטלאַך און גאַנצבאַר אַזעלכע מאַטבייעס, וואָס פריער וואָלט דאָס באַצייכנט א קאָלאָסאַלן פאַרמעגן (צ. ב. באַ אונז אין 1921 יאָר זיינען אין פאַרקער געווען צייכנס פון 100.000.000 רובל).

5. פּאַפּיר־געלט און יאַקרעס

א) פּאַפּיר און קרעדיט-געלט.

אלס רעזולטאַט פון אזא שלאַל פּאַפּירענע געלט, וואקסן אויס די פּרייזן אף סכוירע אומגעהייער. א קלאַסישער ביישפּיל דערצו זיינען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע.

ווען מירריידן וועגן דער פאַרפלייצעניש פון פּאַפּיר-געלט, דארף מען אונטערשיידן צוויי אין טאָך פאַרשיידענע מינים פּאַפּיר-געלט: פּאַפּיר-געלט אין איינגן זין פונם דאָזיקן טערמין, ד. ה. געלט פון פּאַפּיר, און קרעדיט-געלט. לאָמיר זיך קודעם אָפּשטעלן אף פּאַפּיר-געלט אין איינגן זין פונם דאָזיקן טערמין. זיי ווערן ארויסגעלאָזט פון דער מעלוכע איינ-צוצאָלן מיט זיי לויט אירע היסכייוועסן און דינען אלס מיטל צו פאַרפּילן די מעלוכישע שאצקאַמער; זיי האָבן די קראַפט פון א געזעצלאַכן צאָלונג-מיטל (צוואנג-פאַרקער).

קרעדיט-געלט ווערט ארויסגעלאָזט ניט פון דער מעלוכע-מאַכט, אַלס אַזעלכע, נאָר פון פּריוואַטע פּערזאָנען און אנשטאלטן, איינשליסנדיק אהער אויך די באַנק — אמאָל אויך די מעלוכע-באַנק — צוליב די באַדערפעינישן פון האנדל-אומזאַץ. זיי האָבן ניט קיין געזעלשאַפט-לאַכע, נאָר א פּריוואַטע גאַראַנטיע, זיי האָבן ניט קיין קראַפט פון א צוואנג-פאַרקער (די קראַפט פון א געזעצלאַכן צאָלונג-מיטל).

פּאַפּיר-געלט ווערט אַרויסגעלאָזט פון דער מעלוכע, און דעריבער קאָן ניט געמאָלט זיין, אז איין טייל זייערער זאָל האָבן א גרעסערע קויף-קראַפט, און דער צווייטער (א באַצייכנטער מיט דער זעלביקער סומע) א קלענערע.

בענויגייע אָבער צו קרעדיט-געלט, ווייל זיי האָבן א פּריוואַטע גאַראַנטיע, קאָן געמאָלט זיין, אז איינע פון זיי (וועלכע זיינען גאַראַנטירט דורך א רואינירטער פירמע) זאָלן אָנווערן יעדע פּרייז, בעאייס אנדערע דערהאַלטן זי אינגאַנצן.

אין א פרידלאַכער צייט ווערט פּאַפּיר-געלט גערעכנט פאַר מער זיכער, איידער קרע-דיט-געלט. און בעשאַס די פּעריאָדישע קריזיסן יאָגן זיך אלע באַזונדערס נאָך די ערשטע און באַמיען זיך פּאָטער צו ווערן פון די לעצטע. אַן אויסנאַם זיינען נאָר די באַנקנאָטן אליין (באַנקאָווע קרעדיט-בילעטן), וועלכע זיינען אייגנטלאַך א וועקסל פונם באַנק, וואָס גיט זיי אַרויס. די באַנקנאָטן זיינען די העכסטע פאָרם פון קרעדיט-געלט. זיי ווערן געוויינט-לאַך ניט אנטווערטיקט אַפילע בעשאַס קריזיסן: צו סאָליד און מעכטיק זיינען די אנשטאַלטן, וואָס לאָזן זיי אַרויס.

ניט געקוקט אף דער בכוירע, וואָס די געשעפט-וועלט גיט אָפּ (באַזונערס בעשאַס קרי-זיסן) די פּאַפּיר-געלט אין פאַרגלייך מיטן קרעדיט-געלט, איז דאָך די סיבע פון דער פאַר-פלייצעניש פון פּאַפּיר-געלט און די ביטערע רעזולטאַטן פאַר דער פאָלק-ווירטשאַפט, וואָס נעמט זיך דערפון, ניט דאָס קרעדיט-געלט, נאָר דאַפקע דאָס פּאַפּיר-געלט. אלס א ראַיע דערצו וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אף צוויי מינים קרעדיט-געלט: וועקסלען און באַנקנאָטן.

וועקסלען גיט מען ארויס אף סכוירעס. פאַרקויפט מען די סכוירעס, קאָן מען איינצאָלן פאַר די וועקסלען. הייסט עס, אז די וועקסלען ווערן אין דער אונטערשטער שורע געדעקט מיט דער ווערט פון דער סכוירע, וואָס צו איר אפּזאץ האָט דער וועקסל מיטגעהאָלפן. ס'פאַרשטייט זיך, סכוירעס קאָנען צייטווייליק שטאַרק פאַלן אין מעקאָך (בעשאַס א קריזיס, אין אָנהויב פון א מילכאָמע א. א. וו.), דאמאָלס ווערט א טייל וועקסלען אַנטווערטיקט. אָבער די פאַרקירצונג פון דער פּראָדוקציע און אפּזאץ פון די סכוירעס רופט טייקעף ארויס אויך די פאַרקירצונג פון דער סומע סכוירע-וועקסלען, וואָס ווערן ארויסגעגעבן. נאָכמער, דאָס

געבן אף באָרג, און, הייסט עס, דאָס אַרויסגעבן וועקסלען ווערט פאַרקירצט נאָך שטאַר-קער, איידער די פּראָדוקציע און אפזאץ פון די סכוירעס. אַלזאָ, גופא אין די טנאָאים פונם אנטשטיין און פונקציאָנירן פון קרעדיט-געלט ליגט באַהאַלטן די סיבע, וואָס דערלאָזט ניט, אז די פאַרקער-קאַנאַלן זאָלן אף א לאַנגער צייט דורך זיי פאַרמיכטיקט ווערן.

נאָך אין א גרעסערער מאָס איז דאָס שאַיעך צו באַנקנאָטן. אינדערעמעסן, א סויכער, וואָס האָט באַקומען א האַלוואָע פונם באַנק מיט בילעטן, דאַרף זיין כויוו באַצאָלן אָדער מיט גאָלד — און דאַמאָלס באַקומען די באַנקנאָטן, וועלכע זיינען פאַרבליבן אין לאַנד, א גאָלד-שטיצע — אָדער מיט באַנק-בילעטן, און דאַמאָלס, הייסט עס, זיינען שוין די בילעטן אָפּגעגעבן און מע קאָן שוין ניט קומען זיי צעבייטן.

ווען מע זאָל נאָך נעמען אין אַכט די פינאַנציעלע מאַכט פון די בייַנק, איז ניט שווער איינצוזען, אז קיין איבערפּראָדוקציע פון באַנקנאָטן קאָן אויך ניט געמאָלט זיין.

גאָר אַנדערש איז עס אָבער מיט פאַפּיר-געלט,—אין איינגן זין פונם וואָרט: פאַפּיר-געלט מיט א צוואַנג-קורס. זיי לאָזט ארויס די מעלוכע אף צו דעקן אירע אייגענע הויצאָעס: די הויצאָעס זיינען באַזונדערס גרויס אין עפּאָכעס פון מילכאָמעס און רעוואָלוציעס, ד. ה. דאַפּקע דאַן, ווען אירע האַכנאָסעס פאַלן ביזן מינימום.

הייסט עס, אַז ס'איז אומפאַרמיידלאַך אַרויסצולאָזן זיי אין אלך א גרעסערער מאָס. אינ-דערעמעסן, מאַכמעס דעם צו גרויסן ארויסלאָז פון פאַפּיר-געלט, ווערן די סכוירעס, וואָס די מעלוכע דאַרף האָבן, טייערער. מוז מען אויך העכערן (כאָטש ניט אין אזאַ מאָס) דאָס געהאַלט פאַר די באַאַמטע א. א. וו. אַזוי ארום וואַקסן די הויצאָעס. וואַקסט, הייסט עס, אויך דער ארויסלאָז פון פאַפּיר-געלט. מאַכמעס דעם וואַקסן ווייטער די הויצאָעס פון דער מעלוכע נאָך אין א גרעסערער מאָס ז. א. וו.

דידאָזיקע פאַרשטאָפּונג פון די פאַרקער-קאַנאַלן מיט פאַפּיר-געלט (מיט א צוואַנג-קורס) איז נאָך ביפראַט אומפאַרמיידלאַך דערפאַר, וואָס זייער צעבייט-פייאיקייט, האַגאַם זי ווערט „גאַראַנטירט" ניט זעלטן מיטן „גאַנצן פאַרמעגן" פון דער מעלוכע, איז דאָך אין טאָך זייער שוואַך גאַראַנטירט.

אינדערעמעסן, דאָס פאַפּיר-געלט גייט אָן נאָר אינעווייניק אין לאַנד, און די בירגער פון לאַנד קאָנען דאָך ניט אָפּנעמען באַ דער מעלוכע איר גאַנצן פאַרמעגן, ווען אפילע זיי זאָלן דאָס ווילן.

אויסערדעם איז דער מעלוכישער פאַרמעגן געוויינטלאַך זייער באַשיידן אין פאַרגלייך מיט דער נאָמינאַלער סומע פונם פאַפּיר-געלט, וואָס די מעלוכע לאָזט ארויס „אין שלעכטע צייטן". ס'איז דאָך קלאָר, אז דער פאַרמעגן פון דער מעלוכע איז בעשום אויפן ניט דאָס האָב פון אירע בירגער אין לאַנד.

די בורזשואַזע מעלוכע, און וועגן איר גייט דאָך די רייד אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועט ניט פאַרקויפן דאָס האָב פון אירע בירגער, קעדיי צו באַצאָלן איר פאַפּירענעם געלט-כויוו. דערצו נאָך, וועמען איז זי שולדיק? ווייטער טאַקע דערזעלביקער באַפעלקערונג; קומט אויס, אז קעדיי צו באַצאָלן איר כויוו, מוז זי פאַרקויפן דאָס האָב פון איר אייגענעם קרעדיטאָר. דער אויפן, ווי אזוי צו דעקן דעם כויוו, איז ניט בלויז אייגנאַרטיק, נאָר ער איז אויך ניט גאָר אָנגענעם פאַרן קרעדיטאָר, — און דעריבער, דאַרף מען מיינען, אַז ער וועט ניט ארויסווייזן קיין גרויס אַקשאָנעס אין זיין פאָדערונג אזוי צו באַצאָלן אים דעמדאָ-זיקן כויוו.

וואָס ס'איז שאַיעך צו די מעלוכישע ערדן, זיינען זיי אויך ניט קיין סאָלידע גאַראַנטיע אף צו באַצאָלן דעמדאָזיקן כויוו—ביפראַט, אז זיי ליגן אָפּט ווייט פון די מער באַפעלקערטע געגנטן און דעריבער קאָן מען פאַר זיי פיל ניט אויסלייזן, באַזונדערס באַ א מאַסן-פאַרקויף.

בלייבן נאָר די האַכנאָסעס פון די אונטערנעמונגען, געוויינטלאַך זייער באַשיידענע האַכנאָסעס, ווייל מעלוכישע אונטערנעמונגען, אלס קלאַל, ברייגען זייער א קליינעם רעוואך, און שטייערן, אַקציזן א. א. וו. קומען אריין אין אזא צייט אויך ניט זייער אין א גרויסער מאָס.

אַזוי ארום זעען מיר, אַז האַגאָם אי קרעדיט-געלט, אי פּאַפּיר-געלט (מיט א צוואַנגקורס) דרוקן זיך אָף פּאַפּיר, האַגאָם אי די, אי יענע דינען פאַרן געלט-פאַרקער, איז דאָך אָבער צווישן זיי א גרויסער עקאָנאָמישער כילעק. דערביי טאָר דער עקאָנאָמיסט קיינמאָל ניט פארבלענדט ווערן פון דער אויסערלאַכקייט, און ניט יעדן געלט, וואָס אָף אים שטייט געשריבן, אַז דאָס איז קרעדיט-געלט, זאָל ער טאַקע האַלטן פאַר קרעדיט-געלט. ביפראַט, אַז ניט זעלטן טרעפט, ווען דאָס קרעדיט-געלט האַלט איין זיין נאָמען, און ווערט דאָך פאַרוואַנדלט אין פּאַפּיר-געלט, אַזוי, צ. ב., ביז דער מילכאָמע זיינען די רוסישע קרעדיטבילעטן געווען, אין טאָך, באַנקנאָטן (האַגאָם ווייט ניט קיין פרייע פון דעפעקטן), און נאָך דעם אָנהויב פון דער מילכאָמע, פּינקטלאַכער — נאָכן 27 יולי 1914 יאָר, האָבן זיי עמעס טאַקע דערהאַלטן זייער פריערדיקן נאָמען, און דאָך זיינען זיי אין טאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאַפּיר-געלט.

דער עקאָנאָמיסט דאַרף אונטערשיידן קרעדיט-געלט פון פּאַפּיר-געלט ניט לויט דעם, וואָס אָף דעם איז אָנגעשריבן, נאָר לויט זיין אנטשטייאונג און פונקציע. אויב דאָס איז אַנטשטאַנען פון סכוירע-פאַרקער און איז באַשטימט אים צו באַדינען, האָבן מיר פאַר זיך — קרעדיט-געלט; אויב אָבער ס'איז באַשטימט צו דעקן די הויצאָעס פון דער מעלוכע, האָבן מיר פאַר זיך — פּאַפּיר-געלט. ניט ענדערנדיק זיין טאָך, קאָן קרעדיט-געלט ניט ווערן אומצעבייטלאַך, דאָס פּאַפּיר-געלט אָבער מוז סאָפּקאָלטאָף ווערן אומצעבייטלאַך, באַזונדערס אין פאַל, ווען דער מעלוכע-אָרגאַניזם ווערט אופגעטרייסלט.

ב) די פּאַפּירענע פאַרפליצעניש און די אינדוסטרי.

דער אנטוויקלונג-פּראָצעס פון פּאַפּיר-געלט רופט זיך אָפּ זייער שעדלאַך אָף דער גאַנצער אינדוסטרי, נאָר באַזונדערס פּאַטערט ער אוועק, בא די איבעריקע גלייכע באַדינגונגען, די העכסטע פאַרם פון דער אינדוסטרי, די גרויס-פּראָדוקציע.

ער גראָבט זי אונטער איבער צוויי טאָמים. ערשטנס, די גרויס-אינדוסטרי ארבעט אָפּט נאָר אָף באַשטעלונג (צ. ב., לאָקאָמאָטיוו-פאַבריקן און אנדערע זאַוואָדן, וואָס ארבעטן אויס מעכטיקע און טייערע מאַשינען); צווייטנס, די גרויס-אינדוסטרי נויטיקט זיך אין גרויסע פּאָרמיעס רוווארג און הילף-מאַ עריאלן און דעריבער איז זי געוויינטלאַך געצווונגען צו ווענדן זיך צו פאַרשיידענע מינים ליווערצנטן. די טנאָאים פון דער באַשטעלונג קאָנען זיך זיין זייער גוטע אין מאָמענט, ווען מע שליסט דעם אָפּמאַך, אָבער צום מאָמענט, ווען מע גיט איבער די באַשטעלונג און מע באַקומט דאָס געלט פאַר איר, קאָנען זיי ווערן זייער שלעכטע, איבער דעם, וואָס די קויף-קראַפט פון אן איינסל פּאַפּיר-געלט פאַלט צו יינער צייט. די ליווערצנטן, וועלכע האָבן זיך פריער געריסן צו באַקומען די באַשטעלונג אָף דער גרויסער אונטערנעמונג, הויבן אָן אויסווייכן זיי, טאַקע צוליבן זעלביקן טאַם. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען, ווי די אייגנטימער פון די קוילן-גרובן, — וועלכע האָבן זיך פריער געפלייסט צו באַקומען די ליווערונג פון קוילן פאַר די אייזנבאַנען, האָבן אין אָנהויב 1917 יאָר, ווען דער רובל האָ: גענומען שטאַרק פאלן, אָנגענומען אלע מיטלען אָף צו צערייסן די קאָנטראַקטן, וואָס זיי האָבן געשלאָסן מיט די אייזנבאַנען.

אַלזאָ, דאָס וואָס די פאַבריקן לוינט ניט צו נעמען גרויסע באַשטעלונגען אָף אַ לייגערן טערמין, און די אוממעגלאַכקייט פון זייער אופבליאונג בא קליינע באַשטעלונגען; די

שווערקייט צו געפינען גרויסע ליוועראנטן, — די שטענדיקע דייגע און די אומזיכערקייט דערין, צי מע וועט קריגן אזויפיל רוּוואַרג און הילף-מאטעריאלן, וויפל ס'איז נויטיק, אויב ס'קומט אויס ארבעטן מיט קליינע און צופעליקע ליווערא נטן, — דאָס אַלץ רייסט גוואַלדיק אונטער די גרויסע אינדוסטרי אין די עפּאָכעס, ווען סע וואַקסט קאַטאַסטראָפיש די אנטווערטונג פון געלט.

ס'האָט געקאָנט דוכטן, אַז דידאָזיקע שווערקייט האָט געקאָנט מיט ערפאָלג גוויוועט זיין דער כעשבן אף גאָלד (ביטנײ, מע זאָל אויסצאָלן מיט פּאַפּירלאַך). אין באַזונדערע פאַלן — יאָ; אין אלגעמײן אָבער — ניין.

אינדערעמעסן, „דער כעשבן אף גאָלד" הייסט, אַז דער, וואָס דאַרף באַקומען פּאַפּירלאַך, וועט זיי באַקומען אין אַ גרעסערן סכום, איידער ער וואָלט זיי באַקומען אין פאַרקערטן פאַל. אָבער קעדיי צו האָבן די מעגלאַכקייט באַקומען מער פּאַפּירלאַך, דאַרף מען זיי מער דרוקן. הייסט עס, אַז דער איבערגאַנג צום גאָלד-כעשבן פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם פּאַפּיר-מאַבל, ד. ה. יענע קריינק, וואָס מע דאַרף קלאָמערשט היילן.

די צווייטע סיבע, פאַרוואָס די גרויס-פּראָדוקציע ווערט כאָרעוו, ווען דער רובל (מאַרק, פראַנק א. א. וו.) פאַלט, באַשטייט דערין, וואָס די גרויסע פּראָדוקציע שטויסט ארויס מיט פולן ערפאָלג די קליין-פּראָדוקציע נאָר דאַן, ווען זי האָט אַ גענוג ברייטן מאַרק. אַלס קלאַל קומט עס פאָר נאָר דאַן, ווען סע איז דאָ אַ גענוגער באַן-פאַרקער, וועלכער שטעלט צו די סכוירעס אַהין, ווו מע דאַרף. אָבער דער גרויסער ארויסלאָז פון פּאַפּיר-געלט הויבט זיך אָן געוויינטלאַך בעשאס אַ מילכאָמע, וועלכע שוואַכט אָפּ די פּראַכט-פייאיקייט פון די באַנען, און דערמיט נעמט זי אָפּ בא דער גרויס-אינדוסטרי איינעם פון די נויטיקסטע טנאָאים פאַר איר וווּקס און אויפבלי.

אַלזאָ, אין דער עפּאָכע, ווען סע פאַלט (שנעל) דער קורס פונם געלט, ליידט די גרויס-אינדוסטרי אַסאַך שטאַרקער, איידער די קליין-אינדוסטרי, און איידער דער האַנדל, וואָס האָט אַ גרעסערע מעגלאַכקייט שנעלער צו ענדערן די פרייזן פון די סכוירעס. דאָס איז איינע פון די סיבעס, פאַרוואָס אין אַן עפּאָכע פון יאַקרעס הויבן די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אָן צו טראָגן אַלץ מער און מער ספּעקולאַטיוון כאַראַקטער. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך, אַז איבער די סיבעס, וואָס זיינען אָנגעוויזן געוואָרן אויבן בענוגייע צו דער פּראָדוקציע, הויבט אָן די קליין-אינדוסטרי באַקומען אייניקע מיילעס אין קאַמף פאַרן קיעם אנטקעגן דער גרויס-אינדוסטרי, און סע קומט פאָר אַן אייגנאַרטיקע דעמאָקראַטיזאַציע פון דער ספּעקולאַציע.

בעקיצער, די פּאַפּירענע פאַרפלייצעניש ברענגט דערצו, אַז (אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט) דאָס ווירטשאַפטלאַכע לעבן פון לאַנד הויבט אָן צו רעגרעסירן (גיין אף צוריק) און, הייסט עס, די נידעריקערע פאָרמען פונם ווירטשאַפטלאַכן לעבן הויבן אָן ארויסשטויסן די העכערע. דאָס לעצטע איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך: אויב פּראָגרעס (גיין פאָרויס) באַשטייט דערין, וואָס די העכערע פאָרמען שטויסן ארויס די נידעריקערע, באַשטייט דער רעגרעס אין אַ קעגנזועצלאַכן פּראָצעס, ווען די העכערע פאָרמען ווערן ארויסגעשטויסן פון די נידעריקערע.

ג) דער יאַקרעס, דער פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע.

די אנטווערטונג פון געלט, וואָס נעמט זיך פון צופיל פּאַפּיר-געלט, טרעפט פאַרשיידענע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג ניט אין אַ גלייכער מאָס. ווען מע זאָל האָבן אין אויג די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט — און פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט דאָך צו טאָן נאָר מיט איר, — וועלן די קרעדיטאָרן, אַשטייגער, פאַרלירן פון דער אנטווערטונג פונם געלט זייער פיל, און די דעביטאָרן וועלן נאָר געווינען, ווייל, באַצאָלנדיק נאָמינאַל (אפן פּאַפּיר) די

סומע פון זייער כויוו, וועלן זיי רעאַל, אַף גאָלד גערעכנט, צאָלן ווייניקער, איידער זיי האָבן געליגן.

לאָמיר זיך איצט נעמען קלאָר מאכן, וועלכער קלאַס ליידט אמשטאַרקסטן פונם צו-גרויסן פאַלן פון די פרייזן אַף געלט אָדער, מיט אנדערע ווערטער, פונם צו-גרויסן טייערער ווערן פון די סכוירעס, אנדערש גערעדט—פונם יאקרעס.

ס'איז קלאָר, אַז פונם פאַלן פונם געלט-קורס ליידן אמשטאַרקסטן די מענטשן, וועלכע באַקומען אַ באַשטימטע (פיקסירטע) האַכנאָסע. דאָס זיינען דעריקער די מענטשן, וועלכע לעבן אָדער האָבן געלעבט (פאַנסיאָנערן) פונם פאַרקויפן זייער אייגענע אַרבעט-קראַפט. דער יאַקרעס (אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט) דריקט זיך אויס דעריקער דערין, וואָס דער אַרבעט-לוין שטייט אָפּ פונם וווּקס פון די מעקאָכים אַף די געברויך-זאַכן. וואָלט אַזוי ניט געווען, ווען סע וואָלט פאָרגעקומען נאָר דאָס, וואָס די זאַך, וועלכע האָט פריער געקאָסט אַ גראָשן, קאָסט איצט, זאָל זיך זיין, אפילע אַ טריליאָן, וואָלט דערפון מאַמאָשעסדיק קיינער ניט געליטן, ווען דעם טריליאָן וואָלט מען געקאָנט אַזוי לייכט קריגן, ווי פריער דעם גראָשן. אָבער די מייסע איז, וואָס דאָס איז ניט אַזוי, וואָס דער וווּקס פונם אַרבעטסלוין דעריאָגט ניט דעם וווּקס פונם יאַקרעס.

שוין פונם אויבן-געזאָגטן איז קלאָר, אַז דער יאַקרעס טרעפט דעם פּראָלעטאַריאַט שטאַרקער, איידער די בורזשואַזיע. דאָס ווערט נאָך פאַרשטענדלאַכער דערפון, וואָס ווען אפילע די בורזשואַזיע פאַרשפּילט אַלס געברויכער, געווינט זי אָבער אַף דער פרייז פון די פּראָדוציר-מיטלען, וואָס געהערן צו איר: מיטן וווּקס פונם יאקרעס ווערן אַלץ העכער און העכער די פרייזן פון אירע פּראָדוציר-מיטלען. אַוואדע, קאָן אויך דער אַרבעטער האָבן אַ געוויסן פאַרמעגן, וועלכער וועט אויך אַלץ וואַקסן אין פרייז. אָבער, אַלס קלאַל, האָט די בורזשואַזיע מער פאַרמעגן, איידער דער פּראָלעטאַריאַט, הייסט עס, אַז זי שפּילט אויס אַפן וווּקס פון זיינע פרייזן מערער.

ווייטער. די לאַגע פון די אַרבעטער אין דער עפּאָכע, ווען סע פאַלט דער געלט-קורס, ווערט ערגער נאָך דערפאַר, וואָס דאָס דאָזיקע פאַלן,—ווי מיר האָבן געזען,—רייסט זייער שטאַרק אונטער די גרויס-אינדוסטריע,—דעמדאָזיקן יעסאָד פאַר דער עקזיסטענץ פונם סאַמע טיפּישן טייל פונם אַרבעטער-קלאַס, פונם פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט.

אַף דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע פונם אַרבעטער-קלאַס אין דער עפּאָכע, ווען סע וואַקסט דער יאַקרעס, ווירקט נאָך אָט וועלכער אומשטאַנד.

ווען סע ווערן אַנטדעקט, לעמאָשל, נייע גאָלד-גרובן, רייכערע פון די, וואָס האָבן פריער פונקציאָנירט, וועלן אומפאַרמיידלאַך טייערער ווערן אַלע סכוירעס, ד. ה. די פרייזן זייערע, אויסגעדריקטע אין גאָלד, וועלן העכער ווערן. דאָס וועט פאָרקומען ניט מיטאַמאָל און בעשום אופן ניט איינצייטיק פאַר אַלע סכוירעס און געגנטן. קודעמקאָל וועט העכער ווערן די פרייז פון יענע סכוירעס, וועלכע דינען פאַר פערזענלאַכן אָדער פּראָדוקציאָנעלן געברויך פון די פערזאָנען, וואָס זיינען פאַרנומען אין דער גאָלד-אינדוסטריע. דערנאָך וועלן זיך הויבן די פרייזן פון יענע סכוירעס, וואָס ווערן געברויכט פון די אַרבעטער און אונטערנעמער, וועלכע פּראָדוצירן סכוירעס פאַרן פערזענלאַכן אָדער פּראָדוקציאָנעלן געברויך פון די פערזאָנען, וועלכע אַרבעטן אין דער גאָלד-אינדוסטריע. נאָכדעם יענע סכוירעס, וועלכע ווערן געברויכט (פערזענלאַך אָדער פּראָדוקציאָנעל) דורך די פערזאָנען פון דערדאָזיקער צווייטער קאַטעגאָריע א. א. וו., דערביי וועט דער יאַקרעס זיך אָנהויבן אין די ראַיאָנען פון די גאָלד-גרובן און וועט ביסלאַכוויים אַרומכאַפּן אַלע איבעריקע לענדער. ווי גרויס סע איז דער יאַקרעס אין די ערטער פון אַזעלכע נייע גרובן, בעאייס אינם איבעריקן טייל פונם לאַנד האָט מען אַפילע דערפון קיין אַנונג ניט, זעט מען דערפון, וואָס

אַלע באַלמעלאָכעס, וואָס וואוינען אינם ראַיאָן פון אַזעלכע גרובן, — אויב זיי זיינען ניט קראנק געוואָרן מיט „גאָלד־פיבער", ד. ה. זיי האָבן זיך ניט אוועקגעלאָזט זוכן גאָלד, — ווערן רייך אַסאַך גיכער און זיכערער, איידער דער דורכשניטלאכער גאָלדזוכער, האַגאַם אינם איבעריקן טייל פונם לאַנד איז די לאַגע פון אזעלכע באַלמעלאָכעס ניט צו מעקאַנע זיין.

אין די עפּאָכעס פון פּאַפּיר־געלט־פאַרפלייצעניש איז דער מאָקער פון נייע געלט־מיטלען די רעגירונג און, הייסט עס, אַז די פאַרפלייצעניש הויבט זיך אָן פון די גרעסערע שטעט אין לאַנד. דערדאָזיקער שטראָם פון נייע געלט (און פון יאַקרעס) דערקייקלט זיך גיכער צו די איבעריקע גרויסע שטעט פון לאַנד, איידער צום דאָרף, איבער דעם, וואָס די שטעט זיינען איינג פאַרבונדן מיט דער הויפּט־שטאָט אי דורך די אייזנבאַנען, אי עקאָנאָמיש, ווייל זיי זיינען די אינדוסטרי־צענטרען, וואָס זייערע פאַבריקאַטן זיינען אזוי נויטיק דער רעגירונג, אַז אָדער זי פראָדוצירט זיי אליין אָדער זי קויפט זיי פאַר גרויסע און אַלץ וואקסנדיקע מעקאָכים.

אַזוי ארום קומט אויס, אַז בעאייס איבער דער הויפּט־שטאָט קייקלט זיך שוין, לאָמיר זאָגן, די פינפטע כוואַליע פונם שטייגנדיקן יאַקרעס, אין די איבעריקע גרויסע שטעט די פערטע, האָט נאָך ביזן דאָרף ניט דערגרייכט די דריטע, און ביזן דאָרף, וואָס ליגט באַם ראַנד פון דער מעלוכע, אַפילע די צווייטע. אַלזאָ, די שטאָט־לייט, באַזונדערס די איינוואוינער פון די גרויסע צענטרען, דאָרטן, ווו סע וואוינען דעריקער אַרבעטער, טרעפט דער יאַקרעס שטארקער, איידער דאָס דאָרף.

מע דארף נאָך אָטוואָס זאָגן. נאָמינאַל, ד. ה. ווען מען זאָל נעמען אין אכט נאָר דעם נאָמען פון דער געלט־סומע, וואַקסט אויס די פרייז פון אלע סכוירעס אין דער עפּאָכע פונם פאַלנדיקן קורס, נאָר ווען מע זאָל אריבערפירן די פרייזן פון דידאָזיקע סכוירעס אַף אַ רעאַלע, גאָלדענע וואלוטע, איז אָפּט ניט בלויז וואָס זיי וואקסן ניט, נאָר זיי פאַלן נאָך און שטייען געוויינטלאַך נידעריקער פון די וועלט־פרייזן אַף דיזעלביקע סכוירעס. דאָס דערקלערט, למאָשל, פאַרוואָס דאָס צעשלאָגענע, עקספּלואַטירטע, האַלב־כאָרעווע דייטשלאַנד פירט אַפּן וועלט־מאַרק אַ גאַנץ ערפאָלגרייכן קאַמף ניט בלויז מיט פראַנקרייך, נאָר אויך מיט דער הויך־אינדוסטריעלער איינגלאַנד. סע פאַלן ניט די פרייזן, דעריקער, נאָר פון יענע סכוירעס, וואָס זייער פראָדוצירן איז געשטעלט געוואָרן אין באַזונדערס אומגינסטיקע באדינגונגען, וואָס באַם פראָדוצירן זיי ארבעט דאָס ראָוו פאַבריקן פונם לאַנד אַסאַך וויניקער פון דער נאָרמע, וואָס איז געווען פריער א. א. וו. ווען אָבער דאָס ראָוו סכוירעס איז געפאַלן אין זיין (גאָלדענער) פרייז, איז פאַרשטענדלאַך, אַז דער ארבעטער וועט אַף זיין נישטיקן (גאָלדענער) ארבעט־לוין קאָנען קויפן מער סכוירעס, איידער דאמאָלס, ווען ס'וואָלט אַזוי ניט געווען.

ס'וואָלט אָבער געווען גאָר ניט ריכטיק צו לאָזן זיך פאַרפירן פון דער ווירקונג פונם דאָזיקן אומשטאַנד אַף דעם אַרבעטס־לוין. די סכוירעס פאַלן דאָך אין זייער פרייז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דאַפקע דערפאַר, וואָס דער ארבעטס־לוין פון די ארבעטער, וועלכע זיינען פאַרנומען באַ דער פראָדוקציע פון דידאָזיקע סכוירעס, פאַלט נאָך נידעריקער, און דייטשלאַנד, הייסט עס, קאָן פירן אַן ערפאָלגרייכן קאָנקורענץ־קאַמף מיט פראַנקרייך און איינגלאַנד מיט אַ באדייטנדיקער מאָס דאַפקע דערפאַר, וואָס די לאגע פון איר ארבעטער־קלאַס איז פאַרערגערט געוואָרן אין אַ גרעסערער מאָס, איידער די לאגע פונם פראָלעטאַריאט אין דידאָזיקע לענדער.

דעם יאַקרעס, וואָס ווערט אַרויסגערופן פון דער פּאַפּיר־געלט־פאַרפלייצעניש, קאָן מען באַשטימען אָט ווי אזוי: נאָמינאַל ווערן זייער טייער אַלע סכוירעס, די ארבעטס־קראפט ווערט טייער וויניקער פון אלע איבעריקע סכוירעס,

אין פאַרגלייך אָבער מיט די וועלט-פּרייזן קומט געוויינטלאַך פאַר אַ נידערונג פון די פּרייזן אַף סכוירעס, די פּרייז פון ארבעט-קראַפט פאַלט נידעריקער מער פון אלע אנדערע סכוירעס.

בעכיין, פון אַלע קלאַסן פון דער באַפעלקערונג ליידט דער פּראָלעטאַריאַט מער פון אַלע אַנדערע פונם צו גרויסן אַרויסלאָזן פּאַפּיר-געלט. דער אַרויסלאָז פון פּאַפּיר-געלט איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַ מיטל איבערצולייגן אַ מעגלאַכסט גרעסערן טייל פון די מיליטערישע הויצאָעס דאַפקע אַפן ארבעטער, און דעריבער איז דער אַר-בעטער-קלאַס מער פון אַלע איבעריקע קלאסן פון דער באַפעלקערונג פאַראינטערעסירט, אַז דער פּאַפּיר-שטראָם, וואָס איז ארויס פון די ברעגעס, זאָל צוריק אריין אין זיינע ברעגעס.

אָבער, סע איז פאַרשטענדלאַך, אַז די אנטווערטונג פונם פּאַפּיר-געלט שלאָגט גאַנץ שטאַרק אויך איבער דער בורזשואַזיע פון די לענדער, ווו די וואלוטע ווערט אַלץ מער אנטווערטיקט.

די בורזשואַזיע פון די לענדער מיט אַ פאַלנדיקער וואַלוטע מוז זיך יאָגן נאָך אַ גוּ-טער אויסלענדישער וואַלוטע. אין געיעג נאָך איר פאַרקויפט זי אויס לעפּיערעך זייער ביליק אירע קונסטווערק, שלעסער, הייזער א. א. וו. א. א. וו. זי פאַרקויפט אויך אַלע אַקציעס, וואָס זי האָט, סיי פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און סיי פון קרעדיט-אונ-טערנעמונגען — און דאָס האָט נאָך אַ גרעסערע עקאָנאָמישע באַדייטונג. די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן קויפן אויס באַזונדערס גערן די אַקציעס פון די ביינק, וואָס שטייען אין צענטער פונם גאַנצן אינדוסטריעלן לעבן פונם לאנד און זיי ווערן, אַזוי ארום, די באַלע-באַטים פונם לאַנד. דאָס קאָן מען זעען אין אלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט אַ פאַלנ-דיקער וואלוטע: אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין פוילן און אין אונגאַרן.

אַזוי ארום זעען מיר, אַז די וואקסנדיקע אנטווערטונג פון פּאַפּיר-געלט שלאָגט זייער שטאַרק אי איבער דער אינדוסטריע, אי איבערן האַנדל, באַזונדערס אין זייערע העכערע פאָרמען, אי איבערן פּראָלעטאַריאַט, אי איבער דער בורזשואזיע.

דאָ איז קיין אָרט ניט צו רעדן וועגן די מיטלען, דורך וועלכע מע קאָן דערפון פאַ-טער ווערן, ווייל זיי ליגן אויסער די גרענעצן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, זיי זיינען שאַיעך צום געביט פון דער פינאַנץ-וויסנשאַפט און ניט פון עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

מיר וועלן נאָר באמערקן, אַז ביז איצט האָט עס ניט געטראָפן, אַז אַוועלכע ניט איז מעלוכע זאָל אונטערגיין איבער דער פאַרפלייצעניש פון פּאַפּיר-געלט. דידאָזיקע קריינק איז אַ שווערע און אַ פיינלאכע, זי איז אָבער אַבסאָלוט ניט שטערבלאַך.

ד) די פונקציע פון געלט.

צום שלוס וועלן מיר זאָגן עטלאַכע ווערטער וועגן די פונקציעס פון געלט, און פאַר וועלכע פון זיי סע טויג אויסשליסלאַך מעטאַלישע געלט און אין וועלכע פאַלן קאָן אויך דינען פּאַפּירענע געלט.

1. געלט דינט אַף אויסצומעסטן די פּרייזן. פאַר דעם צוועק דינט נאָר מעטאַלישע געלט. אינדערעמעסן, ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז אויב די ווערט פון גאָלד וואָלט אין צוויימאָל פאַלן (ד. ה. ווען ארויסצובאַקומען איין און דעמזעלביקן סכום גאָלד, וואָלט מען דארפן האָבן אין צוויימאָל וויינקער מענטשלאכע ארבעט), וואָלטן זיך (אין אַ געווי-סער צייט ארום) אין צוויימאָל אופהויבן די פּרייזן פון אלע סכוירעס.

ס'פאַרשטייט זיך, מע קאָן אויסמעסטן אפילע מיליאַרדיקע פּרייזן, ניט באַזיצנדיק קיין פיצל רעאַלן גאָלד, אַזוי ווי מע קאָן אויסמעסטן די הייך פון אַ טורעם, ניט צולייגנדיק דירעקט צו אים אן אַרשין. בעכיין, אַף אויסמעסטן ווערט דינט נאָר מעטאַל (גאָלד), אָבער ניט קיין רעאַל גאָלד, נאָר וואָס שטעלט זיך פאָר אין דימיען. דידאָזיקע ווערט קאָן

איבערגעפירט ווערן אַף דער שפּראַך פון פּאַפּיר-געלט (כאָטש אפילע אנטוועד-טיקטע), דערפון באקומט זיך די אילוזיע, אַז ווערט קאָן אויסגעמאָסטן ווערן אויך דורך פּאַפּיר-געלט.

2. געלט דינט צו זאַמלען אוצרות. סע איז גאַנץ קלאָר, אַז צוליב דעם-דאָזיקן צוועק קאָן דינען ווייטער טאַקע נאָר מעטאַלישע געלט. דער, וואָס קלייבט זיינע אוצרות אין פּאַפּיר-געלט, קאָן באַ אַ גרויסער עמיסיע (ארויסלאָז), פאַרלירן דידאָזיקע אוצרות און בלייבן נאָר אַן אייגנטימער פון פאַרשיידנפאַרביקע פּאַפּירלאַך.

3. געלט דינט אַלס פאַרקער-מיטל פון סכוירעס, אַלס מיטל צו קויפן זיי. צוליב דעמדאָזיקן צוועק דינען אי מעטאַלישע, אי פּאַפּירענע געלטן, אַף וויפל די לעצטע שטעלן פאָר דאָס גאָלד.

4. אויסערדעם ווערט נאָך געלט געברויכט אַלס צאָל-מיטל. ווען מר קויפן עפּעס אַ סכוירע, צאָלן מיר ניט זעלטן באַלד אָפּ פאַר איר. אָבער פון שטאַנדפּונקט פון עקאָנאָמישער טערמינאָלאָגיע, וואָלט גאָר ניט ריכטיק געווען צו זאָגן, אַז דאָס געלט איז דאָ אַ צאָל-מיטל. דאָ טרעט דאָס געלט ארויס אַלס אַ קויף-מיטל. אַ צאָל-מיטל איז דאָס נאָר דאַן, ווען דער אָפּצאָל ווערט געמאכט אין אַשטיקל צייט שפּעטער נאָך דער קניע, ווען סע דינט שוין אַף אויסצעצאָלן דעם כויוו.

5. גאָלד איז אויך וועלט-געלט. פריער האָבן דידאָזיקע ראָליע אויסגעפילט סיי גאָלד, סיי זילבער. איצט פילט עס אויס אויסשליסלאך גאָלד. אַף דער וועלט-אַרענע טרעט ארויס דאָס געלט אויסשליסלאַך אַלס מעטאַלישע געלט און ווייזט ארויס זיינע אייגנטימלאַכע שטריכן.

דאָס וועלט-געלט פונקציאָנירט, אַלס אַן אַלגעמיינער קויף-מיטל, אַלס אַן אלגעמיינער צאָל-מיטל און אַלס אַן אַלגעמיינע פאַרקערפּערונג פונם מאַטעריעלן רייכטום. דעריקער איז — די פונקציע פון אַ צאָל-מיטל, וואָס דינט אַף צו דעקן די צווישנפעלקערלאַכע כעש-בוינעס, ריכטיקער—אַף צו דעקן די דיפערענץ צווישן זיי. אַלס אַן אלגעמיינע פאַרקערפּערונג פון רייכטום, טרעט ארויס דאָס וועלט-געלט אין געלט-האַלוואָעס, וואָס איין מע-לוכע מאַכט דער צווייטער, צ. ב. אַף פירן מילכאָמעס, אַף אופצושטעלן די גאָלדענע וואַ-לוטע א. א. וו.

דער גאָלדענער (און זילבערנער) שטראָם, אָפּגייענדיק פון זיין קוואַל, צעגיסט ער זיך איבערן גאַנצן וועלט-מאַרק, ער זאַפּט זיך איין אין אַ פאַרשיידענער מאָס אין פאַרשיידענע ספערעס פון נאַציאָנאַלן פאַרקער, ער פאַרבייט די אָפּגעניצטע גאָלדענע און זילבערנע מאַטבייעס, ער שטעלט צו מאַטעריאַל פאַר לוקסוס-זאַכן און ווערט פאַרגליווערט אין דער געשטאַלט פון אוצרות. דידאָזיקע באַוועגונג קומט פאָר דורך אַ דירעקטן אומבייט פון נאַציאָנאַלער ארבעט, וואָס ווערט רעאַליזירט אין איידעלע מעטאַלן, אין די לענדער, וואָס פּראָדוצירן גאָלד און זילבער.

IV אָפּטייל. — די טעאָריע פון מערווערט

וואָס אומבאַשטרייטבאַרער סע טרעט ארויס די ריכטיקייט פון דער טעאָריע פון אַרבעט-ווערט, אַלץ טשיקאַווער ווערט די פראַגע: וויבאַלד די ווערט קומט אוף און עקזיסטירט אויסשליסלאַך אַדאַנק דער אַרבעט, איז פאַרוואָס זשע קומט זי אָן אַזוי ווייניק די אַר-בעטנדיקע עלעמענטן און אַזויפיל די ניט-אַרבעטנדיקע עלעמענטן? קעדיי דאָס צו פאַרשטיין, מוזן מיר זיך ווענדן צו דער טעאָריע פון מערווערט.

1. די ווערט פון ארבעטס-קראַפט

אף די מערק פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט אלץ פאַרקויפט און אלץ איז א סכוירע, און צווישן די איבעריקע סכוירעס ווערט פאַרקויפט אויך דער מאָקער פון אַרבעט — די ארבעט-קראַפט.

וויבאַלד די אַרבעט-קראַפט איז פונקט אזאַ סכוירע, ווי אַלע אַנדערע סכוירעס, וואָס ווערן אָפּגעזעצט אַפן מאַרק, איז קלאָר, אז איר ווערט מוז באַשטימט ווערן דורך דיזעל-ביקע געזעצן, וואָס די ווערט פון אַלע איבעריקע סכוירעס, ד. ה. דורכן סכום געזעל-שאַפטלאַך-נויטיקער ארבעט, וואס סע ווערט געפאָדערט אַף צו פראָדוצירן זי.

וואָס פאר א סכום אַרבעט ווערט געפאָדערט אַף צו פּראָדוצירן אַרבעט-קראַפט? ס'איז קלאָר, אַז אף צו פראָדוצירן זי איז נויטיק צו באזאָרגן דעם אַרבעטער מיט אַ געוויסן סכום שפּייז, מיט דירע, קליידונג א. א. וו. און ניט בלויז דעם אַרבעטער אַליין, נאָר אויך זיין פאַמיליע, ווייל אין קעגנפאַל, וואָלט ער, אַוועקגעבנדיק דער פאַמיליע א טייל פון זיין נויטיקן מינימום, ניט געקאָנט ארבעטן ווי סע דאַרף צו זיין.

אויסערדעם, ווען די ווערט פון אַרבעט-קראַפט וואָלט באשטימט ווערן נאָר דורכן ווערט פון יענע פראָדוקטן, וואָס סע געברויכט נאָר דער ארבעטער אַליין, וואָלט די קאַ-פּיטאַליסטישע פראָדוקציע געמוזט זיך גיך אָפּשטעלן, ווייל סע וואָלטן ניט זיין קיין נייע קאַדרען אַרבעטער.

דערביי איז פאַרשטענדלאַך, אַז העיויס ווי ווערט ביכלאַל, און, הייסט עס, אויך די ווערט פון ארבעט-קראַפט זיינען געזעלשאַפטלאַכע קאַטעגאָריעס (באַגריפן), ווערט די ווערט פון דער ארבעט-קראַפט באַשטימט דורך דער ווערט פון יענע פראָדוקטן, וואָס זייער געברויך איז א געוויינטלאַכע דערשיינונג פאַר די ארבעטער פון דער געגעבענער געזעלשאַפט מיט א צוגאָב דערצו די ווערט פון יענע פראָדוקטן, וואָס זייער געברויך איז געוויינטלאַך פאַר דעם אַרבעטערס פאַמיליע פון דער געגעבענער געזעלשאַפט. דערביי ווערט די פאַמיליע אָנגענומען אין דער צאָל, ווי זי איז **דורכשניטלאַך** פאַר אַן אַרבע-טער-פאַמיליע אין דער געגעבענער געזעלשאַפט.

די פרייז פון ארבעטס-קראַפט (אַרבעט-לוין) קאָן זיך אף לאַנג ניט אופהויבן העכער פון איר ווערט (די ווערט פון געזעלשאַפטלאַך-נויטיקע עקזיסטענץ-מיטלען פונם ארבעטער

און זיין פאַמיליע); זי קאָן אויך אף א לאַנגער צייט ניט פאַלן נידעריקער פונם דאָזיקן שטאַנד.

דאָס ערשטע וואָלט ארויסגערופן אַ צופלוס פון ארבעטער סיי פון אַנדערע לענדער, סיי פון די רייען פונם קליינבירגערטום, אַלס רעזולטאַט וואָלט די ארבעט-לוין אומפאַר-מיידלאַך געפאַלן. דאָס צווייטע וואָלט געבראכט צו א פאַרשטאַרקטער שטערבלאַכקייט און צו אַן עמיגראַציע פון די ארבעטער, אַלס פויעל-יוצע דערפון וואָלט זיך דער אַרבעט-לוין געהויבן ביז דער אָנגעוויזענער גאָרמע.

דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז דער אַרבעט-לוין שטייט אלעמאָל אַף איין און דערזעלביקער הייך. דער שטאַנד פונם ארבעטערס באַדערפענישן ווערט אַלץ העכער און העכער, כאָטש שוין דערפאַר אַליין, וואָס מיטן וווקס פון דער קולטורעלקייט פונם ארבעטער-קלאַס קומען בא אים צו נייע און סע פאַרשטאַרקן זיך די אַלטע „קולטור-באַדערפענישן".
אָבער דער וווקס פונם ארבעט-לוין שטייט גוואַלדיק אָפּ פונם וווקס פון דער האַכ-נאָסע באַ די צוויי איבעריקע קלאַסן: באַ דער בורזשואַזיע און ערד-אייגנטימער. דאָס איז אָבער גאָך ווייניק, דער וווקס פונם ארבעט-לוין שטייט זייער שטאַרק אָפּ פון דער אַנטוויקלונג פון די פראָדוקטיווע קרעפטן אין דער געזעלשאַפט, אזוי אַז וואס ווייטער, באַקומט דער ארבעטער אלץ א קלענערן און קלענערן ט י י ל פונם פראָדוקט, וואָס ער פראָדוצירט.

אַז דער וווקס פונם ארבעט-לוין שטייט גוואַלדיק אָפּ פונם וווקס פון דעם אַרבע-טערס באַדערפענישן; אז אויב דער ארבעט-לוין וואקסט, איז דאָס נאָר אדאַנק דעם פאַרביטערטן קאמף פונם פראָלעטאַריאַט — דערצו דארף מען גאָר אפילע קיין ראיעס ניט ברייגנען, אזוי קלאָר איז דאָס פאר יעדן אָביעקטיוון באַאָבאַכטער פון די דערשיינונגען אין געזעלשאַפטלאכן לעבן.

אויסערדעם, איז נויטיק צו באַמערקן, אַז דער וווקס פונם נ אָ מ י נ אַ ל ן אַרבעט-לוין (א י ן ג ע ל ט) איז באַדייטנדיק העכער פונם וווקס פונם ר ע אַ ל ן אַרבעט לוין, ד. ה. דעם סכום פראָדוקטן, וואָס דער ארבעטער קאָן קריגן פאר זיין פאַרדינסט. דאָס דערקלערט זיך אָט מיט וואס: וואָס קלענער דער פאַרדינסט, אַלץ א גרעסערער טייל זיינער גייט אוועק אַף שפייז-פראָדוקטן און דירע, וואָס די פרייזן זייערע שטייגן אָפט אלץ העכער אפילע אין דער עפּאָכע, ווען סע ווערן שטארק ביליק די אינדוסטרי-פראָדוקטן, וועלכע שפּילן אין הויצאָע-ביודזשעט פונם ארבעטער לעפּיערעך אַ באַשיידענע ראָליע. די סיבעס דערפון וועלן דערקלערט ווערן שפּעטער, אינם אָפּטייל וועגן רענטע.

און אויב סע איז ניטאָ וואָס צו מעקאַנע זיין די ארבעטער, וועלכע זיינען פאַרנומען אַף ארבעט, איז די לאַגע פון די אַרבעטלאָזיקע (רעזערוו-ארמיי), באַזונדערס באַ א לאַנג-דויערנדיקער ארבעטלאָזיקייט, מאמעש א שרעקלאכע.

מאַכמעס דעם אלעמען איז גאנץ פאַרשטענדלאַך, וואָס די שטאַרבלאַכקייט צווישן די אַרבעטער איז אסאַך העכער, איידער צווישן דער בורזשואַזיע און ערד-אייגנטימער, און וואָס א גוואַלדיק הויכן פּראָצענט אַרבעטער טראָגט אוועק דער טובערקולאָז — אַ קרייַנק, וואָס איז ווייניק באַקאַנט צווישן די מער באַזאָרגטע קלאַסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

2. וואָס איז אַזוינס מערוווערט און ווי אזוי זי בילדעט זיך אויס.

צווישן דער ארבעטקראַפט און אַ ל ע איבעריקע סכוירעס, וואָס צירקולירן אַפן מארק, איז פאַראַן איין וועזנטלאַכער אונטערשייד. אלע איבעריקע סכוירעס קאָסטן נ אָ ר ארבעט, זיי האבן נ אָ ר ווערט, די ארבעטקראפט אָבער איז נאָך, א ו י ס ע ר ד ע ם, אַ

מאַקער פון מענטשלאַכער (גזעועלשאפטלאך-נויטיקער) אַרבעט, הייסט עס, אויך פון ווערט. ס'איז נאַטירלאך, אז די גרייס פון דער ווערט, וואָס די ארבעט-קראפט האָט און וואָס זי פּראָדוצירט, קאָנען אויך ניט צונויפפאַלן. אַזוי, צ. ב., קעדיי צו פּראָדוצירן אַר-בעט-קראפט קאָן פארוועגדט ווערן איינגאנצן 6 שאָ אין א מעסלעס, און זי אַליין קאָן פונקציאָנירן 12 שאָ אין א מעסלעס.

אלזא, די צייט, וואָס דער אַרבעטער האָרעוועט (אין פאבריק א. א. וו.), זיין ארבעט-טאָג קאָן אין עקאָנאָמישער הינזיכט צעטיילט ווערן אַף צוויי טיילן — אף דער נויטי-קער ארבעט-צייט און אף דער מער ארבעט-צייט.

די נויטיקע ארבעט-צייט רופן מיר אָן יענע צייט, וואָס ווערט פארוועגדט אף צו פּראָדוצירן די ווערט, וועלכע איז גלייך צו דער ווערט פון יענע פּראָדוקטן, וואָס סע געברויכט דער אַרבעטער אליין (און זיין פאַמיליע); די מער ארבעט-צייט רופן מיר אָן דעם איבעריקן טייל פונם ארבעט-טאָג. מע קאָן אויך ריידן וועגן ארבעט נויטיקער און מער-אַרבעט.

דער פּראָדוקט, וואָס ווערט פּראָדוצירט אין מעשעך פון דער נויטיקער צייט, רופט זיך נויטיקער פּראָדוקט, אין מעשעך פון דער איבעריקער צייט — מער-פּראָדוקט.

די ווערט פון די פּראָדוקטן פונם ערשטן מין וועט זיין נויטיקע ווערט, די ווערט פון די פּראָדוקטן פונם צווייטן מין — וועט זיין מערווערט.

די מערווערט איז ניט בלויז דער וויכטיקסטער, נאָר אויך דער איינציקער מאָקער פונם אונטערנעמערס רעוואַך. די מערווערט איז אָ שטריך, וואָס כאראקטעריזירט די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאפט, אזוי, אז מארקס באשטימט דעם קאַפּיטאַל אַלס א ווערט, וואָס פּראָדוצירט מערווערט, אָדער, הייסט עס, אַלס א זעלבסשטייגנדיקע, זעלבסט-וואקסנדיקע ווערט.

אויב מערווערט איז דער סימען מווהעק פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, קאָן מען דאס אָבער ניט זאָגן וועגן מער-אַרבעט. מער-אַרבעט כאַראקטעריזירט אויך אַלע פאָרגייענדיקע עפּאָכעס, וואָס אויך דאמאָלס האָט איין מענטש עקספּלואטירט דעם צווייטן, אויסער סיידן די עפּאָכע פון קאַניבאַליזם (מענטשנפרעסעריי).

3. די אַבסאָלוטע און פארהעלטעניסמעסיקע מערווערט

די פארהעלטעניש פון מערווערט צו דער נויטיקער ווערט רופט זיך אָן מערווערט-נאָרמע אָדער עקספּלואטאַציע-נאָרמע, ווייל זי צייכנט אָן די פארהעלטעניש פון דער ניט באַלוינטער אַרבעט צו דער באַלוינטער אַרבעט, ד. ה. די מאַדרייגע פון עקספּלואַטאציע.

ס'איז קלאָר, אז בא אלע איבעריקע גלייכע טנאָאים, וועט זי זיין אלץ העכער, וואָס גרעסער סע איז דער סכום מערווערט (ניט באַלוינטע ארבעט).

די מערווערט קאָן שטייגן אונטער דער ווירקונג פון צוויי סיבעס — ערשטנס, דער סכום באַלוינטע צייט בלייבט דערזעלביקער, נאָר סע ווערט גרעסער די אַלגעמיינע ליינג פונם ארבעט-טאָג.

לאָמיר צ. ב. מעשאַער זיין, אַז די אלגעמיינע ליינג פונם אַרבעטס-טאָג איז טכילעס גלייַך געווען 12 שאָ; פון זיי זיינען געווען 6 שאָ באַלוינטע ארבעט און 6 שאָ אומבאַ-לוינטע. קלאָר, אז די מערווערט-נאָרמע וועט אין דעם פאַל גלייך זיין 100 %.

לאָמיר איצט מעשאַער זיין, אז דער ארבעט-לוין בלייבט דערזעלביקער, הייסט עס, אַז דער סכום באַלוינטע ארבעט ענדערט זיך ניט, און ווי פריער איז ער גלייך 6 שאָ, אָבער די אלגעמיינע ליינג פונם אַרבעטס-טאָג איז שוין 15 שאָ. ס'איז קלאָר, אַז דער

סכום מערווער ווערט זיך אין דעם פאַל אויך העכערן און וועט שוין ווערן ניט 6 שאָ, נאָר 9 שאָ.

די מערווערט-נאָרמע וועט שוין זיין ניט 100%, נאָר 150% (150% = 9/6).

דידאָזיקע פאַרגרעסערונג רופט זיך אָן דער וווקס פון דער אבסאָלוטער מערווערט.

אָבער מע קאָן זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן אויך אַן אַנדער פאַל, און ניט בלויז פאָרשטעלן, נאָר באַם אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם זעט מען אים אָפטער, איידער דעם ערשטן.

באַשטיין באַשטייט ער אָט אין וואָס: די לייַנג פונם אַרבעטס-טאָג ווערט ניט פאַרגרעסערט, נאָר, אַדאַנק דער ענדערונג פון דעם פּראָדוציר-אויפן, אַדאַנק זיין פאַרבעסערונג, וואַקסט אויס די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט, און יענער סכום פּראָדוקטן, אין וועלכן סע ווערט פאַרקערפּערט דער אַרבעטלוין, ווערט פּראָדוצירט גיכער איידער פריער.

לאָמיר נעמען דעם פריערדיקן ביישפּיל, ווען די אַלגעמיינע לייַנג פונם אַרבעטס-טאָג איז געווען 12 שאָ. אָבער, לאָמיר איצט זיך פאָרשטעלן, אַז דער סכום פּראָדוקטן, וואָס זייער ווערט דעקט דעם אַרבעט-לוין, ווערט שוין פּראָדוצירט ניט אין משך פון 6, נאָר אַדאַנק דער פאַרבעסערונג פון דער פּראָדוקציע, — אין משך פון 4 שאָ; קלאָר איז, אַז אין דעם פאַל וועט שוין די אומבאַלוינטע אַרבעט זיין ניט 6, נאָר 8 שאָ. די מערווערט-נאָרמע וועט, פאַרשטייט זיך, אין דעם פאַל אויך פאַרגרעסערט ווערן און וועט שוין זיין 200% (200% = 8/4).

אָט אַזאַ פאַל פונם וווקס פון מערווערט רופט זיך אָן די פאַרגרעסערונג פון דער פאַרהעלטניסמעסיקער מערווערט.

מע דאַרף ניט פאַרגעסן: דער עקאָנאָמישער טערמין אַנטשפּרעכט ניט אינגאַנצן אין ביידע פאַלן דער מאַטעמאַטישער טערמינאָלאָגיע, ווייל פון מאַטעמאַטישן שטאַנדפּונקט האָט דאָ אין ביידע פאַלן אָן אָרט אי אַן אַבסאָלוטע, אי אַ פאַרהעלטניסמעסיקע פאַרגרעסערונג פון דער מערווערט. דידאָזיקע טערמינען האָבן אין דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט באַקומען זייער נאָמען מאַכמעס פאָלגנדיקן טאַם:

דער ערשטער פון זיי באַווייזט, אַז דער וווקס פון מערווערט קומט פאָר מאַכמעס דער אַבסאָלוטער פאַרלייַנגערונג פונם אַרבעטסטאָג.

דער צווייטער פאַל שיידט זיך שטאַרק אונטער פונם ערשטן: ווען ניט וואָלט קיין שום נויט ניט געווען אונטערצושיידן זיי איינער פונם צווייטן. דעריבער איז גאַנץ קלאָר, אַז אויב אינם נאָמען פונם ערשטן פאַל שטרייכן מיר אונטער דעם מאָמענט פון אַבסאָלוטער פאַרגרעסערונג פונם סכום מערווערט, דאַרפן מיר אינם נאָמען פונם צווייטן פאַל אונטערשטרייכן אַ פאַרקערטן מאָמענט, דעם פאַרהעלטניסמעסיקן וווקס פון דער מערווערט. דערפון נעמט זיך דער נאָמען פונם צווייטן פאַל.

מע דאַרף באַמערקן, אַז אינם צווייטן פאַל קומט פאָר דער וווקס פון דער מערווערט-נאָרמע פאַרהעלטניסמעסיק שנעלער, איידער אפילו אינם ערשטן פאַל. אין ערשטן פאַל מאַכט אויס די פאַרגרעסערונג פון דער אומבאַלוינטער אַרבעט אין אונזער ביישפּיל 3 שאָ, און פונדעסטוועגן גיט זי נאָר 50% פאַרגרעסערונג פון דער מערווערט-נאָרמע (פון 100% אויף 150%). אין צווייטן פאַל ווערט דער סכום אומבאַלוינטער אַרבעט פאַרגרעסערט נאָר אויף 2 שאָ, און פונדעסטוועגן גיט דאָס אַ פאַרגרעסערונג אין דער מערווערט-נאָרמע אויף 100% (פון 100% אויף 200%).

די פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט קאָן וואַקסן אַפילו באַ דער אַבסאָלוטער פאַרקירצונג פונם אַרבעטס-טאָג. אינדערעמעסן, אין אונזער גרונט-ביישפּיל איז די לייַנג פונם אַרבעטסטאָג 12 שאָ, און די מערווערט-נאָרמע איז גלייך 100%.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער ארבעטס-טאָג איז פאַרקירצט געוואָרן אף 3 שאָ, נאָר מאַכמעס דער פאַרבעסערונג פון די פראָדוציר-אויפאַנים האָט זיך פאַרקלענערט אף 3 שאָ אויך די נויטיקע אַרבעט-צייט, ד. ה. די צייט, וואָס גייט אַוועק אף צוגרייטן די פראָדוקטן, וועלכע דעקן די ווערט פון דער ארבעט-קראַפט, — אין דעם פאַל איז קלאָר, אז די מער-ארבעט-צייט וועט אויסמאכן 6 שאָ, און, דאָס הייסט, אַז די מערווערט-נאָרמע וועט זיין גלייך $200^{0}/_{0}$ ($^{6}/_{3}$), ד. ה., זי וועט זיין אף $100^{0}/_{0}$ פראָצענט מער, איידער אינם גרונט-ביישפּיל, ניט געקוקט דערוף, וואָס די לייִנג פונם אַרבעט-טאָג איז פאַרקירצט געוואָרן אף $25^{0}/_{0}$.

דער וווקס פון פאַרהעלטניסמעסיקער מערווערט האָט אַן ארט אין פאָלגנדיקע פאַלן:

1. ווען סע ווערט פאַרגרעסערט די פראָדוקטיווקייט פון דער ארבעט אין יענע געביטן פון דער פאָלק-ווירטשאַפט, וואָס אַרבעטן אויס געברויך-זאַכן פאַר די ארבעטער, אָדער אין יענע געביטן, וועלכע גרייטן צו מאַשינען, רוּיוואַרג א. א. וו. פאַר די ערשטע פראָ-דוקציע-געביטן. דאָס ברייִנגט דערצו, אז די אַנטשפּרעכנדיקע סכוירעס ווערן ביליקער, און אויך, הייסט עס, דערצו, אַז די ווערט פון ארבעט-קראפט ווערט נידעריקער, אויב דער מאַצעוו פונם ארבעטערס באַדערפעניש ווערן ניט העכער אין דערזועלביקער מאָס.

2. ווען עפּעס אַן אונטערנעמונג, האגאַם זי באַדינט וועלכן ס'איז געביט פון פאָלק-ווירטשאַפט, וואָס האָט קיין שום שייכעס ניט צו די געברויך-זאַכן פון די ארבעטער, פירט איין בא זיך אַ פאַרבעסערונג, וואָס איר קאָנקורענט האָט ניט. קאָלזמאַן אַזעלכע פראָגרע-סיווע (אין עקאָנאָמישער הינזיכט) אונטערנעמונגען זיינען פאַראַן ווייניק, וועט די פרייז, פאַר וועלכע זיי פאַרקויפן סכוירעס, ניט מיט אסאַך זיך אונטערשיידן פון יענער פרייז, פאַר וועלכער סע פארקויפן זיי די אונטערנעמונגען פון מיטלמעסיקער טעכנישער איינ-ריכטונג.

בעכיין, איז דער ארבעטער, וואָס איז אין זיי פאַרנומען, רעפּראָדוצירט גיכער די ווערט פון זיין ארבעט-קראַפט, און סע בלייבט בא אים איבער מער צייט אף צו פראָדו-צירן מערווערט.

די אבסאָלוטע און פארהעלטניסמעסיקע מערווערט איז נויטיק שטריינג אונטערצושיידן איינע פון דער צווייטער, ביפראַט, אַז די אנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם ווערט כאראקטע-ריזירט דורכן וווקס דאַפקע פון דער לעצטער, און בעשום אויפן ניט פון דער ערשטער.

אינדערעמעסן, די אנטוויקלונג פון קאַפּיטאליזם שטעלט פיל מעניעס און שטערענישן דעם וווקס פון דער אבסאָלוטער מערווערט. לאָמיר אָנמערקן כאָטש צוויי פון זיי.

ערשטנס, די אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז איינג פאַרבונדן מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער קראַפט פונם ארבעטער-קלאַס. ס'איז גאַנץ נאַטירלאַך, אז דער ארבעטער-קלאַס ווענדט אן זיין גאנצע וואַקסנדיקע מאכט אַף ניט צו דערלאזן די פאַרלייִנגערונג פונם ארבעט-טאג, וואָס איז דער נויטיקער פאָרבאַדינג פארן וווקס פון אבסאלוטער מערווערט.

צווייטנס, די פארגרעסערונג פון דער צאָל מאשינען, ווערקשטולן א. א. וו., וועלכע געפינען זיך אונטער דער האשגאָכע פון איין ארבעטער, און אויך די פארקאָמפּליצירונג זייערע, מאכן, אַז סע לוינט גאָר ניט צו פאַרלייִנגערן דעם ארבעטס-טאָג, ווייל מאכמעס דעם, וואָס דער ארבעטער ווערט אין אזעלכע פאַלן גיך פאַרמאטערט, ברייִנגט מיט זיך די פאַרלייִנגערונג פונם ארבעטס-טאָג זייער א גרויסן פּראָצענט בראַק, באַזונדערס צום סאָף פונם ארבעטס-טאָג.

שוין אליין די אומעגלאכקייט ברייט צו צערוקן די ראמען פון דער אבסאָלוטער מער-ווערט שטויסט דעם קאַפּיטאַליסט צו ווענדן זיין הויפּט-אופמערקזאמקייט אף אויסצופרעסן פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט, ד. ה. איינפירן נייע מאשינען און ביכלאל צו פארבעסערן

דעם פּראָדוציר-פּראָצעס. און העיויס ווי די אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם כאַראַקטע-ריזירט זיך דאפּקע דורך אַזעלכע פאַרבעסערונגען, איז זי דעריבער איינג פאַרבונדן מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער פאַרהעלטניסמעסיקער מערווערט, און דער וווּקס פון דער-דאָזיקער מערווערט איז דער טיפּישער סימען פון דער אנטוויקלונג פונם קאַפּי-טאַליזם.

דערצו איז נאָך נויטיק צוצוגעבן אָט וואָס. אויב סע ווערט פאַרגרעסערט די פּראָ-דוקטיווקייט פון דער אַרבעט אין יענע צווייגן פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט, וועלכע זיינען דירעקט אָדער אומדירעקט פאַרבונדן מיט פּראָדוצירן געברויך-זאַכן פאַר די אַרבעטער, און אויב דער רעאַלער אַרבעטלוין (די סומע פּראָדוקטן, וואָס די אַרבעטער באַקומען) וועט ניט העכער ווערן פונקט אין דערזעלביקער מאָס, וועט סאָפּקאָלסאָף פאַרגרעסערט ווערן די פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט, וואָס יעדער קאַפּיטאַליסט באַקומט. דידאָזיקע פאַר-גרעסערונג וועט טראָגן אַ לאַנגדויערנדיקן כאַראַקטער: זי וועט געדויערן ביז וואַנען זי וועט ניט פאַראַליזירט ווערן דורך דער העכערונג פון די פּרייזן אויף עפּעס אַן אַנדער געברויך-זאַך פון די אַרבעטער, און אויב דאָס וועט ניט פאַסירן, איז ביזן סאָף פון דער קאַפּיטאַ-ליסטישער אָרדענונג. ווען אָבער די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט ווערט האָבן אַן אָרט אין יענע צווייגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט, וועלכע האָבן בעשום אופן קיין שייכעס ניט צום פּראָדוצירן געברויך-זאַכן פאַר די אַרבעטער (צ. ב., די פּראָדוקציע פון קאַנאָנען, דרעדנויטן א. ד. ג.), וועט די פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט, וואָס באַקומט זיך אַדאַנק דעם, טראָגן אַ גיך איבערגייענדיקן כאַראַקטער. ווי נאָר די אַנטשפּרעכיקע פאַרבעסערונג וועט באַקומען אַזאַ ברייטע פאַרשפּרייטונג, אַז די פאַרקויף-פּרייזן פון דער סכוירע וועלן אָנהויבן רעגולירט ווערן דורך דער נייער, פאַרקלענער-טער אַרבעט-ווערט, וועט באַלד צעגיין ווי וואַקס אויך די פּריערדיקע פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט, וואָס האָט זיך באַקומען אַדאַנק דערדאָזיקער פאַרבעסערונג.

נאָר אויב סע פאַרשווינדט גיך אין אַזעלכע פאַלן די פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט, וועלכע עקסיסטירט אַדאַנק דער געגעבענער באַשטימטער פאַרבעסערונג, וועט אָבער ביכלאַל די פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט אין דידאָזיקע צווייגן פון דער פאָלק-ווירט-שאַפט עקסיסטירן ביזן סאַמע אונטערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, ווייל, ווען די געגעבענע פאַרבעסערונג הערט אויף צו זיין אַ מאָקער פון פאַרהעלטניסמעסיקער מער-ווערט, באַווייזט זיך געוויינטלאַך עפּעס אַ נייע פאַרבעסערונג, וועלכע ווערט אויף אַ געוויסן פּעריאָד אַ נייער מאָקער פון פאַרהעלטניסמעסיקער מערווערט. און העיויס ווי די אַנטוויק-לונג פון קאַפּיטאַליזם ווערט כאַראַקטעריזירט דורכן שטענדיקן אָנקומען פון נייע פאַרבע-סערונגען, ווערט דעריבער די פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט אַלעמאָל אויסגעבילדעט אויך אין אַזעלכע צווייגן פון דער פאָלקווירטשאַפט, וועלכע זיינען ניט פאַרבונדן מיטן פּראָדו-צירן געברויך-זאַכן פאַר די אַרבעטער. אַנדערש גערעדט, די פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט כאַראַקטעריזירט מיט זיך אַלע צווייגן פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, סיי די, וואָס פּראָדוצירן זאַכן פון פערזענלאַכן געברויך פאַר די אַרבעטער, און סיי יענע, וועלכע פּראָדוצירן אַזעלכע ניט.

און העיויס ווי דער וווּקס פון דער פאַרהעלטניסמעסיקער מערווערט כאַראַקטעריזירט די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, ברייינגט עס אונדז ווידער אַמאָל צו דער פראַגע, וואָס איז דאָס אַזוינס „קאַפּיטאַל". אויבן האָבן מיר שוין דערויף געגעבן אַ קורצן ענטפער. לאָמיר זיך אָפּשטעלן דערויף אַ ביסל גענויער.

4. פּראָדוציר־מיטלען און קאַפּיטאַל

ס'זיינען דאָ ווייניק נאָך אזעלכע ווערטער, וואָס זאָלן געברויכט ווערן אָפּטער איידער דאָס וואָרט „קאַפּיטאַל", און נאָך ווייניקער אזעלכע ווערטער, וואָס זאל געוויינטלאַך אזוי ניט ריכטיק געברויכט ווערן. אזוי, לעמאָשל, מישן צונויף די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן די באגריפן קאַפּיטאַל און פּראָדוציר־מיטלען, און דעריבער רופן זיי אָן דעם שטיין אָדער דעם שליידערער פונם אוראַלטן מענטשן אויך קאַפּיטאַל, און אזוי ארום קומט אויס, אז שארף אויסגעדריקטער קאַפּיטאַל האָט עקזיסטירט נאָך לאַנג פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. קיינער פון זיי וועט זיך דאָך ניט דערוועגן (דאָס וואָלט געווען אַ צו גרויסער אבסורד) אנצורופן קאַפּיטאַליסטישע ארדנונג, צ. ב., די אורקאָמוניסטישע אָרדנונג, ווייל ס'איז דאָך קלאָר, אז דאַן האָבן ניט געקאָנט זיין ניט נאָר קאַפּיטאַליסטן, נאָר בּיכלאַל מענטשן, וואָס זאָלן זיין באַדייטנד רייכער פאַר די איבעריקע.

סע איז אויך קלאָר, אז צורעכענען דעם ווילדן, וואָס באזיצט א שטיין, צו די קאַפּי־טאַליסטן, איז א ווילדע זאַך. ניט ווייניקער קלאָר איז, אז צורעכענען דעם קליינעם באַל־מעלאכע, דעם קליינעם פּויער, וועלכע שלעפּן קאַם זייער ביטערן לעבן, צו די קאַפּיטאַ־ליסטן — הייסט ארייַנטראָגן אַ פּלאָנטער און אן אומקלאָרקייט אינם באַגריף קאַפּיטאַליסט. אַזוי וואָלט מען דאָך געקאָנט צורעכענען צו די קאַפּיטאַליסטן אויך דעם קאַפּצן, וואָס שטאַרבט פון הונגער, ווען ער האָט נאָר אן אייגענע טאָרבע אַף צו קלייבן נעדאָוועס, און אויך זיין זויג־קינד, ווען דאָס האָט אן „אייגן" מיזויקל (סאָסקע). צוגעבן אזא ברייטע באַדייטונג דעם וואָרט קאַפּיטאַליסט קאָן מען נאָר, קעדיי צו באַרעכטיקן די האַכנאָסע פונם עמעסן קאַפּיטאַליסט און קעדיי צו זאָגן, אז דער קאַפּיטאַליזם וועט קיינמאָל ניט פאַר־שווינדן, ווייל אלעמאָל וועלן דאָך נויטיק זיין פּראָדוציר־מיטלען.

אויסערדעם איז קלאָר, אז די צונויפמישונג פון צוויי פאַרשיידענע באגריפן — קאַפּי־טאַל און פּראָדוציר־מיטלען — איז ניט בלויז אומנוצלאָך, נאָר אויך זייער שעדלאַך אין וויסנשאַפטלאַכער הינזיכט, ווייל דאָס קאָן ברענגען צו א גרויסן פּלאָנטער. אזא צונויפ־מישונג קאָן מען ניט דערלאָזן, ווייל ס'איז פאַראן אַ קאַפּיטאַל, וועלכער ווערט פון זיין אייגנטימער אלס פּראָדוציר־מיטל גיט געברויכט, און פונדעסטוועגן דינט ער פאַר זיין באַזיצער אלס אַ מאָקער פון א גאַנץ היפּשער האַכנאָסע. אזא איז, צ. ב., דער וואָכער־קאַפּיטאַל א. א. וו. ריין ספּעקולאַטיווער קאַפּיטאַל איז א באַשיינפּערלאַכער ביישפּיל דערצו, אז מע טאָר ניט צונויפמישן די באַגריפן—קאַפּיטאַל און פּראָדוציר־מיטלען.

פּונקט אזוי ווי א פּראָדוקט איז ניט דאָסזעלביקע וואָס א סכוירע, אזוי איז פּראָדוציר־מיטלען בעשום אויפן ניט דאָסזעלביקע, וואָס קאַפּיטאַל.

נאָר פּונקט אזוי ווי בא באשטימטע געזעלשאַפטלאך־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן ווערט אַ פּראָדוקט אומפאַרמיידלאַך א סכוירע, אזוי ווערן פּראָדוציר־מיטלען בא באַשטימטע גע־זעלשאַפטלאכע פאַרהעלטענישן א קאַפּיטאַל, אַזוי אז סיי סכוירע, סיי קאַפּיטאַל, — זיינען בעשום אויפן ניט קיין געוויסע סומע אייזן, האלץ א. א. וו., גענומענע אין באשטימטע קאָמבינאַציעס, נאָר געזעלשאַפטלאכע קאַטעגאָריעס.

בא וועלכע באַדינגונגען זיינען פּראָדוציר־מיטלען קאַפּיטאַל? דאס האָט אן אָרט נאָר דאַן, ווען זיי ווערן א מיטל צו פאַראייגענען מערווערט. דערפון זעען מיר ווייטער, ווי שארף סע איז מארקס באַשטימונג פון קאַפּיטאַל, וואָס מיר האבן אויבן געבראַכט, אז דאָס איז — „א ווערט, וואָס פּראָדוצירט מערווערט".

פאַרוואָס־זשע מוז דער ארבעטער איינגיין אַף אָפּצוגעבן דעם קאַפּיטאַליסט א לייבן־טייל פון דער ווערט, וואָס ער פּראָדוצירט? ס'איז קלאָר, אַז ער וועט איינגיין דערויף

נאָר אין דעם פאַל, ווען ער אַליין וועט ניט האָבן קיין פּראָדוציר-מיטלען, און וועלכע די אַרבעט איז אָדער גאָר אומעגלאַך, אָדער זי איז אַזוי ווייניק פּראָדוקטיוו, אַז ער איז ניט אימשטאַנד צו פּראָדוצירן אַפילו יענעם סכום פּראָדוקטן, וואָס ער קאָן באַקומען באַם קאַפּי-טאַליסט אין דער פאָרם פון אַרבּ-לוין. בקיצור, דאָס וועט זיין דאַן, ווען דער אַרבעטער-קלאַס וועט נישט האָבן קיין פּראָדוציר-מיטלען — האַגאַם ער אַליין פּראָדוצירט זיי, — און זיי וועלן ווערן די מאָנאָפּאָל פון אַ צווייטן קלאַס — פון די קאַפּיטאַליסטן.

מערווערט און רעוואַך

א) די נאָרמע פון רעוואַך

אַלזאָ, קאַפּיטאַל איז אַ מיטל אויסצופּרעסן פונם אַרבעטער מערווערט און פאַראייגענען זי. הייסט עס, די מערווערט דאַרף פאַרטיילט ווערן אַפן גאַנצן קאַפּיטאַל, וואָס דער קאַפּיטאַליסט באַזיצט. די פאַרהעלטעניש פון דער מערווערט צום גאַנצן קאַפּיטאַל רופט זיך ר ע וו אַ ך - נ אָ ר מ ע.

ב) באַשטענדיקער און פאַרענדערלאַכער קאַפּיטאַל

ווען אַפילו די ראָליע פון יעדן טייל פון קאַפּיטאַל איז גלייך בא דער פ אַ ר ט יי ל ו נ ג פון דער מערווערט, פאָלגט נאָך דערפון בעשום אויפן ניט, אַז יעדער טייל זיינער באַטייליקט זיך גלייך אינם אַרויסבאַקומען (א ו י ס פּ ר ע ס ן) די מערווערט.

בענעגייע צום אַרויסבאַקומען די מערווערט קאָן דער קאַפּיטאַל צעטיילט ווערן אַף צוויי טיילן: ב אַ ש ט ע נ ד י ק ע ר ק אַ פּ י ט אַ ל און פ אַ ר ע נ ד ע ר ל אַ כ ע ר ק אַ פּ י ט אַ ל. דער ערשטער באַשטייט פון יענעם טייל קאַפּיטאַל, וואָס ליגט אין די פאַבריק-געביידעס, מאַשינען, אינם רויוואַרג און אין הילף-מאַטעריאַל א. א. וו. א. א. וו. בעקיצער, אין די שטיקער פון טויטער אַרבעט. ס'איז אַ קלאָרע זאַך, אַז דערדאָזיקער טייל קאַפּיטאַל וועט איבערגעבן די פּראָדוקטן נאָר יענעם טייל ווערט, וואָס ער אַליין פאַרלירט ביסלאַכווייס אין פּראָדוציר-פּראָצעס. קיין גרעסערע ווערט קאָן ער ניט איבערגעבן, כאָטשבי דערפאַר, וואָס קיינער קאָן ניט געבן דעם צווייטן מער, ווי ער האָט אַליין.

דערדאָזיקער טייל קאַפּיטאַל וואַקסט ניט אין זיין ווערט, ער פאַרענדערט זיך ניט, ער איז באַשטענדיק, און דעריבער רופט ער זיך ב אַ ש ט ע נ ד י ק ע ר ק אַ פּ י ט אַ ל. ער בייט נאָר ביסלאַכווייס די פאָרם פון זיין ווערט, איבערטראָגנדיק אַ טייל אירן אַף די פּראָדוצירטע סכוירעס.

דער צווייטער טייל קאַפּיטאַל ווערט אויסגעגעבן אַף דינגען אַרבעט-קראַפט — אַף לעבעדיקער אַרבעט. דערדאָזיקער טייל קאַפּיטאַל, ניט בלויז וואָס ער גיט איבער די פּראָדוצירטע סכוירעס זיין ווערט, נאָר, ווי מיר האָבן אויבן געזען, ער שאַפט דאָס די מערווערט, ד. ה. ער שאַפט אַ גרעסערע ווערט, איידער ער האָט אַליין געהאַט. און היות ווי פאַרגרעסערונג איז אַ פּראַט-פאַל פון ענדערונג, פאַרענדערונג, דעריבער רופט מען אָן דעם טייל קאַפּיטאַל פ אַ ר ע נ ד ע ר ל אַ כ ע ר ק אַ פּ י ט אַ ל.

ג) מערווערט-נאָרמע און רעוואַך-נאָרמע

פון דעם, וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט, איז ניט שווער צו זען, אַז די נאָרמע פון מערווערט אָדער עקספּלואַטאַציע קאָן מען אויך דעפינירן, אַלס די פאַרהעלטעניש פון דער מערווערט צום פאַרענדערלאַכן קאַפּיטאַל. די פאַרהעלטעניש אָבער פון דער

מערווערט צום גאַנצן קאַפּיטאַל (באַשטענדיקער—פאַרענדערלאַכער) איז די רעוואַך-נאָרמע. דידאָזיקע באַגריפן מוז מען שטריינג און פּינקטלאַך אונטערשיידן איינעם פונם צווייטן דערפאַר, וואָס פאַרן ארבעטער איז דעריקער וויכטיק די מערווערט-נאָרמע, ווייל דאפּקע זי כאַראַקטעריזירט די שטופּע פון זיין עקספּלואַטאַציע, און פאַרן אונטערנעמער האָט א דירעקטע באַדייטונג דעריקער די רעוואַך-נאָרמע. ער וואָלט, עפּשער, גאָרנישט ניט האָבן קעגן א נידעריקער עקספּלואַטאַציע-נאָרמע, ווען זי וואָלט געקאָנט באַגלייט ווערן פון א הויכער רעוואַך-נאָרמע.

די מערווערט-נאָרמע איז שטענדיק גרעסער פון דער רעוואַך-נאָרמע, ווייל באַם אויסרעכענען די רעוואַך-נאָרמע ווערט געטיילט דיזעלביקע צאָל מערווערט אַף א גרעסערער צאָל קאַפּיטאַל: ס'איז דאָך קלאָר, אז די סומע פון באַשטענדיקן און פאַרענדערלאכן קאַפּיטאל איז גרעסער איידער דער פאַרענדערלאכער קאַפּיטאַל אליין.

ביידע נאָרמעס ניט בלויז וואָס זיי פאַלן ניט צונויף איינע מיט דער צווייטער, נאָר זיי קאָנען זיך אנטוויקלען און אנטוויקלען זיך טאַקע אין לאכלוטן קעגנזאצלאכע ריכטונגען. אַזוי, אין דער מאָס וואָס סע אנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, ווערט די מערווערט-נאָרמע אלץ העכער און די רעוואַך-נאָרמע, פאַרקערט, ווערט אלץ נידעריקער און נידעריקער.

דאָס ערשטע דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אדאנק דער אָנווענדונג פון פארפּולקאָמטע מאשינען, ווערט פאַרגרעסערט, ווי מיר האָבן געזען, די פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט, און, הייסט עס, באַ די איבעריקע גלייכע באַדינגונגען, ווערט אויך גרעסער די מערווערט-נאָרמע.

אָבער טאַקע דידאָזיקע אָנווענדונג פון נייע מאשינען פארגרעסערט דעם באַשטענדיקן קאַפּיטאַל, פאַרגרעסערט ניט בלויז דערפאר, וואָס די נייע גוטע מאַשין קאָסט טייערער פון דער אלטער (ניט אלעמאָל איז דאָס אזוי), נאָר אויך, דעריקער, ד רפאַר, וואָס די נייע מעכטיקערע מאשין אַרבעט איבער מער רויווארג פון דער אלטער.

אזוי ארום וואקסט אומאופהערלאך און שנעל דער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל, און, הייסט עס, די רעוואַך-נאָרמע קאָן פאַלן אַפילע באַ דער פארגרעסערונג פון דער מערווערט-נאָרמע. און ניט בלויז וואָס זי קאָן פאַלן, נאָר זי מוז פאַלן, ווען דער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל און די פארהעלטניסמעסיקע פאַרקירצונג פון דער צאָל ארבעטער, ד. ה. די פאַרקירצונג פון דער צאָל ארבעטער, וואָס איז נויטיק געווען אַף צו פּראָדוצירן דעם פריערדיקן סכום סכיורעס, וועט וואקסן שנעלער, איידער די מערווערט-נאָרמע. און העיויס ווי די אָנווענדונג פון נייע מאשינען, און, הייסט עס, אויך דער שנעלער ווּקס פונם באַשטענדיקן קאַפּיטאַל און פון דער פארהעלטניסמעסיקער פאַרקירצונג פון דער צאָל ארבעטער זיינען דער גרונט-שטריך פון דער אנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, דעריבער זעען מיר, אַז אין יעדן לאנד וואקסט די מערווערט-נאָרמע, אין דער מאָס ווי סע אנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם; די רעוואַך-נאָרמע אָבער פאַלט.

דאָס איז איינע פון די הויפּט-סיבעס, פארוואָס אין די לענדער מיט א הויך-אַנטוויקלטן קאַפּיטאליזם איז די מערווערט-נאָרמע העכער, און די רעוואַך-נאָרמע נידעריקער, איידער אין די לענדער, וואו דער קאַפּיטאַליזם געפינט זיך אין עמבריאנאלן צושטאַנד. און דער לאָנדאָנער קאַפּיטאַליסט וואָלט געווען אויסער זיך פון גליק, ווען ער וואָלט באקומען אזא פּראָצענט רעוואַך, וועלכער איז בעשום אויפן ניט אימשטאַנד צו באַפרידיקן זיין רוסישן ברודער.

צום שלוס איז נויטיק צו באמערקן, אז האַגאַם די פאָרם פון עקספּלואַטאַציע איז באַ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג אַסאך מילדער, איידער אין אַלע פארגייענדיקע עקאָנאָמישע עפּאָכעס, איז דאָך אָבער דאָ די נאָרמע פון עקספּלואַטאַציע

באַדייטנד העכער, ווייל מיט דער אנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם וואקסט אויס זייער שטאַרק די גרייס פון דער פארהעלטניסמעסיקער מערווערט.

און וואָס אינטעליגענטער דער ארבעטער איז, וואָס העכער זיין אינטעלעקט איז, אלץ העכער איז די עקספּלואטאַציע-נאָרמע, ווייל מע קאָן אים אַוועקשטעלן צו מער קאָמפּלי-צירטע מאַשינען, וועלכע אַרבעטן זייער שנעל, און, ארבעטנדיק אַף דיזעלביקע מאשינען, וואָס די ווייניקער קולטורעלע ארבעטער, וועט ער געבן ווייניקער בראַק.

און העיויס ווי וואָס העכער סע איז די עקספּלואטאַציע-נארמע (מערווערט-נאָרמע), אלץ העכער איז, בא אנדערע גלייכע באַדינגונגען, די רעוואָך-נאָרמע, איז דעריבער ליגט דערין פאַרבאָרגן איינע פון די הויפּט-סיבעס, פארוואָס די פּראָגרעסיווע בורזשואזיע באמיט זיך ניט זעלטן צו פאַרשפּרייטן בילדונג אין פאָלק; דערביי, פארשטייט זיך, שטרעבט זי דערצו, אַז די באקומענע קענטענישן זאָלן וואָס ווייניקער באַלויכטן דעם ארבעטער זיין לאַגע.

V קאַפּיטל. — די טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייזן

1. דאָס אויספּרעסן און פאַרטיילן די מערווערט.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז מיר האָבן פאר זיך צוויי אונטערנעמונגען, וואָס אין יעדער פון זיי איז אריינגעלייגט א גלייכער קאפּיטאַל, נאָר זיי ארבעטן אין פארשיידענע צווייגן פון דער פּראָדוקציע. לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן, אז לויטן כאראקטער גופא פון דער פּראָדוקציע האָט איינע פון זיי מעכטיקע מאשינען, און אין דער צווייטער ווערט געאַרבעט מיט דער האַנט. ס'איז קלאָר, אז אין דער ערשטער אונטערנעמונג וועט זיין פאַרנומען אַ קלענערע צאָל ארבעטער, אין דער צווייטער — אַ גרעסערע. און גאַנץ מעגלאך, אַז אין דער ערשטער וועט די צאָל ארבעטער זיין אין 20 מאָל קלענער, איידער אין דער צווייטער. לאָמיר אָננעמען דידאָזיקע ציפער.

לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן, אַז אין ביידע פאלן איז די לייִנג פונם ארבעטס-טאָג און די עקספּלואַטאַציע-נאָרמע (די מערווערט-נאָרמע) און די אלע אַנדערע באדינגונגען אַלצ-איינע. אין דעם פאל איז קלאָר, אז אויב די סכוירעס וועלן פארקויפט ווערן לויט זייער ווערט, וועט דער אייגנטימער פון דער ערשטער אונטערנעמונג באקומען מערווערט אין 20 מאָל ווייניקער, איידער דער אייגנטימער פון דער צווייטער. און העיויס ווי די קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין ביידע אונטערנעמונגען, זיינען גלייך, וועט אויסקומען, אַז דער ערשטער וועט באקומען אין 20 מאָל אַ נידעריקערן רעוואַך, איידער דער צווייטער. קומט אָבער אזוינס ניט פאָר. אייגנטימער פון די אונטערנעמונגען, באדינטע פון גלייכע קאַפּיטאַלן, באקומען אין אלגעמיין א גלייכן רעוואַך. און אַנדערש קאָן דאָס ניט זיין. דער אייגנטימער פון דער אונטערנעמונג, וואָס גיט ווייניקער האַכנאָסע, וועט זיך סטאַרען זי צו ליקווידירן און איבערטראָגן זיינע מיטלען אַהין, וואו זיי קענען געבן אַ העכערע האַכנאָסע.

אַלזאָ, די צאָל ארבעטער, וואָס זיינען פארנומען בא אונזערע צוויי קאַפּיטאַליסטן, וועט זיין פארשיידן; דער סכום מערווערט, וואָס איז אויסגעפּרעסט פון דידאָזיקע אַרבעטער, וועט אויך זיין **פארשיידן**, רעוואַך אָבער וועלן ביידע קאַפּיטאַליסטן באַקומען **אלצ-איינעם**.

די קעגנער פון דער טעאָריע פון ארבעטווערט דרינגען דערפון אויס, אז זי איז לאַכלוטן ניט ריכטיק, און אז די אומבאַלוינטע אַרבעט (די מערווערט) איז ניט בלויז ניט דער איינציקער, נאָר אַפילע ניט דער וויכטיקער מאָקער פון רעוואַך, אז דער איינציקער מאָקער איז דער קאַפּיטאַל.

ווען מיר וועלן זיך דאָ טיפער אריינטראַכטן, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דערדאָזיקער אַרגומענט איז לאַכלוטן ניט איבערצייגנד.

אינדערעמעסן, ווען מיר זאָלן נאָר ריכטיק באטראַכטן דעם איניען, איז דער פאקט, וואָס די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע באשעפטיקן ווייניק אַרבעטער און אפילע וואָס האָבן זיי

גאָרניט, קאָנען באַקומען א גוואַלדיקן רעוואַך, איז א האָר ניט סוּיסער דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער איינציקער מאָקער פון רעוואַך זיינען די אַרבעטער, — פּונקט אַזוי ווי, לעמאָשל, דער פאַקט, אַז מענטשן, וואָס האַלטן ניט קיין קי, קאָנען טרינקען אַסאַך מילך, איז א האָר ניט סוּיסער יענעם אומשטאַנד, אַז דער איינציקער מאָקער פון מילך זיינען די קי.

דאָס דערוויַיזט נאָר, אַז איין זאַך איז קריגן עפּעס (אין אונזער פאַל אויספּרעסן מער־ווערט) און גאָר אַן אַנדער זאַך איז פאַרטיילן דאָס, און אַז צונויפמישן דידאָזיקע פאַר־שיידענע דערשיינונגען דאַרף מען בעשום אופן ניט.

ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז קאָלזמאַן א זאַך איז ניט אַרויסבאַקומען געוואָרן, קאָן מען זי ניט פאַרטיילן. דעריבער האָבן מיר פריער זיך באַשעפטיקט מיט דעם, פון וואַנען סע נעמט זיך מערווערט. מיט דערדאָזיקער פראַגע האָבן מיר פאַרענדיקט אין פאָריקן אָפּטייל. הייסט עס, איצט קאָנען מיר איבערגיין קלאָר צו מאַכן, ווי אַזוי די מערווערט ווערט פאַרטיילט.

2. די פרייז פון דער פראָדוקציע.

לאָמיר זיך אומקערן צום ביישפּיל וועגן די מילך. מיר ווייסן, אַז איינעם קומט אָן מילך מערער איידער זיי האָבן אַליין אָנגעמאָלקן, דעם צווייטן — ווייניקער. לאָמיר, אַגעוו, באַמערקן, אַז אין דערדאָזיקער אומגלייכקייט פון דעם אַרויסבאַקומענעם מיטן באַקומענעם, באַשטייט, אייגנטלאַך, דער טאָך פון דער ספּעציעלער פּראָבלעם פון פאַרטיילונג: דאָרט, ווו דידאָזיקע אומגלייכקייט איז ניטאָ, דאָרט איז אויך ניטאָ די פּראָבלעם גופא. די פּראָב־לעם פון פאַרטיילן די מערווערט עקזיסטירט. ס'איז, הייסט עס, קלאָר, אַז איין קאַפּיטאַ־ליסט באַקומט מערווערט ווייניקער, איידער ער אַליין פּרעסט אויס, א צווייטער, פאַרקערט — מערער.

דאָס ערשטע באַטייט, אַז דער קאַפּיטאַליסט פאַרקויפט זיין סכוירע נ י ד ע ר י ק ע ר פון איר ווערט, ווייל אויב ער וואָלט פאַרקויפט די סכוירע לויט איר ווערט, וואָלט ער רעאַלי־זירט די ג אַ נ צ ע מערווערט, וואָס ליגט אין איר, און ניט נאָר א ט ײ ל אירע, ווי דאָס פאַסירט דאָ. ווען מיר טראַכטן אַזוי ווייטער, וועט אויסקומען, אַז יענע, וועלכע באַקומען מער מערווערט, איידער זיי האָבן אויסגעפּרעסט, פאַרקויפן זייערע סכוירעס ה ע כ ע ר פון זייער ווערט.

אַלזאָ, האָגאָם די דורכשניטלאַכע פרייזן פון די סכוירעס ווערן ר ע ג ו ל י ר ט דורך דער אַרבעטווערט, קאָנען זיי אָבער אויך ניט צונויפפאַלן מיט איר, פּונקט אַזוי, ווי די צייט, ווען די שילער קומען אין שול, ווערט רעגולירט דורך דער צייט, ווען ס'הויבן זיך אָן די לימודים, אָבער זי קאָן ניט צונויפפאַלן פּינקטלאַך און פאַלט טאַקע דאָס ראָוו ניט צונויף מיט איר, ווייל איין שילער קומט אַביסל פריער, דער צווייטער — אַביסל שפּעטער, און נאָר אייניקע טרעפן צו פּונקט צום אָנהויב פון די לימודים. סע וואָלט אָבער געווען זייער מעשונע, ווען אפן סמאַך פונם דאָזיקן ניט צונויפפאַלן זאָל מען באַשליסן, אַז סע איז ניטאָ קיין שום צוזאַמענבונד צווישן דער צייט, וואָס די שילער קומען, און דער צייט, וואָס די לימודים הויבן זיך אָן. און נאָך מער מעשונע איז צו באַשליסן אפן סמאַך דערפון, וואָס סע פאַלן ניט צונויף די דורכשניטלאַכע פרייזן און די ווערט פון די סכוירעס, (ווי דאָס טוען אייניקע עקאָנאָמיסטן), — אַז צווישן דער ערשטער און צווייטער דערשיינונגען איז ניטאָ קיין אורזאַכלאַכער צוזאַמענהאַנג.

אויב אָבער די דורשניטלאַכע פרייזן פון די סכוירעס אַנטשפּרעכן אָפּט ניט זייער ווערט, איז צו וואָס גלייכן זיי זיך? מירן פּרווון ענטפערן אף דערדאָזיקער פראַגע.

סע איז לייכט פעסטצושטעלן, אַז זיי דאַרפן זיין ניט נידעריקער פון די קאָסטן צו פּראָדוצירן די אַנטשפּרעכיקע סכוירעס, — דערפאַר וואָס יעדע אונטערנעמונג, וועלכע וועט

זיין געצוווּנגען אַ לאַנגע צייט צו פאַרקויפן אירע סכוירעס נידעריקער פון פּראָדוקציע-קאָסטן, וועט אומפאַרמיידלאַך כאַרעוו ווערן, זי וועט „פּלאַצן". דאָס איז נאָך אָבער ווייניק — די דורכשניטלאַכע פּרייז מוז זיין העכער פון פּראָדוקציע-קאָסטן. זי מוז אויסערדעם נאָך אַנטהאַלטן אין זיך אויך אַ געוויסן רעוואַך, ווייל קיין שום אונטערנעמער וועט ניט נעמען פירן אַ געשעפט, וואָס ברענגט קיין רעוואַך ניט אַ לאַנגע צייט: צוליבן רעוואַך האָט ער דאָך אָרגאַניזירט די אונטערנעמונג. וואָס-זשע פאַר אַ רעוואַך גייט אַריין אין דער דורכשניטלאַכער פּרייז פון אַ סכוירע?

אָן שום ספק — אַ רעוואַך, וואָס איז דורכשניטלאַך פאַר דער געגעבענער געזעלשאַפט. אינדערעמעסן. אויב אין אַוועלכן ניט איז צווייג פון דער פּראָדוקציע וועט דער רעוואַך זיין העכער פונם דורכשניטלאַכן, וועלן פילע אונטערנעמער, אין גיכן נאָך אים, איבערפירן זייערע קאַפּיטאַלן פון די צווייגן, וואָס ברענגען ווייניק האַכנאָסע, אין דעמדאָזיקן צווייג, וואָס ברענגט מער האַכנאָסע. דער רעזולטאַט וועט זיין אָט וועלכער: דער סכום פון די סכוירעס, וואָס וועלן דאָרט פּראָדוצירט ווערן, וועט אויסוואַקסן אַדאַנק דער פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע. סע וועט פאַרגרעסערט ווערן זייער אָנבאָט, דער פאַרגרעסערטער אָנבאָט (בא אַן אומגעענדערטן נאָכפרעג) וועט אומפאַרמיידלאַך ברענגען דערצו, אַז די פּרייזן פון דער סכוירע (און, הייסט עס, דער רעוואַך פון די אַנטשפּרעכיקע אונטערנעמונגען) וועלן נידעריקער ווערן. דידאָזיקע נידערונג וועט געדויערן, ביז וואַנען דער רעוואַך אינם געגעבענעם פּראָדוקציע-צווייג וועט זיך אַראָפּלאָזן ביזן דורכשניטלאַכן שטאַנד, ווייל נאָר דאַן וועט פאַרשווינדן די קראַפט, וועלכע ציט אַריינצולייגן אין דאָזיקן פּראָדוקציע-צווייג אַלץ נייע און נייע קאַפּיטאַלן, און דאָ וועלן די פּרייזן אויפהערן צו פאַלן.

דער רעוואַך, וואָס גייט אַריין אין די דורכשניטלאַכע פּרייזן, קאָן אויך אַ לאַנגע צייט ניט זיין נידעריקער פונם דורשניטלאַכן פאַר דער געגעבענער געזעלשאַפט, ווייל דאַן וועלן די קאַפּיטאַלן, אין גיכן נאָך בעסערע געשעפטן, אַפּפּלייצן פון דער געגעבענער פּראָדוקציע. אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ לעבעדיקער עמיגראַציע וועט דער סכום סכוירעס, וואָס דער געגעבענער פּראָדוקציע-צווייג גיט אַרויס, זייער שטאַרק פאַרקירצט ווערן. די פאַרקלענערונג פונם אָנבאָט (בא דעם אומגעענדערטן נאָכפרעג) ברענגט צו דער העכערונג פון די פּרייזן אַף די סכוירעס. דידאָזיקע העכערונג פון די פּרייזן אַף די סכוירעס און, הייסט עס, אויך די העכערונג פונם רעוואַך אין די אַנטשפּרעכיקע פּראָדוקציע-צווייגן, וועט געדויערן ביז וואַנען דער רעוואַך וועט זיך ניט אופהויבן ביזן דורשניטלאַכן שטאַנד פאַרן געגעבענעם לאַנד, ווייל נאָר דאַן וועט בא די קאַפּיטאַלן פאַרשווינדן דער סטימול צו עמיגרירן פון דעם געגעבענעם פּראָדוקציע-צווייג, און, הייסט דאָס, סע וועט פאַרשווינדן די סיבע, וואָס פירט צו דער ווייטערדיקער העכערונג פון די פּרייזן אַף די סכוירעס.

בעכיין איז די עמיגראַציע פון די קאַפּיטאַלן פון איינע פּראָדוקציע-צווייגן אין די אַנדערע, ד. ה. די קאָנקורענץ פון די קאַפּיטאַלן און די מעגלאַכקייט פון זייער פּרייער באַוועגונג, ברענגט דערצו, אַז קימאַט אין אַלע ספערעס פון פאָלק-ווירטשאַפט הערשט (בעערעך) אַ גלייכע רעוואַך-נאָרמע, אַ דורכשניטלאַכע פאַר דער געגעבענער געזעלשאַפט, און נאָך דערצו, אַז די דורשניטלאַכע פּרייז פון אַ סכוירע איז גלייך צו דער פּראָדוקציע-פּרייז, ד. ה. צו די קאָסטן אַף פּראָדוצירן זי, פּליוס דעם דורכשניטלאַכן רעוואַך אַף דער סומע פונם קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרוועגדעט געוואָרן אַף צו פּראָדוצירן אַן איינסל פון דער סכוירע.

דערדאָזיקער ענטפער איז נאָך אָבער ניט פולקום, קאָלזמאַן מיר ווייסן ניט, צו וואָס איז גלייך דער דורכשניטלאַכער רעוואַך. לאָמיר פּרוון קלאָר מאַכן דעמדאָזיקן איניען.

3. דער דורשניטלאכער רעוואַך און די פאַרטיילונג פון דער מערווערט.

מיר האָבן געזעען, אַז א געוויסער טייל מערווערט ווערט רעאַליזירט ניט אין יענע אינדוסטריע-צווייגן, ווו זי איז אויסגעפּרעסט געוואָרן, נאָר אין אנדערע צווייגן. ס'איז קלאָר, אז דערפון קאָן די אלגעמיינע סומע מערווערט ניט געענדערט ווערן, ווייל די סומע היינגט דאָך, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּ דערפון, ווי אַזוי זי ווערט פארטיילט צווישן די כיבערטיילן (סומאנדן).

דערפון איז געדרונגען, אַז האַגאַם פאַר אַן איינצלנער אונטערנעמונג וועט די סומע מערווערט, וואָס איז דאָרט אויסגעפּרעסט געוואָרן, געוויינטלאך ניט צונויפפאַלן מיט דער סומע פונם רעוואך, וואָס זי באקומט, אבער פאר דער גאַנצער געזעלשאַפט וועלן די סומעס פון מערווערט און פונם רעוואך צונויפפאַלן, און דער דורשניטלאַכער רעוואַך פאַר דער געגעבענער געזעלשאַפט איז גלייך דער אַלגעמיינער סומע מערווערט, וואָס איז אויס-געפּרעסט געוואָרן אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, געטיילט אף דער סומע קאַפּיטאל פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט.

בא די איבעריקע גלייכע באדינגונגען, פּרעסט אויס יעדע אונטערנעמונג מערווערט פּראָפּאָרציאָנעל דער צאָל פאַרנומענע ארבעטער אין איר, אָבער באקומען באקומט זי מער-ווערט פּראָפּאָרציאָנעל צום קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלייגט אין דער אונטערנעמונג. קעדיי אנשוילאכער פאָרצושטעלן דעמדאָזיקן פּראָצעס, וועלן מיר זיך דערלויבן אָנצוקומען צו פאָלגנדער פאַרגלייכונג.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ ריי זיך קאָמוניקירנדיקע צילינדרישע קיילים ניט פון אַלצאיין גרייס; ס'איז קלאָר, אז אין יעדערער פון זיי וועט זיך אַריינגיסן וואַסער פּראָפּאָר-ציאָנעל דעם סכום צאַפּנס, דורך וועלכן זיי ווערן באַדינט (ווען דידאָזיקע צאַפּנס זיינען פון אַלצאיין גרייס), אָבער בלייבן וועט אין יעדערער פון זיי פליסיקייט, אָפּהייניגיק פון דער גרייס פון די קיילים. אויך אין דער קיילע, אין וועלכער סע האָט זיך אריינגעגאָסן זייער ווייניק וואַסער פון די צאַפּנס, וועט זיין זייער פיל וואַסער, אויב נאָר די קיילע איז גענוג גרויס. אויסערדעם, וועט זיך די פליסיקייט אין אלע קיילים איינשטעלן אַף איין און דעמזעלביקן דורכשניט-שטאַנד.

פונקט אַזוי איז אין אונזער פאַל: די אונטערנעמונג, וועלכע האָט דירעקט ווייניק מערווערט אויסגעפּרעסט, קאָן געבן גאַנץ היפּש מערווערט, ווען דער קאַפּיטאַל, וואָס מע האָט אין איר אריינגעלייגט, איז גענוג גרויס. צוליב דעם אָבער דאַרף מען, אַז די קיילים זאָלן זיך קאָמוניקירן, אָדער, אָנגעווענדט צום געגעבענעם פאַל, אז די מערווערט זאָל זיך קאָנען איבערגיסן פון איין פּראָדוקציע-ספערע אין דער צווייטער, דאָס הייסט, דער קאַפּיטאַל זאָל קאָנען איבערוואַנדערן פון איין פּראָדוקציע-ספערע אין דער צווייטער.

אין די צווייגן, ווו אַזאַ איבערוואַנדערונג איז אומעגלאך, צ. ב. מאַכמעס זייער מאָנאָפּאָלער לאַגע, נעמט אָן דאָס אויבן-געזאָגטע גאָר אן אנדער אויסזען; וואָס פאַר אַן אויסזען — דאָס וועלן מיר קלאָר מאכן אין פאָלגנדן אָפּטייל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ערד-רענטע.

4. די סטרוקטור פון קאפּיטאל

מיר האָבן געשריבן אויבן, אז די דורשניטלאכע פּרייזן פון איין סכוירע זיינען העכער פון איר ווערט, און די פּרייזן פון אן אנדערער, פארקערט, זיינען נידעריקער. איצט דאַרפן מיר קלאָר מאַכן, אין וועלכע פאַלן האָט אן אָרט די ערשטע דערשיינונג, און אין

וועלכע — די צווייטע. צוליב דעם וועלן מיר זיך מוזן אומקערן צום באַשטענדיקן און פאַר־ענדערלאַכן קאַפּיטאַלן, וועלכע שפּילן אזא גרויסע ראָליע אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

די פאַרהעלטענישן פונם באַשטענדיקן צום פאַרענדערלאַכן קאַפּיטאַל רופט זיך **אָרגאַנישע סטרוקטור** פון קאַפּיטאַל. סע גיט א הויכע סטרוקטור, א מיטלמעסיקע און א נידעריקע. א מיטלמעסיקע רופט זיך אזא סטרוקטור פון קאַפּיטאַל, ווען די פאַרהעלטעניש פונם באַשטענדיקן קאַפּיטאַל צום פאַרענדערלאַכן איז גלייך צו דער דורכשניטלאַכער אין דער געגעבענער **געזעלשאַפט**, א הויכע — ווען זי איז העכער פון דער דורכשניטלאַכער, אַ נידעריקע, — ווען זי איז נידעריקער פון דער דורכשניטלאַכער.

דערפון ווערט קלאָר, אַז אָס זיינען אלץ **געזעלשאַפטלאַכע** קאַטעגאָריעס, און אַז די אונטערנעמונג, וואס איין אן אָפּגעשטאַנען לאַנד וואָלט זי געווען גערעכנט געוואָרן פאר אן אונטערנעמונג מיט א הויכער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל, וואלט זי אין א צווייטער מעלוכע, א מער אנטוויקלטע אין אינדוסטריעלער הינזיכט, צוגערעכנט געוואָרן צו די אונ־טערנעמונגען מיט א מיטלמעסיקער און אַפילע מיט א נידעריקער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל.

דער אונטערשייד אין דער אָרגאַנישער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל איז הויפּטזאַכלאַך אַ פּראָדוקט פונם קאַפּיטאַליזם: קאַלזמאַן סע איז נאָך ניט געווען קיין מעכטיקע מאַשינען א. א. וו., האָט די אָרגאַנישע סטרוקטור פון קאַפּיטאַל אין פאַרשיידענע פּראָדוקציע־געביטן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט א גרויסער פאַרשיידנאַרטיקייט און האָט זיך געוויינטלאַך ניט זייער שטאַרק אָפּגענויגט פון דער דורכשניטלאַכער. די אנטוויקלונג פון מאַשינען האָט ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע: איצט זיינען דאָ פּראָדוקציע־צווייגן, ווו דער באַשטענ־דיקער קאַפּיטאַל איז קאָלאָסאַל, און פאַרענדערלאַכער קאַפּיטאַל איז קימאַט גאָר ניטאָ, ווו לעבעדיקע מענטשלאַכע ארבעט ווערט קימאַט ניט אָנגעווענדט (צ. ב. וואַסערלייטונג, קאַנאַליזאַציע), אָדער זי ווערט אָנגעווענדט אין א מינימאַלער מאָס (צ. ב. עלעקטרישע סטאַנציעס). דאָ האָבן מיר מוסטערן פון פּראָדוקציע־ספערעס מיט א הויכער קאָנסטרוקציע פון קאַפּיטאַל. דער הייפעך צו זיי איז יענע מאסע פּראָדוקציע־צווייגן, ווהין די מאשין איז נאָך לעסאַטע ניט אַריינגעדרונגען אָדער זי איז אריינגעדרונגען אין אַ מינימאַלער מאָס, ווו די גאַנצע אַרבעט ווערט ניט אויסגעפירט דורך די שטאָלענע ריזן, נאָר דורך מענטשן, ווו סע איז דאָ א גרויסע מאַסע אַרבעטער. ס'איז קלאָר, אז איצט איז אין זיי די סטרוק־טור פון קאַפּיטאַל א נידעריקע, האַגאַם גאָר ניט לאַנג האָט מען אַזאַ סטרוקטור פון קאַפּי־טאַל געקאָנט אָנרופן אַ מיטלמעסיקע און אמאָל אַפילע אַ הויכע.

5. די סטרוקטור פון קאַפּיטאַל און די פּרייזן פון דער פּראָדוקציע

ווען מע זאָל פאַרקויפן די סכוירעס לויט זייער ווערט, וואָלט דאָס געהייסן, אַז אין די פּראָדוקציע־צווייגן מיט אַ הויכער אָרגאַנישער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל, ווו ארבעטער איז לעפּיערעך ווייניק און ווו סע ווערט דעריבער אויסגעפּרעסט ווייניק מערווערט, דאַרף דער רעוואך זיין נידעריקער פונם דורכשניטלאַכן; אין די פּראָדוקציע־צווייגן אָבער מיט אַ נידעריקער אָרגאַנישער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל, ווו אַרבעטער איז לעפּיערעך אסאך, דאַרף דער רעוואך זיין העכער פונם דורכשניטלאַכן. און העיוס ווי דאָס באַמערקט זיך ניט, הייסט עס, אז אין די פּראָדוקציע־צווייגן מיט א הויכער אָרגאַנישער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל שטייען אַלעמאָל די פּראָדוקציע־פּרייזן העכער פון דער ווערט פון די אַנטשפּרע־כיקע סכוירעס, און אין די פּראָדוקציע־צווייגן מיט א נידעריקער אָרגאַנישער קאָנסטרוקציע פון קאַפּיטאַל שטייען אַלעמאָל די פּראָדוקציע־פּרייזן נידעריקער פון דער ווערט פון די אַנטשפּרעכיקע סכוירעס.

נימצע, די אייגנטימער פון די אונטערנעמונגען פון יענע פראָדוקציע-ספערעס, ווו סע האָט אַן אָרט אַ נידעריקע אָרגאַנישע קאָנסטרוקציע פון קאַפּיטאַל, קאָנען ניט רעאַליזירן די גאַנצע מערווערט, וואָס ליגט אין זייערע סכוירעס, און א טייל אירן מוזן זיי אַרויסלאָזן פון זייערע הענט.

פאַרקערט, די אונטערנעמונגען, וואָס געהערן צו די פראָדוקציע-צווייגן מיט אַ הויכער קאָנסטרוקציע פון קאַפּיטאַל, איז ניט בלויז וואָס זיי רעאַליזירן די גאַנצע מערווערט, וואָס ליגט אין זייערע סכוירעס, נאָר זיי באַקומען נאָך אַ געוויסע הויסאָפּע אויך, אניט וואָלטן די דורכשניטלאכע פרייזן פון די אַנטשפּרעכיקע סכוירעס ניט געקאָנט זיין העכער פון דער ווערט פון דידאָזיקע סכוירעס.

דידאָזיקע הויסאָפּע-מערווערט איז טאַקע יענער סכום אירער, וואָס די אונטערנעמונגען פונם ערשטן מין האָבן ניט געקאָנט רעאַליזירן, כאָטש זיי האָבן זי אויסגעפּרעסט. אז דאָס איז אבסאָלוט ריכטיק, זעט מען דערפון, וואָס סע בילדעט זיך אויס א דורכשניטלאכער רעוואַך, און קיין שום דורכשניט קאָן זיך ניט אויסבילדן, ווען אלע אָפּנויגונגען אין איין זייט ווערן געבראַכט אין גלייכגעוויכט דורך אָפּנויגונגען אין דער קעגנזעצלאכער זייט.

דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן דער אויסבילדונג פון איין דורכשניטלאכן רעוואַך אין פאַרשיידענע פראָדוקציע-ספערעס, האָט אן אָרט אויך אין די גרענעצן פון איין באַזונדער אונטערנעמונג. אין דער פאַבריק ווערט דער פּראָדוציר-פּראָצעס צעפּאַלן אף א ריי סטאַדיעס, פון וועלכע אייניקע האָבן אמאָל אן אָרט אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. דידאָזיקע אָפּטיילונגען קאָנען האָבן אַ פאַרשיידענע סטרוקטור פון קאַפּיטאַל; אין אייניקע פון זיי ווערט קימאַט די גאַנצע ארבעט אויסגעפירט מיט די הענט, און, אין פאַרגלייך מיטן קאַפּיטאַל, וואָס ווערט פארווענדט אף דער איינריכטונג פון דערדאָזיקער אָפּטיילונג, זיינען דאָרט פארנומען זייער פיל ארבעטער (א נידעריקע סטרוקטור פון קאַפּיטאַל), אין אַנדערע, פאַרקערט, זיינען דאָ זייער פיל מאשינען און די גאַנצע ארבעט ווערט אויסגעפילט דורך זיי, אזוי אז אין פארגלייך מיט די קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען אריינגעלייגט אין דערדאָזיקער אָפּטיילונג, זיינען דאָרט פאַרנומען ווייניק ארבעטער (א הויכע אָרגאַנישע סטרוקטור פון קאַפּיטאַל).

בעכיין, איז קלאָר, אז אין די ערשטע פון זיי וועט אויסגעפּרעסט ווערן לעפּיערעך זייער פיל, און אין די צווייטע — לעפּיערעך זייער ווייניק מערווערט, ד. ה., בא אַנדערע גלייכע באַדינגונגען וואָלט דער שטאַנד פונם רעוואַך אין די ערשטע זיין זייער הויך, און אין די צווייטע זייער נידעריק. אָבער ס'איז דאָך קלאָר, אַז דער אונטערנעמער וועט ניט נעמען אויסרעכענען פינף פאַרשיידענע שטאַנדן פון רעוואַך (ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז אין זיין פאַבריק זיינען דאָ פינף פאַרשיידענע אָפּטיילונגען), ער וועט אויסרעכענען נאָר איין דורכשניטלאכן שטאַנד פאַר דער גאַנצער אונטערנעמונג, וועלכע וועט זיין העכער פונם פאַקטיש עקסיסטירנדיקן שטאַנד פון מערווערט אין איין אָפּטיילונג, און אנטשפּרעכיק נידעריקער איידער אין דער אַנדערער.

קיין אנדער אויסוועג האָט ער ניט, און ס'האָט פאַר אים קיין זין ניט צו געפינען אן אַנדער אויסוועג. לאָמיר זיך אַפילע פאָרשטעלן, אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אז אין אייניקע אָפּטיילונגען פון דער פאַבריק שלאָגט א שוואכערער קוואַל פון רעוואַך, איידער אין די אנדערע; פאָלגט דערפון בעשום אויפן ניט, אז די שוואַכע אָפּטיילונגען פון פאַבריק זאָל ער פאַרמאַכן, ווייל מער ווי אָנווער וועט ער דערפון ניט האָבן. קיינער וואָלט ניט נעמען קויפן זיין פאַבריקאַט, ווען בא זיין באַארבעטונג זאָל דורכגעלאָזט ווערן אוועלכע ניט איז נויטיקע סטאַדיע, ווייל אזא פאַבריקאַט טויג צו גאָרנישט. יענע אויסבילדונג פונם דורכשניטלאַכן רעוואַך, וואָס אף דער פאַבריק קומט זי פאַר פלאנמעסיק און באַוואוסטזיניק,

קומט זי פאָר אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט סטיכייאיש און הינטערן רוקן פון די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען, אָבער אין אלגעמיין גייט זי פעסט איר גאַנג.

קעדיי נאָך בולעטער באַווייזן יענעם ווירקלאכן צוזאַמענהאַנג, וואָס עקסיסטירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט צווישן דער מערווערט און דעם רעוואך, לאָמיר נעמען עפּעס א באַזונדערע אַקציען-געזעלשאַפט (מיט א מיטעלער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל). ס'איז קלאָר, אז דער רעוואך פון אירע אַקציאָנערן באַקומט זיך דערפון, וואָס זיי עקספּלואַטירן די ארבעטער, וועלכע זיינען אין דער אונטערנעמונג פאַרנומען. סע איז אויך קיין סאָפעק ניט, אַז בא אלע אנדערע גלייכע באדינגונגען וועט דער דיווידענד אַף איין אקציע זיין אַלץ גרעסער, וואָס אַ גרעסערער סכום אַרבעטער סע איז פאַרנומען אין דער אונטערנע-מונג, ער איז, אזוי צו זאָגן, פּראָפּאָרציאָנעל דעמדאָזיקן סכום, ער איז פּראָפּאָרציאָנעל דעם סכום מערווערט, וואָס איז אויסגעפּרעסט אין דער אונטערנעמונג.

ניט וויניקער קלאָר איז, אז דער רעוואַך פון יעדן אַקציאָנער באַזונדער וועט אין דער-זעלביקער צייט זיין קימאט לאַכלוטן אומאָפּהייִנגיק פון דער מאָס, אין וועלכער דערדאָזי-קער אקציאָנער באַטייליקט זיך אינם עקספּלואַטירן די ארבעטער, וואָס זיינען פאַרנומען אין דער אונטערנעמונג; ער קאָן אַפילע ניט האָבן צו דעם קיין שום דירעקטע שייכעס, ער קאָן אַפילע וואוינען אין אן אנדער שטאָט, נאָכמער,—אין אן אַנדער לאַנד און גאָר אין אַן אַנדער וועלט-טייל, און פונדעסטוועגן וועט זיין רעוואך זיין זייער גרויס, ווען ער האָט נאָר אַ גרויסע צאָל אקציעס.

די האַכנאָסע פון דער גאַנצער אונטערנעמונג און די האַכנאָסעדיקייט פון איין באַזונדער אקציע וועט, בא אלע איבעריקע גלייכע באַדינגונגען, באשטימט ווערן דורך דער צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרנומען אין דער אונטערנעמונג, און דורך דער מאָס פון זייער עקספּלואַטאציע.

די האַכנאָסע אבער פון יעדן אקציאָנער באַזונדער ווענדט זיך אין דער צאָל אַקציעס, וואָס ער האָט, אין דער גרייס פון זיין קאַפּיטאַל.

די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט איז אין דער הינזיכט ענלאך צו איין ריזיקער אקציאָנערער פאַבריק. די אלגעמיינע סומע רעוואַך איז אין דעם פאַל גלייך צו דער אַלגעמיינער סומע מערווערט און ווערט דורך איר באַשטימט. דער טיילעק אָבער פון יעדער אונטער-נעמונג באַזונדער, ווי דער טיילעק פון יעדן אקציאָנער באַזונדער ווערט באַשטימט ניט דורך דעם, וויפיל אין איר איז אויסגעפּרעסט געוואָרן מערווערט, נאָר מיט דער גרייס פונם קאַפּיטאַל, וואָס איז אין איר אריינגעלייגט.

צום שלוס וועלן מיר אָנווייזן אָט אַף וואָס. וויבאַלד די דורכשניטלאכע פּרייזן פון אייניגע סכוירעס זיינען אַף אַזויפיל העכער פון זייער ווערט, אַף וויפל די דורכשניטלאַכע פּרייזן פון די אנדערע סכוירעס זיינען נידעריקער פון זייער ווערט, איז קלאָר, אז די אלגעמיינע סומע פון די דורכשניטלאכע פּרייזן פון די סכוירעס איז גלייך צו דער אלגעמיינער סומע פון זייער ווערט. נאָכמער, די ערשטע ווערט באשטימט דורך דער לעצטער.

6. די שנעלקייט פון דער צירקולאציע פון קאַפּיטאַל און די פּרייז פון דער פּראָדוקציע

כוץ דער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל, ווירקט נאָך זייער שטאַרק אַף דער אָפּנייגונג פון די דורכשניטלאַכע פּרייזן אַף די סכוירעס פון זייער ווערט דער אונטערשייד אין דער שנעלקייט פון דער צירקולאציע פון קאַפּיטאַל.

אינדערעמעסן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן צוויי טיפּישע אונטערנעמונגען פון צוויי פאַר־שיידענע פּראָדוקציע־ספערעס; אין איינער פון זיי מאַכט דער קאַפּיטאַל זיין אומלויף 12 מאָל אין יאָר, אין דער צווייטער — נאָר 1 מאָל. לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן, אז אין יעדערער פון די אונטערנעמונגען איז אריינגעלייגט געוואָרן פונקט דערזעלביקער סכום קאַפּיטאַל און אז דערדאָזיקער קאַפּיטאַל ווערט אין ביידע פאַלן גלייך צעלייגט אַפן באַ־שטענדיקן און פאַרענדערלאַכן טייל.

ס'איז קלאָר, אַז דער ערשטער אונטערנעמונג וועט אויסקומען אוואנסירן מיטלען אַף צו דינגען אַרבעט־קראַפט אַף אַ כוידעש, און דער צווייטער אַף א יאָר. דאָס הייסט, אז די ערשטע אונטערנעמונג וועט, באַם זעלביקן קאַפּיטאַל און זיין פאַרענדערלאַכן טייל, קאָנען איינלאַדן 12 מאָל מער אַרבעטער, און, הייסט עס, באַקומען אין 12 מאָל אַ גרע־סערע מערוווערט, און, הייסט עס, אויך אין 12 מאָל א גרעסערן רעוואַך.

ס'איז, אָבער קלאָר, אַז אַזוינס איז לאַכלוטן אומוואָרשיינלאך, ווייל אַזאַ הויכער רע־וואַך וועט צוציען אין דער געגעבענער ספערע פון פאָלקווירטשאַפט פיל נייע קאַפּיטאַלן. אַדאַנק דעם וועט די פּראָדוקציע פון די געגעבענע סכוירעס פאַרגרעסערט ווערן. דער וווקס אָבער פונם אָנבאָט וועט ברייגגען צו דער נידערונג פון די פרייזן. און העיויס ווי פריער האָט מען, לויט דער האשאָרע, די סכוירעס פאַרקויפט לויט זייער ווערט, וועלן איצט, מאַשמאָעס, די דורכשניטלאַכע פרייזן פון דעם מין סכוירעס זיין נידעריקער פון זייער ווערט.

פאַרקערט. אין פונקט אַזאַ אונטערנעמונג, לויטן קאַפּיטאַל, נאָר מיט אַ לאַנגזאַמער צירקולאַציע, וועט דער רעוואַך זיין לעפּיעראַך זייער נידעריק, מאַכמעס דעם קליינעם סכום אַרבעטער, וואָס זיינען דאָרט פאַרנומען.

הייסט עס, אַז פונם אנטשפּרעכיקן פּראָדוקציע־צווייג וועט זיך אנהויבן אַן אָפּפלייץ פון קאַפּיטאַלן; הייסט עס, אַז דער סכום סכוירעס, וואָס ווערט דאָרט פּראָדוצירט, וועט קלענער ווערן. דאָס וועט אומפאַרמיידלאַך ברייגגען צו דער העכערונג פון די דורכשניט־לאַכע פרייזן. אַזוי ארום וועלן די דורכשניטלאכע פרייזן זיך הויבן העכער פון דעם ווערט פון דידאָזיקע סכוירעס.

אַלזאָ, באַ אַ שנעלער צירקולאציע פון די קאַפּיטאַלן וועלן די פרייזן פון דער פּראָ־דוקציע אין די אַנטשפּרעכיקע צווייגן פון דער פאָלקווירטשאַפט זיין נידעריקער פון דער ווערט פון די סכוירעס, וואָס ווערן דאָרט פּראָדוצירט, און באַ א לאַנגזאמער צירקולאציע פון קאַפּיטאַל—פאַרקערט, העכער. ס'פאַרשטייט זיך, אז דאָס אלץ האָט א קראַפט אַף אזוי־פיל, אַף וויפל דער קאַפּיטאל קאָן אי אָפּפלייצן פון דעם געגעבענעם פּראָדוקציע־צווייג, אי צופלייצן, — בעקיצער, אַף וויפל ער איז ניט מאָנאָפּאָליזירט.

7. דאָס אלגעמיינע געזעץ

פונם אויבנגעזאָגטן קאָן מען אַרויספירן פאָלגנדן געזעץ. אין די פּראָדוקציע־צווייגן, וואָס דעם סכום פון זייערע פּראָדוקטן קאָן מען, ווען מע וויל, פאַרגרעסערן אָן אַ שיר (ניט מאָנאָפּאָליע), איז צו באמערקן פאָלגנדע אָפּנויגונגען פון די דורכשניטלאכע פרייזן אף סכוירעס פון זייער ווערט.

אין פאַל פון אַ הויכער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל אָדער פון אַ לאַנגזאַמער צירקולאַציע זיינער שטייען די דורכשניטלאַכע פרייזן פון די סכוירעס, די פרייזן פון זייער פּראָדוקציע, העכער פון זייער ווערט; אין פאַל פון א נידעריקער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל, אָדער

פון אַ שנעלער צירקולאַציע זײַנער, — שטײען די דורכשניטלאַכע פרײַזן פון די סכוירעס נידעריקער פון זײער ווערט.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז ביידע סיבעס, וואָס רופן אַרויס די אָפּנויגונגען פון די פּראָדוקציע-פרײַזן פון דער ווערט — די סטרוקטור פון קאַפּיטאַל און די שנעלקייט פון זײַן צירקולאַציע, — קאָנען ווירקן סײַ אין איין און דערזעלביקער ריכטונג, סײַ אין קעגנזעצלאַכע ריכטונגען. אין ערשטן פאַל פאַרשטאַרקן זײ, אין צווייטן פאַל שוואַכן זײ אָפּ די ווירקונג איינע פון דער צווייטער.

ס'איז קלאָר, צ. ב., אַז אויב מיר האָבן אַ פאַל, ווען אי די סטרוקטור פון קאַפּיטאַל איז אַ הויכע, אי די צירקולאַציע זײַנע איז אַ לאַנגזאַמע, דאַן נויגט זיך אָפּ שטאַרקער די פרײַז פון דער פּראָדוקציע פון דער אנטשפּרעכיקער סכוירע העכער פון איר ווערט, איידער דאַן, ווען סע ווירקט איינע פון די דאָזיקע טיבעס.

אויב אָבער מיר האָבן אַ פאַל, ווען די סטרוקטור פון קאַפּיטאַל איז אַ הויכע, אָבער די צירקולאַציע זײַנע איז אַ שנעלע, דאַן וועט די אָפּנויגונג פון די דורכשניטלאַכע פרײַזן העכער פון דער ווערט זײַן שוואַכער, איידער דאַן, ווען סע וואָלט ווירקן נאָר דער ערשטער באַדינג. די דאָזיקע אָפּנויגונג אַרויף קאָן אַפילע אין אַזאַ פאַל גאָר ניט זײַן. נאָכמער, סע קאָן זיך דאָ אַפילע טרעפן אַן אָפּנויגונג אַראָפּ. דאָס ערשטע וועט האָבן אַן אָרט, ווען ביידע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אין קעגנזעצלאַכע ריכטונגען, זײַנען גלייכמעכטיק; דאָס צווייטע — ווען דער לעצטער פאַקטאָר איז שטאַרקער פונם ערשטן.

פון שטאַנדפּונקט פון דער דאָזיקער טעאָריע פון פּראָדוקציע-פרײַזן, קאָן מען לייכט און פּאָשעט דערקלערן יענע פאַקטן, וועלכע זײַנען קלאָמערשט סויסער סײַ די טעאָריע פון מערווערט, סײַ די טעאָריע פון אַרבעטסווערט גופא.

8. די דערקלערונג פון די פאַלן, ווען די אנטשפּרעכן ניט איינע די אַנדערע — דער סכום רעוואָך און דער סכום באַשעפטיקטע אַרבעטער

א) פאַבריקן

די טעאָריע פון די פּראָדוקציע-פרײַזן דערקלערט אונז, ווי מיר האָבן געזען, גאַנץ איבערצייגנד, פאַרוואָס די פאַבריקן, וווהין ס'זײַנען אַרײַנגעלייגט בערערך גלייכע קאַפּיטאַלן, ברענגען בערערך דעמזעלביקן רעוואָך, האַגאַם דער סכום אַרבעטער, וואָס זײַנען דאָרטן באַשעפטיקט, און, הייסט עס, דער סכום מערווערט, וואָס מע פּרעסט פון זײ אויס, איז געווען לעגאַמרע פאַרשיידן.

ב) דער יוּוועלירער

די דאָזיקע טעאָריע דערקלערט אויך, פאַרוואָס אַ רײַכער יוּוועלירער, וועלכער באַשעפטיקט גאָר אַ קליינע צאָל אַרבעטער, באַקומט דאָך א גוואַלדיקן רעוואָך.

עס פאַרשטייט זיך, פון „זײַנע" אַרבעטער פּרעסט ער אויס ניט אַזאַ סאַך מערווערט. נאָר העיוים ווי דאָס יוּוועליר-געשעפט איז אַ פּראָדוקציע-צווייג מיט אַ הויכער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל (מאַכמעס דער טײַערקייט פונם רוויוואַרג, וואָס ער געברויכט), ווערן דערײַבער די יוּוועליר-פאַבריקאַנטן פאַרקויפט העכער פון זײער ווערט, און, דאָס הייסט, אַז דער אייגנטימער פון דער יוּוועליר-אונטערנעמונג רעאַליזירט ניט בלויז די מערווערט, וואָס ווערט אויסגעפּרעסט אין זײַן אונטערנעמונג. נאָר אויך, אויסערדעם, אַ געוויסן סכום מערווערט, וואָס איז אויסגעפּרעסט, נאָר ניט רעאַליזירט געוואָרן אין די פּראָדוקציע-צווייגן

מיט אַ נידעריקער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל. אַזוי קאָן אין דער נעץ פון אַ פּישכאַפּער אַריינפאַלן ניט בלויז יענער פיש, וועלכער איז ארויס פונם רויג, וואָס געפינט זיך אין זיין טייל פונם טייך, נאָר אויך יענער פיש, וואָס איז געקומען פון אַ העכערן טייל פונם טייך, נאָר דאָרטן האָט מען אים ניט געכאַפּט.

ג) די האכנאָסע פון א הויז-אייגנטימער

דידאָזיקע טעאָריע דערקלערט פולשטענדיק דעם מאָקער פון דער גרויסער האַכנאָסע, וואָס סע באַקומט אַן אייגנטימער פון אַ גרויסן מויער, האַגאַם ער (דער אייגנטימער) עקספּלואַטירט קימאַט גאָרניט קיין פרעמדע אַרבעט. זאָל זיין, אַז ער פּרעסט אויס לעפּיערעך ווייניק מערווערט פון דער דירעקטער עקספּלואַטאַציע פון די פּערזאָנען, וואָס זיינען באַ אים באַשעפטיקט (די סטרוזשן). אָבער די מאָס מערווערט, וואָס דער אייגנטימער באַקומט, באַשטייט ניט פון יענעם סכום מערווערט, וואָס ער אליין האָט אויסגעפּרעסט, נאָר פון דעם סכום, וואָס פאַלט אויס אָף זיין כיילעק, לויט דער גרייס פון זיין קאַפּיטאַל. און אָף צו קויפן א גרויס הויז האָט מען, געוויס, אויסגעגעבן זייער גרויסע געלט-מיטלען.

ד) די פּרייז פון וויין

ענדלאַך, ווען מיר קערן זיך אום צו אונזער אַלטן באַקאַנטן, צו דער הויכער פּרייז פון אלטן וויין, וועט דאָ אונז אויך די טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייזן צוגעבן גאַנץ וויכטיקע דעטאַלן.

אויבן האָבן מיר דערוויזן, אז די ווערט פון אַלטן וויין איז העכער פון דעם ווערט פון יונגן וויין.

אָבער דער כילעק אין דער פּ ר י י ז צווישן יונגן און אַלטן וויין דאַרף זיין באַדייטנד גרעסער, איידער דער כילעק אין זייער ו ו ע ר ט. וואָס לאַנגזאַמער די צירקולאַציע פון קאַפּיטאַל איז, אַלץ מער נויגן זיך אָפּ די דורשניטלאַכע פּרייזן אַרופצו פון דער אַרבעט-ווערט (לויט דער טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייזן). און ס'איז דאָך קלאָר, אז וואָס עלטער דער וויין איז, אַלץ לאַנגזאַמער איז די צירקולאַציע פונם קאַפּיטאַל, וואָס באַטייליקט זיך אין זיין פּראָדוקציע, אַלץ אַ גרעסערע צייט גייט דורך ביזן מאָמענט, ווען מע רעאַליזירט דעם פּראָדוקט.

עפּשער שפּילט דאָ אַ ראָליע נאָך אָט וועלכער אומשטאַנד: ניט אָן אַ געוויסן גרונט קאָן מען באַהויפּטן, אז דער פּראָדוציר-פּראָצעס פון אלטן, אַ שטייגער, הונדערטיאָריקן וויין פאַרענדיקט זיך ניט מיטן אַוועקשטעלן אים אין קעלער, נאָר ער געדויערט די גאַנצע 100 יאָר. דער רויער מאַטעריאַל, און, הייסט עס, דער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל וועט זיין אין געגעבענעם פאַל דער וויין גופע. דער פאַרענדערלאַכער קאַפּיטאַל אָבער איז אין געגעבענעם פאַל גאָר אַ נישטיקער: יענער קליינער טייל אַרבעט, וואָס סע גייט אַוועק אַפּן היטן א. א. וו. איין פלעשל וויין. ווען אָבער דער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל איז גרויס, און דער פאַרענדערלאַכער איז לעפּיערעך אומבאַדייטנד, דאַן האָבן מיר פאַר זיך אַ הויכע סטרוקטור פון קאַפּיטאַל. דאָס לעצטע, ווי באַוווסט, נויגט אָפּ די פּרייזן ארופצו פון זייער ווערט.

אַזוי אַרום איז די ווערט פון אַלטן וויין באדייטנד גרעסער, איידער די ווערט פון יונגן וויין, די פּרייז אָבער פון אלטן וויין איז נאָך אין אַ גרעסערער מאָס העכער, איידער די פּרייז פון יונגן וויין, ווייל אי די זייער לאנגזאַמע צירקולאציע פון קאַפּיטאל, אי די זייער הויכע אָרגאַנישע סטרוקטור זיינע הויבן אוף די דורשניטלאַכע פּרייזן פון אַלטן וויין הויך איבערן שטאַנד פון זיין ווערט.

ה) די פרייז פון אַלטערטימלאכע זאכן

לאָמיר איצט איבערגיין צו אלטערטימלאַכע בילדער, אנטישע ססאַטועס, אלטפריינקישע מאַטבייעס, א. א. וו.

די ווערט פון אַלטע מאַטבייעס שטייגט שטארק אַריבער די ווערט פון נייע מאַטבייעס מיטן זעלביקן מעטאַלישן אינהאַלט. אָבער די פרייז פון די אַלטע מאַטבייעס איז נאָך אַסאַך העכער פון דער פרייז פון נייע מאַטבייעס — שוין דערפאַר אַליין, וואָס דאָ ווירקט די הויכע אָרגאַנישע סטרוקטור פון קאַפיטאַל פון די מוזייען א. א. וו. (דער באַשטענדיקער קאַפיטאַל, די אַלטע מאַטבייע גופע, איז לעפיערעך זייער גרויס, און דער פאַרענדערלאַכער, ד. ה. דער טייל אַרבעט, וואָס גייט אַף היטן איין מאַטבייע, איז זייער נישטיק).

די הויכע סטרוקטור פון קאַפיטאַל ברייגגט אויך דערצו, אַז די דורכשניטלאַכע פרייז פון דער אַנטשפּרעכיקער סכוירע ווערט אַסאַך העכער פון איר ווערט.

דאָס געזאָגטע בענעגייע צו די אַלטע מאַטבייעס קאָן מען גאַנץ גוט אָנווענדן אויך צו די אנטישע סטאַטועס א. א. וו.

אויך דאָ איז, פאַרשטייט זיך, די ווערט ניט אין אַן ערעך העכער איידער די ווערט פון אַ מאָדערנעם ווערק פון דערזעלביקער קוואַליפיצירטער אַרבעט.

אָבער די דורכשניטלאַכע פרייז פון די ערשטע איז נאָך אין אַ גרעסערער מאָס העכער פון דער דורכשניטלאַכער פרייז פון די צווייטע. די סיבע איז: די זייער הויכע סטרוקטור פון קאַפיטאַל פון די מוזייען א. א. וו.

ו) נאָך וועגן נאָכפרעג און אָנבאָט

מע קאָן אָפּפרעגן און זאָגן, אַז אַף וויפל דאָס איז שאַיעך צו דער הייך פון דער פּ ר ײ ז, ווענדט זיך עס אַ האָר ניט אין דעם אָדער יענעם טעמפּ פון דער צירקולאַציע פון קאַפיטאַל און פון דער סטרוקטור זיינער, נאָר פּאָשעט פון דעם גרעסערן נאָכפרעג און קלענערן אָנבאָט, וועלכע טרייבן די פרייזן ארופצו פון דער ווערט. דאָס איז אָבער לאַכלוטן ניט ריכטיק. ערשטנס, די וואַקלענישן פון נאָכפרעג און אָנבאָט קאָנען נאָר דערקלערן און דערקלערן טאַקע, פאַרוואָס סע ווערן אָפּגעצויגט די מ אַ ר ק - פּ ר ײ ז ן פון די דורכשניטלאַכע, אָבער בעשום אויפן ניט, פאַרוואָס סע נויגן זיך אָפּ די דורכשניט-פרייזן פון דער ווערט, און נאָר וועגן דעם גייט דאָך דאָ די רייד.

צווייטנס, די טיינע, אַז פאַרגרעסערן דעם סכום אנטישע סטאַטוען זיינען מיר ניט בעקויאַך, און דעם סכום ווערק פון די מאָדערנע סקולפּטאָרן קאָן מען פאַרגרעסערן, ווייל דער סקולפּטאָר קאָן מאַכן נאָך סטאַטועס און אַזוי אַרום ברייגגען מער אין איינקלאַנג דעם נאָכפרעג מיטן אנבאָט, — די טיינע איז, נאָך אונזער מיינונג, לאַכלוטן ניט ריכטיק. דעם סכום סטאַטועס פון אַ ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם סקולפּטאָר איז אויך אומעגלאַך צו פאַרגרעסערן, און דאָך וועלן די אַלטע האָבן אַ סאַך אַ העכערע פרייז.

9. וועגן צוזאמענהאַנג צווישן דער טעאָריע פון אַרבעטווערט און דער טעאָריע פון פּראָדוקציע־פרייז

א) וועגן דער קלוימערשטער סטירע צווישן I און III באַנד פון „קאַפּיטאַל“

די קעגנער פון דער טעאָריע פון ארבעטווערט פאַרזיכערן, אַז די טעאָריע פון פּראָדוקציע-פרייז איז בעשום אויפן ניט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער טעאָריע פון אַרבעטווערט, און אין טאָך זיינען די ביידע סויסער איינע די אַנדערע, שליסן אויס איינע

די אַנדערע—אָדער, ווי מע דריקט זיך אָפּט אויס, דער III באַנד מאַרקס „קאַפּיטאַל״ (ווו ס'איז אויפגעפּאַסט די טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייז), איז סויסער דעם I באַנד (ווו ס'איז באַגרינדעט די טעאָריע פון אַרבעטווערט). אַזאַ באַהויפּטונג באַווייזט, אַז די קריטיקער ווייסן ניט אָדער פאַרשטייען ניט ניט דעם ניט דעם III באַנד „קאַפּיטאַל״.

צווישן זיי קאָן קיין סטירע ניט זיין שוין מאַכמעס דעם אַליין, וואָס זיי ריידן וועגן גאָר פאַרשיידענע זאַכן. אינם ערשטן באַנד האָט זיך מאַרקס געשטעלט די אויפגאַבע אויסצופאָרשן, ווי אַזוי סע ווערט אויסגעבילדעט (אינעווייניק אין דער געגעבענער אונטערנעמונג) די מערווערט. אין דריטן באַנד פאָרשט מאַרקס אויס, ווי אַזוי סע ווערט פאַרטיילט (אין דער געגעבענער געזעלשאַפט) די אויסגעפּרעסטע מערווערט. ס'איז דאָך קלאָר, אַז דער פאַרקויף העכער אָדער נידעריקער פון דער ווערט גיט ניט צו קיין איין אטאָם מערווערט צו יענעם סכום אירן, וואָס איז אויסגעפּרעסט געוואָרן אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, ער העלפט נאָר מיט צו פאַרטיילן זי ריכטיקער (פון קאַפּיטאַליסטישן שטאַנדפּונקט), גלייכמעסיקער (פון שטאַנדפּונקט פון דער גרייס פון די אריינגעלייגטע קאַפּיטאַלן).

ב) די טעאָריע פון דער פּראָדוקציע-פּרייז און קלאַסן-קאַמף

די טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייז איז ניט בלויז ניט סויסער די טעאָריע פון אַרבעט-ווערט, ווי זי איז איבערגעגעבן געוואָרן אינם ערשטן באַנד, נאָר אַדעראַבע, זי איז איר לאָגישער המשך, און דעריבער פאַרשאַרפט זי נאָך מער, שטרייכט זי אונטער נאָך שטאַרקער די קלאַסן-סטירע צווישן די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע. אינדערעמעסן, די טעאָריע פון מערווערט, ווי זי איז איבערגעגעבן געוואָרן אינם ערשטן באַנד, דעקט אויף שאַרף און בוילעט דעם ווידערשפּרוך צווישן די אַרבעטער פון דער געגעבענער פאַבריק (איוואַנאָווס) און איר אייגנטימער. נאָר פון דעם זעט מען ניט, פאַרוואָס די אינטערעסן פון די אַרבעטער אין דער געגעבענער פאַבריק (איוואַנאָווס) זיינען קעגנזעצלאַך די אינטערעסן, לאָמיר זאָגן, פונם שכיינישן פאַבריקאַנט (פּעטראָוו) — ער עקספּלואַטירט דאָך ניט איוואַנאָווס אַרבעטער. נאָכמער, איוואַנאָוו איז אַ סוינע פון זיינע אַרבעטער און איז אַ סוינע דעם קאָנקורענט זיינעם, דעם קאַפּיטאַליסט פּעטראָוו. די סאָנים פון אונזערע סאָנים זיינען דאָך גאַנץ אָפּט אונזערע פריינט. קומט דאָך אויס, אַז סע איז דאָ אַ שטאַרקער גרונט, אַז איוואַנאָווס אַרבעטער און דער קאַפּיטאַליסט פּעטראָוו זאָלן זיין סאָלידאַר.

און בלויז די טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייז, וועלכע באַווייזט, אַז דער דורכשניטלאכער רעוואַך בילדעט זיך אויס דורך דער טיילונג פון דער גאַנצער מערווערט, וואָס איז אויסגעפּרעסט אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, אף איר גאַנצן קאַפּיטאַל, — בלויז אָט די טעאָריע דעקט קלאָר אויף, אַז אַלע קאַפּיטאַליסטן פון דער געגעבענער געזעלשאַפט זיינען פאַראינטערעסירט דערין, אַז די סומע מערווערט זאָל זיין אַמעגלאַכסט גרעסער, ווייל דאַן וועט יעדערן פון זיי אָנקומען מער; וואָס אַ גרעסערער קוילעטש סע ליגט אפן טיש, אַלץ אַ גרעסערן כיילעק וועט באַקומען יעדערער פון די, וואָס זיצן באַם טיש.

בעכיין, האָבן מיר דאָ א מאַטעמאַטיש פּינקטלאכע דערקלערונג, פאַרוואָס די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע ווייזן ארויס גאָרניט קיין ברידערלאכע געפילן בעאייס זיי קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן, זיינען זיי דאָך אין דערזעלבער צייט צווישן זיך זייער ברידערלאַך, ווען זיי קומט אויס צו קעמפן מיטן ארבעטער-קלאַס.

ג) די טעאָריע פון פראָדוקציע-פרייז, אַלס לאָגישע אַנטוויקלונג פון דער טעאָריע פון אַרבעטווערט.

די טעאָריע פון פראָדוקציע-פרייז איז א לאָגישע אנטוויקלונג פון דער טעאָריע פון ארבעטווערט נאָך דערפאַר, וואָס דער דורכשניטלאַכער רעוואַך איז, ווי מיר האָבן געזעען, אַן אומאָפּנעמבאַרער און אויסערסט וויכטיקער באַשטאַנד-טייל פון דער פראָדוקציע-פרייז. אָבער דער דורכשניטלאכער רעוואַך ווערט דאָך באשטימט דורך דער אלגעמיינער סומע מערווערט, וואָס איז אויסגעפרעסט אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, געטיילט אַף איר גאַנצן קאַפּיטאַל. דאָס הייסט, אַז דעם דורכשניטלאַכן רעוואַך קאָן מען ניט פאַרשטיין און אויסרעכענען אָן דער הילף פון דער מערווערט-טעאָריע. און העיוים ווי די לעצטע איז א לאָגישער אויספיר פון דער ארבעטווערט-טעאָריע, מוז זי זיך אינגאַנצן באַזירן אַף דער לעצטער.

די טעאָריע פון דער פראָדוקציע-פרייז איז אַזוי אַרום דער לעצטער רינג אין יענער לאָגישער קייט, וואָס דער ערשטער רינג אירער איז די אַרבעטווערט-טעאָריע. די טעאָריע פון פראָדוקציע-פרייז איז פונקט אַזוי סויסער דער טעאָריע פון ארבעטווערט, ווי די פרוכט איז סויסער דעם וואָרצל.

מיר ריידן שוין ניט פון דעם, אַז די אַלגעמיינע סומע פון אַלע פראָדוקציע-פרייזן פון די סכוירעס איז גלייך צו דער אַלגעמיינער סומע פון זייער ווערט און ווערט דורך איר באַשטימט; פון דעם, אַז די אַלגעמיינע סומע רעוואַך, וואָס באַקומט זיך אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, איז גלייך צו דער אלגעמיינער סומע מערווערט, וואָס איז אויס-געפרעסט געוואָרן אין דער געגעבענער געזעלשאַפט; און פון דעם, וואָס דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די טעאָריע פון פראָדוקציע-פרייז באַזירט זיך אַף דער טעאָריע פון אַרבעטווערט, זי איז איר העמשעך און אַנטוויקלונג.

מיר ווילן זיך נאָר דערלויבן אפּצושטעלן די אויפמערקזאַמקייט פונם לעזער אַף פאָלגנדן אומשטאַנד.

די דערקלערונג און די אויספאָרשונג פון יעדער מין דערשיינונג דאַרף מען אלעמאָל אָנהויבן פון ווייניקער קאָמפּליצירטע, איינפאַכערע פאַלן, און נאָר ביסלאַכווייס אין זיי אריינפירן נייע מאָמענטן, וואָס פאַרקאָמפּליצירן די דערשיינונג. ווען מע היט ניט אָפּ דעם-דאָזיקן קלאַל, איז אומעגלאַך צו פאַרשטיין און, נאָכמער, אופּצופאַסן דעם גאַנג פון די דערשיינונגען.

דער בעסטער טעאָרעטיקער פון דער אַרבעטווערט-טעאָריע, מאַרקס, האָט דאָס גוט געוווּסט. דעריבער הויבט ער אַלעמאָל אָן זיין אויספאָרשונג פון אַן איינפאַכסטן פאַל. און דער פאַל איז אַלץ מער איינפאַך, וואָס מער ער איז נאָענט צום דורכשניט-לאכן (ניט צום אָפּטערן, נאָר צום דורכשניטלאכן), ווייל דאַפּקע די אָפּ-נויגונג פון דער נאָרמע, פון דורכשניטלאַכן פאַרקאָמפּליצירט דעם פאַל, מאַכט שווערער צו פאַרשטיין אים. און מאַרקס הויבט אָן זיין אויספאָרשונג פון אַ דורכשניטלאַכן פאַל (זאָל עס אַפילע זיין אַזאַ פאַל, וואָס מע קאָן אים דיינקען נאָר אין דער אבסטראקציע), ער איז זיך טכילעס מעשאער (אין I באנד), אַז די סכוירע ווערט פראָדוצירט באַ אַ דורכשניטלאַכער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל, באַ אַ דורכשניטלאַכער שנעלקייט פון זיין צירקולאציע און באַ אַלע אַנדערע דורשניטלאַכע באַדינגונגען. ווייזט זיך אַרויס, אז אין אזא איינפאכן פאל וועט די סכוירע פאַרקויפט ווערן לויט איר ארבעטווערט, ד. ה. די ווערט פון דער סכוירע און איר דורשניטלאכע פרייז וועלן צונויפפאַלן (די מאַרק-פרייז נויגט זיך געוויינט-לאַך אָפּ דאָס אין איין זייט, דאָס אין דער צווייטער זייט פונם דורכשניטלאַכן, אונטער דער ווירקונג פון דער וואַקלעניש פון נאָכפרעג און אנבאָט).

ס׳איז, ווייטער, קלאָר, אַז אויב בא דער דורכשניטלאכער אָרגאַנישער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל (און בא דער דורכשניטלאכער שנעלקייט פון זיין צירקולאַציע) פאַלן צונויף די דורכשניטלאַכע פּרייז פון דער געשאַפענער סכוירע און איר אַרבעטוועדט, איז — ווען די אָרגאַנישע סטרוקטור פון קאַפּיטאַל (און די שנעלקייט פון זיין צירקולאַציע) נויגט זיך אָפּ פון מיטעלן — וועט די דורכשניטלאַכע פּרייז פון דער סכוירע אויך אָנהויבן אָפּנויגן זיך פון איר אַרבעטוועדט. אדעראבע, סע וואָלט געווען מעשונע, אַז בא דער קאָמפּלי-צירטקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט פון די עקאָנאָמישע דערשיינונגען זאָל זיך דער גרונט-געזעץ אלעמאָל אַרויסווייזן אין איין און דיזעלביקע פּאָרמען. ס׳איז אויך קלאָר, אז אויב די גרונט-געזעצן וואָלטן זיך אַלעמאָל ארויסווייזן אין איינע און דיזעלביקע פּאָרמען וואָלט גאָרניט שווער געווען דידאָזיקע געזעצן צו אַנטדעקן.

10. די נויטיקייט פון דער ארבעטווערט־טעאָריע

בעכיין איז דער אומשטאַנד, וואָס איצט זיינען די דורכשניטלאַכע פּרייזן פון די סכוירעס נאָר אין זעלטענע און אויסשליסלאַכע פאַלן גלייך צו זייער אַרבעטווערט, דערווייזט ניט די פאַרעלטערטקייט פון דער אַרבעטווערט-טעאָריע, ער רעדט ניט קעגן איר, נאָר פאַר-קערט — ער שטרייכט נאָך מער אונטער מאַרקס פאַרדינסט, דערווייזנדיק, אַז איצט איז גע-ווען ניט אין אַ ערעך שווערער צו שאַפן דידאָזיקע טעאָריע, איידער אַמאָל, ווען קיין פאַרקאָמפּליצירנדיקע מאָמענטן זיינען נאָך דאָ ניט געווען, אָדער ווען זיי האבן געשפּילט אַ קלענערע ראָליע.

מאַכנדיק אַ פּאַראַלעל צווישן דער אַרבעטווערט-טעאָריע און דער טעאָריע פון פּראָ-דוקציע-פּרייז, שטעלן ארויס די קעגנער אירע נאָך פאָלגנדיקע טעאָריע.

וויבאַלד דער פאַרקויף לויט דער ארבעטווערט קאָן פאָרקומען בלויז אין אויסנאַם-פאַלן, דאַרף מען, זאָגן זיי, די אַרבעטווערט-טעאָריע אָפּגעבן אין ארכיוו, ווייל זי טויג אף גאָרנישט און פּראַקטיש איז זי אומנוצלאַך. דאָס, וואָס סע שטימט ניט מיט דערווירקלאַכ-קייט, קאָן דידאָזיקע ווירקלאַכקייט ניט דערקלערן; באַזונדערס קאָן מען זי ניט לייגן אין יעסאָד אף צו דערקלערן א גאנצן, גרויסן און וויכטיקן לעבנס-געביט, די עקאָנאָמיק.

אין דערדאָזיקער טייַנע ליגט א גרויסער טאָעס. קיינער וועט ניט לייקענען די וויכ-טיקייט פונם באַגריף וואַסער-שטאַנד אין אָקעאַן. אַדאנק אים איז מעגלאַך אויסצומעסטן די הייך פון די בערג און פּלאַטאָס, די טיפעניש'ן פון אָפּגרונטן און בערגשפּאַלטן. דאָס וואַסער אין אָקעאַן אָבער שטייט זייער זעלטן אפן דאָזיקן שטאַנד. בעשאַס א צופלייץ איז ער העכער, בעשאס אן אָפּפלייץ איז ער נידעריקער. פונדעסטוועגן קאָן מען ניט זאָגן, אז דער-דאָזיקער באגריף איז וויסנשאפטלאך און פּראקטיש אומנוצלאך. אדעראבע. וואָלט ער ניט זיין, וואָלט מען ניט געקאָנט אויסמעסטן אפילע די הייכן פון דיזעלביקע צופלייצן און אָפּפלייצן.

און נאָך אין א גרעסערער מאָס קאָן מען דאָס זאָגן וועגן דער ארבעטווערט-טעאָריע. ווען זי זי וואָלט גיט געווען, וואָלט מען ניט געקאָנט בויען די טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייז, ווייל די לעצטע איז דאָך די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער ערשטער. און דער, וואָס לייקנט אָפּ די ערשטע פון זיי אין נאָמען פון דער צווייטער, דערמאָנט אין בעסטן פאַל יענעם גערטנער, וואָס רייסט אָפּ אַלע בוטאָנען, ווייל ניט זיי זיינען אים וויכטיק, — זאָגט ער, — נאָר די בלומען אליין. אים וואָלט א היפּש ביסל אויסגעקומען אַף די בלומען צו וואַרטן.

VI אָפּטייל. — די טעאָריע פון ערד-רענטע

1. די פּרייז פון ערד

קעגן דער ארבעטווערט-טעאָריע שטעלט מען אלעמאָל ארויס יענע גרונט-טײַנע, אַז אַף פּראָדוציִרן ערד ווערט ניט אויסגעגעבן קיין שום ארבעט, און פונדעסטוועגן איז די פּרייז אירע ניט זעלטן זייער הויך. ווייניקער פון אלץ זיינען מיר נויטע אָפּצולייקענען דעמדאָזיקן פאַקט, אָבער מיר זיינען טיף איבערצייגט, אז ניט בלויז ער איז ניט סויסער די טעאָריע פון ארבעט-ווערט, נאָר דידאָזיקע טעאָריע דערקלערט נאָך ריכטיקער דעמדאָזיקן פאַקט. איג-דערעמעסן. ערד, ווי באַוווּסט, גיט האכנאָסע. געלט, וואָס מע לייגט אוועק אין באַנק, גיט אויך האַכנאָסע. הייסט עס, אַז פון שטאַנדפּונקט פון באַקומען האכנאָסע איז קיין נאַפקע-מינע ניט, אַ באשטימט שטיקל ערד צי א געוויסע סומע געלט. און וויבאלד דאָס איז אַל-ציינס, קאָן מען לייכט איינס פאַרבייטן אפן צווייטן, און העיויס ווי אומבייטן אף געלט באַ-טייט עס פאַרקויפן לויט א באשטימטער פּרייז, קומט, הייסט עס, אויס אין דעם פאַל, אַז די ערד ווערט פאַרקויפט לויט א באשטימטער פּרייז, זי האָט א געוויסע פּרייז.

בעכיין, די פּרייז פון דער ערד איז יענע סומע געלט, וועלכע גיט דיזעלביקע האכ-נאָסע, וואָס דאָס געגעבענע שטיקל ערד, אָדער אף דער וויסנשאַפטלאכער שפּראַך — די קאַ-פּיטאַליזירטע האַכנאָסע פון דערדאָזיקער ערד. און העיויס ווי די האכנאָסע פון ערד רופט זיך אָן אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ערד-רענטע, הייסט עס, אַז די פּרייז פון ערד איז די קאַפּיטאַליזירטע ערד-רענטע (אָדער קירצער, פּאָשעט „קאפּיטאליזירטע רענטע").

אזוי ארום קומט אויס, אַז די ערד, ניט באַזיצנדיק קיין ארבעטווערט, האָט זי דאָך אַ פּרייז, פּונקט אזוי ווי די אָפּשפּיגלונג אין שפּיגל עסט, האגאַם אין דער ווירקלאַכקייט עסן נאָר לעבעדיקע ברואים.

און פּונקט אזוי ווי יענער פאַקט, וואָס די אָפּשפּיגלונגען אין שפּיגל עסן און טרינקען, לייקנט ניט אָפּ יענע האנאָכע, אַז בלויז לעבעדיקע ברואים עסן און טרינקען, אַזוי לייקנט אויך ניט אָפּ די האנאָכע פון ארבעטווערט יענער פאַקט, וואָס אַ פּרייז האָבן אויך אייניקע סכוירעס, וואָס האָבן קיין ארבעטווערט ניט.

די אָפּשפּיגלונג אין שפּיגל שטייט אוף פון טיש גאָר ניט דאָן, ווען זי ווערט זאַט, ביכלאַל די דערקלערונג פון אַלע אירע באוועגונגען דאַרף מען לעגאמרע ניט זוכן אין אירע נויטן, באַדערפעניש א. א. וו., נאָר אין די נויטן און באַדערפעניש פון דער אָפּ-געשפּיגלטער פּערזאָן. אזוי אויך די באוועגונג פון די פּרייזן אַף ערד דאַרף מען זוכן ניט אין עפּעס אזוינס, וואָס נעמט זיך פון איר אייגענער נאַטור, נאָר, אין דער אונטער-שטער שורע, אַלעמאָל אין דער באוועגונג פון די פּרייזן אף סכוירעס, וואָס באַזיצן א ווערט; אַזוי איז, צ. ב., פולקאָם פאַרשטענדלאך, אַז אויב סע וועלן העכער ווערן פּעסט און אף לאַנג די פּרייזן אף ברויט, וואָס אף פּראָדוצירן אים ווערט שוין פאַרוועגדט אַרבעט, וועלן אויך אומפאַרמיידלאך העכער ווערן די פּרייזן פון דער ערד, אַף וועלכער דאָסדאָזיקע ברויט וואקסט.

נימצע: די פּרייז פון דער ערד — דאָס איז קאַפּיטאַליזירטע רענטע, און דאָס איז אַ האָר ניט סויסער די טעאָריע פון ארבעטסווערט. דידאָזיקע דערקלערונג איז אָבער ניט קיין פולע און ניט קיין קלאָרע, קאָלזמאַן מיר ווייסן ניט, וואָס איז דאָס אזוינס ערד-רענטע, פון וואַנען נעמט זיך די ערד-האַכנאָסע.

לאָמיר דעריבער צוטרעטן צו דערקלערן דעם מעהוס פון דער רענטע; מיר וועלן, פאַרשטייט זיך, אָנהויבן פון דער איינפאַכסטער, אממערסטן פאַרשטענדלאכער פאָרם אירער.

2. דיפערענציאַלע רענטע

א) דיפערענציאַלע רענטע לויט דער פּרוכפּעריקייט.

לאָמיר זיך מעשאער זיין, אַז באַ א דאָרף געפינען זיך ד״י סאָרטן ערד. די בעסערע גיט 60 פּוד פון אַ דעסיאַטין, די מיטעלע באַם זעלביקן אויפן פון באַארבעטונג — 50, און די ערגערע — 40. קאָלזמאַן פאַר דער דאָרף-באַפעלקערונג וועט קלעקן גוטע ערד, וועט מען, נאַטירלאַך, באַארבעטן נאָר די גוטע. ווען אָבער די דאָרף-באַפעלקערונג (אָדער אירע באַדערפענישן) וועט אויסוואַקסן אף אזויפיל, אַז דאָס ברויט, וואָס מע באַקומט פון דער גוטער ערד אליין, וועט שוין זיין ניט גענוג, וועט מען שוין מוזן נעמען באַארבעטן די ערד פונם 2-טן סאָרט, וואָס גיט 50 פּוד פון א דעסיאַטין.

די אייגנטימער פון דער ערשטסאָרטיקער ערד וועלן אין אַזאַ פאַל אָנהויבן אָפּגעבן זי אין ארענדע נאָר ביטניי, אַז מע וועט זיי צאָלן 10 פּוד ברויט (אָדער זייער ווערט) פון יעדער דעסיאַטין. אין ארענדאטאָרן (אַף אַזעלכע טנאָאים) וועט קיין מעניע ניט זיין, ווייל פאַר זיי וועט דאָך אלץ טאַקע בלייבן 50 פּוד ברויט פון אַ דעסיאַטין, ד. ה. ניט ווייניקער, איידער באַ יענע, וועמען סע לוינט צו באַארבעטן די ערד פונם צווייטן סאָרט.

דידאָזיקע צען פּוד רופן זיך ר ע נ ט ע, ד. ה. יענץ געצאָלט, וואָס דער ארענדאטאָר צאָלט דעם ערד-אייגנטימער פאַר דעם, וואָס ער באַנוצט זיך מיט זיין ערד. דערביי וועט די רענטע זיין א ד י פ ע ר ע נ צ י א ל ע, ווייל זי נעמט זיך פון דער ד י פ ע ר ע נ ץ אין דער פּרוכפּעריקייט.

ווען אָבער די באַפעלקערונג און אירע באַדערפענישן וועלן אויסוואקסן אַף אַזויפיל, אַז קעדיי צו דערפילן דידאָזיקע באַדערפענישן וועט שוין ניט קלעקן דאָס ברויט, וואָס וואַקסט אַף דער ערד פון 1-טן און 2-טן סאָרט, וועט מען מוזן נעמען באַארבעטן די ערד פונם 3-טן סאָרט, וועלכע גיט בא דערזעלביקער פאַרווענדונג פון ארבעט נאָר 40 פּוד פון א דעסיאַטין.

ווען נאָר דאָס וועט פאָרקומען, וועט יעדע דעסיאַטין ערד פון 2-טן סאָרט ברייגען א רענטע, וואָס איז גלייך צו דער ווערט פון 10 פּוד ברויט, און אַ דעסיאַטין ערד פון 1-טן סאָרט וועט בריינגען א רענטע, וואָס איז גלייך צו דער ווערט פון 20 פּוד ברויט אף א דעסיאַטין. דידאָזיקע רענטע וועט זיין א דיפערענציאלע, ווייל זי נעמט זיך פון דער דיפערענץ אין דער פּרוכפּעריקייט.

ס'איז קלאָר, אַז ניט דער כאַראַקטער און ניט די מאָס פון דער רענטע וועלן זיך א האר ניט ענדערן, אויב אלע אויבן אָנגעוויזענע באַדינגונגען וועלן אייגנעהיט ווערן, אָבער דער סיידער, ווי אַזוי מע גייט איבער פון איין סאָרט ערד צום צווייטן, וועט שוין זיין אַן אנדערער. אינדערעמעסן, לאָמיר זיך מעשאער זיין, אַז די ערד פונם 1-טן סאָרט איז באַדעקט מיט אזא געדיכטן וואלד, אז באם לאנדווירט, וואָס באזיצט נאָר זייער פּרימיטיווע אַרבעט-געצייג, איז ניטאָ קיין שום פיזישע מעגלאכקייט דעם וואלד אויסצעוואָרצלען, די

ערד פונם 2-טן סאָרט איז באַדעקט וויניקער געדיכט, זי איז אָבער נאָך אויך אזוי רייך באוואַסן, אז צוגרייטן זי צום זייען קאָן אויך ניט אונזער לאנדווירט. בא אזא פאַל בלייבט פאַר אים נאָר איין אויסוועג: נעמען זיך טכּ׳לעס צו באארבעטן די ערד פון 3-טן סאָרט. דאפקע דערפאַר, וואָס זי איז ניט אזוי פּרוכפּעריק, איז זי באַדעקט ניט אזוי רייך, און אונזער לאנדווירט קאָן זי בייקומען.

שפּעטער, ווען ער וועט ווירטשאַפטלאַך פעסטער ווערן און וועט פאַרגרייטן בעסערע רייניקונג-געצייג, וועט ער שוין קאָנען פאַראַקערן אויך די ערד פון 2-טן סאָרט, וואָס גיט 50 פּוד פון א דעסיאַטין. אויב דידאָזיקע ערד וועט זיין צו וויניק, ער זאָל קאָנען איינגאַנצן פאַרוואַרפן די ערד פון 3-טן סאָרט, און ער וועט, ווי פריער, מוזן אקערן אויך די לעצטע, וועט מען, פאַרשטייט זיך, די ערד פון 2-טן סאָרט אָפּגעבן אין ארענדע נאָר ביטניי, אַז מע זאָל באַצאָלן פון יעדער דעסיאטין א רענטע, וואָס איז גלייך צו דער ווערט פון 10 פּוד ברויט. און באַלאָנים אף צו ארענדירן זי אף אַזעלכע טנאָאים וועלן זיין איבערגענוג, וויל פאַר זיי וועט דאָך אַלץ בלייבן 40 פּוד פון אַ דעסיאַטין, ד. ה. אַזויפיל, מיט וויפל סע באַנוגענען זיך די פערזאָנען, וועלכע באַאַרבעטן די ערד פון 3-טן סאָרט.

ווען אונזער לאנדווירט וועט זיך נאָך מער ווירטשאַפטלאַך פאַרפעסטיקן, וועט ער איבערגיין צום אָפּרייניקן די ערד פון 1-טן סאָרט, און ס׳איז קלאָר, אַז אויב די נויטיקייט אין די פּראָדוקטן פון דער ערד פון 3-טן סאָרט וועט בלייבן, וועט די ערד פון 1-טן סאָרט אים ברייגגען פון יעדער דעסיאטין א רענטע, וואָס איז גלייך צו דער ווערט פון 20 פּוד ברויט, אַ דעסיאטין ערד פון 2-טן סאָרט וועט אים בריינגען א רענטע, וואָס איז גלייך צו דער ווערט פון 10 פּוד ברויט.

בעקיצער, צי האָט אַן אָרט דער איבערגאַנג פון אַ מער פּרוכפּעריקער ערד צו א וויניקער פּרוכפּעריקער, אָדער, פאַרקערט, פון א וויניקער פּרוכפּעריקער צו א מער פּרוכפּעריקער, רופט זיך דאָס לאכלוטן ניט אָפּ ניט אפן מעהוס, ניט אף דער גרייס פון דער דיפערענציאלער רענטע, אויב סע בלייבט נאָר די באַדערפעניש אין די פּראָדוקטן פון דער וויניקער פּרוכפּעריקער ערד. מיט אנדערע ווערטער, פאַר דער עקזיסטענץ פונם געגעבענעם מין דיפערענציאלע רענטע איז נויטיק מערניט, אַז ס׳זאָל זיין א דיפערענץ אין דער נאַטירלאַכער פּרוכפּעריקייט פון דער ערד, וועלכע איז פאַרנומען פון דער לאַנדווירטשאַפט. די דיפערענץ אין דער נאַטירלאַכער פּרוכפּעריקייט פון די ערדן (און, הייסט עס, אויך די גרייס פון דער דיפערענציאלער רענטע) ווענדט זיך לאכלוטן ניט אין דעם, וועלכע פון דידאָזיקע ערדן איז פריער אַריין אין באארבעטונג און וועלכע שפּעטער.

ב) דיפערענציאלע רענטע לויט דער לאגע.

אין אלע ביז איצט אויסגערעכנטע פאַלן נעמט זיך די דיפערענציאלע רענטע פון דער דיפערענץ אין דער נאַטירלאַכער פּרוכפּעריקייט. זי קאָן זיך אָבער אויך נעמען פון דער דיפערענץ אין דעם אָפּשטאַנד, אין דעם מעהאלעך.

לאָמיר זיך מעשאער זיין, אז די ערדן, וואָס רינגלען ארום אונזער היפּאָטעטיש (וואָס מיר זיינען מעשאער) דאָרף, זיינען אלע גלייך לויט דער פּרוכפּעריקייט, נאָר איינע פון זיי ליגט האַרט לעבן סאמע דאָרף, די צווייטע גאַנץ ווייט, און די דריטע זייער ווייט. לאָמיר ווייטער זיך פאָרשטעלן, אַז מאַכמעס דעם איז דאָס אריבערפירן די טוווע פון דער ערשטער קאָסט קיין גראָשן ניט, פון דער צווייטער קאָסט אַזויפיל, וויפל סע באַטרעפן 10 פּוד, און פון דער דריטער אַזויפיל, וויפל סע קאָסט 20 פּוד ברויט.

אין אַזאַ פאַל איז קלאָר, אַז קאָלזמאַן סע קלעקט דאָס ברויט פון די נאָענטע פעלדער, וועט מען נאָר זיי אליין באַאַרבעטן, און קיין שום דיפערענציאלע רענטע וועט דאָ ניט ווערן.

ווען אָבער די נאָענטסטע ערדן וועלן זיין ווייניק אַף צו דעקן דעם קויפּפּייאיקן נאָכפרעג פון דער געזעלשאַפט אַף ברויט, וועט מען דאַן איבערגיין צו באַארבעטן די ווייטערע פעלדער, צו די ערדן פון דער צווייטער קאַטעגאָריע, און דאַן וועלן די פעלדער, וואָס ליגן לעבן דאָרף, די פעלדער פון דער 1-טער קאַטעגאָריע, געבן א רענטע פון 10 פוד פון א דעסיאַטין.

ווען סע וועט שוין מער ניט קלעקן דאָס ברויט, וואָס מע נעמט אראָפּ פון ביידע מינים פעלדער, וועט מען מוזן נעמען באַארבעטן זיי פעלדער, וואָס ליגן ווייטער (פעלדער פון 3-טער קאַטעגאָריע). דאַן וועט די רענטע פון א דעסיאַטין ערד פון 1-טן סאָרט (די סאמע נאָענטע) העכער ווערן (פון 10 פוד אַף 20) און א דעסיאַטין ערד פון 2-טן סאָרט, וועלכע האָט ביז איצט קיין רענטע ניט געגעבן, וועט איצט שוין זי ברייַנגען (10 פוד ברויט פון א דעסיאַטין).

ג) די 1-טע דיפערענציאַלע רענטע און נאַטירלאַכע פאַקטאָרן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ביידע הויפּט-פאַקטאָרן פון דער 1-טער דיפערענציאַלער רענטע — די פּרוכפּעריקייט און די אָרטלאגע — קאָנען סיי פאַרשטאַרקן, סיי אָפּשוואַכן די ווירקונג איינער פונם צווייטן. צום ביישפּיל, די ערד קאָן זיין זייער פּרוכפּעריק און ליגן נאָענט פון דאָרף (שטאָט), דאַן וועט זי ברייַנגען אַ גרעסערע רענטע; זי קאָן זיין זייער פּרוכפּעריק, אָבער ליגן ווייט פון דאָרף, און דאַן קאָן די רענטע פונם דאָזיקן פעלד זיין גאָר נישטיק; זי קאָן אפילע גאָרניט זיין, אויב די ערד ליגט שוין גאָר ווייט פון דאָרף (שטאָט).

בעכיין, לאָמיר באמערקן אָט וואָס: ווען מיר ריידן פון בעסערער ערד, וואָס גיט די גרעסטע 1-טע דיפערענציאַלע רענטע, האָבן מיר אין אויג ניט בלויז איר פּרוכפּעריקייט אליין, נאָר אויך איר אָרטלאַגע. מיר דאַרפן נאָך צוגעבן, אַז ווען מיר ריידן וועגן א מער פּרוכפּעריקער ערד, האָבן מיר אין אויג ניט יענע ערד, וועלכע באַזיצט די גרעסטע נאַטירלאַכע פּרוכפּעריקייט, נאָר די, וועלכע גיט דאָס גרעסטע גערעטעניש אַף איין ארבעט-איינסל באַם געגעבענעם צושטאַנד פון דער טעכניק. און דאָס גרעסטע גערעטעניש טרעפט ניט דאַפקע אַף די ערדן, וועלכע זיינען מער פּרוכפּעריק פון דער נאַטור, כאָטש שוין דערפאַר אליין, וואָס ניט אלעמאָל קאָן מען זיי באַאַרבעטן באַם געגעבענעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציע-מיטלען. אויסערדעם, איז די ערדן, וואָס היינט רעכנט מען זיי פאַר ווייניק פּרוכפּעריקע, וועלן מאָרגן, מיט דער אנטוויקלונג פון דער אגראָנאָמישער וויסנשאפט און מיטן ארייַנפירן נייע קולטורן (געוויקסן), קאָנען איבערגיין אין דער ריי פון זייער פּרוכפּעריקע; אַזוי זיינען אייניקע זאמדיקע ערדן געוואָרן אין דער קאַטעגאָריע פון די ערגערע, קאָלזמאַן מע האָט דאָרט געזייט ווייץ; ווען זיי זיינען אָבער אריבער צו דער קולטור פון קאַרטאָפל, זיינען זיי אויך אריבער אין דער ריי פון גוטע ערדן.

סיי די אָרטלאַגע, סיי די פּרוכפּעריקייט זיינען געוויס נאַטירלאַכע פאַקטאָרן. הייסט עס, אַז אין אלע אויבן דערמאָנטע פאַלן נעמט זיך די דיפערענציאַלע רענטע פון דעם, וואָס סע זיינען דאָ דיפערענצן אין דער מאדרייגע פון דער גינסטיקייט פון די נאַטירלאכע באַדינגונגען. מיט אנדערע ווערטער, די 1-טע דיפערענציאַלע רענטע — דאָס איז יענער מין דיפערענציאַלע רענטע, וועלכע נעמט זיך פון דער דיפערענץ אין דער מאדרייגע פון גינסטיקייט פון די נאטור-פאַקטאָרן. (שפּעטער וועלן מיר געבן א מער פּינקטלאכע דעפיניציע פונם דאָזיקן מין רענטע).

ד) 2-טע דיפערענציאַלע רענטע

באַגלייך מיט דעם נאָר וואָס אָנגעוויזענעם מאָקער פון דיפערענציאַלער רענטע איז פאַראַן נאָך איינער. מיר וועלן איבערגיין צו קלאָר מאַכן דעם מעהוס זיינעם.

ס'איז דאָך גאַנץ קלאָר, אַז אַנשטאָט דעם, די געזעלשאַפט זאָל דעקן איר אויסגע־וואַקסענע נויט אין ברויט דורכן באַאַרבעטן די ווייניקער פּרוכפּעריקע אָדער ווייטערע פּעל־דער, קאָן זי באַקומען, אַלנפאַלס, אַ געוויסן כיילעק פונעם נויטיקן פּראָדוקט דורך דעם, וואָס זי וועט בעסער באַאַרבעטן די ערד, וואָס זי האָלט שוין אין באַאַרבעטן. ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קאָן מען בעסער אויסנוצן א שטיקל פעלד נאָר אין דעם פאַל, ווען מע וועט אף אים אויסגעבן נאָך קאַפּיטאַל, צ. ב. ווען מע ווענדט דאָ אן א גרעסערן סכום פאַסיקע באַמיסטיקונג א. א. וו.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַלע פאַרווענדונגען פון קאַפּיטאַל, וואָס מע מאַכט אף דעם־דאָזיקן שטיקל פעלד, זיינען גלייכגרויס. לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן, אַז מיר האָבן ערד פון בעסטן סאָרט, וואָס גיט אף א דעסיאַטין 60 פּוד בא דער ערשטער פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל. לאָמיר ווייטער רעכענען, אז די צווייטע, לויט איר גרייס פּונקט אזוי ווי די ער־שטע, פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל אף דערזעלביקער ערד ברייגנט נאָך 50 פּוד ברויט אף א דעסיאַטין. אין דעם פאַל קומט אויס, אַז די ערשטע פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל גיט אַף 10 פּוד מער, איידער די צווייטע, אָדער זי ברייגנט א רענטע, וועלכע איז גלייך צו דער ווערט פון 10 פּוד ברויט. בא דער דריטער פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל, וועלכע גיט, לאָמיר זאָגן, 40 פּוד ברויט אף אַ דעסיאַטין, וועט זיך די דיפערענציאַלע רענטע פון דער ערשטער פאַרווענדונג אופהויבן פון 10 פּוד אף 20, און די צווייטע פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל, וואָס האָט פריער ניט געגעבן קיין שום רענטע, וועט זי איצט ברייגנען אזויפיל, וויפיל ס'זיי־נען ווערט 10 פּוד ברויט (אף אַ דעסיאַטין).

די ווייטערדיקע (די 4-טע) פאַרווענדונג פון פּונקט אזא קאַפּיטאַל, וועלכער גיט, לאָמיר זאָגן, 30 פּוד ברויט פון א דעסיאַטין, ווען זי איז אפילע מעגלאַך טעכניש, בא די אויבן באַשריבענע באַדינגונגען, איז זי אָבער אומעגלאַך עקאָנאָמיש, ווייל זי וועט אָן ספק ברייגנען אָנווער, באזונדערס בא אַ קורצטערמיניקער ארענדע. איינדערעמעסן, אויב סע לוינט ניט צו פאַטערן מיטלען אף צו באארבעטן אַ ניי שטיקל ערד, וואָס גיט בא דער ערשטער פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל 30 פּוד פון א דעסיאַטין, איז קלאָר, אַז ס'וועט אויך ניט לוינען די פערטע פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל אַף דער פון פריער באארבעטער ערד. איןביידע פאַלן ברייגנט דאָך דיזעלביקע פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל איין און דעמזעל־ביקן רעזולטאַט (30 פּוד), און אויב זי לוינט ניט אין איין פאַל, איז קלאָר, אַז זי וועט ניט לוינען אויך אינם צווייטן פאַל. בעכיין, די פּראָדוקציע פון דער 4-טער פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל, וועלכע גיט נאָר 30 פּוד פון א דעסיאַטין, וועט לוינען נאָר דאַן, ווען סע וועט לוינען צו באַאַרבעטן אַ שטיקל ערד פון אזא נידעריקער פּרוכפּעריקייט, וואָס בא דער ער־שטער פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל גיט זי איינגאַנצן נאָר 30 פּוד פון אַ דעסיאַטין.

ס'איז קלאָר, אז די באַאַרבעטונג פון אַזאַ שטיקל ערד (ווען זי איז געזעלשאַפטלאַך נויטיק) וועט פאַרגרעסערן די 1-טע דיפערענציאַלע רענטע (לויט דער פּרוכפּעריקייט). די געזעלשאַפטלאַך-נויטיקע באַאַרבעטונג פון אַזאַ ערד גיט די מעגלאַכקייט צו מאַכן אַ נייע, אַ ווייניקער פּראָדוקטיווע, פאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל אף דעם שוין באַאַרבעטן שטיקל ערד, ד. ה. זי קאָן פאַרגרעסערן אויך די 2-טע דיפערענציאַלע רענטע.

ס'איז, הייסט עס, פאַרשטענדלאַך, אז די 1-טע דיפערענציאַלע רענטע איז דער יעסאָד פון דער 2-טער דיפערענציאַלער רענטע, און אז בא אַלע אַנדערע גלייכע באַדינגונגען, קאָן די לעצטע ניט וואַקסן אָן דער פאַרגרעסערונג פון דער ערשטער.

אויבן האָבן מיר, צוליב איינפאַכקייט, זיך פאָרגעשטעלט, אַז די ערשטע פאַרווענדונג ברייגנט 60 פּוד פון א דעסיאַטין, און די צווייטע — 50 פּוד. ס'איז קיין ספק ניט, אַז בענויגייע צו דער אויסבילדונג פון דער 2-טער דיפערענציאַלער רענטע וועט זיך גאָרנישט

ניט ענדערן, ווען די ערשטע פּאַרווענדונג פון קאַפּיטאַל וועט געבן (צ. ב. אין די געגע־בענע באַדינגונגען, אויף דער ערד פון 2-טן סאָרט) 50 פּוד פון אַ דעסיאַטין, און די צווייטע, וועלכע איז מעגלאַך געוואָרן מאכמעס די נייע ערפינדונגען פון דער טעכניק, — 60 פּוד פון אַ דעסיאַטין. ס'איז קלאָר, אַז אין דעם פאַל וועט די דיפערענץ זיין דיזועלביקע, וואָס אין ערשטן פאַל, און אַז דערדאָזיקער אונטערשייד וועט דינען אלס אַ מאָקער פון דער 2-טער דיפערענציאַלער רענטע, און ניט פון דער ערשטער, ווייל אין געגעבענעם פאַל שטאַמט די רענטע פונם אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיווקייט פון די שפּעטערדיקע פּאַרווענדונגען פונם קאַפּיטאַל אויף דערזעלביקער ערד.

פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז דיפערענציאַלע רענטע קאָן אנטשטיין ניט בלויז אַלס רעזולטאַט פון פאַרשיידענער גינסטיקייט פון די אָדער יענע נאַטירלאַכע פאַקטאָרן, נאָר אויך אלס רעזולטאַט פונם אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיווקייט פון די שפּעטערדיקע פּאַרווענדונגען פון קאַפּיטאַל אויפן זעלביקן שטיקל ערד.

די רענטע, וועלכע נעמט זיך פונם דאָזיקן צווייטן קוואַל, פונם אונטערשייד אין דער „פּראָדוקטיווקייט“ פון קאַפּיטאַל, רופט זיך 2-טע דיפערענציאַלע רענטע. קעדיי זי זאָל אנטשטיין, זאָגן מיר נאָכאַמאָל, איז ניט וויכטיק, וועלכע פון די פּאַרווענדונגען פון קאַ-פּיטאַל איז פּראָדוקטיווער: די ערשטע, די לעצטע אָדער די מיטעלע. וויכטיק איז נאָר, אַז זיי זאָלן זיך אונטערשיידן אין זייער פּראָדוקטיווקייט. שפּעטער וועלן מיר געבן אַ פּינקט-לאַכערע דעפיניציע אויך פון דעם מין דיפערענציאַלע רענטע.

ה) די דיפערענציאַלע רענטע און די פּראָדוקטיווקייט פון דער ארבעט.

אויבן האָבן מיר געשריבן, אַז די 1-טע דיפערענציאַלע רענטע נעמט זיך פונם אונ-טערשייד אין דער גינסטיקייט פון די נאַטירלאַכע פאַקטאָרן, און די צווייטע דיפערענציאַלע רענטע — פונם אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיווקייט פון די שפּעטערדיקע פּאַרווענדונגען פון קאַפּיטאַל אויפן זעלביקן שטיקל ערד.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק, אָבער נאָר אין דעם פאַל, ווען מע זאָל דעמדאָזיקן אויסדרוק ניט נעמען בוכשטעבלאַך, מיט וואָס סע זינדיקן פילע בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן.

רענטע ווערט אויסגעצאָלט פון דער ווערט פונם אויסגעוואקסענעם ברויט (ווען מע זאָל זיך, צוליב איינפאַכקייט, פאָרשטעלן, אַז לאַנדווירטשאַפט פּראָדוצירט מער גאָרנישט, אויסער ברויט) און איז אַ טייל אירער. די ווערט פונם ברויט, ווי יעדע ווערט ביכלאַל, ווערט געשאַפן דורך ארבעט און נאָר דורך ארבעט. נעמענדיק דאָס אין אכט און געדיינ-קענדיק, אַז רענטע איז אַ טייל פון ווערט, דאַרפן מיר קומען צום באַשלוס, אַז די דיפע-רענציאַלע רענטע ווערט ארויסגערופן, ניט דורכן אונטערשייד אין די נאַטירלאַכע פאַקטאָרן, ניט דורכן אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיווקייט פון די פאַרשיידענע פּאַרווענדונגען פון קאַפּיטאַל, נאָר דורכן אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט באַ פאַרשיי-דענע באַדינגונגען. אַנדערש געזאָגט, דיפערענציאַלע רענטע איז אַזאַ רענטע, וועלכע נעמט זיך פונם אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיווקייט פון דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער ארבעט (די אַרבעט פון די לאַנדווירטשאַפטלאַכע ארבעטער), דורך וואָס דערדאָזיקער אונ-טערשייד זאָל ניט ארויסגערופן ווערן. אויב ער ווערט ארויסגערופן דורכן אונ-טערשייד פון די נאַטירלאַכע באַדינגונגען — וועלן מיר האָבן די 1-טע דיפערענציאַלע רענטע; אויב זי ווערט ארויסגערופן דורכן אונטערשייד פון די אָנגעווענדעטע פּראָדוציר-מיטלען (קאַפּיטאַל) — האָבן מיר די 2-טע דיפערענציאַלע רענטע.

די דעפיניציעס פון דער דיפערענציאַלער רענטע, וואָס מיר האָבן אויבן געגעבן, זיי-נען זייער ניט פּינקטלאַך, פּונקט אַזוי ווי סע איז ניט פּינקטלאַך דער אויסדרוק: „די זון

איז פֿאַרגאַנגען". ווי ס'איז באַוווּסט, גייט דאָך ניט די זון אַרום דער ערד, נאָר פֿאַר־קערט. פֿינקטלאַכער וואָלט געווען צו זאָגן: „די ערד האָט זיך אַ דריי געטאָן אַרום איר אַקס און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז אונז הויבט זיך אָן דוכטן, אַז די זון איז פֿאַר־גאַנגען". ס'איז אָבער קלאָר, אַז דערדאָזיקער לאַנגער מין אומגעלומפּערטער פֿינקטלאַכער אויסדרוק קאָן מיט ערפֿאָלג פֿאַרביטן ווערן אויף אַ סך אַ קירצערן, כאָטש ניט קיין פֿינק־לאַכן אויסדרוק — די זון איז פֿאַרגאַנגען. דאָס איז גאָר קיין אומגליק ניט, אויב נאָר מיר גיבן זיך אָפּ אַ קלאָרן חשבון אין דער אומפֿינקטלאַכקייט פֿונם געגעבענעם אויסדרוק און אויך דערין, וואָס ער דאַרף אויסדריקן. ווען מיר וועלן אים פֿאַרשטיין בוכשטעבלאַך, וועט דאָס ניט שטימען מיט דער ווירקלאַכקייט. דאָסזעלביקע איז אויך אין געגעבענעם פֿאַל: די בורזשואזע עקאָנאָמיסטן זאָגן און מיינען טאַקע, אַז, לעמאָשל, די 1-טע דיפֿע־רענציאַלע רענטע (זיי זאָגן פּראָסט „רענטע") נעמט זיך פֿונם אונטערשייד אין דער פּרוכ־פּעריקייט און אָרטלאַגע פֿון די פֿעלדער; מיר אָבער דערקלערן זי מיטן אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיוויקייט פֿון דער אַרבעט, וועלכע נעמט זיך פֿון די פֿיזישע אייגנשאַפֿטן פֿון די פֿעלדער, און נישט מער.

ו) די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם און די דיפֿערענציאַלע רענטע.

מיט דער אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם וואַקסן אַלע מינים דיפֿערענציאַלע רענטע. ערשטנס, מיט זיין אַנטוויקלונג ווערט אומפֿאַרמיידלאַך פֿאַרגרעסערט די אינטענסיוויקייט פֿון דער ערדאַרבעט, ד. ה., אַנדערש גערעדט, סע ווערן געמאַכט נייע פֿאַרווענדונגען אָפּן זעל־ביקן שטיקל ערד. סע וואַקסט, הייסט עס, די 2-טע דיפֿערענציאַלע רענטע. צווייטנס, אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פֿון וועג-פֿאַרקער ווערן אַריינגעצויגן אין דער וועלט-ווירטשאַפֿט אַזעלכע פֿאַרוואָרפֿענע ווינקעלאַך פֿון דער ערד, וועלכע האָבן זיך פֿריער ניט באַטייליקט אינם אַלוועלטלאַכן סכוירע-אויסבייט; ברויט, לעמאָשל, ווערט איצט געבראַכט פֿון זייער ווייטע ראַיאָנען, וואָס מיט פֿופֿציק יאָר צוריק זיינען זיי אינגאַנצן געווען אָפּגעשניטן פֿונם וועלט-מאַרק. סע וואַקסט, הייסט עס, אויך די 1-טע דיפֿערענציאַלע רענטע (לויטן אָפּשטאַנד). דריטנס, די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם, פֿינקטלאַכער — די אַנטוויקלונג פֿון מאַשין-טעכניק רופֿט אַרויס אַזאַ גוואַלדיקע באַדערפֿעניש אין רויוואַרג, אַז סע ווערט נויטיק איבערצוגיין צו באַאַרבעטן אַזעלכע פֿעלדער, וואָס פֿריער האָט מען זיי ניט באַאַרבעט מחמת זייער קליינער פּראָדוקטיוויקייט.

אַמערסטן רענטאַבעל (וואָס ברענגען רענטע) פֿון אַלע ערדן זיינען, ווי באַוווּסט, די מיררעוו-אייראָפּייאישע. זיי צייכענען זיך אָבער אויף אַ האָר ניט אויס מיט זייער נאַטירלא־כער פּרוכפּעריקייט. הייסט עס, אין דער מאָס, ווי סע אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, גייט די הויפּט-ראָליע אַריבער פֿון דער רענטע לויט דער פּרוכפּעריקייט, צו דער רענטע לויט דער אָרטלאַגע און צו דער 2-טער דיפֿערענציאַלער רענטע. אַגעוו, די לעצטע האָט זיך באַוויזן ערשט מיט דער אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם. די מייסטע איז, וואָס די לענדער מיט אַ שוואַך אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם צייכענען זיך, ווי באַוווּסט, אויס, מיט זייער עק־סטענסיווער ערדאַרבעט, ד. ה. מיט אַן ערדאַרבעט, וווּ סע ווערט פֿאַרווענדעט ווייניק קאַפּיטאַל אויף אַן איינסל ערדפֿלאַך, און וווּ סע קאָן אויך ניט זיין קיין אונטערשייד אין זייער פּראָדוקטיוויקייט, און, הייסט עס, אויך ניט קיין 2-טע דיפֿערענציאַלע רענטע, מחמת דעם, וואָס סע זיינען ניטאָ קיין שפּעטערדיקע פֿאַרווענדונגען פֿון קאַפּיטאַל אָפּן זעלביקן שטיקל ערד.

ניט ווייניקער נאַטירלאַך איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אַנטוויקלונג פֿונם קאַפּי־טאַליזם און דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דער דיפֿערענציאַלער רענטע לויט דער אָרטלאַגע. די

אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם גייט האַנט בײַ האַנט מיטן אַריינציִען אין דער ספּערע פון דער וועלט-ווירטשאַפט אַלץ מער און מער ווייטע לענדער, און וואָס ווייטער סע איז דאָס לאַנד, וואָס שטעלט צו ברויט, אַלץ גרעסער וועט, פאַרשטייט זיך, זיין די רענטע לויט דער אָרט-לאַגע פון יענע ערדן, וואָס ליגן נאָענט צום מאַרק, ד. ה. — בײַ איצטיקער רעאַלער ווירק-לאַכקייט — צו די שטעט פון מיירעוו-אייראָפּע, באַזונדערס צו לאָנדאָן, וועלכער איז דער וויכטיקסטער וועלט-מאַרק פון ברויט. אין געגעבענעם פאַל האָט דער אָפּשטאַנד נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג דערמיט, וואָס די לאַנדווירטשאַפט און די בארג-אינדוסטרי (ד. ה. יענע צווייגן פון פאָלק-ווירטשאַפט, וועלכע גיבן הויפּטזאַכלאַך רענטע), באַקומען אַרויס רויוואַרג. דאָס רויוואַרג איז, נאַטירלאַך, ביליקער, איידער די פּראָדוקטן פון דער באַאַר-בעט-אינדוסטרי, וואָס מע באַקומט פונם דאָזיקן רויוואַרג דורכן צוגעבן צו אים נייע סכומען אַרבעט. וואָס ביליקער די סכוירע איז, אַלץ וויניקער איז זי — בײַ אַלע אַנדערע גלייכע באַדינגונגען — עקאָנאָמיש טראַנספּאָרט-פייאיק (אַלץ וויניקער לוינט איבער-טראַנספּאָרטירן זי אַף ווייטע שטרעקעס) און אַלץ אַ גרעסערער טייל פון איר ווערט אַף די הויפּט-מערק באַשטייט פון דער אַרבעט, וואָס ווערט פאַרוועגדט אַפן טראַנספּאָרט, אויב דער פּראָדוקט ווערט צוגעשטעלט פונדערווייט.

אויסערדעם איז וואָס ווייטער פון מאַרק אַוועלכער ניט איז פּראָדוקט פון לאַנד-ווירטשאַפט ווערט פּראָדוצירט, אַלץ מער איז ער אַ רעזולטאַט פון אַ וויניקער אינטענ-סיוועער ווירטשאַפט. דאָס איז דער אַלגעמיינער קלאַל. מיר ווייסן, אַז אין איינגלאַנד באַקומט מען 150 פּוד ברויט פון אַ דעסיאַטין, און אין די צפון-אַמעריקאַנישע פּאַריייניקטע שטאַטן, ווו די ערד איז בעסער, נאָר 70. דאָס הייסט, אַז אין אַמעריקע איז די אינטענסיוויקייט אַסאַך אַ קלענערע.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז דער מעהאַלעך פונם מאַרק באַשטימט ניט בלויז די 1-טע די-פּערענציאַלע רענטע (לויטן אָפּשטאַנד), נאָר אויך דעם גראַד פון דער אינטענסיוויקייט פון דער ווירטשאַפט, ד. ה. אויך די גרייס פון דער 2-טער דיפּערענציאַלער רענטע. מע מוז צוגעבן, אַז דאָ האָבן מיר אין אויג ניט דעם געאָגראַפישן, נאָר, אַזוי צו זאָגן, דעם עקאָ-נאָמישן אָפּשטאַנד, ד. ה., לאָמיר זאָגן, 30 וויאָרסט דאָרף-וועג איז עקאָנאָמיש (ד. ה. לויט דער טייערקייט פונם עקספּאָרט) אַ גרעסערער אָפּשטאַנד, איידער 60 וויאָרסט איבער דער אייזנבאַן, און אַפשיטע שוין איבערן יאַם. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז די דיפּערענ-ציאַלע רענטע פון שטאָטישע ערדן, וועלכע וואַקסט אַמשנעלסטן בײַ דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, נעמט איר קוואַל נאָר אינם אונטערשייד אין אָפּשטאַנד. דער אונטערשייד אָבער אין דער פּרוכפּעריקייט האָט אין געגעבענעם פאַל אַבסאָלוט קיין שום באַדייטונג ניט.

ז) אויבער-רעוואַך און רענטע.

באַם אופמערקזאַמען לעזער קאָן אַנטשטיין אָט וועלכע פּראַגע. — די דיפּערענציאַלע רענטע אַנטשטייט מאַכמעסן אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיוויקייט פון דער אַרבעט אַף פאַרשיידענע שטיקער ערד און זי קומט אָן יענעם אייגנטימער, וואָס אַף זיין ערד איז די אַרבעט פּראָדוקטיווער. אָבער אין פאַרשיידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען באַזיצט דאָך אויך ניט די אַרבעט איינע און דיזעלביקע פּראָדוקטיוויקייט; ס'איז, צ. ב. קלאָר, אַז אין אַן אונטערנעמונג, וועלכע איז באַוואָרגט מיט די נייסטע כידושים פון טעכניק, איז די אַר-בעט פּראָדוקטיווער, איידער אין אַן אונטערנעמונג, וועלכע אַרבעט אויס דיזעלביקע סכוי-רעס, אָבער זי אַרבעט מיט אַלטפּרייניקישע מאַשינען. פאַרוואָס זשע באַקומען ניט קיין דיפּערענציאַלע רענטע די אייגנטימער פון די בעסער אוועקגעשטעלטע אונטערנע-מונגען?

קעדיי צו ענטפערן אף דערדאָזיקער פראַגע, דאַרפן מיר טיפער אריינדרינגען אינם מע-הוס פון דער דיפערענציאַלער רענטע: מע דאַרף קלאָר מאַכן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן איר און דער אַרבעטווערט.

אין דער לאַנדווירטשאַפט שיידן מיר אונטער דריי קלאַסן, ד. ה. דריי גרונט-גרופּעס, וועלכע שטייען אין פאַרשיידענער באַציונג צום אייגנטום אַף די פּראָדוציר-מיטלען און פאַרנעמען, דעריבער, אַ פאַרשיידענע לאַגע אינם פּראָדוציר-פּראָצעס.

ערשטנס, די לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרבעטער, וועלכע האָבן ניט קיין שום פּראָדוציר-מיטלען און פילן אויס די גאַנצע אַרבעט אין דער אונטערנעמונג.

צווייטנס, די קאַפּיטאַליסטן (אַרענדאַטאָרן), די אייגנטימער פון קאַפּיטאַל, ד. ה. פון אַלע פּראָדוציר-מיטלען, וואָס האָבן א ווערט. קאַפּיטאַל איז דאָך, לויט מאַרקס שאַרפן אויס-דרוק, אַ ווערט, וואָס פּראָדוצירט מערווערט.

דריטנס, די אייגנטימער פון פּראָדוציר-מיטלען, וואָס זיינען ניט קיין קאַפּיטאַל, ד. ה. פון דער ערד. ערד איז געוויס ניט קיין קאַפּיטאַל, ווייל זי באַזיצט ניט קיין אַרבעטווערט. אויסנאַמען פונם דאָזיקן קלאַל (שטיקער ערד, וואָס מע האָט אויסגעקעמפּט באַם יאַם א. א. וו.) זיינען צו אומבאַדייטנד, זיי זאָלן וויפל ניט איז ענדערן דעם טאָך פון דער זאַך.

ס'איז קלאָר, אַז די האַכנאָסע פון דידאָזיקע אַלע דריי קלאַסן — פון די אַרבעטער (לאַנד-ווירטשאַפטלאַכע), קאַפּיטאַליסטן (אַרענדאַטאָרן) און ערד-אייגנטימער, — ווערט געדעקט פון דער ווערט פונם ברויט, פּינקטלאַכער — פון יענעם טייל אירן, וואָס פאַרבלייבט נאָך דעם, ווי מע רעכנט אַראָפּ די ווערט פון דער זריע, באַמיסטיקונג, פון די אויסגענוצטע מאַשי-נען-טיילן און פון די אַנדערע פּראָדוציר-מיטלען (מיר כאַזערן איבער, אַז צוליב איינפאַכ-קייט זיינען מיר מעשאַער, אַז די לאַנדווירטשאַפט פּראָדוצירט מער ניט ווי ברויט).

לאָמיר פון דערדאָזיקער סומע אַראָפּוואַרפן דעם אַרבעטלוין פון די לאַנדווירטשאַפט-לאַכע אַרבעטער (אַריינרעכנדיק אַהער אי די טעכניקער, אי די אַגראָנאָמען א. א. וו.), וועט, דאַמאָלס בלייבן די מערווערט. ס'איז, הייסט עס, קלאָר, אַז אי די האַכנאָסע (רעוואַך) פון די קאַפּיטאַליסטן, אי די האַכנאָסע פון די ערד-אייגנטימער, ד. ה. די רענטע זיינען וואַריאַנטן פון מערווערט.

אַלזאָ, אי רעוואַך, אי רענטע זיינען מערווערט. ווי אַזוי אָבער ווערט די מערווערט פאַרטיילט צווישן קאַפּיטאַליסט און ערדבאַזיצער?

דער קאַפּיטאַליסט באַקומט רעוואַך אַף זיין קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אריינגעלייגט אין דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער אונטערנעמונג—אַ געוויינלאַכן, דורכשניטלאַכן רעוואַך, ניט מער און ניט ווייניקער. ניט מער, ווייל פאַרגרעסערן זיין כיילעק וואָלט געהייסן פאַרקלענערן דעם כיילעק פונם ערדבאַזיצער, דער לעצטער וועט אָבער דערויף ניט איינגיין און וועט בעסער אָפּגעבן די ערד צו א צווייטן אַרענדאַטאָר. און אַרענדאַטאָרן וועט ער געפונען גענוג, וואָס וועלן זיך באַנוגענען מיט דורכשניטלאַכן רעוואָך, ווייל אין דער קאַפּיטאַליסטי-שער געזעלשאַפט זיינען דאָ איבערגענוג קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זוכן, ווו צוצולייגן זייער קאַפּיטאַל, און זיי וועלן גערן זיך באַנוגענען מיט געוויינלאַכן רעוואַך, ווייל אין אַנדערע צווייגן פון פאָלק-ווירטשאַפט האָבן זיי אויך ניט קיין שאַנסן צו באַקומען מער.

דער קאַפּיטאַליסט (אַרענדאַטאָר) וועט, אַלס קלאַל, באַקומען א דורכשניטלאַכן רעוואַך אַפילע אין פאַל, ווען ער וועט איינפירן עפּעס אַ פאַרבעסערונג, וועלכע וועט אַף לאַנג שטאַרק הייבן די האַכנאָסעדיקייט פון דער ערד, צ. ב. ער וועט זי אויסטריקענען, אָדער, פאַרקערט, באַוואַסערן. ווען דידאָזיקע פאַרבעסערונג איז איינג פאַרבונדן מיט דער ערד, אַף וועלכער זי איז געמאַכט געוואָרן (צ. ב. איריגאַציע-קאַנאַלן), דאַן וועט דאָך דער אַרענ-דאַטאָר זי מוזן לאָזן אפן פעלד אַפילע נאָך דער אַרענדע. ס'פאַרשטייט זיך, דאָסדאָזיקע

פעלד וועט נאָך אַזאַ פאַרבעסערונג ווערן פּרוכפּעריקער, וועט מען דאָס קאָנען אָפּגעבן אין אַרענדע פאַר אַ העכערער פּרייז. און אויב דער אַרענדאַטאָר, וואָס האָט געמאַכט די פאַרבעסערונג, וועט ניט מאסקים זיין צו צאָלן טייערער פאַרן פעלד, וואָס ער האָט פאַרבעסערט, וועט דער ערדבאַזיצער אים פּאָשעט מעשאַלייאַך זיין פונם דאָזיקן פעלד, אָדער, העפלאַך געזאָגט, ער וועט דאָס אָפּגעבן אין אַרענדע צו אַן אַנדער פּערזאָן.

בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען וועט אָבער דער אַרענדאַטאָר אויך ניט באַקומען ווייניקער פונם דורכשניטלאַכן רעוואַך אויף זיין קאַפּיטאַל, ווייל, אויב דער ערדבאַזיצער וואָלט געפּאָדערט פאַר זיין פעלד אַזאַ הויכע רענטע, אַז דעם קאַפּיטאַליסט וואָלט ניט בלייבן אפילע קיין „ריינער" געוויינלאַכער רעוואַך אויפן קאַפּיטאַל, וואָלט ער אים בעסער איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער אָרט, ווו ער וועט דעמדאָזיקן רעוואַך יאָ באַקומען. אַנדערע אַרענדאַטאָרן וואָלטן אויך ניט איינגעגאַנגען אויף אַזאַ שלעכטן געשעפט — און די ערד וואָלט בלייבן „פּוסטעווען"; דאָס וואָלט געצוווּנגען איר באַזיצער איינצוהאַלטן זיינע אַפּעטיטן.

אַלזאָ, באַקומט דער אַרענדאַטאָר אַ דורכשניטלאַכן רעוואַך.

הייסט עס, אַז דאָס, וואָס סע בלייבט, בילדעט איבעררעוואַך. הייסט עס ווייטער, אַז דיפערענציאַלע רענטע — דאָס איז איבעררעוואַך, וועלכער בלייבט אָבער ניט דעם אונטערנעמער, נאָר דעם ערדבאַזיצער.

גייענדיק אַזוי ווייטער, וועלן מיר זאָגן פאָלגנדעס. רעוואַך איז, ווי באַוווּסט, ניט עפּעס אַנדערש, ווי מערווערט. דערפון איז געדרונגען, אַז אויף בעסערע ערדן ווערט פּראָדוצירט אַזויפיל מערווערט, אַז נאָכן אויסרעכענען יענעם סכום אירן, וועלכער בילדעט דעם דורכשניטלאַכן רעוואַך, בלייבט נאָך אַן אוידעף (איבעריקס), וועלכער בילדעט דעם איבעררעוואַך, ד. ה. אין געגעבענעם פאַל — די דיפערענציאַלע רענטע.

הייסט עס, די דיפערענציאַלע רענטע — דאָס איז אַן איבער-מערווערט, וועלכע ווערט אויסגעבילדעט אויף בעסערע ערדן, ווייל דאָרטן איז די אַרבעט פּראָדוקטיווער און פּראָדוצירט מער ברויט, און אויך, הייסט עס, אַ גרעסערע ווערט, איידער אויף די שלעכטע ערדן.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אין דער אינדוסטרי איז אויך מעגלאַך אַן איבעררעוואַך. ער האָט, צ. ב., אַן אָרט אין די אונטערנעמונגען, וועלכע ווענדן אָן בעסערע מאַשינען, איידער די דורכשניטלאַכע אין געגעבענעם אינדוסטרי-צווייג. אָבער לויט דער טעווע פון די זאַכן גופע איז דער איבעררעוואַך אין דער אינדוסטריע ניט פאַרבונדן אַזוי אייַנג און אויף לאַנג מיט דער געגעבענער פאַבריק, ווי אין דער לאַנדווירטשאַפט מיטן געגעבענעם שטיקל ערד. אויב די אָנווענדונג פון עפּעס אַ מאַשין ברענגט איבעררעוואַך, וועט מען זי איינפירן אין פילע אַנדערע אונטערנעמונגען. דערפון וועט די ווערט פונם געגעבענעם פּראָדוקט לעסאָף פאַלן, און דער איבעררעוואַך וועט פאַרשווינדן. די צאָל מאַשינען מיט אַ הויכער פּראָדוקטיווקייט קאָן מען פאַרגרעסערן, אָבער פאַרגרעסערן די צאָל ערד-שטיקער מיט אַ הויכער פּראָדוקטיווקייט איז אוממעגלאַך. און דעריבער איז אויך אוממעגלאַך די פּרייז פון ברויט נידעריק מאַכן אויף דידאָזיקע בעסערע שטיקער ערד ביז זיין אַרבעטווערט. זי וועט, ווי פריער, באַשטימט ווערן דורך דער אַרבעטווערט אויף די ערגסטע פון יענע פעלדער, וואָס זייער באַאַרבעטונג איז נויטיק, קעדיי צו דעקן דעם נאָכפרעג פון דער געזעלשאַפט אויף ברויט.

וויבאַלד אַזוי, וועט דער איבעררעוואַך פיקסירט ווערן אויפן בעסערן שטיק ערד, ער וועט אָנקומען דעם באַזיצער אירן, וועט בילדן אַ באַשטענדיקע און ספּעציעלע עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע: דיפערענציאַלע רענטע.

3. אַבסאָלוטע רענטע

א) די קוואלן פון אבסאָלוטער רענטע.

מיר האָבן אויבן דערוויזן, אַז די פּרייז פון דער ערד — דאָס איז קאַפּיטאַליזירטע רענטע. די ערגסטע שטיקער ערד ברענגען ניט און קאָנען ניט ברענגען קיין דיפערענציאַלע רענטע. פונדעסטוועגן גיט מען זיי אומזיסט ניט אָפּ. הייסט עס, אַז אויסער דער דיפערענציאַלער רענטע עקזיסטירט נאָך עפּעס אַן אַנדער מין רענטע, וואָס קלאָר ווייזט זי זיך אַרויס אַף די ערגסטע שטיקער ערד, און וואָס איר קאַפּיטאַליזאַציע באַשטימט די פּרייז פון דידאָזיקע שטיקער ערד.

לאָמיר באַטראַכטן דידאָזיקע רענטע.

אין פאָריקן אָפּטייל האָבן מיר געשריבן וועגן דער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל (לויט דער ווערט).

טראַכטן מיר זיך נאָר אריין, זעען מיר, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט איז א נידעריקע סטרוקטור פון קאַפּיטאַל. אינדערעמעסן, אין דער לאַנדווירטשאַפט באַטרעפט דער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל אסאַך א קלענערן פּראָצענט פונם גאַנצן קאַפּיטאַל, איידער אין דער אינדוסטרי. אנדערש קאָן דאָס ניט זיין. דער באשטענדיקער קאַפּיטאַל באַשטייט דאָך פון געביידעס, מאשינען און רויוואַרג (אריינרעכענענדיק אַהער אויך די הילף-מאַטעריאַלן). מאשינען און געביידעס איז אין די לאַנדווירטשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען אסאַך ווייניקער און זיי זיינען קלענער לויט דער מאָס און ווערט, איידער אין אַ גלייכגרויסער, לויטן קאַפּיטאַל, אינדוסטריעלער אונטערנעמונג. איבער וואָסערע סיבעס דאָס קומט פאָר, איז אין געגעבענעם פאַל קיין נאַפּקעמינע ניט (שפּעטער וועלן מיר זיך אַף דערדאָזיקער פראַגע אָפּשטעלן). וויכטיק איז, אַז דאָס איז אַ פאַקט, און אַז דאָס ווירקט, פאַרשטייט זיך, זייער שטאַרק אַף דער פאַרקלענערונג פון דער גרייס פונם באַשטענדיקן קאַפּיטאַל אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס מיר האָבן אין דער אינדוסטרי.

לאָמיר זיך איצט אָפּשטעלן אַפן צווייטן טייל פונם באשטענדיקן קאַפּיטאַל — אַפן רויען (און הילף-) מאטעריאל. אין דער אינדוסטרי זיינען די פארוועגדונגען אַף אים זייער גרויס, דערגרייכנדיק צו 60 און אפילע 80% פון אלע הויצאָעס פון דער אונטערנעמונג. אין די פּראָדוקציע-צווייגן אָבער, וועלכע זיינען דירעקט פאַרבונדן מיט דער ערד (לאנדווירטשאַפט און באַרג-געווערב), וואָס זיי, הויפּטזאַכלאַך, ברענגען די רענטע, זיינען די פארוועגדונגען אַפן רויען מאטעריאל לעפּיערעך זייער קליין, אין א געוויסער מאָס דאַפּקע דערפאַר, וואָס דאָס זיינען טאַקע יענע פּראָדוקציע-צווייגן, אין וועלכע מע באקומט אַרויס דעם רויען מאטעריאל. ס'פארשטייט זיך, מע קאָן ניט זאָגן, אַז אין דער לאנדווירטשאַפט, צ. ב., זאָל לאכלוטן ניט זיין קיין רויוואַרג און קיין הילף-מאַטעריאַל. דאָס רויוואַרג איז די זריע און באַמיסטיקונג, דער הילף-מאטעריאל איז די שטריק אַף צו בינדן די גאַרבן (ווען מען אַרבעט מיט אַ שניידמאַשין), באַהייצונג פאַרן דאַמף-דרעשער א. א. וו. ס'איז אָבער פארשטענדלאַך, אַז קימאַט אַלע אַזעלכע מאַטעריאַלן זיינען אָדער זייער ביליק (נאַטוראלע באַמיסטיקונג), אָדער מע דאַרף זיי האָבן אין זייער אַ נישטיקן סכום (צ. ב. שפּאַגאַט אַף צו בינדן די גאַרבן), אַזוי אַז די ווערט פונם רויען מאַטעריאַל אין דער לאַנדווירטשאַפט מאַכט אויס אַסאַך אַ קלענערע סומע, איידער די ווערט פונם רויוואַרג אין אַ גלייכגרויסער, לויטן קאַפּיטאַל, אינדוסטריעלער אונטערנעמונג. אַלזאָ,ביידע טיילן, פון וועלכע סע ווערט צונויפגעלייגט דער באַשטענדיקער קאַפּיטאַל, איז אין דער לאַנדווירטשאַפט אַסאַך קלענער, איידער אין דער אינדוסטרי. און וויבאלד סע זיינען קלענער אַלע סומאנדן (כיבער-צאָלן), איז אויך קלענער די סומע. בעכיין, פון צוויי גלייכגרויסע, לויטן

קאַפּיטאַל, אונטערנעמונגען, איז אין דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער דער באַשטענדיקער טייל פונם קאַפּיטאַל אומבאַדינגט קלענער, איידער אין דער אינדוסטריעלער, אַנדערש גערעדט, — די סטרוקטור פון קאַפּיטאַל אין דער לאַנדווירטשאַפט איז נידעריקער, איידער אין דער אינדוסטרי.

דאָס באַטייט, אַז אין אַ לאַנדווירטשאַפטלאַכער אונטערנעמונג וועלן זיין פאַרנומען מער אַרבעטער, איידער אין אַ גלייכגרויסער, לויטן קאַפּיטאַל, אינדוסטריעלער אונטערנע-מונג. בעכיין, איז אין דער ערשטער פון זיי וועט, בא אלע אנדערע גלייכע באַדינגונגען, פּראָדוצירט ווערן מער מערווערט, איידער אין דער צווייטער.

און העיויס ווי דער לאַנדווירטשאַפטלאַכער קאַפּיטאַליסט (אַרענדאַטאָר) וועט, ווי מיר האָבן שוין געשריבן, באַקומען רעוואַך (מערווערט) ניט מער, איידער זיין אינדוסטריעלער כאַווער מיט א גלייכגרויסן קאַפּיטאַל, מוז מעמיילע אין דער לאַנדווירטשאַפט אומבאַדינגט געפינען אַן אָרט אַ געוויסער אוידעף מערווערט. מיט אנדערע ווערטער, אין דער לאַנדווירטשאַפט וועט האָבן אַן אָרט אַפילע אַף דער ערגסטער ערד, וואָס איר באַארבעטונג איז געזעלשאַפטלאַך-נויטיק, אַן אויבער-מערווערט, אָדער אנדערש — רענטע. ס׳איז קלאָר, אַז דאָס איז בעשום אויפן ניט דיפּערענציאַלע רענטע. זי באַקומט זיך דאָך אַפילע פון דער ערגסטער ערד, וועלכע באַזיצט ניט קיין איין מיילע, וואָס זאָל קאָנען דינען אַלס יעסאָד אַף צו באַקומען דיפערענציאַלע רענטע, וויל, ווען זי זאָל נאָר האָבן כאָטש איין מיילע, וואָלט זי דאָך קיין ערגסטע ניט געווען.

העיויס ווי דידאָזיקע רענטע באַזירט זיך ניט אַף וועלכע ניט איז מיילעס, אַף וועלכן ניט איז אונטערשייד, הייסט זי דעריבער אַבסאָלוטע, ביפּראַט אַז, ווי מיר וועלן שפּעטער זעען, זי באַקומט זיך אבסאָלוט פון אלע ערדן (וואָס זייער באַארבעטונג איז גע-זעלשאפטלאַך-נויטיק).

אַלזאָ, די אבסאָלוטע רענטע באַקומט זיך אדאנק צוויי סיבעס: 1) אדאנק דער נידע-ריקער סטרוקטור פונם לאנדווירטשאפטלאַכן (און בארג-) קאפּיטאל און 2) אדאנק דער ערד-מאָנאָפּאָל (ד. ה. מאכמעס דער מעגלאַכקייט ניט צו דערלאָזן ארייַנלייגן קאַפּיטאַלן אין דעמדאָזיקן צוויג פון פאָלק-ווירטשאפט אלעמען, ווער סע וויל נאָר דאָס טון).

די ערשטע סיבע ברייַנגט אין דער לאנדווירטשאפט די אויבער-מערווערט, די צווייטע, די ערד-מאָנאָפּאָל לאָזט די אויבער-מערווערט אין דער לאנדווירטשאפט איבער און, אין געשטאַלט פון רענטע, גיט זי זי איבער אין די הענט פון די ערד-אייגנטימער, און גיט איר, הייסט עס, ניט די מעגלאכקייט איבערצעגיסן זיך אין אַנדערע צוייגן פון דער פאָלק-ווירטשאפט, — ווי דאָס האָט אַן אָרט בענויגייע צו דער אויבער-מערווערט, וואָס ווערט אויסגעפרעסט אין יענע אינדוסטרי-צוייגן, ווו סע הערשט אויך א נידעריקע סטרוקטור פון קאַפּיטאל, מיינען, ווי דאָס פאסירט בא אייניקע עקאָנאָמיסטן, אז קעדיי צו בילדן אַבסאָלוטע רענטע, איז גענוג נאָר די ערד-מאָנאָפּאָל, איז אַלציינס, ווי מע זאָל מיינען, אַז, קעדיי ערפאָלגרייך צו כאפּן פיש, איז גאנץ גענוג נאָר צו האָבן א גוטע נעץ, לאַכלוטן אומאָפּהייַנגיק דערפון, צי איז אין דעם אָרט פאראן פיש צי ניט. ס׳איז ניט שווער צו פאַרשטיין, אז דאָרט, ווו קיין פיש איז ניטאָ, וועט זיי די בעסטע נעץ ניט כאַפּן, און דאָרט, ווו ס׳איז ניטאָ קיין אויבער-מערווערט, וועט קיין שום מאָנאָפּאָל ניט העלפן צו פאקן זי.

דערצו דאַרף מען צוגעבן אָט וואָס. דאָס פאראנען-זיין פון אבסאָלוטער רענטע ווייזט זיך אַמבוילעטסטן ארויס אַף דער ערגסטער ערד, דערפאַר האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער אויספאָרשונג פון דער לעצטער. אַבסאָלוטע רענטע באַקומט זיך אָבער פון אלע ערדן, — פון ערגערע, מיטלמעסיקע און בעסערע. אויב ניט, וואָלטן אייניקע בעסערע שטיקער ערד

געגעבן ווייניקער האכנאָסע, איידער די ערגערע, און וואָלטן פארקויפט געוואָרן ביליקער פון די לעצטע.

מיר וועלן אילוסטרירן דעמדאָזיקן געדאנק מיט פאָלגנדן ביישפּיל. לאָמיר זיך פאָר־שטעלן, אז די אבסאָלוטע רענטע מאכט אויס 12 פּוד אָף א דעסיאטין. די דיפערענציאַלע רענטע פון מיטלמעסיקער ערד האָט אויסגעמאכט אין פריערדיקע ביישפילן נאָר 10 פּוד פון א דעסיאטין. הייסט עס, — אויב די מיטלמעסיקע ערד וואָלט אריינגעבראכט מער ניט, ווי דיפערענציאַלע רענטע, וואָלט זי געגעבן ווייניקער האכנאָסע, איידער די ערגערע, וואָס אַזוינס איז, פארשטייט זיך, אומעגלאך. הייסט עס, אז זי ברייגגט אריין אי דיפערענציאַלע, אי אבסאָלוטע רענטע — אינגאנצן 22 פּוד פון א דעסיאטין. די דיפערענציאַלע רענטע פון דער בעסטער ערד האָט אויסגעמאכט אין פריערדיקע ביישפילן 20 פּוד קערנער פון א דעסיאטין, און די האכנאָסע פונם מיטלמעסיקן סאָרט ערד מאכט אויס 22 פּוד פון א דע־סיאטין. הייסט עס, ווען די בעסערע ערדן זאָלן אריינטראָגן נאָר דיפערענציאַלע רענטע, וואָלט די האכנאָסע פון די בעסערע ערדן געוועזן קלענער פון דער האכנאָסע פון מיטלמע־סיקע ערדן. דאָס איז אן אבסורד. איז קלאָר, אז די בעסערע ערד ברייגגט אריין אי דיפע־רענציאַלע, אי אבסאָלוטע רענטע.

אלזאָ, די ערגסטע פון די ערדן ברייגגט אריין בלויז אבסאָלוטע רענטע, און אלע איבע־ריקע ערדן (וואָס זייער באארבעטונג איז נויטיק) ברייגגען אריין אי אבסאָלוטע אי דיפע־רענציאַלע רענטע.

אזוי ארום האָבן מיר באגרינדעט די האנאָכע, וואָס איז אויבן ארויסגעזאָגט געוואָרן, אַז אבסאָלוטע רענטע באקומט זיך אבסאָלוט פון אלע ערדן, וואָס זייער באארבעטונג איז ניט קיין עקאָנאָמישער אומזין.

ב) די רענטע און די ברויט-פרייזן.

אויבן האָבן מיר שוין גערעדט פון דעם, אז די רענטע פונם באטרעפנדיקן שטיק ערד ווערט געדעקט פון דער ווערט פונם ברויט, וואָס איז אף איר אויסגעוואקסן (אויב די געגע־בענע ווירטשאפט פראָדוצירט מער גאָרנישט, אויסער ברויט). אָבער האגאםביידע הויפּט־מינים רענטע שטייגן ארויף מיטן שטייגן פון ברויט-פרייזן, זיינען זיי דאָך לעגאמרע אף אן אנדער אויפן פארבונדן מיט דידאָזיקע ברויט-פרייזן. די הייך פון דער דיפערענציאַלער רענטע ווענדט זיך שטארק אָן דעם שטאנד פון די ברויט-פרייזן, אָבער זי אַליין האָט געוויינטלאך קיין שום ווירקונג ניט אף אים. די דיפערענציאַלע רענטע באקומט זיך דאָך נאָר פון די בעסערע ערדן, און די ווערט פונם ברויט ווערט באשטימט דורכן סכום ארבעט, וועלכע ווערט פארווענדט אף צו פראָדוצירן אן איינסל זיינס אף דער ערגערער ערד.

גאָר אַנדערש איז עס מיט דער אבסאָלוטער רענטע. זי באקומט זיך פון ערגערע ערדן, אויך פון יענע ערדן, וועלכע באשטימען די ווערט פון א פּוד ברויט, דעריבער קאָן איר גרייס ווירקן אף זיין ווערט, און ניט נאָר זי קאָן ווירקן — זי ווירקט טאקע אף זיין ווערט. אינדערעמעסן: אבסאָלוטע רענטע איז דאָך יענער סכום מערווערט, וואָס אדאנק דער מאָנאָפּאָל איז זי געבליבן אין דער לאנדווירטשאפט און האָט זיך ניט איבערגעגאָסן אין דער אינדוסטרי. סע איז דאָך קלאָר, אז אויב א טייל פון דער ווערט (מערווערט איז דאָך אויך ווערט) וואָלט אָפּפלייצן פון דער לאנדווירטשאפט, וואָלט דאָך דאָרטן געבליבן ווייניקער ווערט, ד. ה. די ווערט פון די לאַנדווירטשאפטלאכע פּראָדוקטן וואָלט נידעריקער געוואָרן.

קומט בעכיין אויס, אז די אבסאָלוטע רענטע, אונטערגעשיידט פון דער דיפערענציאַלער, העכערט די ווערט פונם ברויט, ד. ה. זי איז גורעם דערצו, אז דער ארבעטער-קלאס ניט

בלויז וואָס ער ווערט עקספּלואַטירט אין פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע, נאָר ער ליידט נאָך שטאַרק, אַלס געברויכער.

ג) די גרייס פון דער אַבסאָלוטער רענטע.

מיר זאָגן „ער ליידט שטאַרק", ווארום אין דער אנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז די אבסאָלוטע רענטע גאָר ניט קיין נישטיקע סומע. פאַרקערט, זי איז זייער קאָלאָסאַל. ווי גרויס זי איז, קאָן אונז געבן א פאָרשטעלונג פאָלגנדער כאַראַקטעריסטישער פאקט. אין אייראָפּע איז דער קאַפּיטאַליזם ניט אין אן ערגעץ עלטער, איידער אין אמעריקע. פונדעסטוועגן איז אין אייראָפּע ביז דער מילכאָמע קימאַט ניט געווען קיין מיליאַרדערן (אויסער לאָנדאָנער ראָטשילד), און אין אמעריקע זיינען געווען העכער 40 מיליאַרדערן.

מיט וואָס קאָן מען דערקלערן דעמדאָזיקן פּאַראַדאָקסאַלן פאקט? פאַרוואָס איז אַמעריקאַנער באָדן גערעטענער אף מיליאַרדן? אין א באַדייטנדער מאָס איז דאָס דערפאַר, וואָס דאָרטן איז ניטאָ קיין אבסאָלוטע רענטע. אינדערעמעסן, אין מיירעוו-אייראָפּע איז פאקטיש ניטאָ קיין פרייע ערד, און דעריבער האָבן זיך דאָרט צעבליט די ערד-מאָנאָפּאָל און די אבסאַלוטע רענטע, וועלכע שלינגט איין א באַדייטנדן טייל מערוועֶרט. אָבער אין די צאָפן-אַמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן איז ביז גאָר ניט לאַנג געווען גאַנץ פיל (ניט יודיש, נאָר פאַקטיש) פרייע ערד. דעריבער איז דאָרטן אין פיל ערטער ניט געווען ניט קיין ערד-מאָנאַפּאַל (עקאָנאָמיש), ניט קיין אבסאָלוטע רענטע, און יענער טייל מערוועֶרט, וואָס בא ערד-מאָנאָפּאָל וואָלט זי אוועק אף אבסאַלוטער רענטע, פלעגט אוועקשווימען אין דער אינדוסטרי און איבערן גאַנצן לאַנד גענעכערט די רעוואַך-נאָרמע. דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט-סיבעס, איבער וואָס אין אמעריקע איז די רעוואַך-נאָרמע געווען באַדייטנד העכער, איידער אין אייראָפּע, און די הויכע רעוואַך-נאָרמע איז, נאַטירלאַך, זייער גינסטיק געווען פאַר דער שנעלערער אָנזאַמלונג פון גרויסע פאַרמעגנס; דערפון נעמט זיך די גרויסע צאָל מיליאַרדערן. איצט אָבער, ווען קיין פרייע ערדן זיינען שוין דאָרט קימאַט ניטאָ, הערט מען עפּעס ניט פון נייע מיליאַרדערן, וואָס האָבן אָנגעזאַמלט זייערע קאָלאָסאַלע רייכטימער אין די גרענעצן פון איין מענטשלאַכן לעבן.

4. די רענטע און איר געזעלשאַפטלאַכער באַטייט

ד) דער וווּקס פון דער רענטע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

אויבן האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז אין דער מאָס, וואָס סע אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, אַנדערש געזאָגט — אין דער מאָס, וואָס סע אנטוויקלען זיך די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער געזעלשאַפט אין א קאַפּיטאַליסטישער פאָרם, וואַקסט אַלץ און וואַקסט די 1-טע און די 2-טע נאַטוראַלע (אין קערנער) דיפערענציאַלע ערד-רענטע. מע דאַרף מוסיף זיין, אַז מיט דער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם וואַקסט פונדעסטוועגן די דיפערענציאַלע רענטע ניט אַלעמאָל, ווייל איבער דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין דער לאַנדווירטשאַפט, קאָן זיך אַרויסווייזן (לעפּאָכעס טעאָרעטיש), אַז ס'איז שוין ניט נויטיק צו באַאַרבעטן די ערגסטע פון די ערדן, וואָס זיינען פריער נויטיק געווען אף צו דעקן דעם נאָכפרעג פון דער געזעלשאַפט אַף ברויט, און די פרייז פון ברויט וועט שוין נעמען רעגולירן די ערד פון א ביסל א בעסערן סאָרט.

מיט דער אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אָבער מוז אומבאַדינגט אויסוואַקסן די אבסאַלוטע רענטע, ווייל אין דער מאָס, וואָס סע אַנטוויקלט זיך דער קאַפּיטאַליזם איז, האַגאַם

סע העכערט זיך די סטרוקטור פון לאנדווירטשאַפטלאכן קאפיטאל אין פארגלייך מיט דעם, ווי זי איז פריער געווען, העכערט זיך נאָך שטארקער די סטרוקטור פונם אינדוסטריעלן קאפיטאל. בעכיין, ווערט פארגרעסערט דער אונטערשייד אין דער סטרוקטור פונם לאנד-ווירטשאפטלאכן און אינדוסטריעלן קאפיטאל, און, הייסט עס, אויך דער קוואַל פון דער אבסאלוטער ערד-רענטע.

ניט אָנרירנדיק די איבעריקע סיבעס, פאַרוואָס סע וואקסט דער כילעק צווישן דער סטרוקטור פונם אינדוסטריעלן און לאנדווירטשאַפטלאכן קאפיטאל בא דער אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אף פאָלגנדער סיבע.

די אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע איז אלציינס, וואָס די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיווקייט פון דער ארבעט און, הייסט דאָס, אויך פונם סכום רוי-מאטעריאל, וואָס איין ארבעטער באארבעט. מיט דער פארגרעסערונג פונם סכום רוי-מאטעריאל וואקסט אויך די גרייס פונם באשטענדיקן קאפיטאל, וואָס קומט אויס אף אן איינסל ארבעט-קראפט, ד. ה. סע וואקסט די סטרוקטור פונם קאפיטאל, און טאקע גאנץ באדייטנד, ווייל די ווערט פונם רוי-מאטעריאל מאכט געוויינטלאך אויס די גרעסטע העלפט פונם באשטענדיקן קאפיטאל.

אין דער ערדארבעט אָבער איז די לאגע גאָר אן אנדערע, איבער דער אומבאדייטנ-דיקער ראָליע, וואָס דער רוי-מאטעריאַל שפּילט דאָרט. אפילע א באדייטנדיקע אנטוויקלונג פון דער מאשין-טעכניק אין דער ערדארבעט קאָן געבן זייער א קליינע פארגרעסערונג פונם וויכטיקסטן טייל אינם באשטענדיקן קאפיטאל פונם רוי-מאטעריאל; זי קאָן אפילע גאָר קיין פאַרגרעסערונג ניט געבן, און אמאָל אַפילע א פארקלענערונג אויך: אזוי, לעמאָשל, דערמיט, וואָס מע פארגרעסערט דעם אָנווענד פון היי-שניידערס, קאָרן-שניידערס א. א. וו., פארגרעסערט מען דערמיט זייער ווייניק דעם געברויך פון רוי מאטעריאל; דאָס באנוצן זיך, צום ביישפּיל, מיט רייאיקע рядовые זייעלקעס פארקלענערט אפילע דעם סכום רוי-מאַ-טעריאל — די זוימען.

אין דער אינדוסטריע זעען מיר, אז מיט דער אַנטוויקלונג פוגם קאפיטאליזם וואקסט זייער שטארק איינער פון די הויפּט-עלעמענטן פונם באשטענדיקן קאַפּיטאַל, אין דער אג-ריקולטור אָבער באַמערקט מען דאָס ניט. די סטרוקטור פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, הייסט עס, יאָגט אַלץ מער אריבער די סטרוקטור פון אגריקולטורישן קאפיטאל.

בעכיין, מיט דער אנטוויקלונג פוגם קאפיטאליזם וואקסט אויך די ערד-רענטע: די אבסאלוטע — אלעמאָל, די דיפערענציאלע—געוויינטלאך. ס'פארשטייט זיך, אַז דאָס לוינט גאנץ גוט די ערד-באַזיצער. לוינט דאָס אָבער נאָך מער דערפאַר, וואָס די ערד-רענטע אין געלט וואקסט נאָך שנעלער, איידער די נאטוראַלע (אין קערנער). קעדיי דאָס צו דערוויזן, וועט אונז אויסקומען אָפּשטעלן זיך אף איין אומשטאַנד, אַף וועלכן מיר האָבן פארבייגיי-ענדיק אויבן דערמאָנט, נעמלאַך דערוף, וואָס די ווערט פון ברויט ווערט באשטימט דורך יענעם סכום אַרבעט, וואָס ס'איז נויטיק צו פאַרווענדן אף צו פּראָדוצירן א פּוד זיינעם (אן איינסל) אף דער ערגסטער ערד. ס'איז דאָך גאנץ קלאָר, אַז אויב סע וואָלט ניט לוינען דידאָזיקע ערד צו באארבעטן, וואָלט זי געבליבן פוסטעווען, און די געזעלשאפט וואָלט ניט האָבן דעם נויטיקן סכום ברויט, קאָלזמאַן די ווערט זיינע האָט זיך ניט אופגעהויבן אזוי, אז ס'זאָל אָנהויבן לוינען צו באארבעטן אויך דידאָזיקע ערגערע ערד (אין אונזער ביישפּיל גיט זי ביז 40 פּוד פון א דעסיאטין). און העיויס ווי סע קאָן ניט געמאָלט זיין, אז אַף איין און דעמזעלביקן פּראָדוקט און אף איין און דעמזעלביקן מארק זאָלן שטיין פארשיידענע פרייזן, איז קלאָר, אַז דער ברויט, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אַף דער בעסערער ערד, וועט פארקויפט ווערן לויט דער ארבעטווערט פון א פּוד

ברויט, וואָס ווערט פּראָדוצירט אַף דער ערגערער פון יענע ערדן, וואָס זייער באַארבע־טונג איז געזעלשאַפטלאַך־נויטיק.

לאָמיר אָנווענדן דאָס געזאָגטע צו דער פראַגע וועגן רענטע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז קעדיי צו באַארבעטן א דעסיאַטין ערד, מוז מען האָבן 600 שאָ, און אַז די ווערט, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן פאַר א שאָ אַרבעט, איז גלייך 10 קאָפּיקעס (ד. ה. אַז פאַר א שאָ אַרבעט קאָן מען ארויסבאַקומען און באַארבעטן גאָלד אַף 10 קאָפּיקעס).

אין אַזא פאַל איז קאָלזומאַן מע באַאַרבעט נאָר די בעסטע ערד (וועלכע גיט 60 פּוד פון א דעסיאַטין), וועט די ווערט פון א פּוד ברויט זיין גלייך 10 שאָ אָדער 1 רובל. קיין רענטע וועט ניט זיין. ניט קיין נאַטוראַלע רענטע, ניט קיין געלט־רענטע. אָבער אָט איז מען אַריבער צו באַארבעטן די ערד פונם 2־טן סאָרט (וועלכע גיט 50 פּוד פון א דעסיאַ־טין). די ווערט פון א פּוד ברויט וועט געהעכערט ווערן שוין ביז 12 שאָ, אָדער ביז 1. 20 קאָפּ. די נאַטוראַלע רענטע וועט אויסמאַכן 10 פּוד קערנער, און די געלט־רענטע — 12 רובל (120 × 10) פאַר אַ דעסיאַטין.

שפּעטער איז מען אַריבער צו באַארבעטן די ערד, וועלכע גיט 40 פּוד פון א דעסיאַטין. די ווערט פונם ברויט וועט שוין אויסמאַכן 15 שאָ אָדער 1 רוב. 50 קאָפּ. די נאַטוראַלע רענטע פון דער בעסטער ערד וועט אויסמאַכן 20 פּוד, און די געלט־רענטע 30 רובל (1.50 × 20).

דאָס הייסט, אַז בעאייס די נאַטוראַלע רענטע איז פארגרעסערט געוואָרן אין צוויי מאָל, איז די געלט־רענטע אויסגעוואקסן אין צוויי מיט א האַלבן מאָל. דאָס הייסט, די געלט־רענטע ווערט שנעלער פאַרגרעסערט, איידער די נאַטוראַלע, און דאָס האָט מען גע־דאַרפט דערווייזן.

דאָס איז אָבער ווייניק. מיט דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם פאַלט, ווי באַוווסט, די פּראָצענט־נאָרמע, אין העיוס ווי די פּרייז פון דער ערד איז קאַפּיטאַליזירטע רענטע, דאַרף מעמיילע מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם שטייגן די פּרייז פון דער ערד נאָך שנעלער, איידער אַפילע די ערד־רענטע. אינדערעמעסן, מיט אונזער איבערגייין פון דער ערד פונם צווייטן סאָרט צו דער ערד פונם 3־טן סאָרט, איז די געלט־רענטע פאַרגרעסערט געוואָרן פון 21 אַף 30 רובל. לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז פאַר דער צייט פונם דאָזיקן אי־בערגאַנג איז די פּראָצענט־נאָרמע געפאַלן פון 10 ביז 5. קומט אויס, אַז אין ערשטן פאַל האָט די פּרייז פון א דעסיאַטין ערד אויסגעמאַכט 120 רובל (קאַפּיטאַליזאַציע 12 רובל צו 10%) און אין צווייטן פאַל וועט זי שוין אויסמאַכן 600 ר. (קאַפּיטאַליזאַציע 30 ר. צו 5%).

אַלזאָ, בעאייס די געלט־רענטע איז פארגרעסערט געוואָרן בעסאַכאַקל אין צוויי מיט א האַלבן מאָל, איז די פּרייז פון דער ערד געשטיגן אין 5 מאָל, ד. ה. צוויי מאָל שטאַרקער.

הייסט עס, פון דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם געווינט דער ערדבאַזיצער דריי מאָל.

ערשטנס, סע וואַקסט די נאַטוראַלע רענטע (די אַבסאָלוטע, ווי די דיפערענציאַלע).

צווייטנס, סע וואַקסט נאָך שנעלער די געלט־רענטע.

דריטנס, סע וואַקסט נאָך שטאַרקער די פּרייז אַף דער ערד.

ה) דאָס פּריוואַט־אייגנטום אַף ערד און זיין שעדלאַכקייט

מיר זעען, אַז מיט דער פאַרגרעסערונג פונם רייכטום אין דער געזעלשאַפט (קאַפּיטאַ־ליסטישער) וואַקס געווינטלאַך אויך די רענטע. אַדאַם סמיט, וועלכער האָט געוווסט נאָר יענע רענטע, וועלכע רופט זיך היינט אָן דיפערענציאַלע, מיינט, אַז דער וווקס פון דער רענטע באַגלייט שטענדיק די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, און דרינגט דער־פון אויס, אַז די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט און פון די ערדבאַזיצער פאַלן צונויף.

דער לעצטער אויספיר איז אי לאָגיש, אי מעטאָדאָלאָגיש ניט ריכטיק. דיינקענדיק אַף אַזאַ אויפן, קאָן מען אומבאַדינגט קומען צום אויספיר, אַז די אינטערעסן פון שפינען און פליגן... פאַלן צונויף, ווייל פאַר די שפינען איז, פאַרשטייט זיך, אויך זייער וויכטיק, אַז ס'זאָל זיין מער פליגן, און אַז זיי זאָלן זיין וואָס פעטער און וואָס גרעסער.

גיכער קומט דאָ אַפּן זינען אַ פאַרקערטער אויספיר: וויבאַלד די ערדבאַזיצער פאַר-שלינגען זייער אַ באַדייטנדן טייל פונם אַלץ וואַקסנדיקן רייכטום פון דער געזעלשאַפט, פאַלן זייערע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער איבעריקער געזעלשאַפט ניט צונויף, נאָר זיי זיינען לאַבלוטן סויסער איינע די אנדערע. אַזאַ אויספיר האָט געמאַכט אַ צווייטער גרויסער עקאָנאָמיסט — ד. ריקאַרדאָ.

מע דאַרף אָבער רעכענען, אַז דעמדאָזיקן אויספיר איז ניט אָפּצולייקענען נאָר דאַן, ווען סע וועט דערוויזן ווערן, אַז די ערדבאַזיצער העלפן ניט מיט דעם וווקס פונם רייכ-טום אין דער געזעלשאַפט אין אַזאַ מאָס, אין וועלכן זיי נעמען באַ איר אָפּ — אַלץ מער און מער — פּראָדוקטן. ריקאַרדאָ האָט אַזאַ ראַיע ניט געבראַכט, ער שטעלט גאָר אַפילע אַזאַ פראַגע ניט, דעריבער הייגנט זיין האַנאָכע „אינדערלופטן". ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער אויספיר וועגן דער קעגנזעצלאַכקייט פון די אינטערעסן צווישן דער געזעלשאַפט און די ערדבאַזיצער וועט נאָך בוילעטער זיין, אויב ס'וועט זיך ארויסווייזן, אַז די ערדבאַזי-צער נעמען נאָר באַ דער געזעלשאַפט און געבן גיבן זיי איר גאָרנישט. נאָך שאַרפער וועט עס ארויסטרעטן, ווען ס'וועט זיך ארויסווייזן, אַז ניט בלויז וואָס זיי נעמען פיל באַ דער געזעלשאַפט, נאָר זיי שאָדן נאָך אירווירטשאַפטלאַכער אנטוויקלונג.

מאַרקס, דער גרעסטער פון די עקאָנאָמיסטן, האָט דערוויזן, אַז פאַקטיש איז ריכטיק דאָס לעצטע. מיר וועלן באַגרינדן דידאָזיקע האַנאָכע.

צוליב דעם איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די גאַנצע דירעקטע ארבעט אַף צו באַארבעטן די פעלדער א. א. וו. פילן אויס די ארבעטער (לאַנדווירטשאַפטלאַכע), די גאַנצע אָרגאַני-זאַציאָנעלע, אדמיניסטראַטיווע ארבעט פילן אויס די קאַפּיטאַליסטן (פערמערס, ארענדאַ-טאָרן), צו זיי געהערן אויך אַלע קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען פאַר דער לאַנדווירטשאַפט נויטיק.

דידאָזיקע צוויי קלאַסן טוען אָפּ די גאַנצע ארבעט, וואָס איז נויטיק פאַר דער לאַנד-ווירטשאַפט. די ראַליע אָבער פונם ערדבאַזיצער באַגרענעצט זיך מיטן באַקומען קאָלאָסאַלע סומעס פאַר גאָרנישט ניט טון, פאַר ניט שטערן די אנדערע צו האָרעווען און ארבעטן. געוויינטלאַך, ווען מע וויל פאַר עפּעס א גרופּע ליידיקגייער, וואָס פירן אַ לוסטיק לעבן, צוקלייבן אַ פאַסיקן פאַרגלייך, רופט מען זיי אָן „טרייטלאַך" (трутни), אָבער אפילע דערדאָזיקער פאַרגלייך איז צו גוט און צו איידל פאַרן קלאַס ערדבאַזיצער: ערשטנס, די טרייטלאַך עסן ארום דעם בינשטאָק ניט אַ גאַנץ יאָר, נאָר בלויז אַ געוויסע צייט; צווייטנס, די טרייטלאַך פילן דאָך אויס עמעס ניט קיין שווערע, אָבער דאָך אַ נויטיקע פונקציע פאַרן בינשטאָק, די ערדבאַזיצער אָבער שטערן אויסצופילן די פונקציעס, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער געזעלשאַפט — זיי שטערן דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן. גענויער וועלן מיר זיך דערויף אָפּשטעלן שפּעטער אינם אָפּטייל וועגן דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָ-דוקציע. דערווייל אָבער וועלן מיר צום אויבן-געזאָגטן צוגעבן נאָר אָט וואָס: לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די אונטערנעמער פונם געגעבענעם לאַנד באַקומען דורכשניטלאַך 10 פּראָצ. רעוואַך אַ יאָר. לאָמיר ווייטער רעכענען, אַז די אָנווענדונג פון עפּעס אַ מאַשין קאָן געבן אין דער ערשטער צייט פון איר אָנווענד גאַנצע 15 פּראָצ. רעוואך א יאָר. ס'איז קלאָר, אַז די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן וועלן זיך אָנכאַפּן פאַר אַזאַ פאַרבעסערונג, אַלע וועלן איילן צו זיין די ערשטע, וואָס זיי וועט עס אויסקומען אַראָפּנעמען דאָס אויבערשטע. גאָר אַנדערש וועט דאָס זיין אין דער לאַנדווירטשאַפט. זאָל די אָפּטריקענונג פון עפּעס אַ שטיק

ערד צוזאָגן אפילע זיכערע 20 פּראָצ. יערלאכן רעוואך, און זאָל אין געגעבענעם לאנד הערשן דער 4-יאָריקער טערמין פון ארענדע. ס'איז קיין סאָפעק ניט, אַז אין אַזאַ פאל וועט דער ארענדאַטאָר זיך ניט איילן אָפּצוטריקענען זיין פעלד, ווייל פאַר 4 יאָר צייט איז ניט בלויז וואָס ער וועט ניט באַקומען קיין שום פּראָצענטן אַפן ארייַנגעלייגטן קאַפּיטאל, נאָר ער וועט אים אפילע ניט צוריקקערן אינגאַנצן, און ווען דער טערמין פון דער ארענדע וועט זיך ענדיקן, וועט ער דאָך ניט צונעמען מיט זיך די פּאַרבעסערטע ערד, און זי וועט בלייבן באַם ערדבאַזיצער, וועלכער וועט שוין נעמען פאַר איר מער טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז פארבעסערט. ער וועט נעמען מער ,אפילע באַם זעלביקן ארענדאַטאָר, וואָס האָט דידאָזיקע פּאַרבעסערונג געמאכט.

ד אָ ס פּ ר י ו ו אַ ט - א ײ ג נ ט ו ם אַ ף ע ר ד ש אַ ט, אזוי ארום, ד ע ר א נ ט װ י ק ל ו נ ג פ ו ן ד י פּ ר אָ ד ו ק ט י װ ע ק ר ע פ ט ן ש ו י ן א י ן י ע נ ע ר צ ײ ט, װ ע ן ד אָ ס פּ ר י -
װ א ט - א ײ ג נ ט ו ם אַ ף ד י א י ב ע ר י ק ע פּ ר אָ ד ו צ י ר - מ י ט ל ע ן ש פּ י ל ט נ אָ ך אַ ז אַ ש ע ד ל אַ כ ע ר אָ ל י ע נ י ט.

די ערדבאזיצער אָבער שאדן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אַסאַך מער, איידער מע וואָלט עס געקאָנט אויסדרינגען אַפן יעסאָד פון דעם נאָרוואָס געבראכטן.

אינדערעמעסן, ביזן סאָף פון ארענדע-טערמין וועט דער ארענדאַטאָר ניט נעמען צאָלן מער פאַרן געדונגענעם שטיק ערד. אַלזאָ, אויב די פּרייז פון ברויט וועט פאַר דערדאָזיקער צייט גרעסער ווערן, אָדער דעם ארענדאַטאָר וועט געלונגען צו מאכן אַזאַ פּאַרבעסערונג, אַז זי וועט אַפילע אין די גרענעצן פונם ארענדע-טערמין מיט אַ גרויסן מויסרעס אומ-קערן דעם קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אַף איר פאַרווענדט, וועט דער ארענדאַטאָר ביזן סאָף פונם ארענדע-טערמין לייגן אין זיין קעשענע דעם אוי̇בער-רעוואַך. קעדיי אַזוינס ניט צו דערלאָזן, וועט דאָ דער ערדבאזיצער שטרעבן צו פארקירצן דעם טערמין פון די אַרענ-דע-אָפּמאכן. און דאָס וועט זיך אים איינגעבן. אין געגעבענעם פאַל איז דאָך די קראפט אַף זיין צאַד, איבער דער גרויסער צאָל קאַפּיטאַליסטן, וועלכע, יאָגנדיק זיך נאָך דורכ-שניטלאַכן רעוואך, וועלן גערן פאַרבייטן דעם געגעבענעם ארענדאטאָר, אויב ער וועט זיך פאַראַקשענען. און העיויס ווי וואָס קירצער דער ארענדע-טערמין איז, אַלץ ווייניקער איז די צאָל פון יענע פאַרבעסערונגען, וואָס דעם ארענדאטאָר וועט לוינען אָנווענדן ביזן סאָף פון ארענדע-אָפּמאך, דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס אין קיין צוויג פון דער פאָלק-ווירטשאַפט איז ניטאָ אזא מאסע פארבעסערונגען, וועלכע זיינען טעכניש גאַנץ מעגלאך, אָבער זיי לוינען ניט עקאָנאָמיש, און ווערן, הייסט עס, ניט אָנגעווענדט אין דער לאנד-ווירטשאפט.

און דאָס אלץ איז איבערן פריוואט-אייגנטום אַף ערד. דאָס שאט, הייסט עס, ניט בלויז דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך דער בורזשואזיע. ס'איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס צווישן דער ראדיקאַלער בורזשואזיע טרעפן מיר זייער הייסע קעגנער פון פּרי-וואַט-אייגנטום אַף ערד. אָט וואָס סע שרייבט, לעמאָשל, איינער פון זיי, הענרי דזשאָרזש: „באטראכט זיך נאָר, איז דען די מאָנאָפּאָליזאַציע פון ערד ניט קיין גענוגע סיבע פאַר אָרימקייט? וואָס איז אזוינס אַ מענטש? קוידעמקאָל איז דאָס אַ באלכאַי, אַן ערדישער באלכאַי, וואָס קאָן ניט לעבן אָן ערד. אַלץ, וואָס דער מענטש פּראָדוצירט, נעמט זיך פון דער ערד, די גאַנצע פּראָדוקטיווע ארבעט באַשטייט סאָפּקאָלסאָף פונם איבערארבעטן די ערד אָדער די מאַטעריאַלן, וואָס זיינען גענומען פון דער ערד, אין אַזעלכע פאָרמען, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט אַף צו באפרידיקן די מענטשלאכע נויטן אָדער פאַרלאַנגען... דע-ריבער איז דער מענטש, וואָס באַזיצט די ערד, אַף וועלכער און פון וועלכע סע דאַרף לעבן דער צווייטער מענטש, דער באלעבאָס איבער דעמדאָזיקן מענטשן, און דערדאָזיקער

מענטש איז זיין קנעכט. דער מענטש, וואָס באזיצט די ערד, אַף וועלכער איך דארף לעבן, קאָן געוועלטיקן איבער מיין לעבן און טויט. פונקט אזוי פריי, ווי ווען אים וואָלט געהערן מיין קערפער". אין דערזעלביקער רעדע (1 אפריל 1885 יאָר) זאָגט ער מיט צאָרן: „דער מענטש פאַרקויפט די ערד — אונזער אלעמענס מוטער, — ער פאַרקויפט דאָס, וואָס קיינער פון אונז האָט ניט פראָדוצירט, און זיין רעכט ווערט אנערקענט פון דאָר צו דאָר".

באַ אים איז נאָך דאָ אַ שטאַרקערע שטעל. מע דארף באַמערקן, אַז הענרי דזשאָרזש איז געווען אַ טיף גלויביקער מענטש (ער האָט אפילע בריוו געשריבן צום רוימישן פויפסט). איז אָט שרייבט ער, אַז באַ פריוואַט-אייגנטום אף ערד „וואָלט אפילע גאָט אליין ניט געקאָנט לינדערן די אָרימקייט, — דאָס איז אבסאָלוט אומעגלאַך". „לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אלס ענטפער אף די טפילעס פון די מענטשן וואָלט ער פאַרגרעסערט די קראפט פון דער זון אָדער די פרוכפעריקייט פונם באָדן, ער וואָלט מאכן די געוויקסן פרוכפעריקער און די באלעכאַאים זאָלן זיך שנעלער מערן — איז וועמען וואָלט דאָס אלץ אָנגעקומען? מער נישט די אייגנטימער פון דער ערד. און ווען אפילע גאָט וואָלט אַף די טפילעס פון די מענטשן נעמען שיקן גלייך פון הימל יענע זאַכן, וואָס דער מענטש דארף האָבן, וואָלטן אפילע דאן דערפון געווינען בלויז די אייגנטימער פון דער ערד. אין כומעש ווערט דערציילט, ווי די אידן, בעשאס זיי האָבן געוואנדערט איבערן מידבער, האָבן געליטן הונגער, און ווי גאָט האָט זיי געשיקט מאַן פון הימל. זיי האָבן אים געקליבן און געווען זאַט. אָבער וועלן מיר נאָר דערלאָזן, אַז דער מידבער זאָל אנערקענט ווערן אַלס פריוואַט-אייגנטום — וואָס וואָלט דעמאָלט געוואָרן מיטן מאַן? וואָס פאַר אַ טויווע וואָלט פון דעם האָבן דאָס פאָלק? קיין שום טויווע ניט. ווען אפילע גאָט זאָל געוועזן שיקן גענוג מאַן פאַר אלעמען, וואָלט דאָך אָבער דערדאָזיקער מאַן געווען דאָס פריוואט-אייגנטום פון די ערדבאזיצער, זיי וואָלטן עמעצן געדונגען אַף צונויפקלייבן אים אין הויפנס און וואָלטן נאָכדעם פאַרקויפט צו די הונגעריקע ברידער. סע פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ קויף און פארקויף פונם מאַן וואָלט געדויערן ביז וואנען די מערהייט אידן וואָלט פון זיך אופגעגעסן אלץ, וואָס זיי האָבן פארמאָגט, — אפילע די בגאָדים פון זייער לייב. און נאָכדעם? נאָכדעם וואָלטן זיי ניט געהאַט פאַרוואָס צו קויפן מאַן, זיי וואָלטן אָנגעהויבן הונגערן, אין דער צייט, וואָס דער מאַן וואָלט געלעגן אין גרויסע הויפנס, און די ערדבאזיצער וואָלטן זיך קלאָגן אַף דער איבערפראָדוקציע".

דער שטאַנדפונקט פון הענרי דזשארזש און פון אַנדערע בורזשואזע געלערנטע, וועלכע האָבן איינגעפונען די נויטיקייט צו פאַרניכטן דאָס פריוואַט-אייגנטום אף דער ערד, האָבן אָבער קיין גרויסן מיטגעפיל באַ דער בורזשואזיע ניט באגעגנט. דאָס קאָן מען דערקלערן, דעריקער, מיט פאָלגנדע צוויי סיבעס.

ערשטנס, די בורזשואַזיע אליין האָט שוין צו יענער צייט זיך באוואָרנט מיט „אייגענע נאכלעלאַך". קימאַט אלע פאַבריקן האָט די בורזשואַזיע אויסגעבויט אַף איינגעקויפטער, אַף „אייגענער" ערד. די בורזשואַזיע האָט איינגעקויפט גאַנץ פיל פאַרשיידענע פריצישע גיטער. אַזוי, אז אַ גאַנץ אָנגעזעענע גרופע פון דער בורזשואַזיע איז, אזוי צו זאָגן, ניט קיין ריינע בורזשואַזיע, נאָר די בורזשואַ-ערדבאַזיצער, וועלכע סע האָט קלאַל ניט געשמעקט די אידייע פון אָפשאפן דאָס פריוואטע אייגנטום אף ערד.

צווייטנס, די בורזשואזיע וואָלט ניט געקאָנט אָפשאַפן דאָס פריוואטע אייגנטום אף ערד אָן דער הילף פונם פראָלעטאַריאַט. און צום פראָלעטאַריאַט האָט די בורזשואזיע מוירע אָנצוקומען, ווייל אָנהויבנדיק אָפשאפן דאָס פריוואטע אייגנטום אף ערד, קאָן דער פראָלעטאַריאט איבערגיין צום אָפשאַפן דאָס פריוואטע אייגנטום אַף די איבעריקע פראָדוציר-מיטלען.

דאָס פֿריוואַטע אייגנטום אַף ערד איז, ווי מיר האָבן געזעען, סויסער אפילע די אינטערעסן פון דער בורזשואזיע, אָבער באזונדערס דערלאַנגט עס דעם פּראָלעטאַריאַט, ווייל דאָס אַלץ, וואָס סע שטערט דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפֿטן אין דער געזעלשאַפֿט, רירט אָן שטאַרק זיינע אינטערעסן. ס׳איז זעלבסטפֿאַרשטענדלאך, אַז העיויס ווי דאָס פֿריוואַטע אייגנטום אַף ערד שאט דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפֿטן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, דאַרף עס דעריבער אָפּגעשאַפֿט ווערן און טאַקע בעכינאָם. דער אויסקויף איז דאָך אין טאָך די אנערקענונג פון וועלכער ס׳איז רעכט, נאָר אין אַנדער פאָרם אירער. די ריכטיקע שטעלונג פון דערדאָזיקער פראגע ברייגנגט צום אַנטשיידענעם אָפּלייקענען דידאָזיקע רעכט אין אַלע אירע פאָרמען.

VII אָפּטייל — די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע

1. דער מעהוס און באַטייט פון דער קאָנצענטראַציע־טעאָריע

א) די אומגערעכטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

מיר האָבן געזעען, אַז די האכנאָסע פון אלע מינים בורזשואזיע (פאבריקאַנטן, באנקירן, סאָכרים, א. א. וו.), אַזוי אויך פון די ערדבאזיצער באַזירט זיך אַף דער מערווערט, ד. ה. אַף דער אומבאלוינטער ארבעט. ווען אוועלכע ניט איז זאך ווערט פאַראייגנט אָן שום גע-צאָלט פאַר איר, איז דאָס אין טאָך אַ גענייווע, הייסט עס, אַז די האַכנאָסע פון די קלאסן, וואָס הערשן באם קאַפּיטאַליזם, באזירט זיך אף לעגאַליזירטער גנייווע. די פאר-מעגלאכע (רייכע) קלאַסן באגאנווענען די אומפאַרמעגלאַכע (אָרימע).

אַזוי ארום קומט אויס, אַז אויב אַן אָרימער וועט אין אַ געהעריקן געצאָלט (עקוויוואַ-לענט) עפּעס נעמען באַם רייכן, הייסט עס גנייווע, גזיילע, ווען אָבער אַ רייכער נעמט באם אָרימען — הייסט עס רעוואך, רענטע און נאָך אזעלכע וואוילקלינגענדיקע נעמען. אנדערש גערעדט, בענויגייע צו דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווערן אינגאַנצן בארעכטיקט די ביטערע און צאָרניקע ווערטער פונס באוווסטן פּאָעט היינע:

האָסטו פיל —
גיט מען דיר נאָך,
האָסטו ווייניק, —
וועט מען דאָס אויך צונעמען.

אייניקע בורזשואזע געלערנטע, צ. ב. הענרי דזשאָרזש, א. דאמאשקע, פלורשיים א. א., ווי אויך לעוו טאָלסטאָי, אנערקענען, אַז די האַכנאָסע פון די ערדבאזיצער געפינען זיך אין אַ גוואלדיקער סטירע מיטן געבאָט: „לא תגנוב" (זאָלסט ניט גאַנווענען). אָבער אומזיסט באגרענעצן זיי זייער אויספיר נאָר מיט די ערדבאזיצער. ווי מיר האָבן געזעען, האָט די האַכנאָסע פון דער בורזשואַזיע פונקט דעמזעלביקן קוואל: אומבאלוינטע ארבעט (מער-ווערט), און דאָס באַטייט, אַז זי איז פונקט אַזוי סויסער דעם אויבן געבראכטן געבאָט, ווי די האַכנאָסע פונם ערדבאזיצער. דער כילעק באשטייט נאָר דערין, וואָס די בורזשואזיע (פאבריקאַנטן) באגאַנוועט דעם אָרימען קלאַס: די ארבעטער (פּראָלעטאַריאַט), און די ערד-באזיצער באגאנווענען דעם רייכן קלאַס: די בורזשואזיע, אָפּנעמענדיק בא איר אַ טייל דער-פון, וואָס זי האָט אָפּגענומען בא די אַרבעטער — האַקלאַל, זיי זיינען „אַ גוינעוו מין הא-גאַנעוו" (גאַנווענען בא אַ גאַנעוו).

ב) די אומגערעכטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג קאָן בעשום אויפן ניט זיין די סיבע פון איר אונטערגאַנג

ס'וואָלט געווען קינדעריש צו מיינען, אַז דער גאַנעווו וועט אַפּן אָרט פון אַ דונער איינגעשלאָגן ווערן. נאָך נאאיווער וואָלט זיין צו וואַרטן, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט אונ-טערגיין מאַכמעס זיין אומגערעכטיקייט, מאַכמעס דעם, וואָס די האַכנאָסעס פון די קלאַסן, וועלכע הערשן באַם קאַפּיטאַליזם, זיינען געבויט אף פאַרמאַסקירטער און דורכויס לעגאַ-ליזירטער גניוועו. דאָס האָט נאָך מער קיין גרונט ניט דערפאַר, וואָס קאַלומאַן אַוועלכע ניט איז אָרדנונג איז עקאָנאָמיש ניט אויסגעלעבט, קאַלומאַן זי גיט נאָך פרייען פּלאַץ פאַר דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, קומט גאָר קיינעם אַפּן זינען ניט, אַז זי איז אומגערעכטיק און שלעכט. אַדעראַבע. אירע הייסטע אָנהייגער און פּאַרטיידיקער זיינען אויך יענע, וועלכע ווערן פון איר אַפּן אומבעראַכמאָנעסדיקסטן אויפן עקספּלואַטירט. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט איבערגעגעבן די מאַכט אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, האָט געהאַט אזא ערפאָלג, מאַכמעס דער הייסער, טעטיקער און איבער-געגעבענער שטיצע פון די ארבעטער, וואָס אף זייער עקספּלואַטאַציע האַלט זיך די בורזשואַזע אָרדנונג. די שקלאַפן זיינען די ערשטע צייט געווען די איבערצייגסטע אָנהיי-גער פון דער שקלאַפן-אַרדנונג. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס א לאנגע צייט האָבן די אופגעשטאַנענע שקלאפן ניט ארויסגעשטעלט די פאָדערונג אָפּצושאַפן שקלאַפערײַ, זיי האָבן נאָר געפּאָדערט, אַז ז י י א ל י י ן דארפן באַפרייט ווערן, אָדער אַז סע זאָלן אָפּגע-שאַפט ווערן בלויז די אָדער יענע באַזונדערע, אַכזאָריעסדיקע דערשיינונגען פון דער שקלאַפן-אָרדנונג, דערשיינונגען, וועלכע זיינען גאָר דירעקט ניט פארבונדן מיטן ו י ר ט-ש אפ ט ל א כ ן מעהוס פון דער שקלאַפעריי.

די אומגערעכטיקייט פון וועלכער ניט איז אָרדנונג אן און פאַר זיך האָט נאָך קיינמאָל ניט גוירעם געווען, אז דידאָזיקע אָרדנונג זאָל אונטערגיין. פאַרקערט, דאָס באַוווסטזיין, וואָס ווערט פארשפרייט צווישן די אונטערשטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, אַז אַוועלכע ניט איז אָרדנונג איז אומגערעכטיק, זאָגט איידעס, אַז דידאָזיקע אָרדנונג האָט זיך שוין שטאַרק אויסגעלעבט, אז זי איז שוין א מעניע פאַר דער וייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן. און דאס באַוווסטזיין פון איר אומגערעכטיקייט ווערט איינע פון יענע מעכטיקע קרעפטן, וועלכע העלפן שטאַרק מיט דידאָזיקע אָרדנונג צו ליקווידירן.

אָנגעווענדעט צום געגעבענעם פאַל, וועט דאָס הייסן: דאָס באַוווסטזיין, אַז די קאַפּי-טאַליסטישע אָרדנונג איז אומגערעכטיק, און די אומצופרידנקייט מיט איר, וואָס מע באַמערקט איצט אין דער גאַנצער וועלט, דערוויזן, אז ניט די אומגערעכטיקייט אירע, נאָר עפּעס וואָס אנדערש האָט זי „צעעסן" אזוי טיף, אַז דאָס באַוווסטזיין פון איר אומ-גערעכטיקייט האָט זיך צעגאָסן ווי א ברייטע כוואַליע „איבערן פּאָנים פון דער ערד". וואָס-זשע פאַר א מוילוואָרף גראָבט אונטער אַזוי שטאַרק און טיף די וואָרצלען פון קאַפּיטאַליזם? די פּאָליטישע עקאָנאָמיע רופט אים אָן — ק אָ נ צ ע נ ט ר אַ צ י ע פ ו ן ד ע ר פּ ר אָ ד ו ק צ י ע. לאָמיר באַטראַכטן דעם מעהוס פון דערדאָזיקער דערשיינונג.

ג) וואָס איז אזוינס קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציע?

דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט באַטייט די פאַרגרעסערונג פון דעם מענטשנס מאַכט איבער דער נאַטור אָדער, פּינקטלאכער, די פאַרגרעסערונג פון דער מעגלאַכקייט צו באַנוצן זיך (צוליב זיינע צוועקן) מיט די קויכעס פון דער נאַטור. אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט דריקט זיך דערדאָזיקער פּראָצעס אויס

דעריקער אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאַשין-טעכניק. אַ נייַע בעסערע מאַשין גיט דעם פאַבריקאַנט די בכורע אין זיין קאָנקורענץ-קאַמף מיט די אנדערע אונטערנעמונגען, וואָס פּראָדוצירן דיזעלביקע סכוירע. פאַרגרעסערנדיק די פּראָדוקטיוויקייט פון דער ארבעט, גיט אַ גוטע מאַשין די מעגלאַכקייט צו פּראָדוצירן דידאָזיקע סכוירע פאַר אַ קלענערן זעלבסקאָסט, און אף אַזאַ אויפן קאָן דער פאַבריקאַנט, וואָס האָט די מאַשין געקויפט, באַקומען א העכערן רעוואך, איידער די אַנדערע פאַבריקאַנטן, — אַפילו אין פאַל, ווען אין געיעג נאָכן קוינע, וועט ער נידעריקער מאַכן די פּרייז אף זיין אויסאַרבעטונג, אָפּשלאָגנדיק דערמיט די קונדן (קוינים) בא זיינע קאָנקורענטן און אזוי ארום רואינירנדיק זיי. ניט יעדער פאַבריקאַנט אָבער איז אומשטאַנד צו קריגן א בעסערע מאַשין. ערשטנס, קאָסט זי אָפט זייער טייער. צווייטנס, טאַקע דערפאר, וואס זי איז בעסער, אַרבעט זי איבער מער רויוואַרג און פאַדערט דעריבער גרעסערע מיטלען אַף איינצוקויפן דאָס רויוואַרג. איבער דידאָזיקע צוויי סיבעס איז זי צוגייגלאַך נאָר פאר א רייכערן פאַבריקאַנט, און מיט די מיילעס, וואָס זי גיט אירע אייגנטימער, ד. ה. די גרעסערע קאַפּיטאַליסטן, העלפט זי זיי „ארויסצושטויסן" די קלענערע פאַבריקאַנטן. דער „טייך פון לעבן", פונקט ווי די אַנדערע טייכן, צעשוויינקט איין ברעג זיינעם (די קליין-פּראָדוקציע) און טראָגט אָן, מאכט העכער דעם צווייטן ברעג (די גרויס-פּראָדוקציע).

אויסער דידאָזיקע מיילעס, וואָס די מאשינען גיבן די גרעסערע אונטערנעמונגען, קומען נאָך צו הילף אַף ארויסצושטויסן די קליין-פּראָדוקציע אויך יענע קאָלאָסאלע מיי-לעס, וואָס די גרויסע, רייכע אונטערנעמונגען האָבן אפן מאַרק. אזוי, צ. ב., קאָנען זיי — די גרויסע אונטערנעמונגען — איינקויפן גרויסע פּאַרטיעס רויווארג און באַהייצונג דאן, ווען זיי קאָסטן ביליקער, בעאייס די קליינע אונטערנעמונגען קויפן איין קליינע פּאַרטיעס וועלכע קאָסטן ביכלאַל טייערער; כוץ דעם, זיינען זיי געצווונגען גאַנץ אָפט איינצוקויפן דאָס נויטיקע רויווארג אין אַ ווייניקער גינסטיקער צייט, ווייל איבער דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיין מיטלען, האָבן זיי קיין מעגלאַכקייט ניט צו מאַכן די נויטיקע פּארגרייטן צו דער געהעריקער צייט. באם פארקויפן די סכוירעס האָבן אויך די גרויסע אונטערנעמונגען אין אַ גוואַלדיקער מאָס די בכורע איבער די קליינע און אפילו איבער די מיטעלע. די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האבן גרויסע מיטלען, קאָנען אויסהאַלטן זייער סכוירע ביז א מער גינסטיקער מאַרק-קאָניונקטור, בעאייס די קליינע מוזן אָפּזעצן זייער סכוירע וואָס גיכער נאָך זייער אויסאַרבעט — ווען ניט, וועלן זיי קיין מיטלען ניט האבן אַף איינצוקויפן נייַע פּאַרטיעס רויווארג און באַהייצונג און אַף צעצאָלן זיך מיט די ארבעטער.

נאָר אויב די גרויסע אונטערנעמונגען שטויסן אלעמאָל ארויס די קליינע, קומט דער-דאָזיקער פּראָצעס פאָר באזונדערס שנעל בעאייס די קריזיסן.

2. קריזיסן

א) דער מעהוס פון די קריזיסן

דער פּראָגרעס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט קומט פאָר אין דער פאָרם פון אנטוויקלונג פון גרויסע אונטערנעמונגען, וועלכע ווארפן אַרויס אַפן מאַרק אַ קאָלאָסאַלע מאַסע סכוירעס. סע איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס נאָך עטלאכע יארן פון פאַרשטאַרקטער און ערפאָלגרייכער אַרבעט (בלי-פּעריאָד) זאַמלט זיך אָן אזאַ גוואַלדיקע מאַסע סכוירעס, אז אַפילו דער וועלט-מאַרק איז ניט בעקויאַך זיי איינצושלינגען (בא דער געגעבענער הייך פון די סכוירע-פּרייזן); סע בילדן זיך אויס

גוואַלדיקע סכוירע-לאַגערן, קאָלאָסאַלע פאַרלעגערונגען פון סכוירעס. דאָן פאַרקירצן אייניקע אונטערנעמונגען זייער פּראָדוקציע, און אייניקע שטעלן זיך אינגאַנצן אָפּ. מע צערעכנט די ארבעטער. סע הויבט זיך אָן א מאַסן-ארבעטלאָזיקייט, און סע קומט אָן א שווערע און ווילדע נויט אין די אָרימע וואוינונגען פון די אַרבעטער. אָן אַרבעט און, הייסט עס, אויך אָן פאַרדינסט, קאָנען זיי ניט קויפן דאָס סאַמע נויטיקע, זיי קאָנען ניט קויפן אויך יענע פּראָדוקטן, וועלכע וואַרטן אַזוי זשעדנע אַ קוינע. פון צופיל אנבאט פון סכוירעס ווערט קלענער דער נאָכפרעג אַף זיי, די צו גרויסע רייכקייט שאַפט די סאַמע שרעקלאַכע דאַקעס און הויכע שטאַרבלאַכקייט צווישן די ארבעטער.

שטאַרקער און אַכזאָריעסדיקער פון אלעמען שלאָגט דער קריזיס די אַרבעטער, אָבער ער שאַנעוועט אויך ניט די בורזשואַזיע. די שעפע, די צו גרויסע שעפע פון סכוירעס שוואַכט אָפּ דעם נאָכפרעג אַף זיי, און די שוואַכערע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן ניט געגוג גרויסע אומזאַץ-מיטלען, ווערן רואינירט, ווייל זיי זיינען ניט אומשטאַנד אויסצוהאלטן די סכוירעס, ביז וואַנען סע וועט גרעסער ווערן דער נאָכפרעג. אויסערדעם, איז ווען ס'איז ניטאָ קיין נאָכפרעג, מוז מען נידעריקער מאַכן די פרייזן פון די סכוירעס, און אַזאַ נידע-ריקונג פון די פרייזן קאָן ניט געבן קיין טויט-קלאַפּ נאָר יענע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן איינגעפירט באַ זיך בעסערע מאַשינען, וואָס געבן זיי די מעגלאַכקייט צו פּראָדוצירן דיזעלביקע סכוירע מיט א קלענערן סכום אַרבעט, פאר אַ קלענערן זעלבסטקאָסט, און אויך יענע אונטערנעמונגען, וועלכע האבן מיטלען אַזעלכע פאַרבעסערונגען אריינצופירן און זיי טוען דאָס בעשאַסן קריזיס. די איבעריקע קומען געוויינלאַך אום.

די צאָל אונטערנעמונגען ווערט פאַרקלענערט, און דאָס ברייינגט, פאַרשטייט זיך, צום פאַרקירצן דעם אָנבאט פון סכוירעס; אויסערדעם, ווען מע מאַכט נידעריקער די פרייזן פון די סכוירעס ווערט גרעסער דער נאָכפרעג אַף זיי. דערצו איז דידאָזיקע שווערע צייט פאַר די קאַפּיטאַליסטן אויך, נאַטירלאַך, אַ פעריאָד, ווען מע זוכט זייער שטאַרק נייע מערק, און ניט זעלטן מיט ערפאָלג. דידאָזיקע אַלע סיבעס ברייינגען דערצו, אַז די סכוירע-„פאַרלעגערונגען" הויבן אָן ביסלאַכוויים צעשמאָלצן ווערן, דער קריזיס ווערט ביסלאַכווייס מי׳דער און ער גייט איבער אין א דעפּרעסיע (אַ געדריקטער צושטאַנד פונם מאַרק). אין זייער ווייטערדיקער ווירקונג באַפרייען דידאָזיקע אַלע סיבעס דעם מאַרק פון דער דעפּ-רעסיע און סע הויבט זיך ווידער אָן דער אופבלי: די עפּאָכע פון א לעבעדיקן נאָכפרעג, פון גרויסע באַשטעלונגען, געהעכערטן רעוואַך, פון גרינדן נייע אונטערנעמונגען א. א. וו.

פילע אונטערנעמונגען ווערן רואינירט בעשאַסן קריזיס, אָבער סע בלייבן די סאַמע שטאַרקע, סאַמע מעכטיקע, די וואָס זיינען באַוואָפנט מיט דער בעסטער טעכניק. די ניי אַנטשטייענדיקע אונטערנעמונגען דארפן זיך אויך אויסצייכענען מיט זייער גוואַלדיקער גרייס, קעדיי צו קאָנען אויסהאַלטן דעם קאַמף מיט דידאָזיקע ליוויאָסנס. ס'איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס, וועלנדיק אויסנוצן די גינסטיקע קאָניונקטור, אַנטוויקלען די געבלי-בענע און די ניי-אופגעקומענע אונטערנעמונגען אַזאַ גוואַלדיקע פּראָדוקטיוויקייט, אז דער וועלט-מאַרק קאָן ווידער ניט איינשלינגען זייער פּראָדוקציע, אַפילע לויט די נייע נידע-ריקע פרייזן. און אומפאַרמיידלאַך ברעכט אויס אַ נייער קריזיס, וועלכער רואינירט נאָכ-אַמאָל די שוואַכערע פון די גאַנץ געבליבענע אונטערנעמונגען. דערנאָך קומט ווייטער אַן עפּאָכע פון אופבלי, דערנאָך ווייטער אַ נייער קריזיס א. א. וו. א. א. וו. העיויס ווי סע בלייבן נאָר די אַלץ מעכטיקערע אונטערנעמונגען און העיויס ווי זיי קומט שוין אויס צו פירן אַ קאַמף נאָר צווישן זיך, באַוואָפענען זיי זיך דעריבער מיט אַלץ מער פולקומע מאַשינען, און די גוטע, ליכטיקע צייטן, וואָס צווישן די קריזיסן, ווערן דעריבער אַלץ קירצער און קירצער, און די קריזיסן און דעפּרעסיעס אַלץ שטאַרקער און שווערער.

לאָזנדיק נאָר די סאמע רייכע קאַפּיטאַליסטן, פאַרגרעסערן די קריזיסן דעם אַזוי אויך קאַלאָסאַלן טהאָם צווישן די קאַפּיטאַליסטן און די אַרבעטער און נעמען אַלץ מער אָפּ באַ די לעצטע יעדע רעאַלע האָפענונג אריבערצוגיין אין דער מאַכנע פון די ערשטע, און דער קאַמף צווישן זיי ווערט דעריבער נאָך פאַראַקשנטער און פאַרביסענער.

ב) צי זיינען די קריזיסן אומפאַרמיידלאַך?

אין אַן אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען קריזיסן אבסאָלוט אומפאַר-מיידלאַך. איינדערעמעסן. דער אַרבעטער באַקומט אין איר בלויז אַ טייל פון יענער ווערט, וואָס ער האָט פּראָדוצירט. וועהאראיע—סע עקזיסטירט דאָך מערוווערט. ס'איז דעריבער קלאָר, אַז ער קאָן ניט קויפן אַלץ, וואָס ער האָט פּראָדוצירט. נאָר עפּשער קאָנען דאָס איבע-ריקע אוועקקויפן די קאַפּיטאַליסטן?

ס'איז גענוג נאָר אביסל אַ טראַכט צו טאָן, קעדיי צו איבערצייגן זיך, אַז דאָס איז לאכלוטן אומוואַרשיינלאַך. אַלס קלאַל, פאַרלעבן ניט די קאַפּיטאַליסטן זייער גאַנצן רעוואַך. ערשטנס דערפאַר, וואָס זייערע האכנאָסעס זיינען אַזוי קאָלאָסאַל, אַז זיי מעגן זיך אַב-סאָלוט אין קיין זאַך ניט אָפּזאָגן און דאָך פאַטערן נאָר אַ טייל פון זייער רעוואַך. צווייטנס, דאפקע די קעגנזייטיקע קאָנקורענץ און די מוירע אויסצוגליטשן זיך, און אויך פּאַשעט „די הייליקע דורשט נאָך גאָלד", ד. ה. דער פאַרלאַנג צו ווערן נאָך רייכער, דאָס אַלץ צווינגט די קאַפּיטאַליסטן דעם גרעסטן טייל פון זייער האכנאָסע צו פאַרווענדן „פּראָדוקטיוו", ד. ה. אַף צו קריגן נייע פּראָדוציר-מיטלען און פאַרברייטערן זייער פּראָדוקציע. דאָס ברייננגט אומפאַרמיידלאַך צום ווייטערדיקן וווקס פון דער פּראָדוקציע און צו דער אַלץ וואַקסנדי-קער שווערקייט פאַרן וועלט-מאַרק איינצושלינגען אַזאַ מאַסע פּראָדוקטן. דער וווקס פונם „פּראָדוקטיוון" געברויך פון די קאַפּיטאַלן דערווייטערט דעם קריזיס, אָבער דערפאַר שפּעטער, אינם רעזולטאַט, פאַרשטאַרקט ער אים נאָך מער, ער גיט אים צו נאָך אַ גרע-סערן מאסשטאַב און שווונג, ווייל ער פאַרגרעסערט סאָפּקאָלסאָף די צאָל פּראָדוצירטע געברויך-פּראָדוקטן. די פּראָדוקציע פון מאשינען א. א. וו. האָט דאָך סאָפּקאָלסאָף אַ באַ-דייטונג אַף אַזויפיל, אַף וויפל זי פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע פון געברויך-זאַכן. ווען ניט, וואָלטן מיר דאָך האָבן עפּעס אַ מעשונעדיקע „פּראָדוקציע לעשיים פּראָדוקציע", אפילע אין אַ האָפענונג צו פאַרקויפן דאָס פּראָדוצירטע, ווייל ס'איז דאָך קלאָר, אַז אַף וויפל די געזעל-שאַפט דאַרף ניט האָבן מער געוועב, אַף אַזויפיל נויטיקט זי זיך אויך ניט אין נייע וועב-שטולן, און וועט זיי, הייסט עס, ניט צעקויפן. דאָסועלביקע וועט זיין מיט יענע מאַשי-נען, וועלכע מע דאַרף אַף צוצוגרייטן דידאָזיקע ניט נויטיקע שטולן א. א. וו. א. א. וו.

ס'איז מעגלאַך, און אפילע וואַרשיינלאַך, אַז אַ געוויסער טייל וועבערייען וועלן באַ-צייטנס ניט אויסרעכענען די סיטואציע און וועלן קויפן וועבשטולן דאַן, ווען סע איז שוין דאָ אַן איבערפּראָדוקציע פון געוועב. דאָס אָבער באַטייט ניט, אַז די איבערפּראָדוקציע פון געוועב ווירקט ניט אַף דעם נאָכפרעג אַף וועבשטולן; דאָס באַטייט נאָר, אַז דער קריזיס אין דער מאשינען-פּראָדוקציע (וועבשטולן) וועט אָנקומען אַביסל שפּעטער פונם אָנהויב קריזיס אין דער וועב-אינדוסטרי. דאָס, וואָס דער צווייטער קריזיס וועט זיך אָנהויבן אביסל שפּעטער פונם ערשטן, גיט אויך קיין רעכט ניט, ווי דאָס מיינען אייניקע עקאָנאָ-מיסטן, אָפּצולייקענען דאָס, אַז דער צווייטער קריזיס איז ארויסגערופן געוואָרן פונם ערשטן, פונקט אזוי ווי דער פאַקט, צ. ב., אַז די פינסטערניש קומט ניט טייקעף אָן נאָכן זון-פאַר-גאַנג, נאָר אַ קליינע צייט שפּעטער, גיט קיין שום יעסאָד ניט צו מעסופעק זיין דערין, אַז דידאָזיקע דערשיינונגען זיינען איינגּ פאַרבונדן איינע מיט דער צווייטער, און אז די ערשטע איז אַ פועליויצע פון דער צווייטער.

דאָס אָפּזעצן די סכוירעס אין ניט קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אויך ניט בעקויאַך אָפּ־צווענדן די קריזיסן. געניויער ווען מיר זיך דערוף אָפּשטעלן אינם אָפּטייל, וואָס איז געווידמעט דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. דערווייל וועלן מיר זיך באַגרענעצן נאָר מיט פאָלגנדער אָנווייזונג.

קימאַט מיט א האלב יאָרהונדערט צוריק האָט דער ענגלישער ליבעראַלער מיניסטער מונדעליא (א גרויסער זאָקן־פאַבריקאַנט) כאַראַקטעריזירט די מאַכט פון דער ענגלישער טעקסטיל־אינדוסטרי מיט די ווערטער: „ווען מע זאָל אַנטדעקן דעם וועג צו דער לעוואָנע און ווען דאָרט זאָל זיין זייער א געדיכטע באַפעלקערונג, וועלכע גייט איינגאַנצן אָנגעטאָן אין אָדאַמס אויפן כאַוועס האלבאַשע, וואָלטן מיר (ענגלישע פאַבריקאַנטן) געקאָנט אָנקליידן זיי אַלעמען אין 24 שאָ“. מיסטער מונדעליא האָט פאַרגעסן צוגעבן: „ווען באַ די איינוואוי־נער פון דער לעוואָנע וואָלט געווען גענוג געלט אָף צו באַצאָלן פאַר דער זאָרגעדיקייט פון די ה. ה. פאַבריקאַנטן.

אָט וואָס פאַר אַ מאַכט סע האָבן גאָר די ענגלישע פאַבריקן, און דערצו ניט איצט, נאָר נאָך מיט עטלאַכע יאָרצענדליקער צוריק. באַ אזא קאָלאָסאַלער פּראָדוקטיווקייט וואָלט מען געקאָנט אויסמיידן דעם קריזיס עפּשער נאָר אין איין איינציקן פאַל, ווען מע זאָל יעדן טאָג אַנטדעקן א נייעם געדיכט באַפעלקערטן ערדטייל, וועלכער האָט ניט קיין אייגענע גרויס־פּראָדוקציע.

צום שלוס וועלן מיר באַמערקן אָט וואָס. אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע קומט פאָר אַ וויקואַך וועגן דעם, צי זיינען די מאָדערנע קריזיסן, — קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע אָדער פון אונטערגעברויך. אין טאָך איז דאָס אַ פּוסטע פּלוגטע (קריג). דאָס איז אַלצאיינס ווי שפּאַרן זיך, אַשטייגער, וועגן דעם, צי איז דער טעאַטער געווען אָף האַלב פּוסט, צי אָן האַלב פול. אי דאָס, אי יענץ איז אין טאָך איינס און דאָסזעלבע, נאָר אויסגעדריקט מיט אַנדערע ווערטער. סע איז דאָך קיין שום ספק ניט, אַז איבערפּראָדוקציע באַטייט, אַז מע האָט פּראָדוצירט מער, איידער מע קאָן באַ די געגעבענע אומשטענדן געברויכן, און אונטערגע־ברויך באַטייט, אַז באַ די געגעבענע אומשטענדן קאָן מען געברויכן ווייניקער, איידער מע האָט פּראָדוצירט. איז וואָס איז דער כילעק און צוליב וואָס די שפּאַרעניש?

ג) וואָס דערווייזן די קריזיסן?

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט אין זיך איין גרונט־סטירע. לויטן פּראָדוציר־אויפן איז זי קאָלעקטיוו, און לויטן פאַרייגענונג־אויפן—אינדיווידועל. אינדערעמעסן. דאַפקע דערפאַר, וואָס מיר האָבן פאַר זיך די גרויס־פּראָדוקציע, מוז זי זיין אַ קאָלעקטיווע (אלגעמיין, געזעלשאַפטלאַך), ווייל איין מענטש, זאָל ער זיך זיין אפילע מיט הונדערט הענט, איז ניט בעקויאַך צו ברייננגען אין באַוועגונג אזא קאָלאָסאַלע מאַסע פּראָדוציר־מיטלען, וואָס כאַראַקטעריזירט די היינטיקע פאַבריק. מיר ווייסן דאָך, צ. ב., אַז דער אַמעריקאַנישער שטאָלגוס־טרעסט האָט באַשעפטיקט אין 1922 יאָר העכער 214 טויזנט אַרבעטער, קרופּס פאַבריק (אין דייטשלאַנד) בעאייס דער מילכאָמע — 100 טויזנט אַרבעטער, און אַפילע די רוסישע פאַבריקן האָבן ניט זעלטן באַשעפטיקט צענדליקער טויזנט מענטשן; אַזוי, צ. ב., זיינען באַ מאָראָזאָוון ביז דער מילכאָמע געווען פאַרנומען 40 טויזנט מענטשן.

דער פאַראייגענונג־אויפן אָבער איז אַן אינדיווידועלער: אַלץ געהערט צום באַלעבאָס פון דער פאַבריק. דער איינציקער אויסנאַם זיינען געווען יענע ווייניקע קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן, וועלכע האָבן ווירקלאַך פאַרדינט דעמדאָזיקן נאָמען. נאָר פּונקט אַזוי ווי „איין שוואַלב קאָן קיין פרילינג ניט ברייננגען“, אַזוי האָבן דידאָזיקע אייניקע אונטערנעמונגען

מער-וויניקער מאמאָשעסדיק ניט געענדערט דעם פּאָנים פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און וואָס ווייטער סע איז געגאַנגען די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אַנטוויקלט די אָנגעוויזענע גרונט-סטירע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, ווייל אַלץ מער מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אין איין אונטערנעמונג. די פּראָדוקציע, הייסט עס, איז געוואָרן אַלץ קאָלעקטיווער און קאָלעקטיווער, און דער פּאַראייגענונג-אויפן איז ווי פריער געבליבן אן אינדיווידועלער.

ס'איז קלאָר, אַז קיין געזעלשאַפטלאַכע אָרדענונג קאָן זיך לאַנג ניט האַלטן אויף פּרינ-ציפּן, וואָס די סטירע צווישן זיי וואַקסט אַלץ מער און ווערט אַלץ גרעסער, פּונקט אַזוי ווי קיין מענטש קאָן ניט איינשטיין אויף צוויי מאסניצעס (ברעטער פון דער פּאָדלאָגע), וועלכע צערוקן זיך אַלץ מער און מער. אי די אָרדענונג, אי דער מענטש מוזן אין אַזאַ פאַל אומפאַרמיידלאַך איינפאַלן. פאַרניכטן די סטירע צווישן דידאָזיקע צוויי פּרינציפּן איז מעגלאַך נאָר אין צוויי ריכטונגען. אָדער דער פּראָדוציר-אויפן וועט זיך צופּאַסן צום פּאַראייגענונג-אויפן און וועט אויך ווערן אן אינדיווידועלער, אָדער, פאַרקערט, דער פּאַראייגענונג-אויפן וועט זיך צופּאַסן צום פּראָדוציר-אויפן און וועט ווערן א קאָלעקטיווער, ד. ה. סע וועט אָנקומען די מעמשאָלע פון סאָציאַליזם.

דער ערשטער מיטל באַטייט אָפּזאָגן זיך פון אַלע דערגרייכונגען פון דער טעכניק, אָפּ-זאָגן זיך פון דער גרויסער פּראָדוקציע און אומקערן זיך צו דער קליינער, אינדיווידועלער פּראָדוקציע. ס'איז קלאָר, אַז דאָס איז אי ניט געוווּנטשן, אי ניט מעגלאַך. שטרעבן צו דעם איז אַלציינס, ווי די לייזונג פון דער „סטירע" צווישן דעם מענטשן און דער קליידונג, פון וועלכער ער איז ארויסגעוואַקסן, זוכן דערין, אַז מע זאָל פון אים מאכן ווידער אַ קליי-נינקן. בלייבט, מאשמאָעס, נאָר איין מיטל ווי אַזוי צו לייזן דידאָזיקע סטירע: אופנייען נייע קליידער אָדער, אָנגעווענדט צום געגעבענעם פאַל, מאכן קאָלעקטיוו ניט בלויז די פּראָדו-צירונג, נאָר אויך די פּאַראייגענונג. די אָרדענונג, וועלכע באַזירט זיך אויף אַזאַ עקאָנאָמישן פּרינציפּ, רופט זיך, ווי באַוווּסט, סאָציאַליסטישע (קאָמוניסטישע, קאָלעקטיוויסטישע) אָרדענונג.

בעקיין דערווייזן די קריזיסן, אַז די גרונט-סטירע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, די סטירע צווישן פּראָדוציר-אויפן און פּאַראייגענונג-אויפן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע געזעלשאַפט איז עקאָנאָמיש שוין פאַרורטיילט צו אן אומפאַר-מיידלאכן אונטערגאַנג, פּינקטלאַכער, אויף פאַרביטן ווערן דורך אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. די קריזיסן דערווייזן, אַז די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער געזעלשאַפט זיינען אַסאַך גרעסער, איידער איר קויף-פייאיקייט, אַז דער נאָכפרעג (צאָל-פייאיקייט) איז ניט אומשטאַנד איינצושלינגען יענע מאַסע סכוירעס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אַרבעט אויס. און העיויס,—ווי מיר האָבן עס שוין געשריבן,—סע איז לאַכלוטן אומעגלאַך (און ניט געוווּנטשן) אָפּצושוואַכן אירע פּראָדוקטיווע קרעפטן, פאַרקלענערן יענעם סכום סכוירעס, וואָס זי פּאַר-גרייט, בלייבט, הייסט עס, איינציקער אויסגאַנג — פאַרברייטערן דעם נאָכפרעג. אַזוי אָבער, ווי דער צאָלפייאיקער נאָכפרעג האָט שוין דערגרייכט צו זיינע מאַקסימאַלע גרע-נעצן, בלייבט דעריבער נאָר איין זאַך — פאַררייניקן צו אים אויך דעם איצט „ניט צאָל-פייאיקן" נאָכפרעג, ד. ה. מאַכן אַזוי, אַז דער נאָכפרעג זאָל באַשטימט ווערן ניט דורך דער צ אָ ל פ יי א י ק יי ט, נ אָ ר ד ו ר ך ד ע ר ב א ד ע ר פ ע נ י ש פ ו ן ד ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט. און דאָס איז טאַקע סאָציאַליזם (קאָמוניזם).

מירן צוגעבן, אַז דאָס זיינען גרענעצן ניט בלויז ברייטערע פון יענע, וועלכע סע שטעלט דעם נאָכפרעג די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, נאָר ביכלאַל די סאמע ברייטע פון אַלע גרענעצן, וואָס מע קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. פּראָדוצירן נאָך אַ גרעסערן סכום סכוירעס הייסט שוין פּראָדוצירן איבער די באַדערפעניש, מער פון דער נויטיקייט. אויף וואָס זשע

דאַרף מען האָבן אַזאַ פּראָדוקציע? קעדיי צו פאַרוואַנדלען די ערד אין א לאַגער פון ניט נויטיקע סכוירעס?

די קריזיסן דערווייזן, אַזוי ארום, אז אָביעקטיוו, לויטן צושטאַנד פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, האָט זיך די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אויסגעלעבט, אַז די פּראָדוקטיווע קרעפטן, וועלכע האָבן זיך אנטוויקלט אין איר שויס, איז שוין אייגג אין איר, אַז זיי, די פּראָדוקטיווע קרעפטן, פאָדערן אַ גרעסערע ראַכוועס, פונקט אַזוי, ווי דעם הינדעלע, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אינם איי, ווערט אייגג אין אים און סע צעברעכט די שאָלאַכץ, וועלכע איז פריער געווען אַ נויטיקער טנאי פאַר זיין אַנטוויקלונג און איצט איז זי פאַר דערדאָזיקער אנטוויקלונג אַ שטערונג געוואָרן.

3. די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע און דער וווּקס פונם אַרבעטער־קלאַס

די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע ברענגט אָבער ניט בלויז דערצו, וואָס איבערן טעכנישן פּראָגרעס ווערט נויטיק דער אונטערגאַנג פונם קאַפּיטאַליזם, נאָר אויך צו דעם, וואָס סע באַקומט די נויטיקע קראַפט יענער קלאַס, וועלכער דאַרף ווערן דער קאַברען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. מיר ריידן וועגן דעם פּראָלעטאַריאַט (אַרבעטער־קלאַס).

א) דער וווּקס פון דער צאָליקייט.

די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע פאַרגרעסערט זייער שטאַרק די צאָליקייט פונם אַרבעטער־קלאַס. ערשטנס אַדאַנק דעם, וואָס, רואינירנדיק די קליינע פּראָדוצירער (פּויערים, באַלמעלאָכעס א. א. וו.), וואַרפט זי זייער הויפּט־מאַסע אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. צווייטנס, אַדאַנק דעם, וואָס די אנטוויקלטע פּראָדוקציע פאָדערט אלץ אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער, דעריבער געפינען פאַר זיך אן אָרט אונטערן פאַבריק־דאַך יענע פאַרשטייער פון דער קליין־בורזשואַזיע, וועלכע זיינען ארויסגעשטויסן געוואָרן פון זייער זעלבשטענדיקער פּראָדוקציע, זיי ווערן אַרבעטער. דריטנס, אַדאַנק דעם נאַטירלאַכן צווווקס פון דער צאָליקייט פונם פּראָלעטאַריאַט.

ב) דער וווּקס פון אָרגאַניזירטקייט.

אָבער דער וווּקס פון דער צאָליקייט אליין איז נאָך ניט גענוג אַף צו באַקומען די הערשאַפט. די פּויערים זיינען גאַנץ אָפט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד. דאָך ווייס קימאַט ניט די געשיכטע קיין פאַל פון א פּויערישער רעגירונג. דאָס דערקלערט זיך טיילווייס דערמיט, וואָס די פּויערים זיינען נאָר אויסערגעוויינלאַך אן איינאַרטיקע גרופּע, אין דער ווירקלאַכקייט אָבער ווערט זי צעריסן פון שטאַרקע אינערלאַכע עקאָנאָמישע סטירעס: די אינטערעסן פון די נישט זייענדיקע און ווייניק זייענדיקע פּויערים, וועלכע קויפן צו ברויט, פאָדערן, אַשטייגער, בידעריקע פרייזן אַף ברויט, און די אינטערעסן פון די פילזייענדיקע פּויערים, וואָס פאַרקויפן זייער ברויט, פאָדערן, פאַרקערט, הויכע פרייזן אַף ברויט.

קיין ריין פּויערישע רעגירונג איז אָבער ביז איצט ניט געווען, הויפּטזאַכלאַך ניט איבער דער אָנגעוויזענער סיבע, נאָר דערפאַר, וואָס ניט געקוקט אַף זייער פילצאָליקייט, שטעלן דאָך די פּויערים פון זיך ניט פאָר אַזאַ מין גרויסע קראַפט. דידאָזיקע אין פלוג פּאַראַדאָקסאַלע און אומדערוואַרטע דערשיינונג דערקלערט זיך מיט זייער אומאָרגאַניזירטקייט, מיט זייער אומפייאיקייט צו אַ פריוווּליקער, לאַנגדויערנדיקער און פעסטער פאַראייניקונג אין

אַ ברייטן מאסשטאַב, און דאָס גיט די מעגלאכקייט צו צעשלאָגן זיי אינציקוויים. זיי זיינען ווי אַ פעקל ריטער, ניט פאַרבונדענע צווישן זיך, און דערפאַר איז זיי לײַכט צו צעברעכן.

דידאָזיקע אומפייאיקייט צו עכטער און פעסטער אָרגאַניזירטקייט דערקלערט זיך דערמיט, וואָס קיין זאַך אינם פּראָדוציר-פּראָצעס שטויסט ניט די פויערים צו פאַראייניקונג, רופט אין זיי ניט ארויס די אנטשפּרעכיקע רעגילעסן. אַ פויער וואָלט געקאָנט רואיק ציען וויי-טער זיין עקסיסטענץ, ווען די ארומיקע וועלט וואָלט וואָלט אַפילע דורכפאַלן אין דער ערד אריין. ווירטשאפטלאך איז ער מיט דערדאָזיקער וועלט ווייניק פאַרבונדן.

אפילע אין דער עפּאָכע פון אַ גאַנץ שטאַרק אַנטוויקלטער בייט-ווירטשאפט איז די וועלט פאַר אים אַ קוואַל, פון וואַנען ער באַקומט צוקער, זאַלץ, שוועבעלאַך, קעראָסין א. א. סכוירעס, וועלכע שפּילן בעשום אויפן ניט די הויפּט-ראָליע ניט אין פּראָדוקציאָנעלן, ניט אין פּערזענלאכן געברויך פונם פויער. מערניט, וואָס אַף וויפל דאָס איז שאיעך צום פּי-טערן די פּיך, איז ער פאַרבונדן מיט זיינע שכיינים אין דאָרף, מיט זיי איניינעם דינגט ער אַ פאַסטוך און זיי האָבן אַ געמיינזאַמען פּיטער-פּלאַץ.

גאָר אַנדערש איז עס מיטן אַרבעטער-קלאַס. ס׳איז אַ קלאָרע זאַך, אַז די אַרבעט פונם אַרבעטער, וואָס שטייט, צ. ב., באַם עקבליר-שטול, וואָלט געווען מערנישט אַן אומזיסטער אָנווער פון מאַטעריאַל, ווען זי וואָלט ניט דערגאַנצט ווערן מיט דער ארבעט פון זיינע פאַבריק-כאַוויירים, וואָס איינער פון זיי, לאָמיר זאָגן, „קאַרבט אָן" שרויפן אין מוטערקעס (гайки), דער צווייטער פאַרפּעסטיקט מיט זייער הילף דעם דורכגעבויערטן מאַטעריאַל. אין דער פאַבריק האָט די ארבעט פון יעדן באַשטימטן ארבעטער אַ זין און איז אפילע מעג-לאַך נאָר אַף אַזויפיל, אַף וויפל זי ווערט דערגאַנצט מיט דער ארבעט פון די איבעריקע ארבעטער, און יעדער פעלער אַף דער פאָריקער סטאַדיע פון דער פּראָדוקציע פאַרשווע-ריקט געוויינטלאך די ארבעט אַף דער שפּעטערדיקער סטאַדיע.

דאָס איז נאָך ווייניק, זיינען די ארבעטער פּראָדוקציאָנעל אייגג פאַרבונדן ניט בלויז מיט די ארבעטער פון דערזעלביקער פאַבריק, נאָר אויך מיט די ארבעטער פון די אנדערע פאַבריקן און זאַוואָדן. אויב, לאָמיר זאָגן, די מאשינבוי-ארבעטער וועלן ארויסלאָזן אַ שלעכטן הובל-שטול, וועט די ארבעטער, צ. ב., פון לאָקאָמאָטיוו-בוי-זאַוואָד זיין שווערער צוצוגרייטן דעם לאָקאָמאָטיוו.

אויסערדעם, איז נאָר געמיינזאַם קאָנען די ארבעטער שטעלן אַ ווירקלאכן ווידערשטאַנד קעגן די באַגערן פון די באַלעבאַטים, וועלכע זיינען געוויינטלאך באַלאָנים אויסצוזויגן פון זיי די לעצטע קויכעס.

דידאָזיקע קעגנזייטיקע פאַרבונדנקייט פון די אינטערעסן, דידאָזיקע געמיינזאַמע ארבעט אין איין אונטערנעמונג, אין וועלכער זיי דערגאַנצן קעגנזייטיק איינער דעם אנדערן, ווערט, פאַרשטייט זיך, אַלץ שטאַרקער, וואָס מער סע וואקסט אויס דער מאסשטאַב פון דער אונטערנעמונג, וועלכע באַשעפטיקט די ארבעטער, ד. ה., וואָס ווייטער סע דערגייט די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

דער ארבעטער-קלאַס, לעהייפּעך צום פויערטום, איז פייאיק צו פאַרייניקונג, צו אָר-גאַניזאַציע, מאכמעס זיין לאַגע אין דער פּראָדוקציע, און וואָס מער סע ווערט קאָנצענ-טרירט די פּראָדוקציע, אַלץ שאַרפער טרעט ארויס דערדאָזיקער שטריך פונם פּראָלעטאַריאַט, אַלץ שטאַרקער ווערט זיין סאָלידארישקייט: דערדאָזיקער סינטעז פון אלטרואיזם און עגאָאיזם.

אַזוי ארום ברענגט די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע צום וווקס ניט בלויז פון דער צאָליקייט, נאָר אויך פון דער אָרגאַניזירטקייט פונם ארבעטער-קלאַס און דער וווקס

פון סאָלידאַרישקייט, וועלכע איז איינע פון די הויפּט־סיבעס, וואָס העלפן מיט דער בע־סערער און פעסטערער אָרגאַניזאַציע פונם ארבעטער־קלאַס.
אָבער אויך דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

ג) דער וווקס פון באַוווסטזיניקייט.

אויב צאָליקייט אָן אָרגאַניזאַציע (אָן פאַראייניקונג) איז הילפלאָז, איז פאַראייניקונג אָן וויסן קימאַט אומנוציק, ווייל א קראַפט, וועלכע ווייס ניט, צו וואָס און ווי אַזוי זיך אָנצווווענדן, וועט ווייניק וואָס דערגרייכן, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין.
אויך אין דער הינזיכט, אין הינזיכט פון וויסן איז די לאַגע פונם ארבעטער אַסאַך גינסטיקער, איידער די לאַגע פונם פויער — דעם ערדאַרבעטער.
דער פּויער איז, ווי מיר האָבן געזעען, ווירטשאַפטלאַך ווייניק פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער וועלט און דעריבער אינטערעסירט ער זיך מיט איר זיי ר ווייניק. הייסט עס, ער האָט ניט קיין גרויסן כיישעק צו דערקענען זי, אים ציט ניט שטאַרק צו דער וויסנ־שאַפט און צו געבילדעטקייט און ביפראַט, און באַזונדערס צו געזעלשאַפטלאַכע וויסנשאַפטן, צו וויסנשאַפטן, וועלכע דערקלערן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן פאַרשיידענע געזעלשאַפט־לאַכע דערשיינונגען. דידאָזיקע דערשיינונגען רירן אים דירעקט ווייניק אָן, זיי האָבן א קנאַפּע שייכעס צו אים. און ער איז קימאַט גלייכגילטיק צו זיי און אויך צום צוזאַמענהאַנג צווישן זיי און צו דעם, וואָס דערקלערט דעמדאָזיקן צוזאַמענהאַנג, מע קאָן ניט זיך שטאַרק אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלאַכע וויסנשאַפטן, אויב מע פאַרשטייט ניט אָדער מע פילט ניט די וויכטיקייט און קאָמפּליצירטקייט פון די געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטענישן. און דידאָזיקע פאַרהעלטענישן וועלן קיינמאל ניט קאָנען פאַרשטיין די מענטשן, פאַר וועלכע די גאַנצע גאָרוועלט און זייער דאָרף זיינען קימאַט אַלציינע באַגריפן.
גאָר אן אַנדער זאַך איז מיטן ארבעטער: ער איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער וועלט; דער רויער מאַטעריאַל, איבער וועלכן ער אַרבעט אין זיין פאַבריק, ווערט געבראַכט פון איין אָרט, די באַהייצונג פון אן אַנדער אָרט, די מאַשינען פון א דריטן, דער פאַרטיקער פּראָדוקט גייט אין א פערטן אָרט א. א. וו. א. א. וו. ווען אין אַמעריקע איז פאַרגעקומען די מילכאָמע פאר דער באַפרייונג פון די נעגער, האָט זיך דאָס זייער פילעווודיק אָפּ־גערופן אַף... די איינגלישע אַרבעטער. די מייסע איז, וואָס דער בוימוואָל, וועלכן סע האָבן געארבעט די איינגלישע פאַבריקן, איז דאַן פּראָדוצירט געוואָרן נאָר אין אמעריקע, און די מילכאָמע, וואָס איז דאָרט אויסגעבראָכן, האָט אָרויסגערופן אַ גרויסן מאַנגל אין בוימיוואָל און האָט געבראַכט צו א שרעקלאַכער ארבעטלאָזיקייט צווישן די איינגלישע טעקסטילער.
זייענדיק אבער עקאָנאָמיש פאַרבונדן מיט דער גאַנצער וועלט, אינטערעסירט זיך, נאַ־טירלאך, דער ארבעטער זייער מיט דעם, וואָס סע קומט אין איר פאָר, ער שטרעבט גיריק צו קענטענישן, צו וויסנשאַפטן און בעסויכאם אויך צו סאָציאַלע, ביפראַט, אז דאָס לעבן אין די שטעט מיט זייערע מוירעדיקע קאָנטראַסטן צווישן אָרעם און רייך, מוז שטויסן זיין געדאַנק צו דערדאָזיקער פראַגע, וועלכע איז פאַר אים אַזוי צאַפּלדיק וויכטיק.

ד) רעזומע (אַ קורצער סאַכאקל).

די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע ניט בלויז, וואָס זי פאַרגרעסערט דעם צוזאַ־מענבונד פון די ארבעטער מיט דער גאַנצער וועלט (וואָס גרעסער אן אונטערנעמונג איז, אַלץ מיט א גרעסערער צאָל ערטער — און מיט ווייטע ערטער אויך — איז זי פאַרבונדן), ניט בלויז וואָס זי צווינגט דעם ארבעטער צו לעבן אין שטאָט, נאָר זי פאַרגרעסערט

אויך דעם פּאַרנעם פון די שטעט. און די שטאָטישע סוויווע וועקט דעם סייכל שטאַרקער, איידער די דאָרפישע. אויסערדעם איז די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, צונויפ־קלייבנדיק די אַרבעטער אין אַלץ גרעסערע מאַסן, מאַכט זיי אליין לייכטער צו טיילן זיך מיט זייער דערפאַרונג און מיט זייע־ע קענטעניש און. אַזוי אַרום, העלפט עס מיט זייער אינטעלעקטועלן וווּקס. ענדלאַך, שאַפט זי ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע נעמען אויך אָן ענערגישע מיטלען אַף צו אַנטוויקלען אינטעלעקטועל די אַרבעטער, ביפראַט, אַז אַן אומאַנטוויקלטער, אומבאַוווּסטזיניקער אַרבעטער קאָן, געוויינטלאַך, ניט זיין קיין הייסער, איבערגעגעבענער מיטגליד פון דער ארבעטער־אָרגאַניזאַציע, זאָל דאס זיין א פּאָליטישע (סאָציאַליסטישע) פּאַרטיי, צי א פּראָפעסיאָנעלער פּאַראיין, צי אן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו.

אַזוי ארום רופט אַרויס די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע:

1) דעם צאָליקן וווּקס פונם פּראָלעטאַריאַט.
2) דעם וווּקס פון זיין אָרגאַניזירטקייט.
3) דעם וווּקס פון זיין באַוווּסטזיניקייט, וועלכע גיט אים די מעגלאַכקייט אויסצו־נוצן דעם וווּקס פון זיין אָרגאַניזירטקייט און צאָליקייט, אנדערש גערעדט, דעם וווּקס פון זיין קראַפט.

בעכיין, שאַפט די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע ניט בלויז די טעכנישע באַדינ־גונגען פאַר דער נויטיקייט צו פאַרבייטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אַף א סאָציאַליסטי־שער, נאָר אויך יענעם קלאַס (און זיין אָרגאַניזאַציע און אינטעלעקטועלע קראַפט), וועלכער מוז מאַכן די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש. אַזוי ארום איז אפילו די מאַטעמאַטיק גיט ניט מער אומבאַשטרייטבארע עמעסן, איידער דער אויספיר פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג איז ניט אַף אייביק, אַז זי מוז אומפאַרמיידלאַך פאַרביטן ווערן אַף אַ סאָציאַליסטישער (קאָמוניסטישער). מע קאָן גיכער מעסופעק זיין אינם גלאַנץ פון דער זון (סע זיינען דאָך אַף דער זון פאָרט פאַראַן פלעקן), איידער אין דער ריכטי־קייט פון דערדאָזיקער האַנאָכע.

מאַרקס פאַרגלייכט זייער בילדריש די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מיט יענעם מיטל־אַלטערלאַכן מעכאַשעף, וועלכער האָט מיט זיין קישעף ארויסגערופן די אונטערערדישע רוכעס, ער האָט אבער זיי שוין אַליין ניט געקאָנט פאַרטרייבן און איז פון זיי צעריסן געוואָרן.

4. די דיאַלעקטיק

צום אויבן געזאָגטן מוז מען נאָך צוגעבן, אַז די טעאָריע פון דער פּראָדוקציע־קאָנ־צענטראַציע איז אויך איינע פון די סאַמע בוילעטע אנטפלעקונגען און איינע פון די סאַמע שטאַרקע ראַיעס אַף דעם, אַז דער עקאָנאָמישער פּראָצעס איז דיאַלעקטיש (ער אַנטוויקלט זיך לויט דער קעגנזעצלאַכקייט). קעדיי דאָס צו דערקלערן, וועלן מיר זיך אביסל גענויער אָפּשטעלן דערוף, וואָס אַזוינס איז דיאַלעקטיק.

א) די „טריאדע".

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז ס'ווערט ארויסגעזאָגט עפּעס א באַהויפּטונג, א האַנאָכע. די וויסנשאַפט באַנוצט זיך אין געגעבענעם פאַל ניט מיטן אידישן וואָרט האַנאָכע, נאָר מיטן גריכישן „טעזיס", וואָס האָט דעמזעלביקן טייטש.

זאָל דידאָזיקע האַנאָכע (ט זיס) טכילעס האָבן אַפילע די אלגעמיינע אנערקענונג. אויב דערוף וועט דער איניען בלייבן שטיין, וועט קיין שום ווייטערדיקע א נ ט וו י ק ל ו נ ג אין

געגעבענעם פאַל ניט זיין. ווען אָבער דידאָזיקע אַנטוויקלונג וועט פאָרקומען, וועט מען פריער אָדער שפעטער, אָבער אומפאַרמיידלאַך אָנהויבן אָנווייזן אַף די שוואַכע זייטן פונם טעזיס (האַנאַכע), מע וועט אים אָנהויבן „נעגירן", סאַפקאָלסאַף וועט ער פאַרביטן ווערן אַף אַן אַנדער האַנאַכע, וואָס איז, עמעס, אויסגעוואַקסן אַפּן באָדן פונם געגעבענעם טעזיס, אָבער ער איז צו אים ניט ענלאַך, ער איז אים „קעגנזעצלאַך". דעריבער וועט די נייע האַנאַכע אָנרופן זיך „קעגן-האַנאַכע" אָדער „אַנטיטעזיס". די דאָזיקע נייע האַנאַכע איז די נעגאַציע פון דער אַלטער אָדער, אַנדערש, דער אַנטיטעזיס איז אַ נעגאַציע פונם טעזיס, כאָטש אפילע ער האָט זיך פון אים אַנטוויקלט.

דער אַנטיטעזיס, ווייל ער רעכנט אריין פיל פון דעם, וואָס דער טעזיס האט ארויסגע-לאָזן, איז אסאַך רייכער פון אים לויטן אינהאַלט.

די אַנטוויקלונג שטעלט זיך אָבער, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּ אויך אַפּן אַנטיטעזיס (אַף דעם „קעגנזאַץ"), אַף דער נעגאַציע פונם טעזיס. ביסלאַכווייס הויבט זיך אַן ארויסווייזן, אַז אינם אַנטיטעזיס איז אויך פיל דורכגעלאָזן. הויבט זיך אָן אַ דריטע פאַזע: די נעגאַ-ציע פון נעגאַציע, די נעגאַציע פונם אַנטיטעזיס. אַף וויפל דער אַנטיטעזיס איז קע-גנזעצלאַך דעם טעזיס, ברייגנט די נעגאַציע פונם אַנטיטעזיס אומפאַרמיידלאַך צו אַן אויספיר, וואָס איז אויסערלאַך נאָענט צו דער ערשטער האַנאָכע, צום טעזיס. דאָס איז אָבער נאָר אַן אויסערלאַכע נאָענטקייט, וועלכע שעפט ניט אויס דעם מעהוס פון דער נייער דריטער פאַזע. אין דער לעצטער גייט אריין אַלץ, וואָס סע איז געווען ריכטיק אין דער צווייטער פאַזע, פון וועלכער זי איז אויסגעוואַקסן, דער גאַנצער רייכער אינהאַלט פון דער 2-טער פאַזע. לויט דער רייכקייט פונם אינהאַלט איז די 3-טע פאַזע נעענטער צו דער 2-טער, איידער צו דער 1-טער, אין וועלכער זי דערמאָנט אַזוי, לויט דעם פאָרם.

די דריטע פאַזע איז, בעכיין, אַ צונויפגיסונג, אַ סינטעז פון די ערשטע צוויי: צו דער ערשטער איז זי ענלאַך לויט דער פאָרם, צו דער צווייטער — לויט דער רייכקייט פונם אינהאַלט. דערפון נעמט זיך דער אָנרוף סינטעז. מיטן סינטעז פאַרענדיקט זיך דער געגע-בענער ציקל (קרייז) פון אַנטוויקלונג. די פאַרענדיקונג פונם געגעבענעם אַנטוויקלונג-ציקל הייסט ניט, אַז שפעטער וועט זיך ניט אָנהויבן אַ נייער אַנטוויקלונג-ציקל, ווידער טאָקע אַ דרייפאַזיסדיקער, ווו די ראָליע פון אַ טעזיס וועט שוין שפילן דער סינטעז פונם פריערדיקן ציקל.

ב) דיאַלעקטיק אין דער נאַטור.

אָט אַזוי איז דער אַנטוויקלונג-ציקל פון יעדן לאָגישן באַגריף. די לאָגיק אָבער פונם סייכל שפיגלט נאָר אָפּ די לאָגיק פון לעבן; אויב ניט, וואָלט די לאָגיק פון סייכל, בריינ-גענדיק צו אויספירן, וואָס פאַלן ניט צונויף מיט דער רעאַלערווירקלאַכקייט, געבראַכט ניט קיין נוצן, נאָר אַ שאַדן. אַלע מענטשן, וואָס ווערן פון איר געפירט, וואָלטן אומגעקומען אין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, און זי, די לאָגיק, וואָלט אופגעהערט צו עקזיסטירן.

בעכיין, איז דער פאַקט, וואָס די אַנטוויקלונג פון יעדער אידייע (געדאַנק) גייט דורך די אויבן באַשריבענע קעגנזאַצן (סטירעס), איבערגייענדיק פונם טעזיס צום אַנטיטעזיס, און פונם לעצטן צום סינטעז אָדער, קירצער, דורך אַ דיאַלעקטישן וועג, — דערדאָזיקער פאַקט באַווייזט, אַז דאָס לעבן אַנטוויקלט זיך אויך דיאַלעקטיש, — פונקט אַזוי ווי די ענדערונגען אין די אָפּשפּיגלונגען פונם מענטשן אין שפּיגל דערווייזן, באַ די איבעריקע גלייכע באַ-באַדינגונגען, אַז אינם מענטשן גופּע זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען.

און, ווירקלאַך, מיר קאָנען באַמערקן, אַז אי די נאַטור, אי דאָס געזעלשאַפטלאַכע לעבן אַנטוויקלען זיך לויט די געזעצן פון דער דיאַלעקטיק. בענוגע צו דער נאַטור וועלן מיר נעמען דעם אַלטן אויסגעצייכנטן ביישפּיל: דעם גערשטן-קערן.

דער גערשטן-קערן — דאָס איז די ערשטע אַנטוויקלונג-פאַזע, דער טעזיס. אויב קיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג וועט ניט פּאַרקומען, וועט ער אָפּליגן פיל יאָרן אָן שום ענדע-רונג און נאָכדעם ווערט ער צעפוילט און צעליגט ווערן.

ווען אָבער דאָ וועט אַן אַנטוויקלונג יאָ פּאַרקומען, וועט דער קערן גופא (דער טעזיס, די 1 פאַזע) פאַרשווינדן. און אַנשטאָט אים וועט קומען דאָס שטיינגל. דער לעצטער, כאָטש אַפילו ער וואַקסט אויס פון קערן, איז דאָך אַ האָר ניט ענלאַך צו אים, ער שטימט ניט מיט אים, ער איז די „נעגאַציע" (אַנטיטעזיס) פונם קערן. ס'פאַרשטייט זיך אַוודאי, אַז מאַטעריע האָט ער אין זיך אַסאַך מערער, איידער דער קערן. אַזוי אַרום האָט דאָ אָן אָרט ניט קיין פּאָשעטע איבערבייטונג פון פאָרם, נאָר אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פונם געוויקס, אַ פּראָגרעס. דער פאָלגנדיקער אַנטוויקלונג-עטאַפּ וועט כאַראַקטעריזירט ווערן דערמיט, וואָס אַנשטאָט דעם שטיינגל וועט קומען אַ זאַנג, דער שטיינגל גופא וועט דאַן אָפּשטאַרבן. אַזוי אַרום איז דער זאַנג — די „נעגאַציע" פונם שטיינגל, די דריטע סטאַדיע. און העיויס ווי דער שטיינגל איז געווען די נעגאַציע פונם קערן, קומט אויס, אַז דער זאַנג איז אַ „נעגאַציע פון דער נעגאַציע", ד. ה. אַ נייע באַהויפּטונג (סינטעז).

באַטראַכטן מיר דעם זאַנג (די דריטע סטאַדיע, דעם סינטעז), זעען מיר, אַז ער, אַלס געזעמל פון קערנער, האָט אויסערלאַך זייער אַ גרויסע ענלאַכקייט צום קערן, צו דער ערשטער סטאַדיע, צום טעזיס.

אָבער דער זאַנג איז ניט קיין פּאָשעטע איבערכאַזערונג פונם קערן, ווייל דאַן וואָלט דאָך דערדאָזיקער גאַנצער אַנטוויקלונג-פּראָצעס געגאַנגען לעאיבעד. ניין, ווען אַ פול-שטענדיקער איבערכאַזערונג, וועגן אַ פולשטענדיקער אידענטישקייט פון דער ערשטער און דער לעצטער סטאַדיע קאָן דאָ קיין רייד ניט זיין, כאָטש דערפאַר אַליין, וואָס אין דער ערשטער פאַזע איז געווען איין קערן, און אין דער לעצטער איז געוואָרן אַסאַך קערנער.

די לעצטע פאַזע איז אַסאַך רייכער אין אינהאַלט, איידער די ערשטע, צו וועלכער זי איז אַזוי ענלאַך לויט דער פאָרם. דער זאַנג — די לעצטע פאַזע האָט אויסגענוצט אַלע זאַפטן, אַלע קויכעס, דעם גאַנצן אינהאַלט פונם שטיינגל, און לויט דער רייכקייט פון זיין אינהאַלט איז ער אַסאַך נעענטער צום שטיינגל (צו דער צווייטער פאַזע), איידער צום איינציקן קערן (צו דער ערשטער פאַזע).

ג) די דיאַלעקטיק פונם געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

לאָמיר אָנווענדן דאָס געזאָגטע צום געזעלשאַפטלאַך-עקאָנאָמישן לעבן. די ערשטע ווירטשאַפטלאַכע אָרדענונג, דער ערשטער ווירטשאַפטלאַכער שטייגער איז, ווי באַ-וווסט, דער אורטאַלטער קאָמוניזם. דאָס איז די ערשטע סטאַדיע, דער טעזיס.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן האָט געבראַכט דערצו, אַז דער איינצלנער מענטש, וועלכער איז ביז איצט ניט געווען אימשטאַנד צו פירן אַ ווירטשאַפט אַליין (אָדער מיט דער הילף פון אַ קליינער גרופּע: פאַמיליע א. א. וו.), האָט באַקומען אַזאַ מעגלאַכקייט, אַדאַנק די מער פולקומענע פּראָדוציר-געצייג: די אינדיווידועלע פּראָדוקציע רופט אַרויס, סאָפּקאָלסאָף, אויך דעם אינדיווידועלן געברויך. סע הויבט זיך אָן אַנטוויקלען אַן אָרדענונג, וועלכע באַזירט זיך אַף פּריוואַטן אייגנטום, ד. ה. אַף דער נעגאַציע פונם קאָמוניזם. דאָס איז די צווייטע סטאַדיע, דער אַנטיטעזיס.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר-מיטלען ברענגט דערצו, וואָס זיי וואַקסן אויס אַזוי, אַז אַן איינצלנער מענטש איז שוין ווידער ניט אימשטאַנד צו באַהערשן זיי, סע פאָדערט זיך אַ קאָלעקטיווע פּראָדוקציע, וועלכע דאַרף סאָפּקאָלסאָף ברענגען אויך צום קאָלעקטיוון געברויך. סע מוז זיך, הייסט עס, אויסבילדן אַן אָרדענונג,

וואָס באַזירט זיך אױף דער נעגאַציע פון פּריוואַט-אײגנטום (אױף די פּראָדוציר-מיטלען), ד.ה. סע דאַרף אָנקומען די סאָציאַליסטישע (קאָמוניסטישע) אָרדענונג. דאָס איז די דריטע אַנט-וויקלונג-סטאַדיע, דער סינטעז.

דידאָזיקע דריטע אַנטוויקלונג-סטאַדיע (סאָציאַליזם, קאָמוניזם) דערמאָנט זייער שטאַרק לויט דער פאָרם אָן דער ערשטער פּאַרם (אוראַלטער קאָמוניזם), אָבער זי שיידט זיך זייער שטאַרק אונטער פון איר מיט דער רייכקייט פון איר אינהאַלט. אין דער הינזיכט איז זי נעענטער צו דער צווייטער סטאַדיע, פון וועלכער זי יאַרשנט די גאַנצע שטאַרקע מאַשין-טעכניק, דעם הויכן צושטאַנד פון וויסנשאַפטן, די פאַרבינדנקייט אין איין אַלוועלטלעך-עקאָנאָמישעס גאַנצעס א. א. וו., און ניט בלויז, וואָס זי יאַרשנט, נאָר זי אַנטוויקלט און פאַרגרעסערט דאָס פּאָזיטיווע, וואָס די צווייטע סטאַדיע האָט געגעבן. אַזוי אַרום איז די דריטע סטאַדיע אַ פאַראייניקונג פון אַלע שטאַרקע זייטן פון ביידע פאַריקע סטאַדיעס (זייער סינטעז). זי מוז אומפאַרמיידלעך אָנקומען, אויב די געזעלשאַפט וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען.

5. רעוואָלוציע און עוואָלוציע.

א) דער הויפּט-אונטערשייד צווישן זיי.

די טעאָריע פון פּראָדוקציע-קאָנצענטראַציע באַווייזט, אַז די עקאָנאָמישע פאָרהאַנאָ-כעס פון דער נייער (סאָציאַליסטישער) געזעלשאַפט ווערן צייטיק אינם שויס פון דער אַל-טער. צי באַטייט דאָס אָבער, אַז די נייע געזעלשאַפט קאָן אַנטשטיין פון דער אַלטער דורכן לאַנגזאַמען וועג פון עוואָלוציע (בעהאַדראָגעדיקע אַנטוויקלונג), און אַז די רעוואָלוציע איז אַן איבעריקע פאַרוועדונג פון לעבנס און מיטלען? פאַר קיין פאַל ניט.

עוואָלוציע שליסט לאַכלוטן ניט אויס רעוואָלוציע. אַדעראַבע, די לעצטע איז ניט זעלטן דער אומפאַרמיידלאַכער פינאַל פון דער ערשטער. דאָס געבוירן ווערן איז אַ בוילעטע ראַיע דערצו. די פּרוכט „אַנטוויקלט זיך אָרגאַניש” פונם שויס און אינם שויס פון דער מוטער. זייער אַסאַך ווערן די איינגשאַפטן אירע באַשטימט דורך די איינגשאַפטן פון דער מוטער, און סע וועט קיינמאָל אַפן זינען ניט אַרוף, אַז אַ קו וועט געבוירן אַ פערדל.

אָבער, ווען די עוואָלוציע וועט דערגיין צו אַ געוויסער שטופע, מוז אָנקומען די רע-וואָלוציע, זאָל זיך זיין אַ פיינלאַכע, אָבער אַ נויטיקע און אַ וואוילגיביקע. און אויב די רעוואָלוציע וועט ניט קומען, קאָן דאָס פאַטערן אי די פּרוכט, אי די מוטער.

מאַכמעס דער וויכטיקייט און אינטערעס פון דער פראַגע וועלן מיר זיך נאָך אַביסל אָפּשטעלן אױף איר. געוויינטלאַך איז אָנגענומען צו מיינען און צו זאָגן, אַז רעוואָלוציע און עוואָלוציע זיינען דערשיינונגען דיאַמעטראַל קעגנזעצלאַכע. דידאָזיקע אָנגענומענע מיינונג צייכנט זיך ניט אויס ניט מיט איר טיפקייט, ניט מיט איר ריכטיקייט, לעפאָכעס אױף וויפל דאָס איז שאַיעך צו די דערשיינונגען פונם געזעלשאַפטלאַכן לעבן. אין דעם פאַל באַטייט דאָך די עוואָלוציע אַ מער לאַנגזאַמע טעמפּ פון אַנטוויקלונג, פון, הייסט עס, לעבנס.ענדע-רונגען, און די רעוואָלוציע איז — אַ גיכערער טעמפּ פון דערזעלביקער אַנטוויקלונג. די רעוואָלוציע און די עוואָלוציע שיידן זיך צווישן זיך דעריקער אונטער מיט דער שנעל-קייט פונם טעמפּ פון אַנטוויקלונג-פּראָצעס. אַזוי, לעמאָשל, האָט פראַנקרייך אין מעשעך פון צוויי יאָרהונדערטער זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון דער צעך-אָרדענונג, און די רע-וואָלוציע האָט דאָס לאַנד זייער ראַדיקאַל אויסגעלייזט פון דערדאָזיקער אָרדענונג אין איין נאַכט. דאָסזעלביקע איז אויך ריכטיק בענוגייע צו דער איינגלישער רעוואָלוציע.

ס'איז ניטאָ קיין שום גרונט ניט צו באַהויפּטן, אַז די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג קומט אַלעמאָל פאָר נאָר לאַנגזאַם, און ניט צו באַגערן דאָס. ס'איז קלאָר, אַז די לאַנגזאַמע באַוועגונג פאָרויס גיט אָפט אין דער ווירקלאַכקייט די מעגלאַכקייט אָנצוזאַמלען קויכעס, וועלכע זיינען נויטיק פאַר אַ שנעלערער באַוועגונג. די עוואָלוציע גרייט צו און ברייגגט די רעוואָלוציע, דערביי טרעפט אפילע, אַז די עוואָלוציע אין איין געביט רופט אַרויס אַ רעוואָלוציע אינם צווייטן, צ. ב. די עקאָנאָמישע עוואָלוציע איז אָפט די הויפּט-סיבע פון פּאָליטישער און סאָציאַלער רעוואָלוציע. און גאַנץ אָפט מאַכט נאָר די רעוואָלוציע מעגלאַך די ווייטערדיקע עוואָלוציע.

ווי שנעל אָבער סע גייען ניט דורך אין די ציַיטן פון רעוואָלוציע די סאַמע גרויסע איבעראַנדערשונגען, פונדעסטוועגן פאָדערט דער איבערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג צו דער סאָציאַליסטישער אַזאַ מאַסע און אַזעלכע טיפע איבעראַנדערשונגען, און זיי רופן אַרויס אַזאַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד מיצאַד די פּערזאָנען, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער אַלטער אָרדענונג, אַז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קאָן פאָדערן פאַר איר פאַרענדיקונג אין וועלט-מאַטשטאַב אַ גרויסן פּעריאָד צייט (אַ גרויסן אין אינדיווידועל-מענטשלאַכן, אָבער ניט אין היסטאָרישן מאַסשטאַב), עפּשער, — ווי מאַרקס ווייזט אָן — אפילע עטלאַכע יאָרצענדליקער. דאָס איז נאָך מער נאַטירלאַך, ווייל אפילע ווייניקער טיפערע רעוואָלוציעס, וועלכע האָבן איבערגעגעבן די מאַכט פון די פעאָדאַלן צו דער בורזשואַזיע, האָבן געדויערט העכער אַ צענדליק יאָר, צ. ב. די גרויסע פראַנצויזישע און ענגלישע רעוואָלוציעס.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, וויבאַלד די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קאָן געדויערן עטלאַכע יאָרצענדליקער, וועט זי שוין וויסן פון אופשטייג-עפּאָכעס און אויך צייטן פון שטיל, און בעאַיס אין אייניקע לענדער וועט זי אין ווייט פאַרגיין, וועט זי זיך אין די אַנדערע לענדער נאָך ניט אָנהויבן אפילע. ס'איז גאַנץ מעגלאַך, צ. ב., אַז אין די לענדער מיט אַ גרעסערן פּראָצענט לאַנדווירטשאַפטלאַכע באַפעלקערונג וועט זי זיך אָנהויבן פריער און ציען זיך לייננגער, איידער אין די לענדער, וואָס לעבן פון דער אינדוסטרי. די רעוואָלוציע ברייננגט דאָך אומפאַרמיידלאַך אַ צייטווייליקע יערידע פון דער פּראָדוקטיוויקייט פון דער אינדוסטריעלער אַרבעט, און ס'איז קלאָר, אַז די לענדער, וואָס לעבן פונם אומבייט פון זייערע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן אַף די פּראָדוקטן פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועלן מוירע האָבן, אַז די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, פאַרקלענערנדיק דעם סכום פון זייערע אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, וועט זיי פאַרורטיילן צו הונגער, ביפראַט נאָך, אַז דער פלאָט פון יענע לענדער, ווו סע הערשט נאָך די בורזשואַזיע, וועט בלאָקירן דאָס רעוואָלוציאָנערע לאַנד, וועט עס אָפּשניידן פון די קוואַלן פון רויוואַרג און פון שפּייז. ניט געקוקט דערויף, וואָס די טעכנישע און עקאָנאָמישע פאָרהאַנאָכעם פאַר אַ רעוואָלוציע זיינען שוין באַ זיי לאַנג צייטיק געוואָרן, קאָנען דאָך אַזעלכע לענדער אַריינטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע ערשט שפּעטער. פאַרקערט, יענע לענדער, ווו דער פּראָצענט באַפעלקערונג, וועלכע איז באַשעפטיקט אין דער אינדוסטרי, איז קלענער, האָבן ניט אַזוי שטאַרק מוירע פאַר דער בלאָקאַדע. מיר מיינען, אַז דערין ליגט איינע פון די סיבעס, פאַרוואָס די מיזראַך-פעלקער וואַרפן זיך אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פריער, איידער די מייַרעוו-פעלקער, האַגאַם באַ די לעצטע זיינען די פאָרהאַנאָכעס פאַר אַן ערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע צייטיק געוואָרן פריער, און האַגאַם די סאָציאַליסטישע רעוואַלוציע קאָן ניט זיגן אין אַלוועלטלאַכן מאַטשטאַב פריער, איידער צו זיי וועט צושטיין דער מייַרעוו-אייראָפּייאישער פּראָלעטאַריאַט. סע איז גאַנץ מעגלאַך, אַז די בורזשואַזע רעוואָלוציע אַף מיזראַך, וועלכע האָט זיך פאַרהאַלטן ביז אַצינד, וועט שוין

פאַרקומען אין דער געשטאַלט פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און וועט זיין דער דעטאָנא־טאר (וואָס גיט דעם אופרייס) און דער פאַרגיכערער פון דער רעוואָלוציע אין מיירעוו. אַלנפאַלס, די ציטווייליקע פאַרלאַנגזאַמונג פונם טעמפּ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע הייסט בעשום אויפן ניט „דער אָנהויב פון איר סאָף". אַפילו דער אויסברוך פון אַ ווולקאַן — אַ פּראָצעס אַסאַך אַ קירצערער און אַ וויניקער קאָמפּליצירטער, איידער די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, — גייט אויך ניט מיט איין און דעמזעלביקן שטאַרקן טעמפּ די גאַנצע צייט; ער וויִס אויך מינוטן פון לעפּיערעכדיקן שטיל. אן ערדציטערניש קומט אויך ניט פאַר די גאַנצע צייט, און צווישן די באַזונדערע שטויסן (קלעפּ) זיינען דאָ אייניקע האַפּסאָקעס (פּעריאָדן פון שטיל).

ב) רעוואָלוציע און בלוט־פאַרגיסונג.

אייניקע מיינען, אַז דער הויפּט־סימען, די הויפּט־אייגנשאַפט פון אַ רעוואָלוציע איז דער באַוואָפנטער קאַמף, און זאָגן זיך ארויס קעגן איר דערפאַר, וואָס זי איז פאַרבונדן מיט בלוט־פאַרגיסונג און קאָרבאָנעס. דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אן אויבנאויפיקער און אַנט־האַלט אין זיך אַ טאָעס אין פילע און פילע הינזיכטן. ערשטנס, איז ניט ריכטיק, אַז יעדע רעוואָלוציע מוז דאַפקע באַגלייט ווערן פון טייכן בלוט, און אז דאָס איז די ג ר ו נ ט־א יי ג נ ש א פ ט פון דער רעוואָלוציע. ווי ס'איז באַוווּסט, טרעפן אויך רעוואָלוציעס אינם געביט פון וויסנשאַפט, און ס'איז גאַנץ געזעצלאַך און ריכטיק, צ. ב., אַזאַ מין אויסדרוק: „דאַרווין האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער נאַטורוויסנשאַפט". ס'איז דאָך אָבער קלאָר, אַז דאַרווין האָט דערביי ניט פאַרגאָסן קיין טראָפּן מענטשלאַך בלוט. בעכיין איז קלאָר, אַז דער ג ר ו נ ט־ס י מ ע ן פון אַ רעוואָלוציע איז די שנעלע באַוועגונג פאָרויס, די באַוועגונג, וועלכע ברייננגט צו אן איבערקערעניש, אָבער ניט די בלוט־פאַרגיסונג.

אַגעוו, דאָס הייסט ניט, אַז די סאָציאַלע און פּאָליטישע רעוואָלוציעס באַגייען זיך אָן שטראָמען בלוט, אָבער ניט אָננעמען דערפאַר די רעוואָלוציע איז אלציינס, ווי ניט אָננע־מען די כירורגיע דערפאַר, וואָס זי „פאַרגיסט בלוט".

אַזאַ באַציונג צו דער רעוואָלוציע איז ניט ריכטיק דערפאַר, וואָס די אַלטע געזעל־שאַפטלאַכע אָרדענונג, וועלכע איז פאַרמישפּעט געוואָרן דורך דער געשיכטע און דער עקאָ־נאָמישער אַנטוויקלונג, רופט ארויס אַ קאָלאָסאַלן סכום פּריציייטיקע טויטן און קאָסט דערי־בער אַסאַך טייערער, איידער די סאַמע בלוטיקע רעוואָלוציע. בעכיין, איז ווען די רעוואָלו־ציע פאַרניכטעט דידאָזיקע שלעכטע געזעלשאַפטלאַכע אָרדענונג, פאַרגרעסערט זי ניט אין אַלגעמיין, נאָר זי פאַרקלענערט די יאמען בלוט און טרערן. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אין רוסלאַנד האָט ביז דער רעוואָלוציע די שטאַרבלאַכקייט אויסגעמאַכט 34,7 אַף טויזנט, בע־אייס אין די שכײנישע לענדער שוועדן און נאָרוועגן האָט זי אויסגעמאַכט אינגאַנצן 16,9 אַף טויזנט, האַגאַם פון דער נאַטור זיינען די שוועדן און נאָרוועגן ניט געזינטער פאר די רוסן. איבער יענע שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע סע האָט דאַן געלעבט די באַפעלקע־רונג פון רוסלאַנד, האָט זי אין פאַרגלייך מיט שוועדן פאַרלאָרן אין אַ יאָר איבעריקע 3,5 מיליאָן מענטשן, ד. ה. אין 7 מאָל מער פון דעם, וואָס סע האָט איר געקאָסט די יאַפּאַנישע מילכאָמע און קימאַט אַזויפיל, וויפל סע האָט איר געקאָסט די קאָשמאַר־שרעק־לאַכע אימפּעריאַליסטישע וועלט־מילכאָמע. ס'איז קיין סאָפעק ניט, אַז יעדע אָפּעראַציע מוז קאָסטן געזונט, דערפאַר אָבער באַוואָרנט זיך דאָך פון אַ גרעסערן אָנוואַר שפּעטער. אַזוי איז אויך מיט דער רעוואָלוציע. עמעס, זי שלינגט אָפּטמאָל איין פיל קאָרבאָנעס, דער־פאַר אָבער באַוואָרנט זי פון אָנווערן אַסאַך מער קאָרבאָנעס שפּעטער. און אָפּלייקענען די רעוואָלוציע אין נאָמען פון מענטשלאַכקייט הייסט ניט פאַרשטיין דאָס, וואָס איז אַזוינס רעוואָלוציע, הייסט עס „איבער די בוימער דעם וואלד ניט זעען".

VIII קאַפּיטל — די קריטיק פון די דערווידערונגען קעגן דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע

1. די קריטיק פון די דערווידערונגען קעגן מארקס קריזיסן-טעאָריע.

א) די דערווידערונגען קעגן מאַרקס קריזיסן-טעאָריע.

מיר האָבן געזעען, ווי די קריזיסן דערוויזן, אַז די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע איז שוין דערגאַנגען צו אזא מאדרייגע, אז די פּראָדוקטיווע קרעפטן איז איינג געוואָרן אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אז די לעצטע איז פונקט אַזוי ניט לאנגדויעריק, ווי דער קעסל, אין וועלכן סע האָט זיך אָנגעזאַמלט צו פיל דאמף.

די קריזיסן דערוויזן, אַז (מאכמעס דער דערגרייכטער קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציע) די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האָט זיך אליין אויסגעלעבט, אז מעכטיקע עקאָנאָמישע סיבעס (פאַקטאָרן) פאָדערן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, און אז שוין הינטער אונזערע פּלייצעס לויערט זי אף אונז.

דאָס זאָגן די קריזיסן יעדן אָביעקטיוון עקאָנאָמיסט, יעדערן, וואָס קאָן פאַרשטיין די עקאָנאָמישע ווירקלאַכקייט. אָבער שוין גאָר לאנג האָט ה א ב ס ריכטיק געזאָגט, אַז „אויב דער סייכל גייט קעגן מענטשן, גייט דער מענטש קעגן סייכל", ד. ה. ער הערט אים ניט און פאַרשלעפּערט זיך גערן מיט אלערליי מייסעלאַך.

דאָסזעלביקע איז אויך אין געגעבענעם פאל. אַלע די, וואָס זיינען די אָנהייגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אָדער ווער סע וויל, אַז די סאָציאַליסטישע אָרדענונג זאָל אָנקומען ניט אדאנק דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע און ניט דורך א רעוואָלוציע (אין פאָלגנדן קאַפּיטל וועלן מיר אָנווייזן פון וועמען דידאָזיקע גרופּעס באַשטייען), שטריינגען אָן אַלע זייערע קויכעס אַף צו דערוויזן, אַז די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע האָט גאָר קיין אָרט ניט אָדער זי גייט זייער לאנגזאַם און שוואַך, און אַז די קריזיסן נעמען זיך גאָר פון אנדערע קוואלן, ניט פון די אויבן אָנגעוויזענע. אייניקע באַהויפּטן אַפילע, אז איצט זיינען קיין קריזיסן גאָר ניטאָ.

ב) דער אַנאַליז פון דער ערשטער דערווידערונג.

לאָמיר אָנהויבן פון די מאָטיוון קעגן מארקס קריזיסן-טעאָריע, וואָס מיר האָבן אויבן אַנטוויקלט. לאָמיר זיך קודעם אָפּשטעלן אף דער טעאָריע, וועלכע דערקלערט, אַז די קריזיסן האָבן גאָר אן אנדער אָפּשטאַם אין נאַטור, איידער סע רעכנט מאַרקס.

לויט דער מיינונג פון ד י ד אָ ז י ק ע קעגנער פון מארקס שטאַנדפּונקט, איז אין די קריזיסן שולדיק יענער אומשטאַנד, וואָס „אפילע אף דער זון זיינען טונקעלע פלעקן פאַראַן". די אַרגומענטאַציע זייערע איז פאלגנדע: די גערעטעניש ווענדט זיך אָן דער לאַגע פון די טונקעלע פלעקן אף דער זון. פּעריאָדיש (איבער באַשטימטע אינטערוואלן) כאַזערט

זיך איבער אַזאַ לאַגע פון די פּלעקן, וואָס גיט די גרעסטע גערעטעניש. די געזעלשאַפט איז ניט אימשטאַנד איינצושליסן אַזאַ מאַסע ברויט, באַאַרבעטן אַזאַ מאַסע רויוואַרג (צ. ב. בוימוואָל א. א. וו.), וואָס אַזאַ גערעטעניש ברענגט, — דערפון באַקומט זיך אַ פּעריאָדישע איבערפּראָדוקציע און פּעריאָדישע קריזיסן. אַזוי אַרום איז אין די קריזיסן שולדיק די נאַטור, אָבער בעשום אויפן ניט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג (דאָס, וואָס זי איז איבערצייטיק געוואָרן).

מע מוז זאָגן, אַז דידאַזיקע טעאָריע, בײַ אַ געוויסער שאַרפזיניקייט אירער, איז זי דאָך אויבנאויפיק און איז באַשיימפּערלאַך סויסער די ווירקלאַכקייט.

1. לאָמיר כאָטש אָנהויבן דערפון, וואָס די זון-פּלעקן זיינען דאָך געווען נאָך פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג אויך, איידער זי האָט זיך אויסגעלעבט, און דאָך איז דאַן פון קריזיסן קיין זייכער ניט געווען. נימצע, אַז די קריזיסן קומען ניט פון די זון-פּלעקן, נאָר פון געזעלשאַפטלאַכע סיבעס (די איבערצייטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג).

2. דער אינטערוואַל צווישן די צוויי מאָמענטן, ווען סע קומט פאַר איינע און די-זעלביקע אָרטלאַגע פון די זון-פּלעקן, ווערט ניט פאַרקירצט, בעאייס די אינטערוואַלן צווישן צוויי נאָכאַנאַנדיקע קריזיסן ווערן אַלץ קירצער און קירצער. הייסט עס, אַז ניט די ערשטע זיינען די סיבע פון די צווייטע.

3. דערמיט אַליין, וואָס דאָס גערעטעניש מאַכט ביליקער דאָס ברויט און רויוואַרג, ווערט אויך פאַרגרעסערט זייער געברויך; הייסט עס, אַז דאָס מוז גאָר ניט ברענגען צו איבערפּראָדוקציע, ווי דאָס דאַכט זיך די מענטשן, וועלכע לעבן אין שעפע און לוקסוס און וועלכע קאָנען ניט פאַרגרעסערן זייער געברויך פון ברויט און פון אַלע אַנדערע פּראָדוקטן פון עלעמענטאַרער דערנערונג.

4. זאָגן, אַז די געזעלשאַפט קאָן פ י ז י ש ניט פאַרברויכן דעם ברויט און דעם בוימוואָל, וואָס דאָס גוטע גערעטעניש האָט איר געשיקט, הייסט „פאַרגעסן”, וואָס פאַר אַ מאַסע מענטשן איז שלעכט געקליידט און שלעכט דערנערט, און וויפיל הונגערן, עפּשער, גאָר אינגאַנצן. אויב דידאָזיקע עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט קאָנען ניט אויסקויפן דעם „מויסער” ברויט און בוימוואָל, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס זיי נויטיקן זיך ניט דערין, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט פאַרוואָס צו קויפן, ד. ה. ווייטער, אַז ניט די נאַטור איז שולדיק, נאָר די געזעלשאַפטלאַכע אָרדענונג. די איבערפּראָדוקציע אין דעם פאַל באַטייט נאָר אָט וואָס: אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז פאַראַן אַ ני-דערגעברויך, וועלכן מע קאָן ניט אָפּשאַפן; די פּראָדוקציע איז, מאַכמעס איר קאָלעקטיווקייט, גרעסער, איידער סע קאָן זיין דער געברויך בײַ דער פּריוואַטער פאַראייגענונג פון די קאָלעקטיוו-פּראָדוצירטע פּראָדוקטן; דידאָזיקע סטירע צווישן דעם פּראָדוציר-אויפן און דעם פאַראייגענונג-אויפן מוז אומפאַרמיידלאַך באַזייטיקט ווערן, דאָס פאָדערן עקאָנאָמישע סיבעס. אַנדערש גערעדט, די קריזיסן, וואָס כאַזערן זיך אַלץ איבער, דערווייזן איבערצייגנד, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האָט שוין אויסגעלעבט אירע יאָרן. זי איז שוין אַ האַלבער מעס, און וואָס גיכער זי וועט אַוועקגיין אין דער געשיכטע אַריין און וועט לאָזן אַ פּלאַץ פאַר דער אַנטוויקלונג פון די קויכעס, וואָס זיינען צייטיק געוואָרן אין איר שויס, אַלץ בעסער וועט עס זיין.

ג) דער אַנאַליז פון דער צווייטער דערווידערונג.

לאָמיר איצט איבערגיין צום אַנאַליז פון יענעם שטאַנדפּונקט, וועלכער באַהויפּט, אַז קיין קריזיסן זיינען שוין ניטאָ.

דער טאַמציס פון דערדאָזיקער באַהויפּטונג באַשטייט אָט אין וואָס: פריער, אַף די ערשטע סטאַדיעס פונם אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם איז דער הערשנדיקער פּראָדוקציע-צווייג געווען די טעקסטיל-אינדוסטריע. זי ארבעט צוליבן מארק. דעריבער איז גאַנץ מעגלאך געוואָרן, זי זאָל צוגרייטן מער סכוירעס, איידער דער מארק קאָן איינשלינגען. דאַן פלעגט אָנקומען דער קריזיס מיט זיין ארבעטלאָזיקייט, מיטן פאַלן פון די פרייזן אַף די סכוירעס, מיט דער רואינירונג פון פילע אונטערנעמונגען; דער קריזיס, וואס ברייינגט צו דער ווייטערדיקער קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע, צו נאָך אַ גרעסערן טהאָם צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואזיע.

מיט דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג אָבער פונם קאַפּיטאַליזם ענדערט זיך די זאַך ראַדיקאַל. סע הויבט אָן דאמינירן (הערשן) די מעטאַלורגישע אינדוסטריע, דעריקער יענע צווייגן אירע, וועלכע באשעפטיקן זיך מיט צוגרייטן מאַשינען. די מאשינען, באַזונדערס די גרויסע, ווערן פאַרגרייט נאָר לויט אַ באַשטעלונג, אָבער ניט פאַרן מארק. הייסט עס, אַז דער מאַרק קאָן ניט איבערגעפּילט ווערן, סע קאָן, הייסט עס, ניט זיין קיין קריזיס, וואָס זיין מעהוס באשטייט דאָך אין דעם, וואָס דער מארק ווערט איבערגעפּילט מיט סכוירעס.

דידאָזיקע טעאָריע איז אַ פאַלשע. די גרויסע מאשינען ווערן, עמעס, צוגעגרייט נאָר לויט אַ באַשטעלונג, דאָס איז ריכטיק. דערפון איז אָבער לאכלוטן ניט געדרונגען, אַז דער קריזיס ווערט ניט מעגלאך פון יענעם מאָמענט אָן, ווען דעם ערשטן אָרט פאַרנעמט דער מין אונטערנעמונגען. די מייסע איז, וואָס אזעלכע אונטערנעמונגען נויטיקן זיך אין אַ באַשטימטן מינימום באַשטעלונגען אַף די סכוירעס, וואָס זיי פּראָדוצירן. ווען דערדאָזיקער מינימום איז ניטאָ, הויבט אָן די אונטערנעמונג ארבעטן מיט אָנווער, און, ווען דאָס געדויערט זייער לאנג, ווערט זי רואינירט.

דער קריזיס אין דידאָזיקע פּראָדוקציע-צווייגן ווערט אויסגעדריקט דערין, וואָס זיי באַקומען ניט דעם גענוגן סכום באַשטעלונגען. און דאָס ברייינגט מיט זיך דיזעלביקע רעזולטאַטן, וואָס די איבערפילונג פון מארק מיט סכוירעס. אינדערעמעסן, דער מאנגל אין באַשטעלונגען ברייינגט מיט זיך:

1. אַ גרויסע פאַרקירצונג פון דער פּראָדוקציע, דער טיפּישסטער סימען פון אַ קריזיס.

2. אין יאָגעניש נאָך אַ געגנוגן סכום באַשטעלונגען, נידעריקן די אונטערנעמונגען די פרייזן. די שטאַרקע נידעריקונג פון די פרייזן—דאָס איז דער צווייטער טיפּישסטער סימען פון אַ קריזיס.

3. דידאָזיקע ביידע סיבעס רופן ארויס די רואינירונג פון מאַסן שוואכערע אונטערנעמונגען — דער דריטער טיפּישסטער סימען פון א קריזיס.

אַלס רעזולטאַט פון דעם לעצטן ווערט ווידעראַמאָל פאַרשטאַרקט די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, און סע ווערט פאַרגרעסערט דער טהאָם צווישן פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, סע וואַקסט נאָך מער די סטירע צווישן קאָלעקטיוון פּראָדוציר-אויפן און פּריוואַטן פאַראייגענונג-אויפן; דאָס איז דער סאַמער כאראקטעריסטישער און וויכטיקער רעזולטאַט פון אַ קריזיס.

בעכיין, זעען מיר, אַז די פּראָדוקציע-צווייגן, וואָס ארבעטן לויט אַ באַשטעלונג, זיינען אַ האָר ניט פאַרפאַנצערט פון קריזיסן. דער קריזיס נעמט דאָ נאָר אַביסל אַן אַנדער פאָרם: ניט די איבערפילונג פונם מארק, נאָר דער מאַנגל אין באַשטעלונגען. אָבער דאָס בייט אַף אַ האָר ניט זיין מעהוס, ניט זיינע רעזולטאַטן. און דער הויפּט-טאָעס פונם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, וואָס מיר אנאליזירן, באַשטייט דערין, וואָס ער מישט צונויף די ארויסווייז-פאָרם פונם קריזיס מיט זיין מעהוס, און איינע פון די

אַרויסוויז-פאָרמען זיינע, וועלכע איז טיפּיש פאַר די ערשטע סטאַדיעס פונם אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, נעמט ער אָן פאַרן מעהוס פונם קריזיס.

צום שלוס מוזן מיר באַמערקן, אַז די אָפּלייקענונג פון קריזיסן האָט אין זיך, אויסער אַנדערע זאַכן, אויך אַ קאָמישן עלעמענט. אָפּלייקענען די עקסיסטענץ פון קריזיסן, בעת זיי שלאָגן זוי שטאַרק די מאָדערנע געזעלשאַפט מיט אַלע אירע קלאַסן, און באַזונדערס דעם פּראָלעטאַריאַט! מיט ניט אַ קלענערן גרונט האָט מען געקאָנט אָפּלייקענען די עקסיסטענץ פון אָרימקייט, קרענק און פונם טויט אַליין.

2. די קריטיק פון די דערווידערונגען קעגן דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע

א) דער באַשטאַנד פון די קעגנער פון דערדאָזיקער טעאָריע.

אויבן האָבן מיר איבערגעגעבן העגעלס באַוווּסטע „טריאַדע“ (טעזיס, אַנטיטעזיס, סינטעז). העגעלס לערע וועגן דער אַנטוויקלונג („דיאַלעקטיק“) ווערט זייער געלונגען און זייער ריכטיק אַנגערופן „די אַלגעברע פון פּראָגרעס“. ס'איז קיין ספק ניט, אַז מאַרקס טעאָריע וועגן קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע דערווייזט ניט מיט א קלענערער „מאַטעמאַטישער“ באַשיימפערלאַכקייט, אז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג מוז אומעטום פאַרביטן ווערן אף א סאָציאַליסטישער, און אז יענע צייט איז שוין גאָר ניט ווייט.

אָבער די קאָנצענטראַציע-טעאָריע ווערט נאָך אדאַיעם העפטיק באַשטריטן.

קעגן איר זאָגן זיך, פאַרשטייט זיך, אַרויס אַלע אידעאָלאָגן פון דער גרויס-בורזשואַזיע, די בורזשואַזיע וויל גלויבן, אז „צו איר מעמשאָלע איז קיין סאָף ניטאָ“.

קעגן דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע טרעטן אָבער אַרויס ניט בלויז די פאָרשטייער פון דער גרויס-בורזשואַזיע. די מייסטע איז, וואָס צווישן דער גרויס-בורזשואַזיע און דעם עכטן „ריינעם“ פּראָלעטאַריאַט (פּראָלעטאַריער בעין פּראָלעטאַריער) געפינט זיך א באַדייטנדיקע מאַסע צווישן-שיכטן. מיר ריידן שוין ניט פון יענע פאַבריק-אַרבעטער, וועלכע האָבן אין דאָרף ערד און באַאַרבעטן זי טיילווייס דורך לוין-אַרבעט. קלאָר, אַז אַזעלכע אַרבעטער זיינען גאָר ניט נויטע צו טויפעס זיין דעם פאָשעטן עמעס וועגן דער קעגנזעצלאַכקייט פון אינטערעסן צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, ווייל אין זייער פּערזאָן פאַרטייניקן זיי איינצייטיק ביידע קלאַסן. לאָמיר אָבער אַפילע נעמען אַן אַרבעטער, וואָס פּערזענלאַך האָט ער קיין שייכעס ניט צו עקספּלואַטאַציע. סע קאָן טרעפן, באַזונדערס בא יענע, וועלכע זיינען ניט לאַנג אריינגעטראָטן אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט, אַז צווישן זייערע קרויווים זיינען פאַראַן פּערזאָנען, וועלכע געהערן צו דער בורזשואַזיע, געוויינטלאַך, צו דער קליין-בורזשואַזיע. קלאָר, אז אזא פּראָלעטאַריער איז אויך שווער טויפעס צו זיין דעם געדאַנק וועגן דער נויטיקייט פון אן אומבעשאָלעמדיקן קאַמף מיט דער בורזשואַזיע.

לאָמיר איצט איבערגיין צו דער קליין-בורזשואַזיע.

די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע האָט רואינירט די קליינע אונטערנעמער אדער פאַרערגערט זייער לאַגע. פילע פון דער קליין-בורזשואַזיע האָבן דעריבער נאָענטע קרויווים, וועלכע זיינען געוואָרן ארבעטער. כוץ דעם, איז א טייל פון די קליינבירגער פאַרשטייט, אז אויב ניט מאָרגן, איז איבער א וואָך אַרום וועלן זיי אויך מוזן גיין אין פאַבריק אריין; ווידער איז א טייל פון דער קליין-בורזשואַזיע, צ. ב. פיל קליינע קרעמערלאַך לעבן דאָך פון די אַרבעטער, וועלכע זיינען די הויפּט-קוינים זייערע; די העכערונג פון דעם ארבעטלוין און ביכלאַל יעדע פאַרבעסערונג פונם אַרבעטערס לאַגע רופט זיך זייער גוט אָפּ אף דידאָזיקע קרעמערלאַך, און דעריבער פילן זיי בעסער מיט דעם אַרבעטער, איידער דער בורזשואַזיע (דער גרויסער).

אָט דידאָזיקע און נאָך אַנדערע עלעמענטן, סיי פונם אַרבעטער-קלאַס, סיי פון דער קליין-בורזשואַזיע קאָנען זיך זיין איבערצייגטע סאָציאַליסטן, ביפראַט, אז דער קאַפּיטאַליזם גלעט זיי ניט איבערן קעפּעלע; זיי וועלן אָבער געוויינטלאַך זיין גאַנץ שלעכטע רעוואָלוציאָנערן, ווייל דידאָזיקע רעוואָלוציע איז אַפילע ניט קיין קאַמף, נאָר מאַמעש א מילכאָמע צווישן די קלאַסן, און זיי האָבן איןביידע קלאַסן נאָענטע מענטשן.

דידאָזיקע עלעמענטן שפּיילן דאָס דעם רעוויזיאָניזם, ד. ה. דעם סאָציאַליזם, וועלכער האָפט אויסצומיידן די מילכאָמע צווישן דער בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט; וועלכער פאַרזיכערט, אז די סטירע פון די קלאַסן-אינטערעסן ווערט מיט דער צייט ניט פאַרשאַרפט, נאָר פאַרגלעט, „פאַרטעמפּט"; וועלכער לערנט, אז די לאַנדווירטשאַפט וועט אלעמאָל זיין אין די הענט פון קליינע אונטערנעמער, און די בורזשואַזיע, — דאָס פויערטום, הייסט עס, — וועט בלייבן א פילצאָליקער און ווירטשאַפטלאַך-נוצלאַכער קלאַס.

אַזוי ארום באַגעגנט די טעאָריע וועגן דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע דער-ווידערונגען אפילע צווישן די ארבעטנדיקע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג; נאָכמער, אפילע צווישן יענע, וועלכע זיינען אָנהייגער פון מאַרקס אַרבעטווערט-טעאָריע.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אף די וויכטיקסטע דערווידערונגען, וועלכע סע ווערן ארויסגע-שטעלט קעגן דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע.

ב) צו דער פראַגע וועגן דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דער אינדוסטרי.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס לייקענען גאָר אינגאַנצן אף די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָ-דוקציע. זיי (צ. ב. דער אָנגעזעענסטער טעאָרעטיקער פון אנארכיזם, קראָפּאָטקין) זאָגן, אז אין קיין געביט פונם ווירטשאַפטלאַכן לעבן באַמערקן מיר ניט קיין קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, אַפילע אין דער אינדוסטריע איז זי ניטאָ. קראָפּאָטקין ברענגט א ראַיע דערפון, וואָס אפילע אין אזא אינדוסטריעלן לאַנד ווי אייגלאַנד, און אין אַזא קאַפּיטא-ליסטיש אנטוויקלטן צווייג פון איר פאָלק-ווירטשאַפט ווי די טעקסטיל-אינדוסטריע, איז דאָך די צאָל וועבער-יעכידים (באַלמעלאָכעס), אסאך גרעסער, איידער אירע טעקסטיל-פאבריקן.

דער פאַקט איז אינגאַנצן ריכטיק, דער אויספיר אָבער איז דאָ א פאַלשער. קינדערשע שפּיל-האַרמאַטן און ביקסן איז אין יעדן לאַנד מער, איידער עכטע, עמעסע. סע וואָלט דאָך אָבער געווען אן אבסורד ארויסצודרינגען דערפון, אַז די מיליטערישע מאַכט פון יעדן לאַנד באַזירט זיך דעריקער אַף די שפּיל-ביקסלאַך א. א. וו. דאַסזעלביקע איז אויך אין געגע-בענעם פאַל. א ליאַדע איינגלישע טעקסטיל-פאַבריק פּראָדוצירט געוועב אַסאַך מער, איידער אלע האַנטוועבער פון איינגלאַנד צוזאַמען גענומען, און די לעצטע שפּילן אין דער פּראָ-דוקציע ניט אסאך א גרעסערע ראָליע, איידער די קינדערשע ביקסלאַך אין מיליטער. וויבאַלד אזוי איז דאָך טאַקע די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע דאָרט אוועק זייער ווייט. די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע ווערט דאָך טאַקע כאַראַקטעריזירט מיט דער ראָליע, וואָס די גרויסע אונטערנעמונגען שפּילן אין דער פּראָדוקציע.

נאָכמער, ווען מע זאָל זיך בעסער אריינטראַכטן, וועט מען שוין פון אָנהויב אָן זען, אַז דער פאַקט, וואָס די צאָל האַנטוועבער איז גרעסער פון דער צאָל וועבערייען, רעדט ניט קעגן, נאָר, אדראבע, פאַר דער שטאַרקער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אינדערעמעסן. דאָס דערווייזט דאָך נאָר, אַז די צאָל וועבערייען אין איינגלאַנד איז לעפי-ערעך זייער ניט גרויס. דערדאָזיקער אומשטאַנד, בא דער גוואַלטיק גרויסער

פּראָדוקציע, זאָגט איידעס, אַז יעדערע פון דידאָזיקע פאַבריקן איז זייער גרויס. דאָס דערווייזט, אַז די קאָנצענטראַציע עקסיסטירט און זי איז זייער אַ באַדייטנדיקע.

דערצו דאַרף מען נאָך באמערקן, אז פיל קליינע (איינצלנע) אונטערנעמונגען, וואָס די סטאַטיסטיק באצייכנט זיי, אלס „זעלבשטענדיקע", זיינען בעעמעס בלויז אן ארויסווייז-פאָרם פון ... דער רעזערוו-ארמיי (ארבעטלאָזיקע). פיל ארבעטער, ניט זייענדיק אימ-שטאַנד צו באקומען ארבעט אין דער פאַבריק, באַשעפטיקן זיך מיט היימישער מעלאכע, און אזוי ארום פאַלן זיי אריין אין דער „מעיוכעסדיקער" מישפּאָכע פון „זעלבשטענדיקע אונטערנעמער", אנשטאט אַריינגערעכנט צו ווערן אין דער מער באשיידענער, אבער אויך מער אנטשפּרעכיקער רובריק פון ארבעטלאָזע.

ג) צו דער פראַגע וועגן קאָנצענטראַציע פון פּראָדוקציע אין טראַנספּאָרט און אין קרעדיט.

איייניקע, מער פּאָרזיכטיקע, קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע אנערקענען יענעם אויגנרייסנדיקן פאַקט, אַז די קאָנצענטראַציע האָט אן אָרט אין דער אינדוסטריע, זיי לייקענען אָבער זי אָפּ אין די איבעריקע ספערעס פון דער פאָלק-ווירטשאַפט: אין טראנס-פּאָרט, קרעדיט, האנדל און ערדארבעט (לעמאָשל, דער באקאנטער טשעכישער שרייבער מאסאריק).

אף וויפל דאָס איז שאיעך דעם טראנספּאָרט, האָט דאָ אַן אָרט דערזעלביקער טאָעס, וואָס מיר האָבן באמערקט אויבן, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן די דערווידערונגען קעגן דער קאָנצענטראַציע אין דער אינדוסטריע. געוויס איז די צאָל באַלעגאָלעס גרעסער, איידער די צאָל אייזנבאַנען און שיף-קאָמפּאַניעס; דאָס ווידערשפּרעכט אָבער ניט דעם פאַקט, אַז די הערשנדיקע ראָליע אין טראַנספּאָרט געהערט ניט צו די ערשטע, נאָר צו די לעצטע, ביפראָט, אז ניט דער סכום באַלעגאָלעס אין די אָדער יענע פונקטן רופט ארויס די דורכ-פירונג פון די אייזנבאנען,—פאַרקערט, די דורכפירונג פון די אייזנבאנען באשטימט די צאָל באַלעגאָלעס אין די פונקטן, ווו די באַנען גייען דורך. וויבאלד אָבער די אנטשיידנדיקע ראָליע אין טראַנספּאָרט געהערט צו די שיף-קאָמפּאַניעס, אייזנבאנען א. ד. ג., הייסט עס, אַז זי געהערט צו זייער גרויסע אונטערנעמונגען, און דאָ האבן מיר, הייסט עס, ווייטער א שטארקע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

איבערגייענדיק צום קרעדיט-וועזן, דאַרפן מיר זאָגן, אז דאָ איז דער טאָעס פון די קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע נאָך באשיימפערלאַכער, איידער בענויגייע צום טראַנספּאָרט און אפילע צו דער אינדוסטריע. אינם קרעדיט-וועזן הערשן דאָך די ביינק, און די קלענסטע באנק איז דאָך אַ גרויסע אונטערנעמונג, פונקט אַזוי ווי דער קלענסטער עלפאַנט איז דאָך אַ גרויסע כאיע. אויסער דעם האָבן די ביינק די ליוויאָסנס — ווי מיר וועלן עס ווייטער זעען — קימאַט מאָנאָפּאָליזירט דעם גאַנצן קרעדיט-וועזן.

ד) צו דער פראַגע וועגן קאָנצענטראַציע אין האַנדל.

קאָמפּליצירטער איז דער איניען בענויגייע צו האנדל. דאָ ציילט אן די ס ט אַ ט י ס-ט י ק זייער א גרויסע צאָל קליינע איינצלנע אונטערנעמונגען, אבער א באַדייטנדיקער טייל זייערער איז פון שטאַנדפּונקט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע לאכלוטין אומזיסט גערעכנט אין דערדאָזיקער רובריק, ווייל פיל פון זייערע באזיצער זייגען פּאָשעט אביסל פּאַרמאַסקירטע פּאָרשטייער פון דער רעזערוו-ארמיי; און פילע פון דידאָזיקע אונטערנעמונגען זיינען אין טאָך נאר ה א נ ד ל ס - פּ י ל י ע ס פון די גרויסע און אפילע גרעסטע אונטערנעמונגען.

לאָמיר אָנהויבן פונם ערשטן. פאַרבייגייענדיק האָבן מיר שוין גערעדט פון דעם אויבן. דעריבער וועלן מיר זיך באַגרענעצן מיט איייניקע נייע ראַיעס, וואָס באַווייזן, אַז דערדאָזיקער געדאַנק איז ריכטיק. די דייטשע סטאַטיסטיק ווייסט א ספּעציעלע רובריק Genussmittelnhande, „דער האנדל מיט געוס-זאכן”; אהער גייען אריין דער האַנדל מיט פּאַפּיראָסן, שוועבעלאך, אייז-קרעם, קיל-מאשקאָעס א. א. וו. דאַכט זיך, אזעלכע אונטערנעמונגען דארף זיין אסאך מער אום זומער, איידער אום ווינטער; דיווירקלאכקייט אָבער באַווייזט פּונקט פאַרקערט. אין דייטשלאנד זיינען אין 1900 יאר פאָרגעקומען צוויי ציילונגען— איינע זומער, די צווייטע ווינטער. צו דער איבעראשונג פון די עקאָנאָמיסטן און סטאטיסטיקער, האָט די לעצטע ציילונג ארויסגעוויזן, אז קליינע אונטערנעמונגען אין דעמדאָזיקן געביט איז אום ווינטער אַסאַך מער (קימאט אף אַ האַלבן מיליאָן) איידער אום זומער. דערדאָזיקער אומדערווארטער פאַקט ווערט דערקלערט דערמיט, וואָס פילע ארבעטלאָזע קויפן אַביסל סכוירעס און זיינען זיך ווי סע איז מעפאַרנעס, אבי ניט שטאַרבן פון הונגער. באַ דער ערשטער מעגלאכקייט אָבער צו באַקומען אַרבעט אין דער פאבריק ווערט דידאָזיקע „אונטערנעמונג” ליקווידירט, צו דער גרויסער פרייד פון איר באזיצער. ווינטער איז אַרבעטלאָזע פאַראַן אסאך מער, איידער זומער, ווען ס'איז דאָ פעלד-ארבעט, בוי-ארבעט און אנדערע סעזאָן-ארבעט. דעריבער איז ווינטער די צאָל פון אַזעלכע „זעלבשטענדיקע אונטערנעמונגען” גרעסער.

לאָמיר איצט איבערגיין צו די פאַלן, ווען די געוויסע ניצכוינעס פון דער גרויס-פּראָדוקציע רעגיסטרירט די סטאַטיסטיק אלס די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל קליינע אונטערנעמונגען, אלס א טריומף פון דער קליין-פּראָדוקציע. מיר וועלן נעמען ווידער דייטשלאַנד. ווי ס'איז באַוווּסט איז דאָס א לאַנד פון די גרעסטע ביר-ברויערייען. וואָס גרעסער אזא ברויעריי איז, אלץ מער ביר-שיינקען האָט זי. דידאָזיקע אלע שיינקען זיינען עקאָנאָמיש — האַנדלס-פיליעס פון דער ברויעריי, זיי האָבן אפילע קיין רעכט ניט צו האַנדלען מיט ביר פון אנדערע ברויערייען. אפילע די נויטיקע אויסשטאטונג פון דידאָזיקע שיינקען ווערט ארויסגעגעבן פון דער אנטשפּרעכיקער ביר-ברויעריי. די סטאַטיסטיק אָבער רעגיסטרירט זיי, אלס קליינע „זעלבשטענדיקע” אונטערנעמונגען, ווייל יורידיש זיינען זיי אומאָפּהיינגיק פון דער ברויעריי; דידאָזיקע „אומאָפּהייגיקייט” פונם „באַזיצער” גאַראַנטירט דער ברויעריי א גרעסערע ענערגיע אין דער אַרבעט, ווייל דער שיינקער אַרבעט מיט אלע קויכעס, אז דער שיינק, וואָס ער רעכנט פאַר „זיינעם”, זאָל מער אופטאָן און מער וואַקסן. אין טאָך אָבער איז דער שיינקער א לוין-אַרבעטער, וואָס אַרבעט פון שטיק, און א מער ענערגישע אַרבעט גיט אים א גרעסערן פאַרדינסט. ווען א ביר-ברויעריי וועט עפענען עטלאַכע נייע ביר-שיינקען — הייסט עס פאַקטיש און עקאָנאָמיש, אַז די גרויסע אונטערנעמונג איז געוואָרן נאָך גרעסער. דאָס באַטייט — וווּקס און ניצאָכן פון דער גרויס-פּראָדוקציע; סטאַטיסטיש אָבער וועט זיך דאָס אויסדריקן, אלס א גרינדונג פון א ריי נייע קליינע אונטערנעמונגען, אלס ניצאָכן און ערפאָלג פון קליינע אונטערנעמונגען, אלס ניצאָכן און ערפאָלג פון דער קליין-פּראָדוקציע.

ווען מיר וועלן אריינטראָגן אָט דידאָזיקע קאָרעקטיוון, וועלן מיר קלאָר זעען, אז אויך אין האַנדל שטויסן ארויס די גרויסע אונטערנעמונגען די קליינע.

דערפון איז אָבער ניט געדרונגען, אז די צאָל קליינע אונטערנעמונגען אין האַנדל איז נישטיק. אדעראַבע, זי איז גוואַלטיק גרויס. און ניט דאָס אליין. סע גיבן פאַלן, ווען די גרויסע אונטערנעמונגען אין האַנדל קאָנען ניט ארויסשטויסן די קליינע, ווען די לעצטע זיינען צוועקמעסיקער אפילע פון עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט. דאָס האָט אן אָרט דעריקער אין די דערפער און נאָך אזעלכע ישובים. סע איז קלאָר, אַז דאָרטן קאָן עקזיסטירן אָדער

אַ קאָאָפּעראַטיוו אָדער אַ קליין פּריוואַט קלייטל, אָבער בעשום אופן ניט קיין גרויסער אוניווערסאַלער מאגאזין.

דאָס לעצטע איז אָבער לאַכלוטן קיין ראַיע ניט, אַז אין האַנדל האָבן די קליינע אונטערנעמונגען אַ פּרעוואַלירנדיקע באַדייטונג. לאָמיר דערמאָנען, אַז די סומע פון זייערע אומזאַצן איז אין אַלגעמיין אַ סאַך קלענער, איידער די סומע אומזאַצן פון די גרויסע אונטערנעמונגען. הייסט עס, אַז אויך אין האנדל שפּילן די לעצטע אַ פּרעוואַלירנדיקע ראָליע.

צום שלוס וועלן מיר באַמערקן פאָלגנדיקן קוריאָזן אומשטאַנד. דיזעלביקע שרייבער, וועלכע דערוויזן, אַז אין האַנדל קאָנען די גרויסע אונטערנעמונגען ניט אַרויסשטויסן די קליינע, פאַרבֿלינען זיך פון היספּיילעס, ווען זיי ריידן וועגן דעם ערפאָלג פון דער קאָאָ-פּעראַציע. דער קאָאָפּעראַטיווער פאַרבאַנד אָבער, און אויך די פּילקראָמיקע קאָאָפּעראַטיוון זיינען דאָך גרויסע האַנדל-אונטערנעמונגען. עמעס, די קאָאָפּעראַטיוו-פאַרבאנדן קאָנען באַשטיין פון אַ ריי קליינע אונטערנעמונגען, אָבער דאָס שליסט ניט אויס דעם פאַקט, אַז זיי אליין געהערן צו די גרויסע, אָפּטמאָל זייער גרויסע אונטערנעמונגען. פּאַלאַצן, צ. ב., באשטייען אויך פון ציגל, דאָס הייסט, פון קליינע זאַכן, אָבער קיינער וועט דאָך אָף דעם סמאַך ניט זאָגן, אז זיי געהערן צו קליינע געביידעס. און וויבאלד די קאָאָפּעראַציע אַנט-וויקלט זיך זייער שנעל, וויבאַלד סע וואַקסן קאָאָפּעראַטיווע פאַרבאַנדן און פּילקראָמיקע קאָאָפּעראַטיוון, — באווייזט דאָס קלאָר, אז אויך אין האַנדל וואַקסן און אַנטוויקלען זיך דאפקע די גרויסע אונטערנעמונגען, ד. ה. פונקט דאָס, וואס מיר באהויפּטן, און וואָס אונ-זערע קעגנער לייקענען אָפּ.

3. די קריטיק פון דערווידערונגען קעגן דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע אין דער ערדאַרבעט.

אַלגעמיינע אַרגומענטן קעגן דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט

א) זייער אינהאַלט.

אלע באַהויפּטונגען, אז די קאָנצענטראַציע איז ניט קענטיק ניט אין דער אינדוסטרי, ניט אין טראַנספּאָרט, ניט אין קרעדיט, געהערן, דאָסראָוו, צו די עקאָנאָמיסטן-ליבהאָבער, דילעטאַנטן (קראָפּאָטקין, מאַסאריק). די ספּעציאַליסטן, וואָס פאַר אַ הייסע אנהייגער פון דער קליין-ווירטשאַפט זיי זאָלן ניט זיין, היטן זיי זיך אָפּ אַרויסצוטרעטן מיט אזעלכע לייכטוואָגיקע טיינעס. זיי גראָבן זיך בעסער ארום אין אַן אנדער געביט, אין געביט פון לאַנדווירטשאַפט, און זיי דערוויזן, אז אין דערדאָזיקער ספערע פון פאָלק-ווירטשאַפט קומט ניט פאָר קיין שום קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע און, לויטן טאָך פון דער זאַך, קאָן זי דאָרט ניט פאָרקומען.

לאָמיר זיך טכילעס אָפּשטעלן אָף די ראַיעס, אז אין ערדארבעט קאָן ניט פאָרקו-מען די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

די אַרגומענטן פאר דערדאָזיקער פּאָזיציע קאָן מען גרופּירן אין דריי גרונט-גרופּעס:

1) די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע קאָן קיין אָרט ניט האָבן אין דער לאַנד-ווירטשאַפט דערפאַר, ווייל די קאָנצענטראַציע עקזיסטירט נאָר אַדאַנק די מאַשינען, אָבער אין דער לאַנדווירטשאַפט קאָנען דאָך קיין גרויסע מאַשינען ניט זיין. אין דער אינדוסטרי

בלייבט די מאַשין אפּן אָרט, און צו איר ברײנגט מען צופירן דעם רויען מאַטעריאַל; דער־פאר קאָנען די מאַשינען זיין זייער גרויס און מעכטיק, ווייל זיי קאָנען באזיצן אַ גוואַלדיקע וואָג. אין ערדארבעט אבער דארף די מאַשין אליין באוועגן זיך איבערן פעלד, דעריבער מוז זי זיין לייכט און קאָן, הייסט עס, ניט זיין מעכטיק און גרויס. אויסער דעם איז אין דער אינדוסטריע האָט א גרעסערן זין איינצופירן מאשינען, איידער אין דער ערד־ארבעט, ווייל אין דער אינדוסטריע ארבעט די מאשין אַ גאַנץ קיילאכיק יאָר און אין דער ערד־אַרבעט בלויז א קורצע צייט. און דאָס מוז שטערן דעם בְרייטן און שנעלן אַריינפיר פון מאַשינען אין דער ערדארבעט.

2) די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע קאָן קיין אָרט ניט האָבן אין דער לאַנד־ווירטשאפט דערפאר, וואָס דאָס איז אַ סעזאָן־אינדוסטריע, און מערווערט ווערט דאָרט אויסגעפּרעסט נאָר אין מעשעך פון אַ טייל יאָר, בעאייס אין דער אינדוסטריע ווערט זי אויסגעפּרעסט אין מעשעך פון אַ קיילאַכיקן יאָר. מאכמעס דעם טאַקע, וואָס דער קאַפּי־טאַל יאָגט זיך נאָך אַ גרעסערן רעוואַך, וועט ער זיך נאַטירלאַך אַ לאָז־טון אַהין, ווו די מערווערט ווערט אויסגעפּרעסט א קיילאכיק יאָר. דאָס מוז זיך שעדלאַך אָפּרופן אַף דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט.

3) די לאנדווירטשאפט האָט צו טון מיט זייער קאָמפּליצירטע, און דעריבער אויך איידעלע אָרגאַניזמען (געוויקסן, באַלעכאַאים), וואס פּאָדערן מע זאָל זיי זאָרגעדיק פּיל־נעווען; און דאָס קאָן טון נאָר אַן אייגנטימער, אָבער בעשום אויפן ניט די גלייכגילטיקע האַנט פון אַ געדונגענעם. די אינדוסטריע אָבער האָט מיט לעבעדיקע אָרגאַניזמען ניט צו טון.

דידאָזיקע טיינעס זיינען אין פלוג גאַנץ ריכטיקע, אָבער מערנישט טאַקע אין פלוג. לאָמיר צוטרעטן צו אַנאַליזירן זיי. לאָמיר אָנהויבן פונם ערשטן.

ב) דער אַנאַליז פון דעם ערשטן אַרגומענט.

ס'איז ניט ריכטיק, אַז די אַנטוויקלונג פון דער מאַשין־טעכניק איז דער נויטיקער טנײַ פאַר דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע. לאָמיר נעמען דעם קרעדיט־וועזן. די ביינק שפּילן דאָרט די דאָמינירנדיקע ראָליע. די ביינק זיינען זייער גרויסע אונטערנע־מונגען. בעכיין, איז די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין קרעדיט־וועזן אוועק שוין זייער ווייט, און די ביינק האָבן דאָך ניט קיינע שום מאַשינען (אויסער שרייב־מאַשינען, אריפמאמעטרען און אַמאָל הויב־מאַשינען), און דאָס שטערט ניט צו זייער ניצאָכן איבער די קליינע אונטערנעמונגען, צו דער פולער און אַבסאָלוטער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָ־דוקציע.

ס'איז אויך ניט ריכטיק, אז די מאַשינען, וועלכע דאַרפן זיך באַוועגן, מוזן זיין שוואַכע. וועגן דעם איז אַ געלעכטער צו ריידן אין דער עפּאָכע פון אווטאמאבילן, טראַק־טאָרן א. ד. ג. אזאַ באַהויפטונג האָט קיין האַפט ניט נאָך דערפאַר, וואָס אין אַ באַוועגלאַכן גאנצן קאָן זיין אַן אומבאַוועגלאַכע, און זייער אַ מעכטיקער מאָטאָר (באוועגער). נאָך ביישפּילן דאַרף מען ווייט ניט גיין. לאָמיר כאָטש נעמען אַ לאָקאָמאָטיוו, און נאָך בעסער אַ שווימענדיקע פעסטונג — אַן אויבער־דרעדנויט. וועגן דער שוואַכקייט פון זייערע מאָטאָרן קאָן קיין רייד ניט זיין. באַזונדערס איז דאָס שאַיעך צום אויבער־דרעדנויט. זיי האָבן דאָך אַזעלכע מאָטאָרן, וואָס אַף זייער מעכטיקייט קאָן מעקאַנע זיין ניט איין גרויסע פאַבריק.

ס'איז, ענדלאַך, ניט ריכטיק, אַז די סעזאָנישקייט פונם באַנוץ מיט א מאשין איז א גרויסע מעניע אַף איינצופירן זי. סע טרעפט אפילע פאַרקערט, אַז זי סטימולירט נאָכמער גיכער איינצופירן אזא מאשין. לאָמיר נעמען פאר א ביישפּיל די שניידמאשין. זי ארבעט, פארשטייט זיך, ניט פיל טעג אין יאָר. אָבער ווען מע וועט באצייטנס דעם ברויט ניט

אַראָפּנעמען, קאָן מען האָבן גרויס העזעק. לאָמיר, אַגעוו, באַמערקן, אַז עטוואָס ענלאכעס האָט אָן אָרט אויך אין דער אינדוסטריע: אַ ריזיקער דאמף-האמער קלאַפּט מיט א מוירע-דיקער קראַפּט, און עקאָנאָמיש לוינט ניט צו באַנוצן זיך מיט אים, ווען סע איז ניט נוי-טיק צו געבן זייער שטאַרקע קלעפּ. דערפאר באַנוצט מען די ריזיקע דאמף-האמערס לעפּי-ערעך זעלטן. דאָס שטערט אָבער ניט יעדן גרויסן מעטאלורגישן זאוואָד צו האָבן אַזאַ גרויסן האמער, ווייל סע גיבן פאלן, ווען מע מוז אים אומבאדינגט האָבן, און ווען מע קאָן אָן אים ניט אויסקומען.

ג) דער אַנאַליז פון דעם צווייטן אַרגומענט.

לאָמיר איצט איבערגיין צום אַנאַליז פון יענעם ארגומענט, אז אין דער לאַנדווירטשאפט קאָן קיין אָרט ניט האָבן די קאָנצענטראציע, מאכמעס דעם סעזאָן-כאַראקטער פונם דאָזיקן פּראָדוקציע-צווייג.

דערדאָזיקער אַרגומענט האלט ניט אויס קיין קריטיק, מאכמעס די פאָלגנדע דריי טיימים.

ערשטנס, דיווירקלאַכקייט זאָגט איידעס גאַנץ שארף, אז דער סעזאָן-כאַראקטער פון אַוועלכן ניט איז צווייג פון דער פאָלק-ווירטשאַפט קאָן בעשום אויפן ניט דינען אלס מעניע פארן פּראָצעס פון קאָנצענטראציע אין איר. לאָמיר, צ. ב., נעמען די צוקער-אינדו-סטריע. דאָס איז א סעזאָן-אינדוסטריע, און פונדעסטוועגן איז די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע אין איר אוועק שוין זייער ווייט, און די גרויס-פּראָדוקציע האָט דאָרט לע-גאמרע ארויסגעשטויסן די קליינע: קיינעם איז ביז איצט ניט איינגעפאלן דער געדאַנק אַריינצורעכענען די צוקער-זאַוואָדן צווישן די קליינע אונטערנעמונגען.

צווייטנס, ס'איז אַבסאָלוט אַ טאָעס צו מיינען, אז אין דער לאַנדווירטשאַפט פּרעסט אויס דערזעלביקער קאַפּיטאַל ווייניקער מערווערט, איידער אין דער אינדוסטריע. אדע-ראַבע, אין דער לאַנדווירטשאַפט באַקומט מען דאך רענטע, ד. ה., ווי מיר האָבן געזעען, אַן איבער-מערווערט. ס'איז דעריבער קלאָר, אַז א גלייכגרויסער קאַפּיטאַל פּרעסט אויס אין דער לאַנדווירטשאפט ניט א קלענערע, נאָר א גרעסערע מערווערט, איידער אין דער אינדוסטרי. דערדאָזיקער אַרגומענט נעמט זיך פון דער קליינער באַקאַנטשאַפט מיט דער רענטע-טעאָריע. דעמדאָזיקן כעט באַגייען אַפילע עקאָנאָמיסטן.

דריטנס, דעם קאַפּיטאַליסט אינטערעסירט ניט דער סכום מערווערט, וואָס ער פּרעסט אויס, נאָר די מאָס פונם רעוואך, וואָס ער באַקומט; דערדאָזיקער רעוואך, ווי מיר ווייסן שוין פונם אָפּטייל וועגן דער פּרייז פון דער פּראָדוקציע, איז דירעקט ניט אָפּהייניק פון דער מאָס מערווערט, וואָס מע פּרעסט אויס פון דעמדאָזיקן פּראָדוקציע-צווייג. אַזוי אז, אויב אפילע אין דער לאַנדווירטשאפט וואָלט מען ווייניקער אויסגעפּרעסט מערווערט, איי-דער אין דער אינדוסטרי, וואָלט דאָס אויך א האָר ניט געשטערט צו אנטוויקלען דאָרט די גרויס-ווירטשאַפט, ווייל דער סכום מערווערט, וואס דאָ פעלט אויס, וואָלט זיך אהער אריבערגעגאָסן פון אנדערע גינסטיקער אוועקגעשטעלטע ספערעס פון דער פאָלק-פּראָדוק-ציע. מיר האָבן געזעען, אז אין די פּראָדוקציע-צווייגן מיט אַ הויכער סטרוקטור פון קאַפּיטאַל ווערט אויסגעפּרעסט (אין פארגלייך מיטן אריינגעלייגטן קאַפּיטאַל) ווייניק מער-ווערט. אָבער, ווי מיר ווייסן, שטערט דאָס א האָר ניט דעם קאפּיטאַליזם צו אנטוויקלען זיך, דאָס שטערט, הייסט עס, א האָר ניט דער שנעלער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוק-ציע. אַדעראבע. דאַפקע אין דידאָזיקע פּראָדוקציע-צווייגן גייט די אנטוויקלונג פונם קאַפּי-טאַליזם באזונדערס שנעל, און די קאָנצענטראציע פון דער פּראדוקציע פּייערט דא אירע וויכטיקסטע, גלענצנדע ניצכוינעס. ווען אַפילע מע וואָלט באמערקן אין דער לאַנדווירט-שאַפט אַ ניט גענוגן סכום אויסגעפּרעסטע מערווערט, איז פאַרוואָס-זשע זאָל דאָס דאָ

ברײנגען אזעלכע ענדגילטיקע רעזולטאַטן, וואָס מע באמערקט ניט אין די אנטשפּרעכיקע אינדוסטרי-צווייגן. דערפון זעען מיר, אז דער ארגומענט, וואָס מיר האָבן אנאַליזירט, האַלט זיך אַף שוואכער באַהאַוונטקייט ניט בלויז אין דער טעאָריע פון רענטע, נאָר אויך אין דער טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייזן.

ד) דער אנאַליז פון דעם דריטן אַרגומענט.

לאָמיר איצט איבערגיין צום אנאליז פונם סאמע וויכטיקסטן און סאמע פּאָפּולערן אַר-גומענט בענוּיגייע צו דער אומעגלאכקייט פונם ניצאָכן פון די גרויסע אונטערנעמונגען אין דער פּאָלק-ווירטשאַפט. דער ארגומענט איז די קאָמפּליצירטקייט (פון אָרגאַנישן כאַ-ראַקטער) פון די פּראָדוקטן, וואָס מע פּראָדוצירט דאָרט, וועלכע פּאָדערט אַ גרויסע זאָרגעוודיקייט מיצאַד דעם אייגנטימער.

ערשטנס, שטימט ניט דידאָזיקע טײנע מיט דער פּאַקטישער ווירקלאכקייט. אינדער-עמעסן, איז די ארבעט אין ער גרויסער לאַנדווירטשאַפט אַסאך פּראָדוקטיווער, איידער אין דער קליינער. דאָס זעט מען שוין פון דעם, וואָס דער סכום „ארבעטער-הענט", וואָס זיינען באַשעפטיקט אף איין און דעמזעלביקן פלאַץ, איז נידעריקער אין די גרויסווירט-שאַפטן, איידער אין די קליינע, ניט געקוקט דערויף, וואָס די גערעטעניש אין זיי איז העכער. לויט דער דייטשער געווערב-ציילונג פון 1907 יאָר זיינען געווען באשעפטיקט אף 100 העקטאַר אַקער-פלאַץ אין ווירטשאַפטן:

נידעריקער פון 0,5 העקטאר	560,2	מ.
פון 0,5 ביז 2	170,5	„
„ 2 „ 5	88,2	„
„ 5 „ 20	44,1	„
„ 20 „ 100	22,2	„
העכער 100	17,5	„
פון זיי 200	16,9	„

דאס ד רקלערט זיך דעריקער דערמיט, וואָס די גרויסע ווירטשאפטן האָבן אָנגעווענדט אַסאך מער לאַנדווירטשאַפטלאכע מאשינען.

דאָס קאָן אונז באשיימפּערלאך באווייזן פאָלגנדע טאַבעלע, וועלכע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט די ציפער פון דערזעלביקער דייטשער ציילונג פון 1907 יאָר.

גרייס פון די אונטערנע-מונגען	אַלגעמיינע צאָל פון די אונטערנעמונגען	אָנגעווענדטע מאשינען	אַף יעדערע טויזנט אונ-טערנעמונגען קומט אויס אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אָנגעווענדט מאַשינען
נידעריקער פון 0,5 העק.	2.084.060	18.466	9
פון 0,5 ביז 2 „	1.294.449	114.986	89
„ 2 „ 5 „	1.006.277	325.665	324
„ 5 „ 20 „	1.065.539	772.536	725
„ 20 „ 100 „	262.191	243.365	928
העכער 100 „	23.566	22.957	974
פון זיי 200 „	12.887	12.652	982

צווייטנס, — קערן מיר זיך אום צו די טייגעס פון אונזערע קעגנער, — דארף מען באַ-מערקן, אַז אַ גרויסע זאָרגעוודיקייט אין דער באארבעטונג קאָן מען דערגרייכן אויך אין דער גרויסער ווירטשאַפט, באזונדערס, ווען זי וועט דער נען פאַרינטערעסירן אירע ארבע-טער דערמיט, וואָס זי וועט זיי ארויסגעבן אַ כיילעק פון דער גערעטעניש אָדער מיט אוועלכער ניט איז אנדער סיסטעם פון פרעמיעס פאַר דער זאָרגעוודיקייט פון דער ארבעט. אינדערעמעסן, די גרויסע ווירטשאפטן באקומען, אלס קלאל, העכערע גערעטענישן, איידער די קליינע אונטערנעמונגען.

דריטנס, דאַפקע מאַכמעס דער קאָמפּליצירטקייט פונם באשטאַנד פונם געוויקס, נויטיקט זיך די גערעטעניש ניט בלויז אין ניט אזויפיל אינם פילנעוון זי, נאָר אינם וויסן ווען צו אַקערן, ווען צו זייען, וואָס פאר א באמיסטיקונג אָנצוווענדן א. א. וו. בעקיצער, — אין אַ געניטן אגראָנאָם; דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אומצוטריטלאַך פאר א קליינער ווירטשאפט, דאָס האָט בעקויאך נאָר א גרויסע ווירטשאפט. אויסערדעם, דארף מען ניט בלויז וויסן, וואָס אָנצוווענדן אין דעם אָדער יענעם פאַל, נאָר מע דארף אויך האָבן די מעגלאַכקייט דאָס צו קויפן אין א גענוגן סכום. דאָס לעצטע איז אָבער מער אימשטאַנד צו טאָן דאַפקע די גרויסע ווירטשאַפט. דערצו מוז מען צוגעבן, אַז אייניקע מאשינען (צום ביישפּיל דער דאמף-פלוג) ווערן אָנגעווענדט נאָר אין די גרויסע ווירטשאפטן.

און, ווירקלאַך, אַף יעדע 5000 ווירטשאַפטן מיט נידעריקער פון 100 העקטאר ערד איז אין דייטשלאַנד אין 1907 יאָר אויסגעקומען סאַכאַקל איין דאמף-פלוג, און אַף יעדע 5000 ווירטשאַפטן מיט העכער פון 200 העקטאר ערד איז אויסגעקומען אַ כ ט ה ו נ ד ע ר ט מ י ט צ ו ו אַ נ צ י ק אַזעלכע דאַמף-פלוגן.

די קאָאָפּעראַציע פון די קליינע ווירטשאַפטן קאָן אין געגעבענעם פאַל זייער ווייניק וואָס ענדערן. ערשטנס, די קאָאָפּעראַטיוון פון די ערדארבעטער זיינען זייער קליין אין דער צאָל, וואָס ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין צופעליקייט; צווייטנס, אויב אפילע סע וועט זיך יאָ בילדן אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו און וועט ערפאלגרייך פונקציאָנירן, וועט דאָס שוין זיין, ווי מיר האָבן געשריבן, ניט קיין קליינע, נאָר אַ גרויסע ווירטשאַפט, פונקט ווי אַ פּיל-שטאָקיק הויז וועט זיין אַ ג ר ו י ס ע ר ביניען, האַגאַם סע באשטייט פון ציגל, ד. ה. פון קליינע זאַכן.

פערטנס, דער מאָטיוו וועגן די אָדער יענע באזונדערקייטן אין דעם אָדער יענעם צווייג פון דער פאָלק-ווירטשאַפט, באַזונדערקייטן, וועלכע מאַכן פאר אומעגלאך, אז אַהין זאָל אַריינדרינגען דער קאַפּיטאַליזם (און די גרויס-פּראָדוקציע) — דאָס איז דער באַליבטער מאָטיוו פון אלע אָנהיינגער פון דער קליין-ווירטשאַפט. דערדאָזיקער מאָטיוו האָט זיך שוין אין לעבן לאַנג קאָמפּראָמעטירט. גאָר ניט לאנג האָבן די אָנהיינגער פון דער קליין-פּראָ-דוקציע מיט אַ היץ געוואָלט דערווייזן, אז דער קאַפּיטאַליזם קאָן ניט אַריינדרינגען אין דער מעלאָכע — ביפראַט אין דער שוסטעריי, ווייל אַ מאשין מאַכט דאָך אַלץ לויט איין שאַבלאָן, דער שוסטער אָבער מוז זיך דאָך צופּאַסן צו יעדן פוס באזונדער, און ווייניק זיינען דען דאָ פיס מיט אינדיווידועלע באַזונדערקייטן, אפילע בא נאָרמאַלע מענטשן, שוין אָפּגערעדט פון הינקעדיקע א. א. וו. אויסערדעם, איז דער שוסטער קאָן פאַריכטן שוכוואַרג, אָבער די מאַשין קאָן דאָס ניט טאָן. סע האָט אָבער נאָך ניט אויסגעטריקנט דער טינט פון די פענעס, וועלכע האָבן אַזוינס געשריבן, און סע האָט זיך באַוויזן אַ פּאַדעשווע-צונייענדיקע מאַשין, און סע הויבט זיך אָן אַ שנעלע און ענערגישע מעכאַניזאַציע פון דער שוכוואַרג-פּראָדוקציע. לאָמיר נעמען אַ צווייטן, נאָך א מער בולעטן ביישפּיל. די אָנהיינגער פון דער קליין-פּראָדוקציע האָבן מיט גרויס זיכערקייט באהויפּט, אַז אין דער טיפּאָגראַפישער אינ-דוסטרי וועט אייביק הערשן די קליין-פּראָדוקציע, ווייל דעם זעצער קאָן קיין מאשין ניט

פּאַרבײטן, — זי קאָן דאָך קײן קסאַװיאַד ניט לײענען און קאָן ניט צוקלײבן די געהעריקע אויסיעס. דערדאָזיקער, אין פלוג, ריכטיקער פאַקט האָט דאָך ניט געשטערט, אַז ס'זאָל זיך באַװײזן אַ זאַך-מאַשין, און דער קאַפּיטאַל איז ניט בלויז אַרײנגעדרונגען אין דער טיפּאָ-גראַפישער פּראָדוקציע, נאָר ער האָט זי אײנגאַנצן באַהערשט. ביכלאַל, — די אָנהײנגער פון דער קלײן-װירטשאַפט דערמאָנען אין געגעבענעם פאַל אָן יענעם אינגל פון דער באַװוּס-טער מײסע, נאָר פון דער צװײטער זײט: יענער האָט געשריגן „אַ װאָלף, אַ װאָלף", װען פון קײן װאָלף איז קײן זײכער ניט געװען, און די שװערן זיך, אַז דער װאָלף װעט ניט קומען, בעאײס ער רײסט שוין די גאַנצע טשערעדע אַכזאָריעסדיק.

ביכלאַל איז טעאָר. טיש ניט ריכטיק און נאַאיװ צו מײנען, אַז אין דער עפּאָכע, װען די טעכניק אַנטװיקלט זיך אַזױ שנעל און מאַכט אונטערטעניק אפילע דעם אָקעאַן און די לופט, װעט זי (. י טעכניק) ניט קאָנען גױװער זײן פאַרשײדענע קלײנע מעניעס. דאָס, װאָס הײנט איז פאַר איר אומעגלאַך, װעט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן װערן מעגלאַך. קורץ גערעדט, סע האַלט ניט אויס קײן קריטיק אויך דער אַרגומענט, װעלכער פאַרזיכערט, אַז די לאַנדװירטשאַפט װעט קײנמאָל ניט באַזיגן קײן שטאַרקע טעכניק. שוין אָפּגערעדט דערפון, װאָס, װי מיר האָבן דאָס געזען אפן בײשפּיל מיט די בײנק, די גרויס-פּראָדוקציע קאָן זיך אַנטװיקלען און אײנשלינגען די קלײנע, אפילע װען קײן מאַשינען זײנען דאָרט ניטאָ.

ה) װעגן ציפער-מאַטעריאַלן.

די קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע באַגרענעצן זיך ניט בלויז מיט אַלגעמײנע סװאָרעס. זײ װאַלגערן אָן „בערג" מיט ציפער אַלס ראַיע, אַז אין דער לאַנדװירטשאַפט איז קײן קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע ניטאָ.

סע איז קלאָר און פאַרשטענדלאַך, אַז לויטן מעהוס פון דער זאַך זײנען ציפער ניט אימשטאַנד צו באַװײזן, אַז אין דער לאַנדװירטשאַפט קאָן ניט זײן קײן קאָנצענטראַ-ציע פון דער פּראָדוקציע. די סטאַטיסטישע אָנגאַבן באַצײכענען נאָר דאָס, װאָס איז פאַראַן, און דאָס, װאָס איז געװען, אָבער בעשום אויפן ניט דאָס, װאָס ס'װעט זײן און דאַרף זײן. האָט מען דען געקאָנט זאָגן מיט 12 יאָר צוריק אפן סמאַך פון דער סטאַטיסטיק, אַז אינ-גיכן װעלן זיך באַװײזן „לופט-שיפן", װעלכע װעלן באַהערשן דעם הימל? די סטאַטיסטיק קאָן אין בעסטן פאַל רײדן פון דעם, װאָס ס'קומט פאָר הײנט, אָבער זי קאָן ניט (און דאַרף ניט) באַהויפּטן, װאָס מאָרגן װעט זײן; זי קאָן ניט גאַראַנטירן, אַז דער קאַפּיטאַליזם (און די גרויס-פּראָדוקציע) װעט ניט באַקומען אין דער לאַנדװירטשאַפט אַ נײ פעלד פאַר זײן שנעלן װוּקס און פאַרברײטערונג.

אָבער אפילע בענויגײע צו הײנטיקן טאָג באַצײכענען די ציפער לאַכלוטן ניט דעם זיג פון דער קלײנער לאַנדװירטשאַפטלאַכער פּראָדוקציע, פון װעלכן סע רײדן מיט אַזאַ אַק-שאַנעס און אײנגעשפּאַרטקײט די קעגנער פון דער טעאָריע פון דער פּראָדוקציע-קאָנ-צענטראַציע.

אויבן האָבן מיר שוין געשריבן װעגן דעם, אַז דער עקאָנאָמישער ניצאָכן פון דער גרויס-פּראָדוקציע שפּיגלט זיך אָפּטמאָל אָפּ אין דער סטאַטיסטיק, אַלס אירע אַ מאַפּאָלע, אַלס טריומף פון דער קלײן-װירטשאַפט. מיר װעלן איצט צוגעבן, אַז באַזונ-דערס אָפט איז עס צו באַמערקן בענויגײע צו דער לאַנדװירטשאַפט. דערין באַשטײט טאַקע דער קװאַל פון יענער אומזיסטיקער סימכע, װאָס די לאַנדװירטשאַפטלאַכע סטאַטיסטיק ברײנגט אַרײן אין האַרץ פון די קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע.

דידאָזיקע סטאַטיסטישע אַבעראַציע (פאַרפינסטערונג) נעמט זיך פון פאָלגנדע 4 הויפּט-סיבעס.

ערשטנס. די גרויס-ווירטשאפט נויטיקט זיך אין אַ גרויסער צאָל ארבעטער-הענט. ניט געצוווּנגענדיק זיי אין דער גענוגער צאָל אין די ארומיקע דערפער (אַ געוויינטלאכער פאַקט), מוז די גרויסע לאנדווירטשאפט שאפן זייער „קינסטלאך". צוליב דעם גיט זי אָפּ אין ארענדע (און פאַרקויפט אַפילע) קליינע שטיקלאַך ערד, „נאַזשיכלאך", ווי מע רופט זיי אָן; דער ארענדאטאָר (אָדער אייגנטימער) פון דידאָזיקע שטיקלאך ערד איז פון איין זייט ניט אימשטאַנד צו פאַרוועגדן אף זיי זיין גאַנצע אַרבעט-קראַפט; פון דער צווייטער זייט, האָט ער ניט קיין מעגלאַכקייט ווייט אוועקצוגיין פון זיי (אין שטאָט). דאָס צווינגט אים צו אַר-בעטן אפן פּאָרעץ, וואָס האָט אים אָפּגעגעבן דאָס שטיקל ערד אין ארענדע (אָדער פאַר-קויפט), און ארבעטן דערצו אזוי, אַז דעם פּאָרעץ זאָל עס לוינען: ער — דער פּאָרעץ — איז דאָך פּאַקטיש דאָ דער איינציקער ארבעטגעבער. אַזאַ מין ארענדאַטאָר אָדער אייגנ-טימער איז אין טאָך אַ כאַרמאַסקירטער ארבעטער, די סטאַטיסטיקער אָבער רעגיסטרירן אים, אַלס אַ זעלבשטענדיקן אונטערנעמער.

דערפון ווערט קלאָר, אַז דעם וווּקס פונם מאנגל אין ארבעטער, ד. ה. דעם וווּקס פון דער גרויס-פּראָדוקציע, דעם וווּקס פו ם קאַפּיטאַליזם וועט די סטאַטיסטיק אין אַזעלכע פאַלן פאַררעגיסטרירן, אַלס פאַרגרעסערונג פון דער צאָל קליינע אונטערנעמער, אלס ני-צאָכן פון דער קליין-ווירטשאַפט.

צווייטנס. די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דער אינדוסטריע ברייגגט דערצו, וואָס אין די שטעט קלייבן זיך צונויף אַלץ מער און מער אר-בעטער. זיי לעבן, פאַרשטייט זיך, ניט אין צענטר, נאָר אין די פּאָרשטעט, ווו זיי באאר-בעטן קליינע גערטנדלאַך, וועלכע דינען דעם ארבעטער הויפּטזאַכלאַך אָף צו פאַרבעסערן זיין דערנערונג און האָבן קימאט ניט קיין אינדוסטריעלע באַדייטונג. דער וווּקס פון דער צאָל פון אזעלכע פּיצינקע גערטנדלאַך (ביז 2 אַר — 22 קוואדראַט-קלאַפטער) באַווייזט אין עצעם נאָר דעם וווּקס פון דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דער אינדוסט-ריע. אָבער אייניקע געוועזב-ציילונגען (די דייטשישע, אין 1895 יאָר) שרייבן זיי אריין אין דער רובריק פון זעלבשטענדיקע קליינע לאַנדווירטשאפטלאַכע אונטערנעמונגען, און אַזוי אַרום ווערט דער וווּקס זייערער איינע פון די וויכטיקסטע „ראיעס", אַז אין דער לאַנדווירטשאפט וואקסט די צאָל פון די קליינע אונטערנעמונגען. מ רן באמערקן, אַז אויב מע וואָלט ארייגשטעלן אין דער רובריק פון קליינע לאנדווירטשאפטלאַכע אונטערנעמונגען אויך די טעפּעלאך מיט בלומען, וואָס שטייען אף די פענסטער (אין די טעפּעלאך איז דאָך פאַראן ערד), וואָלט דער וווּקס פון דער צאָל קליינע אונטערנעמונגען און, דעריבער, אויך דער ניצאָכן פון דער קליין-ווירטשאפט געוועזן נאָך גלענצנדיקער (פאַרשטייט זיך, אַפן פּאַפּיר, און ניט אין לעבן).

דריטנס. אין דער רובריק פון די קליינע ווירטשאפטן זיינען אריינגעפאַלן פיל גרויסע, און אָפּטמאָל גאָר גרויסע לאנדווירטשאפטלאכע אונטערנעמונגען, וועלכע פאַרנעמען ניט קיין גרויסן פלאַץ. אהער געהערט די אזויגערופענע „שטאָטישע לאַנדווירטשאפט", ווי אַראַנזשערייעס, ספּעקטן א. א. וו.

ס'איז קלאָר, צ. ב. אַז דאָס אראַנזשעריי- עשעפט, וואָס האָט זיך אין שטאָט צע-וואָרפן אָף אַ גאַנצער דעסיאַטין, איז אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג, בעאייס די סטאַטיסטיק שטעלט עס אוועק אין דער רובריק פון זייער קליינע אונטערנעמונגען, ווייל דאָס פאַרנעמט אַ קליינעם שטאַך. מע מוז דערצו מויסיף זיין, אַז מיטן וווּקס פון די שטעט, וואָס מע באמערקט אין אלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווערט פאַרגרעסערט די צאָל פון די קלאָ-מערשט קליינע „שטאָטישע לאַנדווירטשאפטלאַכע אונטערנעמונגען". דאָס פאַרברייטערט אויך דעם קוואַל פונם קלאָמערשטן ניצאָכן פון דער קליין-פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאפט.

דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן דער שטאָטישער אַגריקולטור, איז שאַיעך אויך צו דער גאָרטן-ווירטשאפט. דאָ קאָן אויך אַ קליינער ערד-שטעטאַך זיין זייער אַ גרויסע אונטערנעמונג, באַזונדערס ארום די גרויסע שטעט. לאָמיר נאָר דערמאָנען, צ. ב., אַז די פּאַריזשער גערטנער פלעגן נאָך מיט עטלאַכע צענדליק יאָר צוריק ארײנלייגן אין זייערע גערטנער אַזויפיל קאַפּיטאַל און האָבן געבראַכט דעם באָדן צו אַזאַ מאַצעוו, אַז אין די אָפּמאַכן, וואָס מע פלעגט מיט זיי שליסן, פלעג מען ארומריידן, וואָס פאַר אַ דיקן שיכט ערד זיי האָבן דאָס רעכט אַוועקצופירן צום סאָף פון דער ארענדע.

דאָסזעלביקע איז אויך שאַיעך צו די לאַנדווירטשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט קולטיווירן עפּעס א ווערטיקע קולטור. אלופקע, וועלכע האָט געהערט אַמאָל צו דער גרעפן וואָראָנצאָוו-דאַשקאָוו, האָט זיך גערעכנט, אַלס די סאַמע באַדייטנדע נאַכלע אינם פארדעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, און פאַרנומען האָט עס כאַכאקל 75 דעסיאַטין. דאָרטן אָבער האָט מען קולטיווירט ווייגערטנער.

פּ ע ר ט נ ס, דעם נאר וואָס ארויסגעזאָגטן פּונקט קאָן מען צוגעבן אַ מער ברייטן און אַלגעמיינעם כאַראַקטער. מיט דער אנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם, מוז זיך די לאַנדווירטשאַפט אינטענסיפיצירן, ד. ה. זי שלינגט איין מער קאַפּיטאַלן אַף אַן איינסל פלאַץ. וואָס אינטענסיווער די לאַנדווירטשאַפט איז, אלץ גרעסער איז זי באַ דעמזעלביקן, און אָפּטמאָל באַ א קלענערן פלאַץ. די פארקירצונג פונם פלאַץ פון די לאַנדווירטשאַפטלאכע אונטערנעמונגען באַם אנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם זאָגט נאר איידעס וועגן דער שטאַרקער א י נ ט ע נ ס י פ י ק אַ צ י ע פון דער לאנדווירטשאַפט, און באַטייט דעריבער ניט די פאַרקלענערונג, נאָר די פארגרעסערונג פונם מאַסשטאַב פון די אונטערנעמונגען, ד. ה. מיר האָבן דאָ אַ ניצאָכן ניט פון דער קליינער, נאָר פון דער גרויסער ווירטשאַפט. מיינען אָבער, אַז אַ ווירטשאַפט איז אלץ גרעסער, וואָס א גרעסערן פלאץ זי פאַרנעמט, איז מעטאָדאָלאָגיש (פון שטאַנדפּונקט פון ריכטיקן צוגאנג צו דער זאַך) פּונקט אזוי פאַלש, ווי ווען מע מיינט, צ. ב., אַז א ג ר ו י ס ע ר מענטש מוז דאַפקע זיין גרויס אין ווּקס.

נעמענדיק אין אכט דאָס געזאָגטע אין דידאָזיקע פיר פּונקטן, מוזן מיר באַמערקן, אַז אומעטום, אין אלע לענדער, פייערט איר ניצאָכן ניט די קליינע, נאָר די גרויסע ווירטשאַפט, אויב נאָר סע פּראָגרעסירן די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער לאַנדווירטשאַפט אינם לאַנד, אויב נאר זי אַנטוויקלט זיך דאָרט. ווו אָבער די אַנדווירטשאַפט רעגרעסירט, קאָן מען קיין קאָנצענטראַציע אין איר ניט באמערקן. דאָס איז אבער ניט כויסער דעם געזעץ פון פּראָדוקציע-קאָנצענטראַציע, ווייל דאָס איז א געזעץ פון אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, אָבער בעשום אופן ניט פון זייער יערידע. דאָרטן, ווו די לאנדווירטשאַפט רעגרעסירט, דאָרטן וועלן מיר נאַטירלאַך זעען דערשיינונגען פון יערידע, דאָרטן קאָנען די אָפּגעשטאַנענע פאָרמען ארויסשטויסן די פּראָגרעסיווע און די קליינע פּראָדוקציע קאָן ארויסשטויסן די גרויסע.

צום שלוס וועלן מיר זיך דערלויבן צו באמערקן אָט וואָס. די אָנהייגער פון דער קליין-ווירטשאַפט האבן זייער ליב געהאַט צו אָפּערירן מיט די פאקטן פון די דייטשישע געווערב-ציילונגען, ווירקלאַך די בעסטע צווישן די אָפיציעלע ציילונגען אפן גאַנצן אייראָפּייאישן קאָנטינענט. באזונדערס גערן פלעגן זיי ליב האָבן צו פארגלייכן די דייטשישע געווערב-ציילונג פון 1883 יאָר מיט דער ציילונג פון 1895 יאָר, וועלכע איז, אַגעוו, אָנגעפירט געוואָרן פון איינעם פון די סאמע אווטאָריטעטע און הייסע פאַרטיידיקער פון דער קליין-ווירטשאַפט. ווען מיר וועלן אהין ארײנטראָגן די קאָרעקטיוון, פון וועלכע מיר האָבן אויבן גערעדט, וועט זיך אַרויסווייזן, אז די ציילונגען האָבן אויך ניט דערוויזן דעם טריומף פון דער קליין-ווירטשאַפט אפילע אין דער לאַנדווירטשאַפט. אונז אינטערעסירט

אָבער איצט ניט דאָס. מיר ווילן זיך אָפּשטעלן אױף אַן אַנדער אומשטאַנד. נאָך דער גע־ווערב־ציילונג פון 1895 יאָר איז אין דייטשלאַנד געווען נאָך אַזאַ ציילונג אין 1907 יאָר. די אָנהייגער פון דער קליין־ווירטשאַפט האָבן ניט ליב זי צו דערמאָנען, און אויב זיי דערמאָנען זי יאָ, איז מיט אַ גאַנץ שווערער מינע. און ס'איז קיין כידעש ניט. זי האָט זייער באַשטימט באַוויזן, אַז אין דער טוווע־ווירטשאַפט פון דייטשלאַנד איז פאָרגעקומען אַ קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע און דערביי אַזאַ באַדייטנדע, אַז יענע אָנהייגער פון דער קליין־ווירטשאַפט, וועלכע שטודירן די פראַגע, פאַרטיידיקן שוין מער ניט די פּאָזיציע, אַז, אין דייטשלאַנד (פאַר דער מילכאָמע) האָט אין דער טוווע־ווירטשאַפט געזיגט די קליין־פּראָדוקציע. אַלע זייערע האָפענונגען לייגן זיי שוין נאָר אױף דער פיך־אופציונג. זיי פאַרזיכערן, אַז אין דעמדאָזיקן צווייג פון דער פּאָלק־ווירטשאַפט זיינען די מיילעס פון דער קליין־ווירטשאַפט זייער גרויס. אינגיכן וועלן זיי מוזן אויך די פּאָזיציע אָפּגעבן.

4. דער טעמפּ פון דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט

בעכיין האָבן מיר געזעען, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט קומט אויך פאָר די קאָנצענ־טראַציע פון דער פּראָדוקציע.

דערפון איז אָבער ניט געדרונגען, אַז זי קומט דאָ פאָר פּונקט אַזוי שנעל, ווי, צ. ב., אין דער אינדוסטריע. אינדערעמעסן. די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע איז אַן ארויסווייז־פאָרם פון דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן. דעריבער איז, דארט, ווו די פּראָדוקטיווע קרעפטן אנטוויקלען זיך שוואכער און לאַנגזאַמער, ווייזט די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, באַ אַלע אַנדערע גלייכע באַדינגונגען, זיך אַרויס אין אַ קלענערער מאָס. לויט דער אויסרעכענונג פונם באַוווסטן געלערנטן א. ר. וואַללעס, האָבן זיך די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין דער לאַנדווירטשאַפט אינם מעשעך פונם XIX יאָרהונד. אנטוויקלט אין 25 מאָל שוואכער, איידער אין דער אינדוסטרי. דידאָזיקע ציפער קאָן מען, עפשער, באַשטרייטן. נאָר גופע דער פאַקט, אַז די פּראָדוקטיווקייט אין דער לאַנדווירטשאַפט אַנטוויקלט זיך לאַנגזאַמער און שוואַכער אין פאַרגלייך מיט דער אינדוסט־רי, איז אויסער יעדן סאָפעק. דעריבער דאַרף דאָ לאַנגזאַמער פאָרקומען — און קומט טאַקע פאָר — די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

אויבן, אינם אָפּטייל וועגן רענטע, האָבן מיר שוין געשריבן, אַז די הויפּט־סיבע, פאַר־וואָס די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין דער אינדוסטריע אַנטוויקלען זיך שוואַך, איז דאָס פּריוואַט־אייגנטום אױף ערד. מיר האָבן דאָרט אָנגעוויזן, אַז אין די גרענעצן פון דער קאַפּי־טאַליסטישער אָרדענונג ווערט דאָס פּריוואַט־אייגנטום אױף ערד אַ מעניע פאַר דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אַסאַך פריער, איידער דאָס פּריוואַט־אייגנטום אױף די איבעריקע פּראָדוציר־מיטלען. פּונקט אַזוי, ווי פון צוויי גלייכע אָרגאַניזמען, וועלכע זיינען געפּלאָגט מיט איין און דערזעלביקער קריינק, נאָר פון אַ פאַרשיידענער צייט, וועט פון איר שטאַרקערליידן יענער, ווער ס'איז קראַנק געוואָרן פריער,—אַזוי ליידט אויך די לאַנדווירט־שאַפט שטאַרקער פונם פּריוואַט־אייגנטום אױף די פּראָדוציר־מיטלען (אױף ערד), איידער די איבעריקע פּראָדוציר־צווייגן. מיט אַנדערע ווערטער, דידאָזיקע סיבע פאַרהאַלט שטאַרקער די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין דער לאַנדווירטשאַפט, איידער אין די איבעריקע ספערעס פון דער פּאָלק־ווירטשאַפט.

אינם זעלביקן אָפּטייל (וועגן רענטע) האָבן מיר אָנגעוויזן, ווי אַזוי און פאַרוואָס דאָס פּריוואַט־אייגנטום אױף ערד שטערט אַזוי שטאַרק די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט־

מיר ווען דערגאנצן דידאָזיקע אָנווייזונג נאָך מיט איין זייער וויכטיקן אומשטאַנד. די אונטערנעמער, וואָס ווילן אָנווענדן זייערע קאַפּיטאַלן אין דער לאַנדווירטשאַפט, קומט אויס פּיל צו צאָלן דעם ערדבאַזיצער פאַרן רעכט אַף אַזאַ אָנווענד, פּונקט אַזוי ווי דעם אינדוסטריעלן אונטערנעמער קומט אויס צו צאָלן שטייער פארן באַקומען דאָס רעכט צו אָנווענדן זיין קאַפּיטאַל (מע דאַרף נעמען אַ געווערב-פּאַטענט און איינצאָלן פאַרשיידענע אַנדערע שטייערן). די ענלאַכקייט צווישן דער רענטע און דעם שטייער-פּאַטענט איז אין דער הינזיכט נאָך גרעסער דערמיט, וואָס די ערשטע ווערט געצאָלט פאַר אַ זאַך, וועלכע האָט אַ הויכע פּרייז, אָבער קיין שום ווערט, און דער צווייטער—פאַר אַ זאַך, וואָס האָט אויך זייער אַ הויכע פּרייז און קימאַט קיין שום ווערט. מיר מיינען לאַכלוטן ניט צו אידענטיצירן די רענטע און דעם שטייער, צווישן זיי זיינען פאַראַן זייער גרויסע אונטערשייד-שטריכן. אַזוי, לעמאָשל, די רענטע ווערט געצאָלט דעם פּאָרעץ, און דער שטייער — דער מעלוכע, אָבער דידאָזיקע אַלע אונטערשייד-פּונקטן שליסן ניט אויס דעם געמיינזאַמען, סאַמע וויכטיקן שטריך: סיי רענטע, סיי שטייער ווערן אַיינגעצאָלט, אַלס אומבייט פאר א זאך, וועלכע האט ניט אָדער וועלכע האָט קימאַט ניט קיין שום ווערט. וואס שטארקער אַוועלכער ניט איז פּראָדוקציע-צווייג איז באַלייגט מיט שטייערן, אַלץ לאַנגזאַמער אַנטוויקלט ער זיך,—אין אַ גרויסער מאָס טאַקע דערפאַר, ווייל א זאַך, וועלכע האָט אָדער שטעלט פאר אַ ווערט (גאָלד, געלט) ווערט אָפּגעגעבן, אלס אומבייט אף א זאך, וועלכע האָט ניט קיין ווערט, און אזוי ארום ווערט זי אָפּגעצויגן פון דער פּראָדוקציע אָן שום פּאָזיטיוון עקוויוואַלענט פאר איר. אָן אַ פּאָזיטיוון,—ווייל דער איינצאָל פון די שטייערן גיט ניט דער פּראָדוקציע קיין שום פּאָזיטיוועס, ער באַזייטיקט נאָר פון איר וועג עפּעס נעגאַטיוועס (דאָס ניט דערלאָזן צו דער פּראָדוקציע מיצאַד דער מעלוכע). פּונקט אַזאַ ראָלע שפּילט אין געגעבענעם פאל דער איינצאָל פון דער רענטע: זי באַזייטיקט נאָר עפּעס נעגאַטיוועס, דאָס ניט דערלאָזן צו דער פּראָדוקציע. עמעס, ניט מיצאַד דער מעלוכע, נאָר מיצאַד דעם ערדבאַזיצער, דערדאָזיקער אונטערשייד אָבער האָט אין געגעבענעם פאַל קיין שום מאַמאָשעסדיקע באַדייטונג ניט, אַף וויפיל דער ערדבאזיצער האָט די רעאַלע מעגלאַכקייט ניט צו דערלאָזן דעם אונטערנעמער ארייַנצולייגן זיינע קאַפּיטאַלן אין דער ערד, וועלכע געהערט דעמדאָזיקן ערדבאזיצער. אויב דער אַיינצאָל פונם שטייער, — אַ גרעסערן, איידער אין די איבעריקע צווייגן פון דער אינדוסטריע,— פאַרהאלט געוויינטלאַך דעם וווקס פון דער פּראָדוקציע אינם געגעבענעם צווייג פון דער פאָלק-ווירטשאַפט, דאַרף דער איינצאָל פון דער רענטע מאכמעס דער אָנגעוויזענער סיבע ווירקן פּונקט אף דעם אייגענעם אויפן: הייסט עס, קאָלזמאן מע דארף צאָלן דעם ערדאייגנטימער רענטע, איז לאַכלוטן אומפארמיידלאַך, אז אין דער ערדארבעט, וועלכע צאלט שטייער ניט בלויז לעטויוועס דער מעלוכע, נאָר אויך לעטויוועס דעם ערדאייגנטימער (רענטע), וועלן זיך די פּראָדוקטיווע קרעפטן אנטוויקלען לאַנגזאַמער, איידער אין דער אינדוסטריע.

שוואַכער, הייסט עס, וועט זיך ארויסווייזן אויך די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

ס'קאָן אופקומען אַ פראַגע: די האַנאָכע, אז אין דער לאַנדווירטשאַפט קומט פאר די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע לאַנגזאמ־ר, איידער אין דער אינדוסטרי, — צי איז דאָס ניט א קאָמפּראָמיס בענויגייע צו דער פּאָזיציע פון די קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע?
מיר מוזן דערוף קאַטעגאָריש ענטפערן: ניין, דאָ איז קיין פּיצל קאָמפּראָמיס ניטאָ.

ערשטנס, צווישן אפילע א לאַנגזאַמער באַוועגונג (צו קאָנצענטראַציע) און א באַוועגונג צוריק עקזיסטירט ניט קיין קאַמעסדיקער, נאָר אן אייכעסדיקער אונטערשייד. און אזאַ אונטערשייד בלייבט צווישן אונז און די קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע-

טעאָריע אפילו דעמאָלט, ווען מיר וואָלטן באַהויפּט, אַז אין דער ערדארבעט קומט פאָר די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע זייער לאַנגזאַם.

צווייטנס, מיר האָבן אַזוינס קיינמאָל ניט געזאָגט, מיר באַהויפּטן נאָר, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט קומט זי פאָר לאַנגזאַמער, איידער אין דער אינדוסטרי, אָבער דאָס הייסט לעגאַמרע ניט, אַז זי קומט פאָר לאַנגזאַם. אַן עקספּרעס פליט לאַנגזאַמער פון אַ קויל, אָבער דאָס הייסט בעשום אופן ניט, אַז ער קריכט מיט טריט פון אַ שילדקרעט. מיר וועלן נאָך צוגעבן דערצו, וואָס אומעטום, ווו סע קומט פאָר די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער לאַנדווירטשאַפט, באַמערקט מען אויך איר קאָנצענטראַציע, און וואָס שנעלער סע קומט פאָר די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער לאַנדווירטשאַפט, אַלץ שנעלער גייט אויך איר קאָנצענטראַציע.

דריטנס, מיר זעען אין דער קאָנצענטראַציע פון לאַנדווירטשאַפט אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, דעריבער גיבן מיר אָפּ די בכורה דער קלענסטער קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע אנטקעגן דעם גרעסטן ניצאָכן פון דער קליין-ווירטשאַפט; די קעגנער אונזערע גיבן אָפּ די בכורה דער קליין-ווירטשאַפט. און כאָטש דאָס איז אַ „גוסט-זאַך“, מיינען מיר אָבער, אַז אונזער גוסט איז אין געגעבענעם פאַל אַ האָר ניט ערגער.

קעדיי בוילעטער פאַרצושטעלן דעם לעזער אונזער פּאָזיציע, ד. ה. די פּאָזיציע פון די אָרטאָדאָקסאַלע און קאָנסעקווענטע מארקסיסטן, און אָנווייזן, אָף וויפל זי איז וווייט פונם שטאַנדפּונקט פון דער קליין-ווירטשאַפט, וועלן מיר זיך דערלויבן צו מאכן פאָלגנדע באַמערקונג.

אי די אינדוסטריע, אי די ערדארבעט, ווען סע אַנטוויקלען זיך נאָר זייערע פּראָדוקטיווע קרעפטן, געפינען זיך אַלצייַנס אין דער מאכט פונם געזעץ פון פּראָדוקציע-קאָנצענטראַציע. נאָר העיויס ווי די ערשטע אַנטוויקלט זיך שטאַרקער, ווייזט זיך די מאכט פונם דאָזיקן געזעץ אין איר ארויס אסאך בוילעטער און שאַרפער.

מירן זאָגן נאָכמער.

אויב די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע וואָלט געוועסט זיין אין אַ גלייכער מאָס אי אין דער אינדוסטריע, אי אין דער ערדארבעט, וואָלט דאָס געבראַכט אַ גרויסן שאָדן דער אַזויגערופענער „מאַרקס דאָגמע“, אין געגעבענעם פאַל, הייסט עס, מאַרקס טעאָריע וועגן דעם, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט קאָן פאָרקומען נאָר אין דער פארם פון קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.— אינדערעמעסן. אויב אי אין דער אינדוסטריע, אי אין דער לאַנדווירטשאַפט זאָל מען אין אַ גלייכער מאָס באַמערקן די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, וואָלט דערפון אומפאַרמיידלאַך געוועזן געדרונגען, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן און די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע זיינען אַ האָר צווישן זיך ניט פאַרבונדן, און דאָס איז קעגן מאַרקס טעאָריע.

דאַן וואָלט דאָך די פראַגע וועגן דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע פארלאָרן א גרויסן טייל פון איר באַדייטונג, ווייל דעם עקאָנאָמיסט אינטערעסירט אַמערסטן נאָר די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן און, הייסט עס, אויך דאָס, וואָס מיט איר איז איינג פארבונדן.

אזוי, באטראכטנדיק אָט דעם גוואַלדיק גרויסן געביט פונם ווירטשאפטלאכן לעבן, קאָנען מיר דאָרט ניט באמערקן קיין איין דערשיינונג, וועלכע זאָל שטיין אין ווידערשפּרוך מיט מאַרקס טעאָריע וועגן קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

שלוס

צום שלוס וועלן מיר באַמערקן אָט וואָס. צווישן די קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע־טעאָריע זיינען דאָ, אַן סאָפעק, פיל ערלאַכע, אויפריכטיקע און וויסנדיקע מענטשן־קענער. און אויך בענויגייע צו זיי מוזן מיר זיך דערמאַנען אין טאָלסטאָיס דערציילונג, „סוראַטער קאַפע־הויז". דאָרט ווערט דערציילט, ווי עפּעס איינער אַ כאָכעם האָט לאַנג געטראַכט איבער דעם, וואָס איז אַזוינס די זון, און איז, צום סאָף, געקומען צו אַזאַ מין אויספיר. די זון איז ניט קיין גייסט, ווייל מע זעט זי דאָך. די זון איז ניט קיין מאַטעריע, ווייל מע קאָן מיט איר ניט אָנפירן. די זון איז ניט קיין האַרטער קערפּער, ווייל מע קאָן זי ניט שניידן. די זון איז ניט קיין פליסיקייט, ווייל מע קאָן זי ניט אַריינגיסן אין אַ פלאַש. הייסט וויבאַלד די זון איז ניט קיין גייסט, ניט קיין מאַטעריע, ניט קיין האַרטער קערפּער, ניט קיין פליסיקייט, הייסט עס, אַז די זון איז גאָרנישט, זי עקסיסטירט פּאָשעט ניט. און העיויס ווי וועלנדיק דערגיין דעם מעהוס פון דער זון, האָט ער אַף איר לאַנג געקוקט, איז ער בלינד געוואָרן. דאָס האָט אים נאָך מער איבערצייגט, אַז קיין זון איז ניטאָ.

דידאָזיקע עקאָנאָמיסטן זיינען אויך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז קיין קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט איז ניטאָ. דער כילעק צווישן זיי און טאָלסטאָיס כאָכעם באַשטייט נאָר דערין, וואָס אין זייער באַציונג צו דער קאָנצענטראַציע־טעאָריע קאָן מען זייער לייכט איינזען אַ קלאַסן־אונטערשלאַק.

IX אָפּטייל. — דער לעצטער פאַזיס פון קאַפּיטאַליזם. פינאַנץ-קאַפּיטאַל.

1. נאָך וועגן דער טעאָריע פון קאָנצענטראַציע.

די קעגנער פון דערדאָזיקער טעאָריע באַהויפּטן, אַז די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע באַגעגנט איצט זייער אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד אין די דריי מעכטיקע פאַקטאָרן פונם מאָדערנעם עקאָנאָמישן לעבן: 1) אין דער קאָאָפּעראַציע; 2) אין דער אַקציען-פאָרם, אין וועלכער סע גיסן זיך אויס פאַרשיידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען 3) אין די טרעסטן און אַנדערע ענלעכע אָפּמאַכן פון די אונטערנעמער. סיי די קאָאָפּעראַציע, סיי די אַקציען-פאָרמען פון די אונטערנעמונגען, — אַזוי דיינקען זיי, — עפענען אויף אַ טיר צו דער גרויסער פּראָדוקציע פאַר אַלע „קליינע" מענטשן, פאַר יענע ניט רייכע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן פריער ניט געקאָנט אַהין אַריין. אַזוי אַרום הויבט אָן דאַסדאָזיקע „קליינוואַרג" שפּילן אַ גרויסע ראָליע אין דער גרויסער פּראָדוקציע, און מע קאָן שוין מער ניט זאָגן, אַז די גרויסע פּראָדוקציע רואינירט און פאַרניכט די קליינע. נאָך אַ גרעסערע מעניע פאַר דער ווייטערדיקער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע זיינען, לויט זייער מיינונג, די טרעסטן. וויבאַלד סע איז צו שטאַנד געקומען אַן אָפּמאַך צווישן די אונטערנעמער, וויבאַלד סע האָט זיך געבילדעט אַ טרעסט, קאָן שוין קיינער פון זיי ניט רואינירט ווערן דורך דער קאָנקורענץ.

דאָס ראָוו קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע באַהויפּט אַפּילע, אַז די דריי אויסגערעכנטע פאַקטאָרן ניט בלויז וואָס זיי שטערן דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, נאָר זיי האָבן זי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. מירן איבערגיין צו אַנאַליזירן דידאָזיקע טיינעס.

2. די קאָאָפּעראַציע.

לאָמיר זיך פריער אָפּשטעלן אַף דער קאָאָפּעראַציע. אויבן האָבן מיר שוין דערוויזן, אַז די אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע באַטייט דאַפּקע דער ניצאָכן פון דער גרויסער, און ניט פון דער קליינער פּראָדוקציע, אַז די מעכטיקע קאָאָפּעראַטיוון — דאָס זיינען געוויינטלאַך ניט קליינע, נאָר גרויסע אונטערנעמונגען, און זאָלן אַפּילע זייערע אייגנטימער און אַדמיניסטראַטאָרן זיין ניט קיין רייכע מענטשן. דער קעגנזעצלאַכער שטאַנדפּונקט, ניט געקוקט אַף זיין פאַרשפּרייטקייט און אַף דעם, וואָס אַזוי האַלטן פילע אָנגעזעענע טעאָרעטיקער פון קאָאָפּעראַציע, איז דאָך אַבסאָלוט פאַלש. אַרויסגייענדיק פון אַזאַ מין שטאַנדפּונקט, קאָן מען דאָך אַפּילע דעם גרויסן אָקעאַן ניט צורעכענען צו די גרויסע וואַסער-רעזערוואַרן, ווייל ער באַשטייט פון קליינע טראָפּעלאַך. מיר וועלן נאָך צוגעבן אָט וואָס: די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון שפּילן ניט קיין גרויסע ראָליע אין דער פּראָדוקציע. אין פאַל

פון אַן אומערפאָלג ווערן זיי רואינירט, אין פאל פון ערפאָלג הויבן זיי אָן באַנוצן די אַרבעט פון די פּערזאָנען, וועלכע געהערן ניט צום קאָאָפּעראַטיוו, און סאָפּקאָלסאָף ווערן זיי פאַרוואַנדלט אָדער אין אַקציען-געזעלשאַפטן, אָדער אין פּאַשעט קאָמפּאַנייאישע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. באַזונדערס ווייניק שאַנסן אַף אַנטוויקלונג האָבן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון, אויב זיי זיינען ניט קיין אונטערנעמונגען, וועלכע ווערן געגרינדעט און אויסגעהאַלטן אַפן כעשבן פון די פאַרבאַנדן פון די געבּרויך-געזעלשאַפטן א. א. וו.

די קאָאָפּעראַטיוון איז ניט בלויז וואָס זיי שטערן ניט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס-פּראָדוקציע, נאָר, פאַרקערט, זיי העלפן איר שטאַרק מיט. וועגן דעם האָבן מיר אויבן געשריבן. צום געזאָגטן דאָרט ווילן מיר נאָך מויסעף זיין דאָס, וואָס די „אייגענע אונטערנעמונגען" פון די מעכטיקע פאַרבאַנדן פון די געבּרויך-געזעלשאַפטן זיינען געוויינטלאַך אומבאַדינגט גרויסע, און ניט קיין קליינע אונטערנעמונגען.

אויסערדעם. איז צונויפזאַמלענדיק מיטגליד-אַפּצאָל פון דער אָרימקייט, צ. ב. פון די אַרבעטער (געבּרויך-קאָאָפּעראַטיוון פון אַרבעטער), גיבן זיי די מעגלאַכקייט צו לאָזן אין פאַרקער אַזעלכע מיטלען, וועלכע וואָלטן אַזוי געלעגן סטאַם אומזיסט און וואָלטן ניט געהאָלפן דעם פּראָצעס פון אַרויסשטויסן די קליינע אונטערנעמונגען דורך די גרויסע. אַזוי אַרום איז די קאָאָפּעראַציע ניט בלויז וואָס זי שטערט ניט אַרויסצושטויסן די קליינע ווירטשאַפט, נאָר, פאַרקערט, זי העלפט מיט דעם אונטערגאַנג פון דערדאָזיקער קליינער ווירטשאַפט,—צווישן אַנדערע אויך דערמיט, וואָס זי „גיסט אַף דער מיל" פון דער גרויס-פּראָדוקציע יענע מיטלען, וועלכע וואָלטן אַנדערש ניט געקאָנט מיטהעלפן דער גרויס-פּראָדוקציע אין איר קאַמף קעגן דער קליינער.

מ'דאַרף נאָך זאָגן, אַז די קרעדיט-לאַנדווירטשאַפט, און געבּרויך-קאָאָפּעראַציעס, באַזונדערס אין דער געשטאַלט פון די קאָאָפּעראַטיווע פאַרבאַנדן און פילקראַמען (אַף וויפל זיי אָרגאַניזירן „אייגענע אונטערנעמונגען"), זיינען שוין פון אָנהויב אָן גאַנץ גרויסע אָרגאַניזאַציעס. און די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס זיי שאַפן, העלפן מיט אַרויסצושטויסן די קליינע ווירטשאַפט אין אַסאַך אַ גרעסערער מאָס, איידער די גלייכגרויסע פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. אינדערעמעסן. דער רעוואַך פון אַ פּריוואַטן אונטערנעמער באַקומט זיך ביסלאַכווייס, און ביז וואַנען זיי האָבן ניט באַקומען אַ היפּשע סומע, קאָנען זיי ניט קויפן, לאָמיר זאָגן, אַ נייע מאַשין, ווי גרויס סע וואָלט ניט געווען דער רעוואַך, וואָס זי וואָלט אין דעם מאָמענט אַריינגעטראָגן, ווי גרויס סע זאָל ניט זיין דער נאָכפרעג אַף די סכוירעס, וועלכע מע וואָלט מיט איר הילף פּראָדוצירן. לייען מיטלען, וועלכע מע דאַרף האָבן אַף קויפן די מאַשין, קאָן די פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג ניט, ווייל זי האָט געוויינטלאַך נאָר אַ קורצטערמיניקן קרעדיט, וועלכער קאָן גיין נאָר אַף דערגאַנצן דעם אומזאַץ-קאַפּיטאַל, אָבער אין קיין פאל ניט דעם גרונט-קאַפּיטאַל. די ווערט פונם גרונט-קאַפּיטאַל קאָן דאָך דער אייגנטימער רעאַליזירן ערשט אַסאַך שפּעטער. גאָר אַנדערש אָבער איז מיט אַן אונטערנעמונג, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ מעכטיקן פאַרבאַנד פון געבּרויך-געזעלשאַפטן. ווען סע איז דאָ אַ נויט אין דער געגעבענער מאַשין, קאָן דער פאַרבאַנד געבן דעם נויטיקן סכום מיטלען אַף צו קריגן זי, און די אונטערנעמונג קאָן שנעל אויסנוצן די גינסטיקע קאָניונקטור (די לאַגע פונם מאַרק) ניט וואַרטנדיק, ביז וואַנען זי אַליין וועט אָנזאַמלען גענוג מיטלען אַף צו קויפן דידאָזיקע מאַשין און ניט ריזיקירנדיק אַף אַזאַ אויפן דורכצולאָזן דעם גינסטיקן מאָמענט.

3. אַקציען־געזעלשאַפטן.

פיל פונם געזאָגטן קאָן מען נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אָנווענדן בענויגייע צו אַקציען־געזעלשאַפטן.

ערשטנס, ס'איז דאָך גאַנץ קלאָר, אַז אַקציען־געזעלשאַפטן קאָנען זיין — און זיינען טאַקע — גרויסע אונטערנעמונגען, אפילע ווען אַ ל ע זייערע אקציעס זאָלן געהערן צו אָרימע מענטשן (וואָס געוויינטלאַך איז דאָס ניט אַזוי).

צווייטנס, זיי שטעלן צו די גרויסע אונטערנעמונגען מיטלען, וועלכע וואָלטן אנדערש ניט געקאָנט נעמען קיין אנטייל אינם קאַמף צווישן דער גרויסער און קליינער פּראָדוקציע, און אַזוי אַרום מיטהעלפן דעם ניצאָכן פון דער ערשטער.

דריטנס, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, קאָן ניט אלעמאָל דער פּריוואַטער אונטערנעמער אויסנוצן די גינסטיקע קאָניונקטור און פאַרברייטערן זיין אונטערנעמונג. די סאָלידע אַקציען־געזעלשאַפטן אָבער קאָנען דאָס טאָן אלעמאָל. זיי לאָזן ארויס נאָך אַקציעס און באקומען די מיטלען, וואָס זיי דארפן אַף צו פאַרברייטערן דעם געשעפט, אַף צו פאַרגרעסערן זיין גרונט־קאַפּיטאַל. פאַרשטאַרקנדיק אָבער שנעלער די טעכנישע מעגלאַכקייטן פון די גרויסע אונטערנעמונגען, העלפן דערמיט גופע די אַקציען־געזעלשאַפטן ארויסצושטויסן די קליין־ווירטשאַפט.

מיר האָבן נאָר וואָס געשריבן, אז אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג קאָן מען באמערקן אויך בענויגייע צו די אונטערנעמונגען, וועלכע געהערן צו די מעכטיקע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס. מע מוז אבער באַמערקן, אַז בענויגייע צו די אַקציען־געזעלשאַפטן האָט דאָס אַסאַך אַ גרעסערע באדייטונג. דאָס דערקלערט זיך דעריקער דערמיט, וואָס די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע געהערן צו די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, שפּילן, צום באַדויערן, ניט די הויפּט־ראָליע אין דער פּראָדוקציע, בעאיים די אַקציען־אונטערנעמונגען שפּילן אין דער אינדוסטריע פון די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אַ אָנפירנדיקע און אלץ שטייגנדיקע ראָליע. דאָס זעט מען פון יענעם שנעלן וווּקס פון דער צאָל אַקציען־געזעלשאַפטן און פון זייער קאַפּיטאַל, וואָס מיר האָבן באַמערקט פאַר דער מילכאָמע. אַפילע אין גרויס־בריטאַניע, וועלכע איז, ווי באַוווּסט, ווייט ניט קיין קלאַסיש לאַנד פון אַקציען־אונטערנעמונגען. אָט זיינען די ציפער פונם דאָזיקן וווּקס:

יאָר	צאָל	קאַפּיטאַל
1900	29.730	1.622.641.416 פ. שט.
1905	39.616	1.954.337.135 " "
1910	51.787	2.178.619,734 " "
1913	60.754	2.425.740.857 " "

פון די דאָזיקע ציפער זעען מיר, אַז בעסאַכאַקל פאַר 14 יאָר איז די צאָל אַקציען־אונטערנעמונגען אויסגעוואַקסן אין גרויס־בריטאַניע אין צוויי מאָל מיט עפּעס, און זייער קאַפּיטאַל קימאַט אין 1,5 מאָל. דער מער לאַנגזאַמער וווּקס פונם קאַפּיטאַל אין די אַקציען־געזעלשאַפטן דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פילע פריער אינדיווידועלע אונטערנעמונגען האָבן אָנגענומען די פאָרם פון אקציען־געזעלשאַפטן. שפּעטער (קאַפּיטל V אונטערקעפּל ג) וועלן מיר צייכענען די הויפּט־סיבע, וועלכע רופט ארויס די דאָזיקע דערשיינונג.

ווען מיר ווילן אָבער אַ קוק טאָן, ווי שנעל סע אַנטוויקלט זיך די אַקציען־פאָרם אין די לענדער, וואָס זיינען „פּראָגרעסיוו" אין דער הינזיכט, קאָנען מיר זיך ווענדן צו די צאָפן־אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן. דער פאַרגלייך צווישן די אינדוסטריעלע ציילונגען (צענזן) אין 1904 און 1909 וועט אונז באווייזן, אַז

אין 1904 יאָר האָבן די אַקצ. געזעלש. אויסגעמאַכט 23,6% פון אַלע אינדוסטריעלע אונ-
טערנעמונגען, אין 1909 י. — 25,9%.

אין 1904 יאָר האָבן די אַקצ. געזעל. איינגעצאָלט 70,6% פונם גאַנצן ארבעט-לוין,
אין 1909 — 75,6%;

אין 1904 יאָר האָבן די אַקצ. געזעל. פּראָדוצירט 73,7% פון דער גאַנצער אלגעמיינער
פּראָדוקציע, אין 1909 — 79%;

אין 1904 יאָר האָבן די אַקצ. געז. פּראָדוצירט 71,0% פון דער גאַנצער ריינער פּראָ-
דוקציע, אין 1909 — 77.2.

דערפון זעען מיר ניט בלויז די גוואלדיק שנעלע פאַרגרעסערונג אינם באטייט פון די אַקציען-אונטערנעמונגען אין די צאָפן-אמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן פאַר דידאָזיקע פינעף יאָר, נאָר אויך דאָס, אַז אין 1909 יאָר איז אינם דאָזיקן לאנד מער פון 75 פּראָצ. פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פּראָדוצירט געוואָרן אין די אקציען-אונטער-נעמונגען, בעאייס אין גרויס-בריטאַניע האָט די פּראָדוקציע פון די אַקציען-געזעלשאַפטן ניט דערגרייכט אפילע צו אַ העלפט פון דער אלגעמיינער סומע פון דער פּראָדוקציע. צו אָט דעם לעצטן אויספיר ברייגנט אונז אויך יענער אומשטאַנד, וואָס לויטן בעערעכדיקן כעשבן, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אַף די זייטלאַך פונם איינגלישן Final Report of Census of production האָט דער אלגעמיינער קאַפּיטאַל, וואָס איז אריינגעלייגט געוואָרן אין דער אינדוסטריע, באַרג-אינדוסטריע, טראַנספּאָרט און האַנדל אין גרויס-בריטאַניע, אויסגעמאַכט אין 1907 יאָר אַ סכום העכער פון 4,2 און נידעריקער פון 5 מיליאַרדן פונט שטערלינג.

פערטנס, די אַקציען-געזעלשאַפטן, דערמיט, וואָס זיי פאַרייניקן די מיטלען פון עטלאַכע קאַפּיטאַליסטן, און די אייגענע מיטלען פאַרגרעסערן זיי מיט די אָפּשפּאָרונגען פון אַ גרוי-סער צאָל אומפאַרמעגלאכע מענטשן, האָבן זיי די מעגלאַכקייט צו גרינדן אַזעלכע גרויסע אונטערנעמונגען, וואָס קיינער פון די קאַפּיטאַליסטן, יעדערער באַזונדער, וואָלט ניט זיין אימשטאַנד זיי צו אָרגאַניזירן. פריער האָט דאָס געקאָנט טאָן נאָר די מעלוכע (צ. ב. די אייזנ-באַנען). אזוי ארום העלפן מיט די אַקציען-געזעלשאַפטן צו שאפן קאָלאָסאַלע און אויסגע-צייכנט איינגעאָרדנטע אונטערנעמונגען, וועלכע העלפן זייער שטאַרק מיט דעם ניצאָכן פון דער גרויס-פּראָדוקציע איבער דער קליינער.

די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע אין די אַקציאָנערע געזעלשאַפטן קומט נאָך אויסערדעם פאַר, אַדאנק דער „קאָמבינירונג" פון דער אינדוסטריע, ד. ה. אַדאַנק דעם פאַרייניקן צוזאַמען די פריער לאַכלוטן זעלבשטענדיקע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען פאַרנומען מיטן פאבריצירן איין פארענדיקטן פּראָדוקט, אָבער אַף פארשיידענע סטאַדיעס פון זיין פאָרמירונג (אויסבילדונג). צ. ב., ווען סע וועלן זיך צוזאמען פאַרייניקן אַ שפּי-נעריי און א וועבעריי, וועלן מיר פאר זיך האָבן אַ „קאָמבינירטע" אונטערנעמונג, אין קעגנפאל האבן מיר די אזויגערופענע „ריינע" אונטערנעמונגען. אָפטער קומט פאַר די קאָמבינירונג אַזוי, אז אין די אופבלי-פעריאָדן פאַרייניקן צו זיך די אונטערנעמונגען פון דער באַארבעטנדיקער אינדוסטריע די אונטערנעמונגען פון דער ארויסבאַקומענדיקער אינ-דוסטריע (דאָס רופט זיך אָן א פאַלנדיקע קאָמבינירונג); אין אן עפּאָכע פון דעפּרעסיע (א שלעכטער צושטאַנד פונם מאַרק), פאַרייניקן צו זיך די אונטערנעמונגען פון דער ארויס-באַקומענדיקער אינדוסטריע די אונטערנעמונגען פון דער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע (דאָס רופט זיך אָן שטייגנדיקע קאָמבינירונג). אזא מין גאַנג פון קאָמבינירונג דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין דער ארויסבאַקומענדיקער אינדוסטריע קאָן, אלס קלאַל, די פּראָדוקציע פאַרברייטערן זיך לאַנגזאַמער, איידער אין דער באַאַרבעטנדיקער. אַזוי, צ. ב., אַף איינאָרד-

נען שאַכטעס אין רורער באסיין דארף מען האָבן פון 5 ביז 7 יאָר. דעריבער, ווען די קאָניונקטור איז גינסטיק (ווען דער נאָכפרעג איז גרויס), שטייט די ארויסבאַקומענדיקע אינדוסטרי אָפּ אין איר וווקס פון דער באאַרבעטנדיקער, דערפון ווערן די פּראָדוקטן פון דער ערשטער טייערער, און די מער מעכטיקע אונטערנעמונגען פון דער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע פליסן זיך צו קריגן שאַכטעס, מינען-גרובן, א. א. וו. קעדיי צו פּאָטער ווערן פונם מאַנגל אין רויע (און הילף-) מאַטעריאַלן און פון דער נויטיקייט טייער צו צאָלן פאר זיי. ווען, פאַרקערט, דער נאכפרעג פאַלט זייער שטארק (פעריאָד פון קריזיס און דעפּרע-סיע), קאָן ניט די ארויסבאַקומענדיקע אינדוסטרי איר פּראָדוקציע פארקירצן אַזוי שנעל, ווי די באַאַרבעטנדיקע, און דעריבער איז זי געצוווּנגען ביליק צו פארקויפן אירע סכוירעס. שטרעבנדיק דאָס אויסצומיידן, באַמיען זיך די שטארקסטע פון די ארויסבאַקומענדיקע אונ-טערנעמונגען אליין צו בויען זאַוואָדן, וועלכע ארבעטן איבער דאָסדאָזיקע רויוואַרג, און פארקויפן שוין אַ פארטיקן פּראָדוקט, וואָס זיין פּרייז איז ניט אזוי געפאלן, ווי די פּרייז פונם רויוואַרג. מיט איין וואָרט, דער ווייניק האַכנאָסעדיקער (בא דער געגעבענער קאָנ-יונקטור) פּראָדוקציע-צווייג שטרעבט אלעמאל צו פארייניקן צו זיך דעם מער האַכנאָ-סעדיקן.

מאשמאָעס, אז דאָס אויבן געזאָגטע האָט אן אָרט אויך בענוגייע צו אלערליי אונטער-נעמונגען. צי זיי געהערן די אקציען-געזעלשאפטן צי ניט, פאקטיש אבער איז דאָס הויפּט-זאַכלאך שאיעך צו די ערשטע, ווייל זיי זיינען געוויינטלאך גרעסער, און, אויסערדעם, קאָנען זיי גיכער באקומען די נויטיקע הויסאָפּע-מיטלען, וועלכע האָבן ניט קיין כאַראקטער פון קורצטערמיניקע האלוואָעס (צ. ב. דורכן ארויסלאָזן נייע אַקציעס).

ס'איז קלאָר, אז אלס רעזולטאט, פון קאָמבינירונג ווערט די אונטערנעמונג ג ר ע ס ע ר, איידער זי איז פריער געווען, ווייל אנשטאט נאר, לאָמיר זאגן, טשוהון-גוס-זאַוואדן בא-קומט זי נאָך שאַכטעס און גרובן. סע וועט דעריבער פאַרקומען די ווייטערדיקע קאָנצענ-טראַציע פון דער פּראָדוקציע. אזא מיטל צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, כאזערן מיר איבער, הייסט קאָמבינירונג פון דער אינדוסטרי, ווייל סע באקומען זיך אונטערנעמונגען, אין וועלכע סע זיינען קאָמבינירט (געגומען אין א געהעריקער פּראָפּאָרציע) אלע עלעמענטן (באשטאנד-טיילן), וועלכע זיינען נויטיק אף צו באקומען דעם געגעבענעם פּראָדוקט.

בעכיין זעען מיר: באהויפּטן, אז די אקציען-געזעלשאפטן שטערן ארויסצושטויסן די קליין-ווי טשאפּט, הייסט (אין בעסטן פאל) שלעכט זעען דאָס. וואָס אין דערווירקלאכקייט קומט פּאָר.

מיר ווען צוגעבן, אז בענוגייע צו די אקציען-געזעלשאפטן איז אזא מין באהויפּטונג נאָך אין א גרעסערער מאָס פאלש, איידער בענוגייע צו דער קאָאָפּעראציע. אין די קאָאָ-פּעראטיוון, הויפּטזאכלאך אין די געברויך-קאָאָפּעראטיוון, און באזונדערס אין דער ארבעטער-קאָאָפּעראציע, ווענדעט זיך נ י ט די צאָל שטימען אָן דער צאָל פון די געגומענע פּאיען: „איין מענטש — איין שטים", — דאָס איז דער קלאל, וואָס איז פּאָפּולער אין דער קאָאָפּע-ראַציע. אַפילע דער רעוואַך אין זיי ווערט אויך פארטיילט פּראָפּאָרציאָנעל צו די אָנגענו-מענע סכוירעס (די סומע פון די קניעס), און ניט צום סכום פּאַיען. די „קאָאָפּעראַטיוון" פון די באאמטע, פון אָפיצירן א. א. וו. ווי סע איז אָנגעווענדט געוואָרן דער לעצטער מעטאָד פון פארטיילן דעם רעוואַך, זיינען אַפילע ניט צוגעלאָזט געוואָרן אף די אינטער-נאַציאָנאלע קאָאָפּעראטיווע צוזאמענפאָרן. „די קאָאָפּעראציע — דאָס איז א פאריייניקונג ניט פון קאַפּיטאַלן, נאר פון מענטשן", — האָבן ליב צו איבערכאַזערן די טעאָרעטיקער פון דער קאָאָפּעראציע. די אַקציען-געזעלשאפטן אָבער זיינען פאַרייניקונגען ניט פון מענטשן, נאָר פון קאַפּיטאַלן. דער רעוואַך אין זיי ווערט פאַרטיילט פּראָפּאָרציאָנעל צו די סומעס פון די

אַריינגעלייגטע קאַפּיטאַלן (פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל אַקציעס); די צאָל שטימען אָף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די אקציאָנערן הייגגט אויך אָפּ פון דער צאָל אַקציעס, וואָס דער אקציאָנער פאַרמאָגט. די מערהייט אַקציעס געהערט דאָ אלעמאָל ניט צו די אָרימ', נאר צו די רייכע, ווי מיר וועלן באַווייזן שפּעטער, געוויינטלאַך צו די ביינק; אויב נאָר די אונטערנעמונג געהערט ניט צום יענעם מין אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן פון די רייכע מיטן צוועק ארויסצושלעפּן באַם פּאָשעטן אוילעם וואָס מער געלט און דערנאָך מאכן א גיכע פּלייטע פונם דאָזיקן געשעפט. די הערשאַפט פון די קאַפּיטאליסטן אין די אַקציען-געזעלשאַפטן איז געזיכערט דערמיט, וואָס פילע פון די קליינע אַקציעס-האלטער קומען גאר אַפילע ניט אָף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די אַקציאָנערן (דער העכסטער יורידישער פאַראָרדענונג-אָרגאַן פון אזעלכע אונטערנעמונגען), און די גרויסע קומען, פאַרשטייט זיך, אַלע. אויב יורידיש דאַרף מען באַזיצן א העלפט פון די אַקציעס פּלוס איינע, קעדיי צו זיין דער באַלעבאָס פונם געשעפט, איז פּאַקטיש צוליב דעם גענוג צו האָבן אַסאך א קלענערן טייל, לויט לענינס מיינונג (אימפּעריאַליזם א. א. וו.)— נאָר 40 פּראָצ. פון די אַקציעס. דעריבער, איז ווען אפילע די אָרימע האָבן געגעבן דער אונטערנעמונג די מערהייט מיטלען, זיינען די באַלעבאַטים דאָרט אלציינס די רייכע, און די קליינע אונטערנעמער, וועלכע קויפן אקציעס פון א גרויסער אונטערנעמונג, שפּילן אין עצעם די ראָליע פון יענע בוימער, וועלכע געבן מאַטעריאל פאַר די הענטלאַך פון די העק און העלפן אזוי ארום מיט אויסצוהאקן דעם גאַנצן איבעריקן וואַלד.

4. טרעסטן

לאָמיר איצט איבערגיין צו אַנאַליזירן דעם שטאַנדפּונקט, אז די טרעסטיפיקאַציע פון דער פּראָדוקציע, וואָס מע באַמערקט איצט אין מיירעוו-אייראָפּע און אין אַמעריקע, מאכט פאר אומעגלאך די וויטערדיקע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע. דערלערנען מיר די ווירקלאכקייט, קומען מיר גאָר צו אַ קעגנזועצלאַכן אויספיר, איבער די סיבעס, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין פאָלגנדע פיר פונקטן פון אונזער קאַפּיטל (פונקטן: א, ב, ג, ד.).

א) די טרעסטן פארמאַכן א טייל פון זייערע אונטערנעמונגען.

ווען סע הערשט די פּריוואַטע קאָנקורענץ, פאַרגרעסערט יעדער אונטערנעמער דעם מאַשטאַב פון זיין אונטערנעמונג, ווייל ער שטרעבט צו באפרידיקן מעגלאַכסט א גרע־סערן טייל פונם גאַנצן נאָכפרעג. אלס רעזולטאַט קאָן זיך אָפּט באקומען, אז די פּראָ־דוציר-קראַפט פון אלע אונטערנעמונגען, צוזאַמען גענומען, איז העכער פונם וועלט-נאָכפרעג אָף דידאָזיקע פאַבריקאַטן (באַ די הערשנדיקע פרייזן אָף דערדאָזיקער סכוירע).

די נאַפט-דיסטילירנדיקע זאַוואָדן פון אַמעריקע קאָנען דיסטילירן מער נאַפט, איידער מע קריגט זי איצט אין דער גאַנצער וועלט און איידער סע לוינט זי צו קריגן באַ איצ־טיקע פרייזן. אין 1920 יאָר האָט די פּראָדוציר-פייאיקייט פון די דיסטיליר-זאַוואָדן נאָר אין אַמעריקע אליין אויסגעמאכט 1.889 טויזנט באַרעלן (פעסער אזעלכע, פולע מיט נאַפט, וועגן 159 פונט) אין א טאָג, און דער גאַנצער ארויסבאקום פון נאַפט אין דער גאנצער וועלט האָט אויסגעמאכט 630.000 באַרעלן.

ס'איז קלאָר, אז ווען אין אזעלכע פאַלן ווערט אויסגעבילדעט א טרעסט, מאכט ער צו א טייל אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען אריין אין זיין באשטאנד, און דעם גאַנצן נויטיקן סכום סכוירעס ארבעט ער אויס אפן בעסער איינגעאָרדעטן טייל זאַוואָדן. דערפון ווערט נידעריקער דער זעלבסטקאָסט פונם פּראָדוקט, ד. ה. אז דער רעוואַך פונם טרעסט ווערט

העכער. ווען אין אַמעריקע האָט זיך געגרינדעט דער בראָנפן-טרעסט, האָט ער געלאָזט אין גאַנג נאָר עפּעס מער פון איין זיבעטל פון זיינע זאַוואָדן, און דאָס איז געווען גאַנץ גענוג אף צו דעקן דעם גאַנצן קויפפייאיקן נאָכפרעג אף דער סכוירע.

אן אַנאַלאָגישע דערשיינונג קאָן מען זעען אין פאַל, ווען נאָכן שליסן דעם אָפּמאך לאָזט דער טרעסט טכּילעס ארבעטן אלע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען אריין אין זיין באשטאנד, און שפּעטער, ווע נדיק אויסנוצן עפּעס אַ טעכנישע דערפינדונג, פירט ער ז' איין אין דעם בעסער איינגעאָרדנטן טייל פון זיינע זאַוואָדן; דידאָזיקע אונטערנעמונגען קאָנען שוין אין א גענוגער מאָס דעקן דעם נאָכפרעג, און די איבעריקע אונטערנעמונגען פארמאכט ער.

סע קאָן גיבן אויך אזא לאגע: אַ טייל פון זיינע אונטערנעמונגען מאכט ער צו אינגיכן נאָך דער אויסבילדונג פונם טרעסט, און א טייל שפּעטער אביסל, ווען סע באַווייזט זיך א נייע דערפינדונג, וועלכע גיט די מעגלאכקייט צו פּראָדוצירן דעמזעלביקן סכום פּראָדוקטן אין א קלענערער צאָל זאוואָדן, און אזוי ארום פאָטער ווערן פון די ערגער איינגעאָרדנטע זאוואָדן, מיט העכערע הויצאָעס אף דער פּראָדוצירונג פון דער סכוירע.

אין דידאָזיקע אלע פאַלן האָט אַן אָרט אָן שום סאָפעק די העכערונג פון דער קאָמ-פּאַקטקייט פון דער פּראָדוקציע, ווייל א קלענערע צאָל זאַוואָדן הויבט אָן צוגרייטן דעם פריערדיקן סכום סכוירע; סע ווערט אויך ארויסגעשטויסן די קליין-פּראָדוקציע, ווייל די ערגער אוועקגעשטעלטע (קימאט אלעמאָל זיינען עס די קלענערע) אונטערנעמונגען ווערן צוגעמאכט.

ב) די קאָמבינירונג פון דער אינדוסטרי.

אויסערדעם, ברייגנען די טרעסטן צו א גרעסערער קאָמפּאַקטקייט פון דער פּראָדוקציע אויך אדאנק דעם, וואָס זיי העלפן זייער מיט דער קאָמבינירונג פון דער פּראָדוקציע אין דער אינדוסטרי.

איינדערעמעסן, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז דער טרעסט האָט זיך אויסגעבילדעט, לאָמיר זאָגן, אין דער באַארבעטנדיקער אינדוסטריע. ס'איז קלאָר, אז זיין מאנאָפּאָל (דאָס אָפּזיין פון קאָנקורענץ) וועט זיין אלץ פעסטער, וואס אין א גרעסערער מאָס אים וועט געלינגען צו באהערשן די קוואלן פון רויווארג, און העיויס ווי די טרעסטן האָבן געוויינטלאך קאָלאָסאַלע מיטלען, וועט אים זיך גיך איינגעבן דידאָזיקע קוואלן צו באהערשן. אזוי, לעמאָשל, אויב דער טרעסט פאררייניקט די טשוהון-גוס-זאוואָדן, וועט ער זיך פליסן צו באהערשן די אייזן-גרובן און די גרובן פון שטיינקוילן.

לאָמיר, אגעוו, באמערקן, אז דער טרעסט דארף ניט באהערשן דאַפקע אלע קוואלן פון רויוואַרג, קעדיי צו מאכן זיין לאַגע פעסט. צוליב דעם איז פולשטענדיק גענוג צו קריגן נאָר די סאַמע רייכע פון זיי, ד. ה. יענע, ווו אף ארויסצובאקומען אַן איינסל רויען פּראָדוקט ווערט פארווענדט דער מינימאַלער סכום ארבעט.

דאַן וועט די אנדערע זאוואָדן, וועלכע פּראָדוצירן דיזעלביקע סכוירע (אין געגעבענעם פאל טשוהון) אַן איינסל זיינס קאָסטן א סאך טייערער, דעריבער וועלן זיי קאָנען עקזיסטירן אין א פּעריאָד פון הויכע פרייזן (אין אופבלי-פּעריאָד), ווען דער טרעסס האָט פאר קיין קאָנקורענץ ניט מוירע, אָבער א באדייטנדער טייל זייערער וועט מוזן פלאַצן אין אַן עפּאָכע פון נידעריקע פרייזן (אין פּעריאָד פון קריזיס און דעפּרעסיע), ווען א שטאַרקע קאָנקורענץ וואָלט געקאָנט דעם טרעסט פאַטערן, ווייל ער אליין באקומט אין אזא צייט ניט מער פון מיכלמעסיקן רעוואַך.

אזעלכע מינע קאָמבינאַטן וועלן אנטשטיין אויך אינם פאַל, ווען די טרעסטן וועלן טכּי-לעס זיך אויסבילדן אין דער ארויסבאקומענדיקער אינדוסטריע, נאָר דארט וועט די קאָמ-

בינירונג צוגיין אביסל אנדערש. ווען סע בילדעט זיך אויס אזא מין טרעסט, וועט ער זיך באמיען, פארשטייט זיך, וואס העכער הויבן די פרייזן אפן רויען מאַטעריאַל, וואָס ער באקומט ארויס. קאַלזמאַן עס דויערט די אופבלי-עפּאָכע, וועט דאָס הויבן די פרייזן אפן רויווארג ניט ווירקן שלעכט אף דאָס ראָוו אונטערנעמונגען, וואָס ארבעטן מיטן דאַזיקן רויווארג. אָט אָבער הויבט זיך אָן דער קריזיס מיט זיינע נידעריקע פרייזן. די פרייזן אף א פארטיקן פּראָדוקט ווערן, הייסט עס, זיין נידעריקע, און אפן רויווארג הויכע, ווי פריער, ווייל דער טרעסט איז גענוג מעכטיק, ער זאָל קאָנען איינהאלטן די פרייזן אף אזא הייך. אַלס רעזולטאַט דערפון וועט א גאנץ היפשער טייל באזיצער פון יענע זאַוואָדן, וועלכע ארבעטן אויס פארטיקע פּראָדוקטן, זיך שטעלן פאר אזא דילעמע: אָדער פארקויפן זייער זאוואָד בעזאָל דעם, וואָס וועט מאסקים זיין צו קויפן, און דאָס וועט, מיסטאַמע, זיין נאָר דער טרעסט פון די אונטערנעמונגען, וועלכע באַקומען ארויס דאָס געהעריקע רויווארג, אָדער פארקויפט ווערן פון אויקציאָן, ד. ה. ווידער טאקע אריינפאלן אין די לאפּעס פונם זעלביקן טרעסט. אין ביידע פאַלן גאַראַנטירט די ביליקע קניע דעם טרעסט א הויכן % רעוואַך אפן פארוועגדטן קאפּיטאַל און אין ביידע פאלן וועט זיך אויסבילדן א קאָמבינירטע אונטערנעמונג, ד. ה. עס האָט אָן אָרט דער וווּקס פון דער פּראָדוקציע, די ווייטערדיקע קאָנצענטראַציע אירע.

ג) די טרעסטן און דער האנדל.

די סאָציאַלע ראָליע פונם האנדל באשטייט אינם איבערגעבן די סכוירע פונם פּראָדוצירער צום געברויכער דורך בייט-אקטן. דידאָזיקע פונקציע איז ניט זעלטן אַ גאנץ קאָמפּליצירטע, ווייל דער פּראָדוצירער און געברויכער קאָנען אמאָל זיך געפינען אין א מעהאלאך פון טויזנטער ווערסט איינער פונם צווייטן און ניט וויסן ווי אזוי איינער דעם צווייטן צו געפינען, און, ענדלאך, דער גרויסער פּראָדוצירער וואָלט ניט קאָנען באפרידיקן די נויטן פונם געברויכער, ווען יענער זאָל אפילע וויסן, ווּהין ער זאָל זיך ווענדן, אָבער ער וואָלט פאָדערן א צו קליינע פּאַרטיע סכוירע.

סע מוז קלאָר זיין, אז די מאכט פון די סאָכרים איבער די קאַפּיטאַליסטן (פּאַבריקאַנטן) איז אלץ גרעסער, וואָס גרעסער די ערשטע זיינען, וואָס אָפּגעזונדערטער די לעצטע זיינען און וואָס ווייניקער פייאיק זיי זיינען אויסצוהאלטן לאנג די סכוירע, ד. ה. וואָס מער זיי נויטיקן זיך אין אויסקער-געלט.

ס'איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס פילע אונטערנעמער (באזונדערס די קלענערע) ווערן זייער שטאַרק אָפּהייגגיק פון די סאָכרים (אנגראָ-סאכרים), וועלכע נוצן אין אַזאַ פאל, פארשטייט זיך, אויס דידאָזיקע לאגע אמבעסטן פאר זיך און אמערגסטן פאר די פאבריקאַנטן.

די זאך בייט זיך איינגאנצן, ווען סע בילדעט זיך אויס אַ טרעסט. ערשטנס, מאכט ער אַ סאָך צו דער צעשפּליטערטקייט פון די פּאַבריקאַנטן; צווייטנס, איז ער גענוג מעכטיק פינאנסיעל, ער זאָל זיך ניט דאַרפן יאָגן נאָכן באלדיקן אָפּזאץ פון זיין סכוירע. דאָס איז ווייניק. ווען מע דארף נאָר, קאָן דער טרעסט איינאָרדנען זיינע אייגענע לאגערס אין די וויכטיקסטע פונקטן און אַזוי אַרום האָט ער די מעגלאכקייט צו באגיין זיך אָן די סאָכרים, ווען יענע ווילן זיך ניט אונטערוואָרפן צו זיינע טנאאים.

אַלס רעזולטאַט פון דעם אַלעמען ווערט „דער באלעבאָס פון דער לאגע” ניט דער סויכער, נאָר דער טרעסט, און, פארשטייט זיך, ער נוצט אויך אויס ווי געהעריק איז די-דאָזיקע לאגע.

דער האַנדל—דעריקער, דער אנגראָ-האנדל, גייט פּאַקטיש איבער אין זיינע הענט. דער סוחר קאָן זיך יורידיש בלייבן דער אייגנטימער פון אַ זעלבשטענדיקער

אונטערנעמונג, אָבער פּאַקטיש (עקאָנאָמיש) איז ער אין טאָך נאר אַ האַנדלס-אַגענט פונם טרעסט, וועלכער אַרבעט נאָר אַף אַביסל אייגנאַרטיקע לוין-באַדינגונגען. אינדערעמעסן, דערדאָזיקער „זעלבשטענדיקער" סויכער האָט קיין רעכט ניט אָפּצוזעצן די סכוירע פון די פירמעס, וועלכע קאָנקורירן מיטן געגעבענעם טרעסט. דער טרעסט ווערט אַזוי אַרום (אין אַ געוויסער מאָס) פּאָטער פון אויסלענדישער קאָנקורענץ; ער (דער „זעלבשטענדיקער" סויכער) האָט קיין רעכט ניט צו האַנדלען מיט דער סכוירע לויט אַ העכערן פרייז, איידער דער טרעסט באַשטימט, ווייל די פירער פונם טרעסט ווייסן גאַנץ גוט, אַז די העכערונג פון דער פרייז אַף דער סכוירע שוואַכט אָפּ זיין אָפּזאַץ, און זיי זיינען דאָך פאַרינטערעסירט, אַז די גאַנצע סכוירע, וואָס זיי האָבן פּראָדוצירט, זאָל אויסגעפאַרקויפט ווערן. אויב אָבער מען קאָן דעם פאַראנענעם סכום סכוירע פאַרקויפן טייערער, ווילן זיי בעסער, אַז דער רעוואַך פון דעם זאָל אָנקומען אין זייער קעשענע, און ניט צו די סאַכרים, און זיי הויבן אָן די סכוירע צו פאַרקויפן די סאַכרים טייערער; דער טרעסט ווייזט אָן די סאָכרים דעם ראַיאָן, ווו זיי דאַרפן פאַרקויפן, און ער שפּירט נאָך שטרייננג, אַז יענע זאָלן ניט אַרויס פונם אָנגעצייכנטן טכום; דער טרעסט שטעלט, ענדלאַך, פעסט, וועלכע סאָרטן סכוירעס, און וואָס פאַר אַ מאָס און אַף וואָס פאַר אַ פרייז די סאָכרים דאַרפן באַ אים נעמען. בעקיצער, פונם זעלבשטענדיקן סויכער בלייבט קיין זייכער ניט.

און וויבאַלד עקאָנאָמיש זיינען דידאָזיקע אַלע סאָכרים נאָר אַגענטן פונם טרעסט, געהערן פאַקטיש (מיר כאַזערן איבער, ניט יורידיש) דעם טרעסט אויך דידאָזיקע אַלע האַנדלס-אונטערנעמונגען (אַגעוו, זיי ווערן אַסאַך קלענער אין צאָל נאָך דער אויסבילדונג פונם טרעסט), אָפּגערעדט שוין פון דעם, אַז ניט זעלטן געהערן זיי צו אים אויך יורידיש.

ס'איז איבעריק צו דערקלערן, אַז אין לעצטן פאַל ווערט דער טרעסט שטאַרק פאַרגרעסערט אין זיין פאַרנעם. אַפילע אָבער אין יענעם פאַל, ווען די האַנדל-אונטערנעמונגען געהערן יורידיש, ווי פריער, צו זייערע געוועזענע באַלעבאַטים, — וואַקסט סייווי דער פאַרנעם פונם טרעסט דורכדעם, וואָס דער האַנדל איז אים אַזוי אונטערגעוואָרפן. אינדערעמעסן. וויבאַלד די אייגנטימער פון די האַנדל-אונטערנעמונגען זיינען פּאַקטיש נאר אַגענטן פונם טרעסט, איז קלאר, אַז זיי באַקומען פאַקטיש די באַלוינונג, וועלכע קומט געוויינטלאַך אויס אַפּן כיילעק פון אַגענטן, פּליוס (אין בעסטן פאַל) פּראָצענט אַפּן קאַפּיטאַל, וואָס זיי האָבן ארייננעלייגט אַף דער איינריכטונג און אַף אנדערע הויצאָעס פון אַזעלכע אונטערנעמונגען. דער פּראָצענט אַף קאַפּיטאַל איז אָבער, ווי באַוווסט, נידעריקער פונם אינטערנעמונג-רעוואַך. דאָס איז דאָך קלאָר, ווייל ווען אַנדערש, וואָלט דאָך יעדער אונטערנעמער זיין קאַפּיטאַל פּאָשעט ארייננעלייגט אין באַנק אריין, אַנשטאַט דעם, ער זאָל גרינדן אַן אייגענע אונטערנעמונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט ריזיקע און זאָרגן. דערפון איז קלאָר, אַז די גאַנצע דיפערענץ צווישן דעם אונטערנעמונג-רעוואַך און דעם פּראָצענט קומט אָן דעם טרעסט און העלפט מיט זיין ווייטערדיקן וווקס און פאַרשטאַרקונג.

דעם וווקס פון די טרעסטן העלפט נאָך ניט ווייניק מיט דער אומשטאַנד, וואָס אין זייער קעשענע פאַרבלייבט אַ גוואַלדיקער פּראָצענט פון יענע הויצאָעס אַף רעקלאַמעס און אַף קאָמי-וואָיאַזשאַרן, וועלכע זיינען געווען אומפאַרמיידלאַך, בעאייס סע זיינען געווען אַן אַ שיר האַנדלט-פירמעס, וואָס האָבן קאָנקורירט צווישן זיך. דער מאַנאָפּאַליסט, דער טרעסט נויטיקט זיך דערינען זייער ווייניק, ווייל סייווי מוז מען דאָך צו אים אָנקומען. די טרעסטן גיבן אַף דידאָזיקע צוועקן אויס נאר דעם מינימום דערפון, וואָס איז נויטיק אַף צושטעלן אינפאָרמאַציע די אייגענע אונטערנעמונגען און די אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען פון זיי אָפּהייניגיק. די מיטלען אָבער, וואָס ער פאַרשפּאָרט אַדאַנק דער גרויסער

פארקירצונג פון דידאָזיקע הויצאָעס, גייען אַף צו פאַרשטאַרקן די מאכט פונם טרעסט, אַף זיין וווקס און פאַרגרעסערונג, ד. ה. זיי העלפן טאַקע ווידער מיט דער ווייטערדיקער קאָנצענטראַציע פון דער פראָדוקציע.

ד) די טרעסטן און די ניט טרעסטירטע אונטערנעמונגען.

ס'איז גאַנץ קלאר, אַז אויב אַוועלכער ניט איז צווייג פון דער פאָלק-ווירטשאפט ווערט טרעסטירט, קאָן דאָס ניט דורכגיין אָן שפורן אויך פאר די איבעריקע ספערעס פון דער פאָלק-ווירטשאַפט, וואָס עקאָנאָמיש זיינען זיי מיט דעם טרעסטירטן צווייג איינג פארבונדן. — דאָ קאָנען טרעפן דריי גרונט-פאלן.

ערשטנס. דער פראָדוקציע-צווייג, וועלכער איז מיטן טרעסטירטן פארבונדן, וועט אליין זיך פארייניקן (טרעסטירן, קארטעלירן) ניט קאָנען.

צווייטנס. ער וועט זיך פארייניקן און וועט אריינטרעטן אין א פארביסענעם קאמף מיטן טרעסט, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט דעם פריער פארייניקטן פראָדוקציע-צווייג.

דריטנס. אַ פארייניקטער, וועט ער זיך צונויפגיסן מיטן טרעסט, וועלכער האָט צעוויקלט זיין טעטיקייט אינם פריער טרעסטירטן פראָדוקציע-צווייג און אזוי ארום וועט זיך באַקומען א קאָמבינירטער טרעסט, א טרעסט-קאָמבינאַט. דער דריטער פאַל קאָן זיין א רעזולטאַט פונם צווייטן, ד. ה. סע קאָן זיין, אַז ביידע טרעסטן וועלן זיך צונויפגיסן אין איינעם, אַ קאָמבינירטן, ערשט נאָך א ריי פארביסענע שלאכטן און שטרייטן.

נאָר אַף וועלכע פון די וועגן די ווירקלאכקייט זאָל ניט גיין, סיווי וועט דאָ האָבן אַן אָרט אַ גוואַלדיקע קאָנצענטראַציע פון דער פראָדוקציע. די קעגנער פון דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע האָבן נעבאַך ניט ווו זיך אהינצוטאָן. אינדערעמעסן: לאָמיר אַנאַליזירן דידאָזיקע דריי פאלן. מירן אָנהויבן פונם ערשטן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, צוליב איינפאַכקייט, אַז מיר האבן פאר זיך צווי צווייגן פון דער פראָדוקציע, וועלכע זיינען עקאָנאָמיש איינג פארבונדן צווישן זיך; זאָל זיין, אז דער ערשטער באַקומט ארויס רויען מאטעריאל, און דער צווייטער באַארבעט אים. אויב דער ערשטער פון זיי איז טרעסטירט, און דער צווייטער קאָן דאס ניט טאָן, איז קלאָר, אז דער ערשטער וועט נעמען צושטעלן זיינע סכוירעס לויט א העכערער פרייז, איידער דאן, ווען ער איז ניט טרעסטירט געווען. דער צווייטער וועט ניט קאָנען הויבן די פרייזן אף זיין פראָדוקט, ניט אָפּשוואכנדיק זיין אָפּזאָץ, און אויב ער וואָלט דאָס יאָ געקאָנט טאָן, וואָלט דער ערשטער געפאָדערט פארן רויוואַרג טייערער, און דער ניצאָכן וועט זיין אַף זיין צאַד, ווייל ער איז אָרגאַניזירט, און דער צווייטער ניט. דאָס הייסט אָבער, אז דער רעוואַך פונם צווייטן פראָדוקציע-צווייג וועט ווערן נידעריקער. דער פראָצענט אפן קאַפּיטאַל — דאָס איז דער גרענעץ, ביז וואַנען דער רעוואַך קאָן פאַלן. הייסט עס, די גאַנצע דיפערענץ צווישן דעם מיטעלן און דעמדאָזיקן נידעריקער געוואָרענעם רעוואָך וועט בלייבן דעם טרעסט, וועלכער וועט אזוי ארום באַקומען די מעגלאַכקייט צו פאַרגרעסערן זיין פאַרנעם און, הייסט עס, מאַכן א ווייטערדיקע קאָנצענטראַציע פון דער פראָדוקציע. דערדאָזיקער אויסגאַנג איז נאָך דער בעסטער פאַר די אייגנטימער פון די אונטערנעמונגען פון דער צווייטער גרופּע, וועלכע קאָנען זיך ניט טרעסטירן, ווייל סע איז נאָך גאַנץ מעגלאַך אַן אַנדערער, נאָך א מער טרויעריקער אויסגאַנג פאר זיי: א טייל אונטערנעמונגען אירע וועט רואינירט ווערן און וועט אויסגעקויפט ווערן בעזאָל דורכן טרעסט פון דער ערשטער גרופּע אונטערנעמונגען, פאר וועלכן די באַשיידענע (לעפּיערעך) סומע, וואָס ער וועט אָפּצאָלן פאר די רואינירטע אונטערנעמונגען, וועט אים געבן אַ הויכן רעוואַך אַפן קאַפּיטאַל, וואָס ער וועט אויסגעבן אַף דער קניע. אַזוי ארום וועט אין דעם פאַל דער פאַרנעם פונם טרעסט אויך פאַרגרעסערט ווערן (דערצו

וועט ער נאָך אלץ מער און מער ווערן אַ קאָמבינירטער). דאָ וועט די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע זיך ארויסווייזן נאָך בולעטער און באַשיימפערלאכער, איידער אין פּריער־דיקן פאַל, ווען די אייגנטימער פון די באארבעטנדיקע אונטערנעמונגען ווערן אין טאָך פּראָסטע אַגענטן פונם טרעסט, וועלכער האָט פּאַרייניקט די אונטערנעמונגען, וואָס באַקו־אַרויס רויען מאַטעריאל,—אַגענטן, וועלכע פילן פאַרן טרעסט אויס די פונקציעס, וואָס זיינען אים נויטיק.

לאָמיר איצט איבערגיין צום אַנאַליז פונם צווייטן גרונט־פּאַל. סע איז דאָך קלאָר, אַז דאָס שאַפן אַ טרעסט אין איין צווייג לאָזט איבער גאַנץ הילפלאָז דעם צווייטן צווייג פון דער פּאָלק־ווירטשאַפט, וועלכער איז עקאָנאָמיש איינג פאַרבונדן מיטן ערשטן. דאָס צווינגט צו טרעסטירן זיך אויך דעמדאָזיקן צווייטן פּראָדוקציע־צווייג. און העיויס ווי טרעסטירונג איז די סאַמע אַבסאָלוטע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, קומט אויס, אַז די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין איין צווייג פון דער פּאָלק־ווירטשאַפט ברענגט צו דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין א צווייטער צווייג פון ווירט־שאַפטלאַכן לעבן, וועלכער איז מיטן ערשטן פאַרבונדן, די טרעסטירונג פונם דאָזיקן צווייטן צווייג מוז אומפאַרמיידלאַך ארויסרופן די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דעם דריטן א. א. וו. דאָס איבערצייגט אונז נאָך מער דערין, ווי פאַלש עס איז דער שטאַנד־פּונקט, אַז די אויסבילדונג פון אַ טרעסט מאַכט קלוימערשט אומעגלאַך די ווייטערדיקע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

לאָמיר איצטער גיין ווייטער. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז דערדאָזיקער נייער טרעסט איז ארייגגעטראָטן אין א קאַמף מיט יענעם, וועלכער האָט גוירעם געווען זיין אויסבילדונג.

אין קאָנקורענץ־קאַמף וועט באַ אַלע איבעריקע גלייכע באַדינגונגען זיגן דער, וועמ ס'איז מעכטיקער. די קעגנזייטיקע קאָנקורענץ פון די טרעסטן ברענגט ניט זעלטן דערצו, אַז ביידע הויבן זיי אָן פאַרברייטערן זייער פּראָדוקציע, אָנווענדן נייע מעטאָדן און פאַר־פּולקומונגען א. א. וו. א. א. וו. אין אונזער ביישפּיל וועט די פירמע, וואָס באַארבעט דעם רויען מאַטעריאל, באַזונדערס פּלייסן זיך, אז אַף אַן איינסל גרייטן פּראָדוקט זאָל אַוועקגיין אמווייניקסטן רוי־מאַטעריאל, וואָס זי קריגט באַם טרעסט, מיט וועלכן זי קעמפט, און דער טרעסט, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין דער אַרויסבאַקומענדיקער אינדוסטריע, וועט זיך פּלייסן אָנצווענדן נייע, ביליקערע אַרויסבאַקום־מעטאָדן, קעדיי צו באַקומען מער רעוואַך אַף יעדן איינסל רוי־מאַטעריאַל, וואָס ער זעצט אָפּ. ער (דער טרעסט) וועט זיין געצווונגען צו טאָן אַזוי, ווייל, אַדאַנק דער אויסבילדונג פונם נייעם טרעסט, איז באַ אים אָפּגענומען געוואָרן די מעגלאכקייט צו פאַרגרעסערן זיין רעוואַך דורכן העכערן די פּרייזן אַפן פּראָדוקט, וואָס ער באַקומט ארויס.

דער קאָנקורענץ־קאַמף פון די טרעסטן ברענגט אַזוי אַרום דערצו, וואָס אין ביידע פּראָדוקציע־צווייגן וועט די פּראָדוקציע אוועקגעשטעלט ווערן אַף אַ העכערער מאדרייגע און וועט דערגרייכן צו אַ גרעסערער קאָנצענטראַציע, איידער די פּריערדיקע.

אויב אָבער דערדאָזיקער קאַמף לוינט זייער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, לוינט ער זייער ניט פאַר די טרעסטן, וואָס פירן אים. דערום קאָנען זיי זיך צונויפריידן וועגן צונויפגיסן זיך אין איין (קאָמבינירטן) טרעסט, אָדער סע קאָן טרעפן, אַז איינער פון זיי זאָל רואינירט ווערן און זאָל איינגעשלונגען ווערן דורך דעם צווייטן, וועלכער וועט אין אַזאַ פאַל סיי־ווי־סיי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טרעסט־קאָמבינאַט, — אין אַ טרעסט, וואָס האָט אין זיין רעשוס אונטערנעמונגען, וועלכע פילן אויס פאַרשיידענע פאַזעס פון דער פּראָדוקציע, וועלכע זיינען פריער אויסגעפילט געוואָרן אַף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהאַט צו פאַרשיידענע באַזיצער. מיט אַנדערע ווערטער, דאָ ווערט פאַרקלענערט

די געזעלשאַפטלאַכע און פאַרגרעסערט די טעכנישע צעטיילונג פון דער אַרבעט[1], סע וועט, הייסט עס, האָבן אַן אָרט די סאַמע באַשטימטע, די סאַמע אובאַשטרייטבאַרע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

ד) אַן אייִנהייטלאַכער טרעסט.

דער צונויפגיס פון די טרעסטן, וואָס קומט דורך פאַרשיידנאַרטיקע וועגן, ברייִנגט פּילע צום געדאַנק, אַז סאָפּקאָלסאָף וועלן זיך אַלע טרעסטן (נאָך אין די גרענעצן פון דער קאַ-פּיטאַליסטישער אָרדנונג) צונויפגיסן אין איין ריזיקן טרעסט, און אַז, אַלנפאַלס, דאָס איז די טענדענץ פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

באַ אַזאַ מיינונג האַלט זיך, אַגעוו, איינער פון די גרעסטע מאָדערנע עקאָנאָמיסטן ר. הילפערדינג. „די אומאָפּהייִנגיקע צווייגן, — שרייבט ער — („פינאַנץ-קאַפּיטאַל") פאַלן אריין אַלץ אין אַ גרעסערער אָפּהייִנגיקייט פון די קאַרטעלירטע און סאָפּקאָלסאָף ווערן זיי פאַריי-ניקט דורך זיי. אַלס רעזולטאַט פונם דאָזיקן פּראָצעס האָט זיך געדארפט באַקומען אַ ן אַ ל ג ע מ יי נ ע ר ק אַ ר ט ע ל (הילפערדינגס קורסיוו).

פּילע עקאָנאָמיסטן ווייזן ניט אַרויס קיין גרויסע קאָנסעקווענטקייט און קליגן זיך איינ-צוהאַלטן צוויי קעגנזעצלאַכע שטאַנדפּונקטן. זיי זאָגן, אַז די אויסבילדונג פון טרעסטן מאַכט אומעגלאַך די ווייטערדיקע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, און דערביי פאַר-זיכערן זיי, אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פירט צו דער אויסבילדונג פון אַן אייִנהייט-לאַכן אַלוועלטלאַכן טרעסט, וועלכער וועט ווערן דער באַלעבאָס פון דעם אַלוועלטלאַכן עקאָנאָמישן לעבן.

דידאָזיקע עקאָנאָמיסטן באַמערקן דערביי ניט, אַז דאָס אויסבילדן פון פּיל טרעסטן איין טרעסט איז עס די אומצווייפלהאַפטע קאָנצענטראַציע פון די טרעסטן, די אומבאַ-שטרייטבאַרע ווייטערדיקע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע.

מיר האַלטן פאַר אומוואַרשיינלאַך, אַז ס'זאָל זיך אויסבילדן אַזאַ אייִנהייטלאַכער אַלצאַרומ-נעמענדיקער אַלוועלטלאַכער טרעסט. נאָך מער, מיר האַלטן לאַכלוטן פאַר אומעגלאַך, סע זאָל זיך אויסבילדן אַ וועלט-טרעסט, וועלכער זאָל ווירקלאַך ארומנעמען אַ פּ י ל ע נ אָ ר א יי ן וויכטיקן פּראָדוקציע-צווייג. אינדערעמעסן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אַלוועלטלאַכער שטאָל-טרעסט. סע איז דאָך קלאָר, אַז יענע מעלוכע, וועלכע וואָלט געשפּילט די ערשטע ראָליע אין דעמדאָזיקן טרעסט, די מעלוכע צו וועלכער סע וואָלטן געהערט די גרעסטע „מאַכערס" פונם דאָזיקן טרעסט, וואָלט זי געוואָרן דער באַלעבאָס פון דער וועלט, שוין דערפאַר אליין, וואָס אין איר רעשוס וואָלט זיך געפונען דאָס גאַנצע געווער. ס'איז קלאָר, אַז דערצו וואָלטן בעשום אויפן ניט מאַסקים געווען די מעדינעס, וועלכע קאָנקורירן מיט דערדאָזיקער מעלוכע, און אַז זיי וואלטן שוין זאָרגן, סע זאָלן עקזיסטירן אנדערע פאַרייניקונגען פון שטאָלגיסערייען א. א. וו. ניט ווייניקער מעכ-טיקע, איידער דער געגעבענער טרעסט. און ווירקלאַך, זעען מיר טאַקע, אַז ניט געקוקט דערויף, וואָס דער אַמעריקאַנישער שטאָל-טרעסט פאַרייניקט אַ ריי גרעסטע מיליארדערן

---

1) געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט-צעטיילונג קומט פאָר אין פאַל, ווען פאַרשיידענע סטאַדיעס פון איין און דעמ-זעלביקן פּראָדוקט האָבן אַן אָרט אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, וועלכע פאַרקויפן די סכוירע איינער דעם צווייטן; טעכנישע אַרבעט-צעטיילונג האָט אַן אָרט אין די גרענעצן פון איין אונטערנעמונג אָדער בי לאַל אינעווייניק אין די אונטערנעמונגען, וועלכע געהערן צו איין און דעמזעלביקן אייגנטימער, און זיי פאַרקויפן ניט, נאָר זיי גיבן איבער די סכוירע איינער צום אנדערן.

פון דער וועלט, איז ער דאָך ווייט ניט דער איינציקער אַף דער וועלט-אַרענע; סע עק-סיסטירן אַמוויינקסטן נאָך אַ פינעף אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס[1]).

מע קאָן דאָ נאָך ברײנגען אַ בוילעטן ביישפּיל.

מיר וועלן נעמען די נאַפט-אינדוסטריע. גאָר ניט לאַנג האָט אפן וועלט-מאַרק געהערשט דער אַמעריקאַנישער טרעסט Standart, Oil Companie. אין דער לעצטער צייט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די הערשאַפט איבערן נאַפט איז זייער אַ שטאַרקער שאַנס פון מילי-טערישן ניצאָכן און האָט זייער פיל מיילעס באַ א פרידלאכן לעבן. סיבעס דערצו זײַנען פאַראַן אַסאַך.

ערשטנס. די שיפן, וועלכע באַנוצן נאַפט-באַהייצונג, גיבן ניט קיין רויך, וואָס סע איז זייער וויכטיק בעשאַס די מיליטערישע אָפּעראַציעס, דערפאַר וואָס מע קאָן זיי ניט אַזוי ווייט אויפדעקן, ווי די מיליטערישע שיפן, וועלכע באַנוצן שטיינקוילן, וואָס די בעסטע פון זיי, די „פלאָט-קוילן” גיבן אויך א רויך.

צווייטנס. דערזעלביקער פאַרנעם נאַפט-הייצונג גיט אַסאַך מער קאַלאָריעס, איידער א גלייכגרויסער, לויטן פאַרנעם, סכום קוילן. דעריבער איז א שיף, וואָס נוצט נאַפט-באַהייצונג, מעסוגל צו האַלטן זיך אַסאַך א לײַנגערע צייט, און דאָס הייסט דורכגיין אַסאַך גרע-סערע מעהאַלעכס, איידער די שיפן, וואָס נוצן קוילן. דאָס האָט אויך זייער א וויכטיקע באַדייטונג פאַר די מיליטערישע אָפּעראַציעס.

דריטנס, דער איבעראַרבעט-פּראָדוקט פון נאַפט איז בענזין, דערין אויך זיין בעסערער סאָרט „אַוויאַ-בענזין”, אָן וועלכען סע קאָן ניט פונקציאָנירן דער לופט-פלאָט, וואָס האָט אַזאַ קאָלאָסאַלע און אַלץ שטייגנדע באַדייטונג אין דער מאָדערנער מילכאָמע.

פערטנס. בענזין איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר די אויטאָמאָבילן, וועלכע האָבן געשפּילט אַזאַ קאָלאָסאַלע ראָליע אין דער איצטיקער מילכאָמע. לויט די ווערטער פונם פראַנצויזישן פעלדמאַרשאַל פאָש „איז אונזער ניצאָכן איבער דייטשלאַנד געוועזן דער ניצאָכן פונם מאַסע-אויטאָמאָביל איבערן לאָקאָמאָטיוו” (מיר וועלן דערמאָנען, אַז, לעמאָשל, מיט דער הילף פון מאַסע-אַויטאָמאָבילן האָט מען צו ווערדען איבערגעוואָרפן פאַר איין מעסלעס אַזאַ מאַסע סאָלדאַטן, אַז דאָס האָט געראַטעוועט די פעסטונג).

פינפטנס. נאַפט איז עקאָנאָמיש אַסאַך טראַנספּאָרט-פייאיקער, איידער האַרטע מינעראַל-באַהייצונג (אַנטראַציט, שטיינקוילן), ד. ה. נאַפט לוינט בעסער צו טראַנספּאָרטירן אַף א גרויסן מעהאַלעך, איידער שטיינקוילן א. א. וו. דאָס ווערט דערקלערט א ן א באַדייטנדער מאָס דערמיט, וואָס נאַפט, אַלס פליסיקייט, קאָן מען אַף א גרויסן מעהאַלאָך איבערגיסן איבערן נאַפט-לייטער, און דאָס קאָסט גאָר א קלייניקייט, בעאייס קוילן מוז מען איבער-פירן איבער רעלסן, און דאָס קאָסטט א סאַך טייערער. קוילן דאַרף מען נאָך, אויסערדעם, אָנלאָדן אין וואַגאָנען און פלאַטפאָרמעס, און דערנאָך אויסלאָדן, ד. ה. אופהויבן יעדן שטיקל (כאָטש ניט באַזונדער), און נאַפט ווערט „אָנגעגאָסן” אין ציסטערנעס מיט דער הילף פון ביליקע אַפּאַראַטן. דאָס איז וויניק. דיזעלביקע וואָג נאַפט גיט מער קאַלאָריעס,

---

1) די בריטאַנישע „Enginelring and National Employers Federation“. די גרונט-זיילן: וויקערס, דארמען, לאנג, אַרמסטראַנג און קאָ. גענעראַלע עלעקטרישע קאָמפּאַניע.

2) Rein-Siemens-Scuckert—Elbe-Union. די הויפּט-ליוויאָסנס: הוגאָ סטינעס, קירהאָף, טיססען, די עלעק-טראָ-מעכאַנישע גרופּעס סימענס-שוקערט און סימענס-האַלסקע.

3) „Algemeine Electricität Gesellschaft“ ראַטענוי און קרופּ.

4) Unit Glate Steel Corporation די הויפּט-מאַכערס: קאַרנעדזשי, מאָרגאַן, ראָקפעלער.

5) Conrité des Forges שניידער און לושער.

דעריבער לוינט זי בעסער איבערצופירן, איידער שטיינקוילן, אפילו בא אלע אַנדערע גלייכע באַדינגונגען.

זעקנסטס. באַם באַטראַכטן די עקאָנאָמישע מיילעס פון פאַרשיידענע מינים באַהייצונג מוז מען, פאַרשטייט זיך, נעמען אין אַכט זייערע פּרייזן. לעפּי־ערעך אסאַך א טייערער הייץ־מאַטעריאַל קאָן בלויז אין אויסנאַם־פאַלן ארויסשטויסן א ביליקערן. פון דעם שטאַנד־פּונקט מוז מען לייגן אַכט דערויף, וואָס נאַפט קאָן ביליקער ווערן אסאַך אָפטער, איידער האַרטער מינעראַלער הייץ־מאַטעריאַל. די סיבע דערפון ליגט אין איר גרעסערער (עקאָנאָמי־שער) טראַנספּאָרט־פייאיקייט, און איבערדעם קאָן מען נאַפט ארויסבאַקומען אין אסאַך א גרעסערן מעהאלאך פון די וויכטיקסטע געברויך־פּלעצער (קאַפּיטאַליסטיש־אַנטוויקלטע לענדער), איידער שטיינקוילן. און ס'איז פאַרשטענדלאַך, אַז אַף אסאַך א גרעסערן פלאַץ (לאָמיר, אַגעוו, דערמאָנען, אַז די פלעצער פון אומקרייזן פאַרהאַלטן זיך איינער צום צווייטן, ווי די קוואַדראַטן פון זייערע ראַדיוסן) קאָן מען געפינען אסאַך מער נייע לאַגערס פון דעמדאָזיקן הייץ־מאַטעריאַל, וועלכע זיינען מעסוגל נידעריקער צו מאַכן זיין ווערט.

זיבעטנס. די מאַשינען, וועלכע ארבעטן מיט נאַפט (דיזעל), נוצן אויס אסאַך בעסער דעם הייץ־מאַטעריאַל, איידער די מאַשינען, וואָס ארבעטן מיט קוילן. די ערשטע אוטיליזירן ביז 30 % פון דער הייץ־ענערגיע, און די צווייטע נאָר 18—15. דערום איז קיין כידעש ניט, וואָס די ערשטע באַקומען אסאַך א ברייטערע פאַרשפּרייטונג. פאַרן פרידלאַכן לעבן זיינען נאָך וויכ יק די טראַקטאָרן, וועלכע ארבעטן אויך אויסשליסלאַך מיט נאַפט־הייצונג.

אַכטנס. נוצן נאַפט, וועלכע גיסט זיך אַליין איבער אין די הייץ־אַפּאַראַטן, היטן זי א. א. וו. קאָסט וועלוועלער, איידער היטן, נוצן א. א. קוילן.

לויט די כעשבוינעס פון ס. וו. ווישעטראַווסקי („די נאַפט־ווירטשאַפט פון רוסלאַנד פאַרן לעצטן יאָרצענדליק") קומט אויס, אַז דידאָזיקע הוצאָעס (אַף א פּוד) מאַכן אויס אין קאָפּיקעס באַם באַנוצן זיך:

	מיט נאַפט	מיט קוילן
ספּעציעלע[1]	0,43	1,64
אַלגעמיינע[2]	0,16	0,15
טעכנישע[3]	1,58	2,32
סאַכאַקל	2,07	4,11

ברייננגענדיק דידאָזיקע ציפער, ווייזט בערזין אָן גאַנץ ריכטיק, אַז אויב מע זאָל נע־מען אין אַכט, אַז דער ווארים־עפעקט פון נאַפט איז אין $1^1/_2$ מאָל העכער, איידער פון קוילן, וועלן מיר באַקומען אַ פאַרהעלטעניש 6,16 : 2,07, ד. ה., אַז אין דער הינזיכט לוינט די פליסיקע מינעראַלע באַהייצונג אין דריי מאָל בעסער, איידער די האַרטע.

האַקלאַל, מיר זעען, אַז נאַפט האָט אַ ריי עקאָנאָמישע און טעכנישע מיילעס אַנטקעגן קוילן, מיט וועלכע איינגלאַנד איז אַזוי רייך. דאָס איז דאָך געווען דער יעסאָד פון איר אינדוסטריעלער און מיליטעריש־יאַמישער מאַכט. ס'איז דעריבער קלאָר, אַז איינגלאַנד האָט ניט געקאָנט איינגיין דערויף, אַז די פאַראייניקטע אַמעריקאַנישע שטאַטן זאָלן אין געשטאַלט

1) פאַר נאַפט — אַף אַרענדירן די ערד, רעמאָנט פונם נאַפט־לייטער אין די אַפּאַראַטן; פאַר אַנטראַציט — די אויסלאָדונג, פראַכט, אפּאַראַטן, ארומצוימונג פון די לאַגערס, אופראמען דעם הויף און אַרויספירן דעם אָפּפאַל.

2) דערלאַנגען אַפן לאַגער, איינאָרדענען אויסלאָדונג־וועגן, געהאַלט דעם ארטעלשטשיק, הוצאָעס אפן ווירט־שאַפטלאַכן אָפּטייל, שטייערן פאַרן לאַגער און קליינע הוצאָעס.

3) הוצאָעס אַף ווער אַרבעט־קראַפט און רעמאָנט.

פון דער Standart Oil Companie זיין דער מאָנאָפּאָליסט פון נאַפט, ווייל דאָס דאַרף פריער אָדער שפּעטער — און גיכער פריער איידער שפּעטער — צעשטערן די מעכטיקע און אינדוסטריעלע און מיליטעריש-יאַמישע קראַפט פון איינגלאַנד.

ס'איז דערום קיין כידעש ניט, וואָס איינגלאַנד האָט זייער ענערגיש און געשיקט, און דערביי אויך זייער פּראַקטיש (קעדיי ניט אופוועקן קיין כשאַד אין אמעריקע), גענומען שאַפן אַ מעכטיקן נאַפט-טרעסט. און אין 1921 יאָר איז די באַשיידענע קאָמפּאַניע שעל-טראַנספּאָרט, וועלכער האָט זיך באַשעפטיקט דעריקער מיטן האַנדל פון פערלמוטער (שעל — איז דער טייטש מושל), פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן נאַפט-טרעסט Royal Dtch Shell Companie. דערדאָזיקער טרעסט און דער פריינטלאַכער אים איינגליש-פּער-סישער טרעסט האָבן געהאַט אין זייער רעשוס קימאַט 75% פונם גאַנצן באַוווסטן נאַפט-טראָגנדיקן שעטאַך, ד. ה. זיי האָבן אריבערגעיאָגט אין דער הינזיכט אַפילע די מעכטיקע Standart Oil Companie. מע דאַרף אָבער צוגעבן, אַז לויטן סכום פון די „נאַפט-פעל-דער", וואָס זיי עקספּלואַטירן, יאָגט די לעצטע אריבער די איינגלישע טרעסטן, ווייל אינם זעלביקן יאָר טאַקע האָט דידאָזיקע קאָמפּאַניע „קאָנטראָלירט" 80% פּראָצענט פון דער גאַנצער נאַפט, וואָס מע באַקומט ארויס אַפן ערד-קיילאַך.

אַ גענוגער סכום נאַפט-פּראָדוקט איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין קלענער באַדינג פאַרן ניצאָכן. ס'איז דאָך קלאָר, אַז האַרמאַטן שפּילן נאָך אַ גרעסערע ראָליע אין דער מילכאָמע. דעריבער, אויב קיין שום וועלט-מעדינע קאָן ניט דערלאָזן, אַז אַ צווייטע זאָל האָבן אין איר רעשוס אַלע נאַפט-קוואַלן, קאָן זי אַ פשיטע ניט ליידן, אַז זי, די צווייטע וועלט-מעדינע, זאָל זיין אַ מאָנאָפּאָליסט בענויגייע צו אַזעלכע זאַכן, אָן וועלכע סע איז אומעג-לאַך צו שאַפן האַרמאַטן.

אַזוי ארום איז קלאָר, אַז א יין טרעסט, וועלכער זאָל ארומכאַפן די גאַנצע וועלט-פּראָדוקציע פון אַוועלכן ניט איז נויטיקן פּראָדוקט, קאָן ניט געמאָלט זיין אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ווו איין מעלוכע זעט אין דער צווייטער (און ניט אָן גרונט) אַ מעגלאַכן מאָרגעדיקן סוינע. און אין די גרענעצן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט קאָנען קיין טרעסטן ביכלאַל ניט זיין (אַזעלכע, ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט). נימצע: אַן איינהייטלאַכער טרעסט איז אַ אוטאָפּיע, און דערצו נאָך אבסאָ-לוט ניט קיין צוציענדיקע אוטאָפּיע.

קעדיי מע זאָל אונז שלעכט ניט פאַרשטיין, האַלטן מיר פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן אָט וואָס: מיר האַלטן פאַר אומעגלאַך די עקזיסטענץ (אַ לאַנגדויעריקע) פון איין וועלט-טרעסט, וועלכער גרייט צו עפּעס זייער אַ נויטיקן פּראָדוקט, אָבער מיר זיינען בעשום אויפן ניט מעסופּעק דערין, אַז אַ וועלט-טרעסט (ניט קיין איינהייטלאַכע, אינם דאָזיקן גע-ביט) קאָן אויסנוצן די מיטלען פון דער גאַנצער וועלט, און בעסויכאָם אויך פון די ביר-גער פון די מעלוכעס — קאָנקורענטן. אַזוי, צ. ב., האָט דערזעלביקער שעל-טראַנספּאָרט צע-טיילט אַף ניו-יאָרקער מאַרק 750.000 אַקציעס זיינע, באַקומענדיק אַזוי ארום 4.390.623 פונט שטערלינג רעוואַך. און דאָס איז געווען אים זייער נוצלאַך דערפאַר, וואָס ביז אַ צייט האָט דאָס איינגעשלעפערט די וואַכזאַמקייט פון דער אַמעריקאַנישער רעגירונג.

נאָך א ביישפּיל. די דייטשע „אַלגעמיינע עלעקטרי-קאָמפּאַניע" אַרבעט אין אַ געוויסער מאָס מיט אַמעריקאַנישע קאַפּיטאַלן; אַזוי, לעמאָשל, האָט זי באַקומען 25 מיליאָן מאַרק (גאָלד) סכוירע-קרעדיט פון דער אַמעריקאַנישער באַנק-פירמע קון-לאָיד, וועלכע האָט באַ-קומען קאָמפּענסאַציע מיט אַן אַנטשפּרעכיקן סכום אַקציעס פון דער „אַלגעמיינער עלעק-טרי-קאָמפּאַניע".

לויט די ווערטער פונם סענאַטאָר אַנרי בעראַנזשע (פּאָרזיצער פונם פּראַנצויזישן גענעראַלן נאַפט-קאָמיטעט), איז קאָרעוו צו א העלפט אַקציעס פון ראָל דעטש געווען איין צייט פּאַרטיילט אין פראַנקרייך.

ערטערוויים דערלאָזט ניט די איינגלישע רעגירונג צו באַאַרבעטן די נאַפט-פעלדער, אויב אינם געשעפט איז ניט אריינגעצויגן געוואָרן לעכאָל האַפּאַכעס 25 % אויסלענדישן קאַפּיטאַל.

אָבער צונויפצייענדיק קאַפּיטאַלן פון דער גאַנצער וועלט, צווינגענדיק צו אַרבעטן אַף זיך אַפילו די קאַפּיטאַלן פון די אייגענע קאָנקורענטן, נעמט דאָך אָן דער טרעסט גענוג ווירקזאַמע מיטלען, אז די אָנפירונג מיט די געשעפטן זאָל זיין אין די הענט פון די בירג ר פון יענער מעלוכע, וועלכע שטייט הינטער זיין רוקן. אַזוי, לעמאָשל, איז די-זעלביקע איינגלישע רעגירונג דערלאזט אין אייניקע ערטער ניט צו דער אַרבעט אזעלכע געזעלשאַפטן, ווו אין דער פּאַרוואַלטונג איז ניטאָ קיין קוואַליפיצירטע מערהייט איינג-לענדער, ד. ה. אַ מערהייט פון לעפאָכעס $2/_3$.

די אומעגלאַכקייט פון איין איינהייטלאַכן וועלט-טרעסט, וועלכער זאָל פּראָדוצירן איינגאַנצן אוועלכן ניט איז נויטיקן פּראָדוקט, ברייינגט אונז צו איין וויכטיקן פּויעליויצע. ווען סע זאָלן עקסיסטירן כאָטש צוויי אַביסל איינאַרטיקע טרעסטן, מוז צווישן זיי אומ-פּאַרמיידלאַך פּאָרקומען א קאָנקורענץ-קאַמף, ווייל יעדערער פון זיי האט אין זיין רעשוס אַזאַ מעכטיקן פּראָדוציר-אַפּאַראַט, אַז ער קאָן אליין דעקן דעם גאַנצן קויפּפּייאיקן נאָכ-פרעג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פונם ערד-קיילאך. זיי קאנען איינער דעם צווייטן ניט באַזיגן בלויז דורך איין עקאָנאמישן קאַמף, ווייל ס'איז קלאָר, אז ווען אַפילו איינער פון זיי זאל זיין שוואַכער אין דער הינזיכט און זאל ניט קאנען פּראדוצירן קיין סכוירעס אַזוי ביליק, ווי דער צווייטער, וואלט דאך די מעלוכע, וואס שטייט הינטער אים, זיך פון אים ניט אפּגעזאָגט, ווייל דאס וואלט איר געדראָט מיט אנווערן די זעלבשטענדיקייט. דעריבער מוז דער שטרייט צווישן די טרעסטן געלייזט ווערן דורך געוועוער. דאָס הייסט, אַז די עקזיסטענץ פון אזעלכע טרעסטן וועט אומפּאַרמיידלאַך ברייינגען צו אַזעלכע בלו-טיקע און שרעקלאַכע מילכאָמעס, אַז די וועלט-שכיטע פון 1914. וועט זיך שוין אויסווייזן ווי א קינדער-שפּיל.

דערפון זעען מיר, ווי פּאַלש און ניט רעאַל ס'איז די האַפענונג פון די בורזשואזע, געלערנטע, אז דער סאָציאַליזם איז לאַכלוטן איבעריק, ווייל די טרעסטן וועט זיך אויך אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאפט איינגעבן גויוועד צו זיין און פאַרניכטן די איצטיקע אנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, באַפוילנדיק יעדער פאַבריק, וויפל און וואָס זי דאַרף פּראָדוצירן.

מיר זעען, אז די טרעסטן, ניט בלויז וואס זיי קאָנען ניט פאַרניכטן (אין וועלט-מאָס-שטאַב) דעם קאָנקורענץ-קאַמף און די אנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע, נאָר, פאַרקערט, דאַפקע זיי פאַרשאַרפן נאָך מער די קאָנקורענץ און זיי דריקן אזוי אַף דער מעלוכע-מאכט, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף מוז אומפּאַרמיידלאַך געפינען זיין העמשעך אין בלוטיקע מילכאָמעס, וועלכע דראָען אראָפּצושווייכקען ניט בלויז די קולטור, נאָר די מענטשהייט גופע. דאָס איז עמעס: די טרעסטן, ווען זיי זאָלן פאַרניכטן די מענטשהייט, וועלן זיי פּאַרניכטן אי די קאָנקורענץ, אי די אנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע. די בורזשואזע געלערנטע אָבער מיינען דאָך ניט דאָס, ווען זיי זאָגן, אז די טרעסטן וועלן באזיגן די אנאַרכיע פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. נאר וואָס זיי זאָלן ניט זאָגן, איז קלאָר, אַז די אַנט-וויקלונג פון די טרעסטן שטעלט אוועק אומפּאַרמיידלאך די פאַלגנדע דילעמע: אָדער די פּאַרניכטונג פון דער מענטשהייט, אָדער די פארניכטונג פונם קאַפּיטאַליזם.

דער פּראָלעטאַריאַט ווייסט שוין וואָס דאָ אויסצוקלייבן, ביפראט אַז פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם הייסט ניט אומקערן זיך צום פעאָדאַליזם, נאָר איבערגיין צום סאָציאַליזם (קאָמוניזם), ד. ה. צו אַזאַ פּראָדוקציאָנעלער און סאָציאַלער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז אַסאַך פולקומענער, ווי די היינטיקע.

ו) די טרעסטן — אַ מעניע צו דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

מיר האָבן שוין געזעען, אז ס'איז אומעגלאַך ניט בלויז אן איינהייטלאַכער אַלץ-ארומ-נעמענדיקער וועלט-טרעסט, נאָר סע איז אומעגלאַך אַפילע, אז א טרעסט, וואָס גרייט צו וועלכן ס'איז איינציקן, נאר זייער א וויכטיקן פּראָדוקט, זאָל ארומנעמען דעם גאַנצן ערד-קיילאַך. אמגרעסטן קאָנען די טרעסטן ארומנעמען איין וועלט-מעדינע צוזאַמען מיט די מעלוכעס, וועלכע זיינען איר אונטערטעניק,—אויב ניט פּאָליטיש, איז כאָטש עקאָנאָמיש.

בא די מעכטיקע פּראָדוקטיווע קרעפטן, וואָס די מאָדערנע געזעלשאַפט האָט אין איר רעשוס, קאָנען אזעלכע גרענעצן צו איינג זיין פארן טרעסט. דאַן קאָן אים א האָר ניט לוינען צו פארברייטערן זיין פּראָדוקציע, טעכניש פארבעסערן זי, איינפירן נייע מאַשינען, א. א. וו. אין אזעלכע פאַלן נעמט אָן דער טרעסט נאָר אזעלכע פארבעסערונגען, וואָס ניט פארגרעסערנדיק דעם אָנבאָט פון די סכוירעס (אַזוי, אז מע קאָן איינהאַלטן זייערע פּרייזן אַף דער פריערדיקער הייך), פאַרקלענערן זיי אין דערזעלביקער צייט דעם זעלבסטקאָסט פון די סכוירעס, צ. ב. דורכן פאַרברייטן אַ מער טייערן רוי-מאַטעריאַל אַף אַ ביליקערן, ניט זעלטן אף אַ סוראָגאַט, אָדער דער טרעסט ווענדט אָן אַ נייע דערפינדונג דאַן, ווען זי מאַכט וועלוועלער די פּראָדוקציע, אזוי אַז ווען אפילע די פרייז פון אן איינסל פּראָדוקט ווערט נידעריקער, מאַכמעסן גרעסערן אָנבאט פון דער סכוירע, אָבער דער רעוואַך-סכום, וואָס וועט זיך באַקומען, ווען מע וועט קייפלען דעם רעוואך פון אן איינסל פּראָדוקט אף דעם סכום פּראָדוקטן, וועט זיין העכער פונם פריערדיקן רעוואך. בעקיצער, דער טרעסט שטרעבט אלעמאָל צו באשטימען אזאַ פרייז אַף דער סכוירע, אַז ער זאָל באַ-קומען דעם מאַקסימום רעוואך. דאָס איז ווייט ניט אַלעמאָל די סאמע הויכע פרייז, ווייל די נידעריקונג פון דער פרייז פאַרגרעסערט צומאָל אזוי דעם אָפּזאַץ, אז דעם טרעסט לוינט דאָס גאַנץ גוט, באזונדערס ווען סע באווייזט זיך אַ ניי מיטל צו פּראָדוצירן סכוירע לויט א קלענערן זעלבסטקאָסט. אין אלע אנדערע פאלן אָבער, ווען די אָנווענדונג פון אַ נייער דערפינדונג פארשפּרעכט ניט דעם טרעסט צו פארגרעסערן די הייך פונם רעוואַך, באַנוצט ער זיך ניט מיט די דערפינדונגען און פארבעסערונגען. דאָס שיידט אונטער דעם טרעסט פונם אונטערנעמער, וועלכער ארבעט באַ די באַדינגונגען פון פרייער קאָנקורענץ, וועלכער מוז אָנווענדן יעדער נייע גרויסע דערפינדונג, אויב ער וויל נאָר ניט רואינירט ווערן און אויב די אָנווענדונג אירע קאָסט וועלוועלער, איידער די אַרבעטקראַפט פון די אַרבעטער, וואָס זי שטויסט ארויס. די טרעסטן, מוירע האָבנדיק אָבער, אַז זייערע קאָנקו-רענטן זאָלן זיך ניט באַנוצן מיט אזעלכע דערפינדונגען, קויפן זיי ניט זעלטן אָפּ די געהעריקע פאטענטן, זיי נוצן זיי אָבער ניט אויס. מיט אַנדערע ווערטער, דער טרעסט פאַרהאַלט דעם ווייטערדיקן טעכנישן פּראָגרעס.

אזוי, לעמאָשל, ווייזט אָן לענין („אימפּעריאַליזם” קאַפּיטל VIII), אז אין אַמעריקע האָט עפּעס איינער אאווענס דערפונדן א מאשין, וועלכע מאכט א רעוואָלוציע אינם אויס-ארבעטן פלעשער. א דייטשישע קארטעל פון פלעשער-פאַבריקאנטן קויפט אויס אאווענס פּאַטענטן און באהאלט זיי. ווי מיכ. פּאַוולאָוויטש („אימפּעריאַליזם”) דערציילט, האָט דאָס אויך געטראָפן מיט זיינעם א כאַווער, באַ וועמען א דייטשישער כעמישער טרעסט האָט געקויפט

דעם מיטל, ווי אזוי ביליקער צוגרייטן אנילין־פאַרבן און האָט אים אויך ניט אויסגענוצט. די טרעסטן זיין געראָטן אין יענעם „הונט אפן היי״, וועלכער עסט אליין ניט און לאָזט דעם צווייטן ניט.

דער טרעסט־מאָנאָפּאָליסט האלט אזוי ארום אָפּ די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פונם לאַנד און ווערט זייער א שטארקע שטערעניש פארן ווייטערדיקן עקאָנאָמישן פּראָגרעס.

ווען מיר ריידן וועגן דער שעדלאַכער ווירקונג, וואָס די טרעסטן האָבן אף דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, מוז מען דערמאָנען פאָלגנדעס. אויבן האָבן מיר שוין באמערקט, אז די טרעסטן העכערן זייער רעוואַך אפן כעשבן פון די ניט טרעסטירטע אונטערנעמונגען און פּראָדוקציע־צווייגן. דאָס לעצטע שוואכט, פארשטייט זיך, אָפּ דעם צופלוס פון קאַפּיטאַלן אין דידידאָזיקע ספערעס פון דער פאָלק־ווירטשאפט. דאָס שטערט געוויס דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג זייערער. באזונדערס שטארק לאָזט זיך דאָס פילן דאַן, ווען אדאַנק די טרעסטן, ווערט דער רעוואַך פון די ניט טרעסטירטע פּראָדוקציע־צווייגן נידעריקער און פאלט ביזן שטאַנד פון פּראָצענט, ד. ה. ביז אזא מאָס, אז דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט ארייגעלייגט פונקט אזא קאַפּיטאַל אין באַנק, קאָן באקומען ניט קיין קלענערע האַכנאָסע, איידער דער געגעבענער פאַבריקאַנט, וועלכער האָט דאָך א געוויסע ריזיקע. ווען די הייך פונם רעוואַך לאָזט זיך אַראָפּ ביז אזעלכע גרענעצן, דאן ווערט אינם דאָזיקן פּראָדוקציע־צווייג אומעגלאך צו גרינדן אקציען־געזעלשאפטן, און דאָס הייסט, אז סע פארשווינדט די לעצטע מעגלאכקייט צו אָט דעם צווייג צוציען די נויטיקע קאַפּיטאלן און א רוק טון אים פאָרויס.

אזוי ארום זעען מיר, אז די טרעסטן האבן א טענדענץ צו פארהאלטן די אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

קעדיי מע זאָל אונז פאַלש ניט פארשטיין, וועלן מיר זיך דערלויבן באַמערקן אָט וואָס. מיר וועלן בעשום אויפן ניט זאָגן, אז מיט דער אויסבילדונג פון טרעסטן הויבט זיך אָן א רעגרעס (א טראָט צוריק) פון דער אינדוסטריע. ווען סע וואָלט דאָ טאַקע פאָרגעקומען א רעגרעס, וואָלטן מיר אין אזא פאל באַאָבאַכטן, אז מיט דער אַנטוויקלונג פון די טרעסטן ווערט די ראָליע פון דער גרויס־פּראָדוקציע פארקלענערט, און מיר האָבן דאָך אויבן דערוויזן, אז מיט דער אנטוויקלונג פון דער טרעסטירונג מאכט די קאָנצענטראציע פון דער פּראָדוקציע זייער גרויסע ערפאָלגן. הייסט עס, מיר ווילן זאָגן אָט וואָס. אין יעדן טרעסט קאָן מען און מע מוז אונטערשיידן צוויי זייטן. ערשטנס—דאָס, וואָס ער איז דער פאָרשטייער פון דער זייער גרויסער פּראָדוקציע; צווייטנס — דאָס, וואָס ער איז א מאָנאָפּאָליסט (בענויגייע צום אינערלאכן מארק). דאס ערשטע מאכט אים פאר א דורכפירער פון עקאָנאָמישן פּראָגרעס און פארבעסערונגען, דאָס צווייטע—פארקערט. באַזיגן באַזיגט אין אלגעמיין די ערשטע טענדענץ, נאָר דערפון איז לעגאַמרע ניט געדרונגען, אז מיר דארפן ניט לייגן קיין אַכט אף דער צווייטער. צוליב אנשוילאכקייט וועלן מיר זיך דערלויבן זיך ווענדן צום פאָלגנדן ביישפּיל. ווען א שיף שווימט קעגן א שנעלער שטרעמונג, הייסט עס, אז די קראַפט פון די שיפער באַזיגט די קראַפט פון דער שטרעמונג, אָבער ס׳וואָלט געווען נאַאיוו אויסצודרינגען דערפון, אז אף דער שטרעמונג דארף מען גאָר קיין אַכט ניט לייגן: וואָלט ניט געווען קיין שטרעמונג, וואָלט די שיף גיין אין דער ריכטונג אסאך שנעלער. מיט אנדערע ווערטער, ווען סע וואָלט האָבן אַן אָרט נאָך אזא גרויס־פּראָדוקציע, ווי די טרעסטן, נאָר די לעצטע וואָלט ניט אָנגענומען קיין מאָנאָפּאָלעפאָרם (א פאָרם פון טרעסטן), וואָלט די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע געגאַנגען אסאַך שנעלער, איידער איצט. און, ווירקלאך, מיר זעען אז אין יענע פאלן, ווען די טרעסטן

זיינען ניט קיין מאָנאָפּאָליסטן, ווען סע גייט א קאָנקורענץ צווישן די טרעסטן, וואָס פאַבריצירן (אזעלכע פּראָדוקטן, וועלכע קאָנען אין א געוויסער מאָס פארבייטן איינער דעם צווייטן איוב, צ. ב., סע גייט א קאַמף צווישן עלעקטרי, קעראָסין און גאַז), קומט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פּאָר מיט אסאך א שנעלערן טעמפּ, איידער דאַן, ווען דער טרעסט האָט ניט מיט וועמען צו קעמפן, ווען ער איז א מאָנאָפּאָליסט.

די טרעסטן, וועלכע זיינען דאָ אין דער ווירקלאכקייט, זיינען זייער ווייט ניט בלויז פון אַן איינהייטלאכן אלץ-ארומנעמענדיקן וועלט-טרעסט, נאָר אפילע פון א טרעסט, וואָס זאָל ארומנעמען די גאַנצע וועלט-פּראָדוקציע פון עפּעס זייער א נויטיקן פּראָדוקט. און פונדעסטוועגן זיינען דאָך די עקזיסטירנדיקע טרעסטן מאָנאָפּאָליסטן אפן אינערלאכן מארק, און דאָס רופט זיך אָפּ שעדלאַך אף דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן. דאָס הייסט, אז אפילע די מאָדערנע טרעסטן איז שוין אויך זייער איינג אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אפילע זיי קאָנען ניט צעוויקלען זייערע פּראָדוציר-קרעפטן אין אירע ראַמען. מיט אנדערע ווערטער, די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאפט איז א פענטע אף דער וויטערדיקער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אויך אין זייער טרעסטירטער פאָרם. וואָס מוז אין אזעלכע פאַלן אומפאַרמיידלאך פּאָרקומען, — האָבן מיר שוין גערעדט אין קאַפּיטל וועגן רעוואָלוציע.

ז) די דיאַלעקטיק פון דער קאָנקורענץ.

די קאָנקורענץ ברייננגט דערצו, אז די עקאָנאָמיש שוואַכערע אונטערנעמונגען זאָלן אונטערגיין און די שמאַרקערע זאָלן בלייבן. שטאַרקע בלייבן ווייניק, און ווען די פּאַר-בליבענע האבן שוין קיין קויאַך ניט ווייטער צו קעמפן, אזויפיל קויכעס האָט דער קאַמף איינגעשלונגען, שליסן זיי (די געזונט געבליבענע) אַן אָפּמאַך, וואָס זיין העכסטע ארויס-וויזונג איז דער טרעסט. די קאָנקורענץ ברייננגט אזוי ארום צו דער אייגענער נעגאַציע, צו מאָנאָפּאָל. הילפערדינג רופט עס זייער גוט אָן: די דיאַלעקטיק (אנטוויקלונג לויט קעגנ-זעצלאכקייט) פון דער קאָנקורענץ. ער רייסט אָבער דאָ איבער זיין אויספאָרשונג אין סאמע מיטן. א דיאַלעקטישער פּראָצעס קאָן קיינמאָל ניט בלייבן שטיין אף דער נעגאַציע, אין זיין וויטערדיקער אנטוויקלונג מוז ער ברייננגען צו דער נעגאַציע פון דער נעגאַציע (צו דער 3-טער סטאַדיע). אנגעווענדעט צום געגעבענעם פאַל, דארף דאָס אויסקומען אָט ווי אזוי: די טרעסטן-מאָנאָפּאָליסטן אפן אינערלאַכן מארק מוזן אין זייער וויטערדיקער אנטוויקלונג אומפארמיידלאך אריינטרעטן אין קאַמף אפן וועלט-מארק. אנדערש גערעדט, די קאָנ-קורענץ ברייננגט צו מאָנאָפּאָל, די מאָנאָפּאָל צו קאָנקורענץ. דאָס איז דער געזעץ פון דער דיאַלעקטיק. הילפערדינג האָט ניט באמערקט דעם צווייטן רינג אירן. אים האָט געשטערט דערין זיין פאַלשער שטאַנדפּונקט, אז די ווירקלאכקייט אנטוויקלט זיך אין דער ריכטונג פון אן איינהייטלאכן וועלט-טרעסט, ווען סע קאָן, מאַשמאָעס, ניט זיין קיין שום קאָנקורענץ.

אָבער די דריטע סטאַדיע, ווי מיר געדיינקען, קאָן קיינמאָל ניט זיין די פּאָשעטע איבער-כאַזערונג פון דער ערשטער. און ווירקלאַך. אויך אין געגעבענעם פאל איז צווישן זיי פאַראַן א גרויסער אונטערשייד. אף דער ערשטער סטאַדיע באַקומען מיר די קאָנקורענץ פון באזונדערע אונטערנעמונגען, אַף דער דריטער אבער — א קאָנקורענץ צווישן מעכטיקע פארבאנדן זייערע, א קאָנקורענץ פון אסאך גרעסערע אָרגאַניזאַציעס. דער קאַמעס, ווי באוווסט, גייט איבער אין אייכעס. אין געגעבענעם פאל גיט די קאָנקורענץ פון דידאָזיקע אין קאמעס פארשיידענע אָרגאַניזאַציעס גאָר אנדערע עקאָנאָמישע רעזולטאַטן. אַף דער ערשטער סטאַדיע (די קאָנקורענץ פון באזונדערע אונטערנעמונגען) רופט זי ארויס נאָר

עקאָנאָמישע קריזיסן, אַף דער דריטער — שאַפט זי נאָך אומפאַרמיידלאך פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן (מילכאָמעס). דאָס לעצטע איז אומפאַרמיידלאך שוין דערפאַר אליין, וואָס די טרעסטן זיינען די באַלעבאַטים אויך איבערן פּאָליטישן לעבן פון יענע לענדער, ווו זיי הערשן.

פונקט אזוי ווי די קריזיסן ווילדעווען ניט אָן אופהער אין די לענדער פונם קאָנקורענץ-קאַמף, — דידאָזיקע לענדער ווייסן אויך אופבלי-פּעריאָדן (עמעס, אלץ מער פארקירצטערע),— אַזוי בושעווען אויך ניט די מילכאמעס אָן אופהער דאָרט, ווו סע קעמפן די טרעסטן; ס'זיינען פאראן אויך פּעריאָדן (וועלכע ווערן אויך קירצער) פון זייער פרידלאכן צוזאַמענלעבן איינער מיטן צווייטן, ווען זיי ווערן מושווע צווישן זיך, וועלכע געגנטן יעדערער פון זיי זאָל עקספּלואַטירן.

אָבער העזויס ווי יעדערער פון זיי איז אימשטאַנד א ל י י ן צו באַפרידיקן דעם קויפּ־פייאיקן נאָכפרעג פון דער גאַנצער וועלט בענויגייע צו דער אנטשפרעכיקער סכוירע, דערי־בער האַלטן זיך, פאַרשטייט זיך, דידאָזיקע אָפּמאכן ניט פעסט, ווייל יעדערער פון די צדאָדים וועט זיך ניט פארטראכטן אויוועך צו זיין אפן אָפּמאך, ווען ער וועט נאָר, לויט זיינע כעשבוינעס, ארויסגיין א זיגער פון דער מילכאָמע. דאָס איז ווייניק. יעדערער פון זיי וואָרט מיט אומגעדולד אף יענער מינוט, ווען ער וועט דאָס קאָנען טון.

דער קאָנקורענץ-קאַמף פון די טרעסטן, הינטער וועלכע סע שטייען די רעגירונגען פון די אַנטשפרעכיקע לענדער, מוז זיך פארענדיקן מיט א מילכאָמע שוין דערפאר אליין, וואָס די אַנטוויקלונג פון די טרעסטן ווערט אלעמאָל באַגלייט (און דעריקער ווערט א ר ו י ס ג ע־ ר ו פ ן) דורך דער אַנטוויקלונג פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל, וואָס זיין עוואָלוציע מוז אויך אומפאַרמיידלאך ברייגנען צו מילכאָמעס. מיר וועלן דעריבער באַטראכטן דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל.

5. פינאַנץ־קאַפּיטאַל

א) „פרעמדער קאַפּיטאַל” אין די ביינק.

אויבן, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן אַקציען-געזעלשאַפטן, האָבן מיר שוין באַוויזן, אַז זיי אָפּערירן דעריקער מיט פרעמדן קאַפּיטאַל. פרעמדער בענויגייע צום קאַפּיטאַל פון די הויפּט-מאַכערס (הויפּט-אַקציאָנערן) פון דער געזעלשאַפט.

די גרעסטע אונטערנעמונגען אין יעדן פּראָדוקציע-צווייג טראָגן איצט אַן אַקציען-כאראַק־טער. די טרעסטן זיינען א פאַרייניקונג פון די גרעסטע אונטערנעמונגען אין דעם געגע־בענעם פּראָדוקציע-צווייג. דעריבער גייען אין באַשטאַנד פון די טרעסטן אריין פיל אַקציע־אונטערנעמונגען, פיל אונטערנעמונגען, וועלכע ארבעטן מיט פרעמדע קאַפּיטאַלן. הייסט עס, אז דער טרעסט אָפּערירט אויך אין א באַדייטנדיקן טייל מיט פרעמדן קאַפּיטאַל. ביפראַט, אַז דער טרעסט אליין טראָגט ניט זעלטן די פאָרם פון אַן אַקציען-געזעלשאַפט. אונטן וועלן מיר באַווייזן, אז דערדאָזיקער טייל פרעמדער קאַפּיטאַל איז נאָך גרעסער און באַדייטנדיקער, איידער מע וואָלט עס געקאָנט מעשאער זיין אַפן סמאַך פונם אויבן געזאָגטן.

ווער איז דער ה ו י פּ ט-איינאָרדנער, וואָס דערדאָזיקער קאָלאסאלער מאסע פרעמדע געלט גיט ער די ריכטונג אין באזונדערע אַקציען-געזעלשאַפטן און טרעסטן?

דער ענטפער קאָן דאָ נאר זיין איינער: די ביינק. דעריבער מוז מען זיך בעסער צוקוקן צו דערדאָזיקער זייט פון זייער טעטיקייט.

די באַנקירישע אנשטאַלטן צאָלן א געווויסן פּראָצענט פארן געלט, וואס ליגט בא זיי, און דערום ציען זיי בא זיך צונויף אַ גרויסן סכום פרעמדע געלט (פאַרן באַנק). ווער זיינען דאס אזוינס יענע, וועלכע טראָגן זייערע מיטלען אין באנק — די „ארייינלייגער”.

יעדער באַזיצער פֿון אַ סעזאָן-אונטערנעמונג לײזט פֿאַרן סעזאָן אויס לעפּיערעך זײער גרויסע סומעס, װעלכע װעלן אים אײנגאַנצן נויטיק זײן ערשט נאָך אַ גאַנץ לאַנגער צײט, באַזונדערס, װען מע קאָן די פּראָדוקציע באַלד ניט באַנײען (צ. ב. ערדאַרבעט). קעדײ דאָס געלט זאָל ניט ליגן „גלאַט אַזוי״, עס זאָל ברענגען כאָטש אַװעלכן ניט איז רעװאַך, װערט עס ארײנגעטראָגן אין באַנק, און מע נעמט סע אַרויס, װען מע דאַרף עס האָבן.

דעמדאָזיקן פֿאַל קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן אין אַ מער אַלגעמײנע פֿאָרם; יעדער קאַפּיטאַליסט, װען ער לײזט אויס געלט, צ. ב. ער פֿאַרקויפֿט זײן סכוירע, און ער האָט ניט בעדײע טײקעף דאָס אויסצוגעבן, טראָגט ער דאָס ארײַן אין באַנק, פֿון װאַנען ער נעמט עס אַרויס, װען ער דאַרף. אַזוי טוען די אונטערנעמער סײ פֿון סעזאָנער, סײ פֿון ניט סעזאָנער אינדוסטריע; דער כילעק איז נאָר דערין, װאָס די ערשטע טראָגן דאָס געלט אַרײַן אויף אַ לענגערן טערמין און אין אַ באַשטימטער צײט.

אָבער ניט בלויז די קאַפּיטאַליסטן פֿילן אָן די קאַסעס פֿון די בײַנק. אַהערצו טראָגן אַרײַן זײערע אָפּשפּאָרעניש „אויף אַ שװערער צײט״ אויך די אַרבעטער (באַזונדערס די קװאַליפֿיצירטע) און די אָנגעשטעלטע, די דינערשאַפֿט און אַלע אַנדערע ניט פֿאַרמעגלאַכע מענטשן. דאָ האַלטן די קאַלעס זײער נאַדן. בעקיצער, אין די קאַסעס פֿון די בײַנק רינען אַרײַן סײ גרויסע טײַכן, סײ פֿיל קלײנע שטרעמעלאַך, און אײנײנעם בילדן זײ זײער אַ גרויסן רעזערװואַר.

<u>ב) די אויסבילדונג פֿון דורכשניטלאַכן רעװאַך אין אַ באַנק-געשעפֿט.</u>

װאָס-זשע טוט דער באַנקיר מיט דערדאָזיקער מאַסע געלט? ער אַנטלײַט זי די אַנדערע קאַפּיטאַליסטן; ס'איז דאָך קלאָר, אַז בעאײס אײן קאַפּיטאַליסט דאַרף קײן געלט ניט האָבן, לויט די באַדינגונגען פֿון זײן פּראָדוקציע, און ער טראָגט עס אַרײַן אין באַנק, — מוז דער צװײטער קאַפּיטאַליסט האָבן געלט אין לעבן אַרײַן.

װאָס פֿאַר אַ נוצן באַקומט דערפֿון דער באַנק? זײער אַ גרויסן. ער נעמט בײַ זײנע באַלעכויװעס אַ גרעסערן פּראָצענט, אײדער ער צאָלט אַלײן פֿאַר די אײנלאָגן. יעדע סומע, װעלכע גײט דורך זײן קאַסע, לאָזט אין איר איבער אַ גאָלדענעם שפּור. דער כילעק צװישן דער הײך פֿונם פּראָצענט, װאָס ער צאָלט און װאָס מע צאָלט אים, דערקלערט זיך אין אַ געװיסער מאָס דערמיט, װאָס ער איז געװײנטלאַך אַ מעכטיקערע און אַ סאָלידערע פֿירמע, אײדער יענע, װעלכע לײַען אים געלט.

נאָר דאָסדאָזיקע „פֿרעמדע״ געלט מאַכט מעגלאַך פֿאַר אים צו באַקומען דעם דורכשניטלאַכן רעװאַך אויף זײן „אײגענעם״ קאַפּיטאַל: אויף װײניקער װעט ער, פֿאַרשטײט זיך, ניט אײנגײן, און װעט בעסער אַריבערטראָגן זײנע מיטלען אין עפּעס אַן אַנדער ספֿערע פֿון פֿאָלק-װירטשאַפֿט. דאָס װאָלט אים נאָך לײכטער געװען צו טון דערפֿאַר, װײל זײן גאַנצער, גענויער — קימאַט דער גאַנצער קאַפּיטאַל געפֿינט זיך אין אַ געלט-פֿאָרם, װעלכע סע איז לײכטער, אײדער אַװעלכע ניט איז קאַפּיטאַל-פֿאָרם, צו װאַרפֿן אין װעלכער ספֿערע פֿון פֿאָלק-װירטשאַפֿט מע װיל, פֿאַרװאַנדלען אין װעלכע מע װיל מאַשינעס, געבײדעס א. א. װ.

װי אַזוי אָבער באַקומט דער באַנקיר דעם דורכשניטלאַכן אונטערנעמערישן רעװאַך אויף זײן קאַפּיטאַל, בעשאַס ער אַנטלײַט דעם אינדוסטריעלן אונטערנעמער געלט לויט אַ נידעריקערן פּראָצענט, אײדער די נאָרמע פֿונם אונטערנעמערישן רעװאַך? און אַנדערש קאָן דאָך דער באַנקיר ניט טאָן, װײל אויב דער אינדוסטריעלער אונטערנעמער זאָל דאַרפֿן אים אָפּגעבן יענעם גאַנצן רעװאַך, װאָס ער באַקומט אַדאַנק די אַנטלײענע מיטלען, װאָלט ער דאָך געװיס קײן האַלװאָע ניט געמאַכט.

דער באַנקיר ווערט דאָ גערעטעוועט דורך די פּרעמדע געלטן. מיר וועלן דאָס קלאָר מאַכן מיט אַ צאָל-ביישפּיל. לאָמיר זיך פּאָרשטעלן, אַז דער דורכשניטלאַכער (אונטערנעמע-רישער) רעוואַך, וואָס הערשט אינם געגעבענעם לאַנד, איז גלייך 12% (יערלאַכע). לאָמיר ווייטער רעכענען, אַז דער באַנקיר אַנטלייט געלט דעם פּאַבריקאַנט צו 7%, און אליין צאָלט ער די איינלייגער 5%, און אַז זיין קאַפּיטאַל מאַכט אויס 1.000.000 ר. (גאָלד) און די סומע פון די איינלאַגן אין זיין באַנק איז גלייך 2.500.000 ר. (גאָלד). סע איז קלאָר, אַז לויט די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט דאַרף דער באַנקיר באַקומען אַף זיין מיליאָן 120.000 רובל רעוואַך (12%), און פון דעם, וואָס ער גיט דאָס אָפּ אַלס האַלוואַע, באַקומט ער נאָר 70.000 רובל (צו 7%). דערפאַר אָבער די פרעמדע געלטן, ווען זיי גייען דורך דורך זיינע הענט, לאָזן זיי אים אַ רעוואַך פון 2%. ווען אים, הייסט עס, די 2.500.000 רובל פרעמד געלט געבן 50.000 רובל, ד. ה. דאַפּקע אַזויפיל, וויפל סע פעלט אים ביזן דורכשניטלאַכן אונטערנעמערישן רעוואַך. און אויב פרעמד געלט וועט אים אריינפאַלן ווי-ניקער, וועט ער ליקווידירן זיין אונטערנעמונג און וועט ווענדן זיינע מיטלען אַהין, ווו ער האָפט צו באַקומען ניט ווייניקער פונם דורכשניטלאַכן רעוואַך.

ג) די ביינק און די אַקציען-געזעלשאַפטן.

קאָלזמאַן די אייגענע קאַפּיטאַלן און די איינלאַגן זיינען ניט העכער פון אַ באַשטימטן (זייער אַ הויכן) גרענעץ, געפינען פאַר זיי די ביינק אָן שום מי אַן אָרט צווישן די „סאָ-לידע“ און „זיכערע“ פירמעס, וועלכע נויטיקן זיך צייטווייליק אין מיטלען צוליבן אומזאַץ.

אָבער צו אַלץ איז דאָך פאַראַן אַ שיר. די אייגענע קאַפּיטאַלן פון די ביינק און די איינלאַגן (און אָן זיי קאָן דאָך דער באַנק ניט באַקומען דעם דורכשניטלאַכן רעוואַך) וואַקסן אויס ביז אַזאַ מאָס, אַז באַ זייער גאַנצער מי קאָנען די ביינק ניט געפינען פאַר זיי קיין „זיכערן“ אָרט.

דאָ קומען צו הילף די אַקציען-געזעלשאַפטן.

אַן „אינדיווידועלער“, ניט קיין אַקציען-אונטערנעמונג, קאָן אַ באַנק אַנטלייען מיטלען אַף צו קריגן נאָר אומזאַץ-קאַפּיטאַל, אָבער בעשום אויפן ניט אַף צו קריגן גרונט-קאַפּיטאַל. מער לעצטער קויפט אָפּ זיין ווערט נאָר זייער לאַנגזאַם, דעריבער קאָן דער אונטערנעמער ניט גיך אומקערן דער באַנק די האַלוואַע, וואָס ער האָט גענומען אַף צו קריגן גרונט-קאַפּי-טאַל. אַלס קלאַל, וועט דער איינלייגער פאָדערן זיין געלט פריער פאַרן דאָזיקן טערמין, און דער באַנקיר וועט ניט האָבן מיט וואָס צו סילעקן.

דער באַנק וועט באַנקראָטירן.

גאָר אַן אַנדער זאַך זיינען די „סאָלידע“ אַקציען-געזעלשאַפטן. זייערע אַקציעס קאָן מען אַלעמאָל פאַרקויפן און באַפרידיקן די פּרעטענזיעס פון די איינלייגער. די אַקציען-גע-זעלשאַפטן קאָנען די ביינק קרעדיטירן מיטלען אַף צו קריגן ניט בלויז אומזאַץ-קאַפּיטאַל, נאָר אויך גרונט-קאַפּיטאַל. דאָס מאַכט זייער ברייט די ראַמען פונם מעגלאַכן קרעדיט.

באַם ווייטערדיקן וווּקס אָבער פון די איינלאַגן ווערן, פאַרשטייט זיך, דידאָזיקע פאַר-ברייטערטע ראַמען אויך צו איינג.

קעדיי צו געפינען אַן אָרט ווו אָנצווענדן די אָנגעזאַמלטע גרויסע מיטלען, מוז דער באַנק גרינדן אייגענע פאַבריקן, זאַוואָדן א. א. וו., ווייל אויב ניט, וואָלטן דידאָזיקע מיטלען פאַר אים געוואָרן אַ קוואַל ניט פון רעוואַך, נאָר פון אָנווער (אַ באַשטימטן פּראָצענט מוז ער דאָך פאַר זיי צאָלן). ס'איז פאַרשטענדלאַך, אַז די ביינק וועלן בעסער גרינדן אַקציען-אונטערנעמונגען, ווייל דער פאַרקויף פון די אַקציעס גיט זיי די מעגלאַכקייט אומצוקערן די איינלאַגן יענע פון די איינלייגער, וועלכע וועלן דאָס פאָדערן.

די ביינק ווילן גערנער צוגעבן זייערע אייגענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אַן אַקציען-פאָרם שוין דערפאַר אליין, וואָס באַ זיי ווערט דערביי ניט פאַרפאַלן דער אונטער-נעמערישער רעוואַך, ווי סע וואָלט געקאָנט דוכטן פונם ערשטן בליק. אין פלוג קאָן מען מיינען, אַז וויבאלד די אַקציאָנערן זיינען די אייגנטימער פון דער אונטערנעמונג, באַקומען זיי עס דעם גאַנצן אונטערנעמערישן רעוואַך, און אפן כיילעק פון די ביינק קומט אַן דאָס איבעריקע. די ביינק זיינען דאָך אָבער ניט נויטע צו באַפרידיקן זיך מיט אַ קיילע-כיקן נול, און וויבאלד זייערע אונטערנעמונגען גיבן זיי אַזוי זאָרגעוודיק צו אַן אַקציען-פאָרם, לוינט זיי דאָס, מיסטאָמע. און אַזוי איז דאָס טאַקע. די מאַסע אַקציאָנערן איז נאָר יורידיש, נאָר נאָמינעל (לויטן נאָמען) זיינען זיי אייגנטימער פון דער אַקציען-אונטערנע-מונג. פאַקטיש אָבער (עקאָנאָמיש) איז דערפון אפילע קיין זייכער ניטאָ. די קליינע קאַפּי-טאַליסטן, פון וועלכע סע באשטייט די הויפט מאַסע אַקציאָנערן, באַזיצן צו קליינע קאַפּי-טאַלן דערויף, אַז מיט זייער הילף זאָל מען קאָנען אַוועקשטעלן אַ ווירקלאַך זעלבשטענדיקע אונטערנעמונג, וואָס זאָל ברייינגען ניט ווייניקער פון אַ דורכשניטלאַכן (אונטערנעמערישן) רעוואַך. הייסט עס, זיי האָבן קיין מעגלאַכקייט ניט צו באַקומען אַזאַ רעוואַך, ווען זיי זיי-נען געצוווּנגען מאסקים צו זיין אַף אַ קלענערן. דערדאָזיקער קלענערער רעוואַך מוז אָבער זיין העכער פון דער פראָצענט-נאָרמע, וואָס הערשט אינם לאַנד, ד. ה. העכער פון יענעם סכום פראָצענטן, וואָס די ביינק צאָלן פאַר איינלאָגן, וויל אין קעגנפאַל וועט אונזער קליינער קאַפּיטאַליסט בעסער זיינע מיטלען פאַשעט אריינלאָגן אין באַנק. די רעוואַך-נאָרמע (די גרייס פונם דיווידענד) פונם אקציאָנער שטייט, אלס קלאל, נידעריקער פון דער נאָרמע פונם אונטערנעמערישן רעוואַך, אָבער העכער פון דער פראָצענט-נאָרמע און וואַלט זיך צווישן דידאָזיקע גרענעצן, בלייבנדיק, געוויינטלאַך, נעענטער צו דער צווייטער, איידער צו דער ערשטער. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אז די נאָרמע פון אונטערנעמערישן רע-וואַך מאכט אינם געגעבענעם לאַנד אויס 12%, און די פראָצענט-נאָרמע 5. לאָמיר אָננעמען דידאָזיקע ציפער און לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער דיווידענד (רעוואַך) אף אן אקציע וועט באַ דידאָזיקע באַדינגונגען אויסמאַכן 8%. אין אזא פאל וועט אפן כיילעק פונם באַנק, וואָס האָט געבילדעט די אַקציען-אונטערנעמונג, באַפרייט ווערן 4% רעוואַך, ד. ה. צו אים וועט איבערגיין אַ באַדייטנדיקער טייל פונם אונטערנעמערישן רעוואַך. דאָס איז פאר אים גאָרניט שלעכט שוין דערפאַר אליין, וואָס דער קאַפּיטאַל, וועלכער האָט דעם רעוואַך דער באַנק געבראַכט, איז דאָך פאר אים אַ פרעמדער.

אינדערעמעסן אָבער איז דער נוצן פון גרינדן אַן אַקציען-אונטערנעמונג פארן באַנק נאָך אסאַך גרעסער, ווייל דער באַנק פארקויפט קימאט לויט דער פולער ווערט דידאָזיקע פאבריק, וואָס ער האָט געגרינדעט, און איינצייטיק האלט ער זי איין פאר זיך. דידאָזיקע משונעדיקע אין פלוג אומעגלאכע דערשיינונג קומט פאָר אט ווי אזוי. לאָמיר אָננעמען, אַז די געביידעס, מאַשינעס, רויער מאַטעריאל א. א. וו. א. א. וו. קאָסטן 1.000.000. דער באַנק גיט אויס דידאָזיקע סומע. ער לאָזט אבער אויס אַקציעס אף 1.500.000. אף 750.000 אַקציעס פארקויפט ער, און די צווייטע העלפט האַלט ער איין באַ זיך, און בלייבט אזוי ארום דער פולער באלעבאָס פון דער פאבריק. אויב די פאבריק וועט געבן בלויז דורכ-שניטלאכן רעוואַך, וועט עס באטרעפן 120.000. אַ העלפט אַקציעס איז פארקויפט געוואָרן, הייסט עס, אז אף זיי וועט מען דארפן איינצאָלן 60.000 רובל דיווידענד (750 טויזנט רובל צו 8% יערלאכע). אַ העלפט איז געבליבן אין די הענט פונם באנק. הייסט עס, ער באַ-קומט 60.000 רובל רעוואַך אַ יאָר, און פארטון האט ער אין טאָך נאד 250.000, און דאָס אויך, דעריקער, פרעמדע געלטער (איינלאגן). אַזוי האנדלט אבער דער באנק נאָר אין יענע פאַלן, ווען דאָס געשעפט איז סאָליד. ווען דאָס פארשפרעכט דעם ווייטערדיקן וווקס פון

דער האכנאָסע און אויך, הייסט עס, די מעגלאכקייט ווייטער ארויסצולאָזן אַקציעס, וואס זאָגט דעם באַנק צו נייע רעוואכים. אינדערעמעסן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, דער ערפאָלג פון דער פאבריק איז „העכער פונם מיטלמעסיקן", און אַז זי האָט אַרייַנגעטראָגן ניט 120.000, נאר 180.000 האכנאָסע. דער באַנק, וועלכער האט די מערהייט שטימען אַף דער אַלגעמיינער פארזאַמלונג, קאָן דורכפירן, אַז מע זאָל אַרויסגעבן דיווידענד נאָר 120.000 (וואָס א העלפט דערפון וועט בלייבן דעם באַנק) און די איבעריקע 60.000 — אַף וויפל זיי וועלן ניט אַראָפּגענומען ווערן מיט דער הילף פון פארשיידענע בוכהאלטערישע קונצן, זיי וועלן ניט פארטיילט ווערן צווישן די דירעקטאָרן פונם באַנק א. א. וו. — ד. ה. זיי וועלן ניט פארבלייבן ווידער טאַקע באַם באַנק, וועלן זיי אוועק אין רעזערוו-פאָנד. דערנאָך וועלן ארויסגעלאָזט ווערן נייע אקציעס, וואָס זייער פארטיילונג וועט ווייטער אַרייַנטראָגן ניט קיין קליינע פאַרנאָסע דעם באַנק; דערנאָך וועט זיך דידאָזיקע געשיכטע איבערכאַזערן נאָכאמאל און נאָכאמאל, דערפון וועט די פאבריק גופע און די האכנאָסע פונם באַנק אלץ וואַקסן און וואַקסן. ווען אָבער די אונטערנעמונג איז ניט אזא זיכערע און זי זאָגט ניט צו אין דער צוקונפט קיין ווּקס פון דער האכנאסע, פארקויפט דער באַנק דעם גירִיקן אוילעם אַלע אקציעס, אַף 1.500.000 רובל, דערמיט קאַפּיטאַליזירט ער מיט-אַמאָל זיין גאַנצע קומענדיקע האַכנאָסע און וועט, הייסט עס, אויסלייזן א סאָלידע סומע (500.000) ריינעם רעוואַך, ניט אריינלייגנדיק אין געשעפט קיין איין פרוטע ניט, אפילע פון די איינלאָגן. ווען די אונטערנעמונג וועט נאכדעם פּלאַצן, וועט דער באַנק פון דעם סײַוויסיי ניט ליידן: באַ אים זיינען דאָך קיין אקציעס פון דערדאָזיקער אונטער-נעמונג ניט פארבליבן. סע וועט ליידן ניט דער באַנק, נאָר די לייכטגלויביקע אקציאָנערן, און דאָס וועט די באַנקירן ניט אַרן.

די מיטהילף אָבער פון די ביינק אין דער אנטוויקלונג פון אַקציען-אונטערנעמונגען ווערט ניט באַגרענעצט נאָר מיטן אויבן אָנגעצייכנטן, נאר, הייסט עס, מיט דער אָרגאַניזאַ-ציע פון אקציען-געזעלשאַפטן אַף די „אייגענע" פרייע מיטלען. ווי מיר האבן נאר וואס געזען, באַקומען די געוויינלאכע אַקציאָנערן, אלס קאָל, נאר אביסל מער פאר דער פּראָ-צענט-נאָרמע אינם לאַנד. אַ היפּשער טייל פונם אונטערנעמערישן רעוואָך בלייבט באַ די גרינדער (פון דער אקציען-געזעלשאפט). צווישן די לעצטע פיגורירן אלעמאָל און כּומפּאר-מיידלאַך די ביינק, אפילע ווען זיי ווינען ניט עס די איניציאטאָרן פונם געגעבענעם געשעפט, ווייל זיי פארשפרייטן די אקציעס צווישן ברייטן אוילעם. דעריבער העלפן זיי מיט סײַ דער גרינדונג פון נייע אקציען-געזעלשאַפטן און זייער פארברייטערונג (ד. ה. ארויסלאָזן נייע אַקציעס), סײַ דעם איבערגאַנג פון די אינדיווידועלע אונטערנעמונגען אַף אקציאָנערע יעסוידעס. פון דעם אלעמען באַקומען די ביינק ניט קיין קליינעם נוצן. אַזוי ארום זעען מיר, אז די ביינק העלפן מיט דער אַנטוויקלונג פון אַקצי-ען-אונטערנעמונגען, און די לעצטע העלפן מיט דעם ווּקס פון די ביינק, ווייל דאָס פארגרעסערט זייער רעוואָך.

ד) וואָס איז אזוינס „פינאַנץ-קאַפּיטאַל".

די ווירקונג פון די ביינק אַף דער אינדוסטריע באַגרענעצט זיך ניט בלויז דערמיט, וואָס אי זיי ארגאַניזירן אַליין אַקציען-אונטערנעמונגען, אי זיי העלפן מיט זייער אופקומען. די ביינק האָבן נאך אויסערדעם א גרויסע ווירקונג אַפן פארוואלטן מיט זיי. אז דאס האָט אַן אָרט בענוגייע צו די אקציען-אונטערנעמונגען, וואס די ביינק אליין האבן געגרינדעט, אויב נאָר די לעצטע האבן איינגעהאלטן פאר זיך א באַדייטנדיקן טייל אקציעס, איז ז לבסטפארשטענדלאך. די ביינק אבער ווירקן אויך זייער שטאַרק אַפן פארוואלטן מיט

יענע אַקציען-אונטערנעמונגען, וועלכע זיי קרעדיטירן „נאַר". און אנדערש קאָן דאָס ניט זיין. מיר האבן געזעען, אז די אַקציען-געזעלשאפטן באַנוצן זיך מיט קרעדיט אין אסאך א ברייטערן מאַסשטאַב, איידער יעכידישע אונטערנעמונגען. הייסט עס, אַז בענויגייע צו די ערשטע זיינען די קרעדיט-אנשטאַלטן שטאַרקער פאַרינטערעסירט אכטונג צו געבן, ווי סע גייען דארט די געשעפטן און צי דראַט זיי ניט צו פאַרלירן די אנטליענע געלט-מיטלען. אויסערדעם, איז מאכמעס די ארגאניזאציאָנעלע באַזונדערקייטן זייערע זיינען די אַקציען-אונטערנעמונגען, מער ווי די יעכידישע, צוגעפּאסט צו קאָנטראָלירן ווערן פון די ביינק, וועלכע קאָנען אריינפירן זייערע פאָרשטייער אין ראַט און אפילע אין דער פאַרוואַלטונג פון די אקציען-געזעלשאפטן. מאַכמעס דידאָזיקע אלע סיבעס קומט פאַר דאָס, וואָס דער באַנק-קאַפיטאַל הויבט אָן שפילן אלץ א גרעסערע ראָליע אין דער אינדוסטריע. לויטן באַוווסטן געלונגענעם אויסדרוק פון בוכארינען, קומט פאַר א צונויפוווקס פונם באַנק-קאַפיטאַל מיטן אינדוסטריעלן קאַפיטאַל. אזא צונויפגעוואַקסענער באַנק-אינדוסטריעלער קאַפּי-טאַל רופט זיך אָן אין דער מאָדערנער עקאָנאָמיק פ י נ א נ ץ-ק א פּ י ט א ל. דערדאָזיקער צונויפוווקס איז נאָך מער אומפאַרמיידלאך דערפאַר, וואָס ניט בלויז דער באַנק-קאַפּיטאַל איז פאַרינטערעסירט צו האבן דעם קאָנטראָל איבער די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, נאָר אויך די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען פאַראינטערעסירט צו ווירקן אַף דער אדמיניסטראציע פון די ביינק, אין דעם זין, אז מע זאָל זיי ניט אָפּזאגן אין קרעדיט און אין פאַרברייטערן אים, און דעריבער פּלייסן זיי זיך מיט אלע קויכעס אריינ-צודרינגען אין ראַט אָדער אין דער פאַרוואַלטונג פון די ביינק, וועלכע זיינען דאסראָוו אויך אַקציען-אונטערנעמונגען. ס'פאַרשטייט זיך, אז יעדער צונויפוווקס באַטייט — פאַרגרע-סערונג, פאַרשטאַרקונג, ק אָ נ צ ע נ ט ר א צ י ע. די אנטוויקלונג פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל באַטייט, אז סע קומט פאַר א ווייטערדיקע גרויסע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, אז איצט זיינען קאָנצענטרירט אין די ראַמען פון א י ן ט א ך איין אונטערנעמונג ניט בלויז די פּראָ-דוקציאָנעלע און סאָכרישע, נאָר אויך די פינאַנציעלע זייט פון דער פּראָדוקציע.

ה) די קאָנצענטראַציע פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל.

דידאָזיקע קאָנצענטראַציע איז נאָך באַדייטנדיקער דערמיט, וואָס סע ווערט שטענדיק שטאַרק פאַרקירצט די צאָל פון די ביינק, צו וועלכע סע גייט איבער דער פּאַקטישער קאָנטראָל איבער די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (מאכמעס דעם צונויפוווקס צווישן דעם אינדוסטריעלן און באַנק-קאַפּיטאַל). קעדיי ניט צו ברענגען פיל ציפער, וועלן מיר זיך באַ-גרענעצן מיט אַ ביישפּיל נאָר פונם „אלטן איינגלאַנד".

אין איינגלאַנד איז די קאָנצענטראַציע פונם באַנק-וועזן געגאַנגען אַסאַך לאַנגזאַמער, איידער אין די איבעריקע קאַפּיטאַליסטיש שטאַרק אנטוויקלטע לענדער, און פונדעסטוועגן באַמערקן מיר דאָ אָט וואָס. די צאָל אַקציען-ביינק אין איינגלאַנד און אוועלס האָט אויסגעמאַכט:

אין 1890 יאָר	. . . .	104
" 1900 "	. . . .	77
" 1910 "	. . . .	45
" 1915 "	. . . .	37

און פאַר דערזעלביקער צייט (1915 — 1890) איז די צאָל פּיליעס אויסגעוואַקסן פון 2.203 אַף 6.026. די מאָס פון די איינלאָגן פאַר דעמדאָזיקן פּעריאָד איז פאַרגרעסערט גע-וואָרן פון 368.663.000 פ. שט. אַף 992.555.000 פ. שט. מיט אַנדערע ווערטער, איין דריט-ביילעק פון דער פריערדיקער צאָל ביינק האָט געמאַכט אין דריי מאָל אַ גרעסערן אומזאַץ, איידער די גאַנצע פריערדיקע.

די צאָל פון יעכידישע ביינק האָט זיך פאַרקלענערט נאָך באַדייטנדיקער. געווען איז אין איינגלאַנד און אועלס יעכידישע ביינק:

אין 1895 יאָר	. . . .	38
" 1900 "	. . . .	19
" 1915 "	. . . .	7

ד. ה. פאַר 20 יאָר איז זייער צאָל פאַרקלענערט געוואָרן קימאַט אין פינף מיט אַ האַלבן מאָל.

מיר ווילן נאָר צוגעבן, אַז דידאָזיקע ציפער האָבן מיר גענומען ניט עפּעס באַ אַ לינקן עקאָנאָמיסט, נאָר פון אַ ביילאַגע (פון 20 מאַי 1916 יאָר) צום סאַמע „סאָלידן" און אויטאָ-ריטעטן בורזשואַזן זשורנאַל The Economist.

אַזוי אַרום זעען מיר פאַר זיך אַ דרייפאַכע קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע. 1. די צאָל ביינק איז פאַרקירצט געוואָרן און גאַנץ באַדייטנד, און זייערע אומזאַצן זיינען זייער אויסגעוואַקסן. 2. בענויגייע צו די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מוז מען אויך קאָנסטאַנ-טירן דאָסזעלביקע. 3. די פאַרבליבענע באַנק-און אינדוסטריע-אונטערנעמונגען זיינען צונויפ-געפלאָכטן געוואָרן אָפן איינגסטן אויפן.

און דאָך ווילן נאָך די בלינדע עקאָנאָמיסטן פאַרזיכערן, אַז מאַרקס טעאָריע וועגן דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע האָט מיעס באַנקראָטירט.

1) דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל און די טרעסטן.

די ווירקונג פון די ביינק אַף דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע באַגרענעצט זיך אָבער נאָך דערמיט אויך ניט. זיי העלפן שטאַרק מיט, אַז סע זאָלן זיך אָרגאַניזירן טרעסטן. דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך. זאָלן צוויי מעכטיקע אונטערנעמונגען, וועלכע קאָנקורירן פאַרביסן צווישן זיך, זיך קרעדיטירן אין איין באַנק-קאָנצערן (פאַראייניקונג). זאָל קיין איינע פון די צוויי ניט איינגיין אַף אַן אָפּמאַך, האָפנדיק צו רואינירן דעם קאָנ-קורענט און נאָכדעם אויסשלאָגן מיט אַ מויסער אַלע הויצאָעס פון דער קאָנקורענץ. ווער פון זיי אָבער סע זאָל ניט זיגן, דער באַנק-קאָנצערן וועט דערביי סיי־ווי־סיי אָנווערן, ווייל ס'וועט פאַרפאַלן ווערן זיין געלט, וואָס ער האָט אַנטליען דער פירמע, וועלכע האָט ניט אויסגעהאַלטן די קאָנקורענץ. דערדאָזיקער קאנצערן וועט דעריבער אויסנוצן זיין גאַנצע ווירקונג אַף צו צווינגען די קאָנקורענטן צו פאַרייניקן זיך און, פריער צו שפּעטער,— גיכער פריער — וועט ער דאָס אויספירן.

דער באַנק-קאנצערן וועט נאָך שטאַרקער שטרעבן דידאָזיקע אייניקונג צו פאַרווירק-לאָכן דערפאַר, ווייל דאָס וועט הייסן די אויסבילדונג פון אַ נייער פירמע (גאַנץ אָפּט אַ טרעסט), וועלכע וועט אַרויסלאָזן אירע אקציעס, וואָס וועט ברייגנגען דעם באַנק פיל האַכנאָסע.

מאַכמעס דידאָזיקע ביידע סיבעס ברייננגט די אויסבילדונג פון די טרעסטן אַ גאַנץ היפּשן נוצן דעם באַנק-קאנצערן; דער באַנק-קאַנצערן, פון זיין זייט, ברייננגט אויך אַ גרויסן נוצן דער אויסבילדונג און דעם אופּבלי פון די טרעסטן. די מייסע איז ניט בלויז דערין, וואָס דער קאנצערן שטיצט דעמדאָזיקן טרעסט מיט זיין גאַנצער קאָלאָסאַלער פינאַנציעלער מאַכט, נאָר אויך דערין, וואָס ער גיט ניט קיין קרעדיט קיין אונטערנעמונג, וועלכע קאָנקורירט מיט אַזאַ טרעסט, און אָן קרעדיט און קעגן דעם ווילן פון די ביינק קאָן איצט ניט עק-זיסטירן קיין שום קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג. הייסט עס, דער טרעסט, וואָס באַנוצט זיך מיט דער שטיצע פונם באַנק-קאָנצערן, און ביפראַט נאָך דער טרעסט, וואָס איז פאַר-בונדן מיטן קאָנצערן דורך אַ פּערזענלאַכער אוניע, ד. ה. דערמיט, וואָס אין באַשטאַנד פון די אַדמיניסטראַציע-אָרגאַנען פון ביידע יורידיש גאַנץ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס

גייען אריין איינע און דיזעלביקע פערזאָנען, איז דער טרעסט גאַראַנטירט פון קאָנקו־רענץ... סיידן הינטערן קאָנקורענט שטייט אַן אנדער מעכטיקער באנק־קאָנצערן.

אָבער ווען די קאָנצענטראַציע פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל דערגייט זייער ווייט, דאַן קאָנען קיין צוויי באַנק־קאָנצערנען אין די גרענעצן פון איין מעלוכע ניט זיין, און, הייסט עס, אַזאַ קאָנקורענץ איז אומעגלאך אין די גרעניצן פונם נאַציאָנאַלן מאַרק.

דעריקער איז בענויגייע צום אויבן באַשריבענעם סיידער פון אנטשטייאונג און ארבעט פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל זייער ריכטיק ר. הילפערדינגס באַמערקונג, אַז „דער פינאַנץ־קאַפּי־טאַל אנטוויקלט זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון די אַקציען־געזעלשאַפטן און דערגרייכט דעם זעניט (העכסטער פונקט) אין זיין אנטוויקלונג מיט דער מאָנאָפּאָליזאַציע פון דער אינדוסטריע”.

אויב אָבער די טרעסטן האָבן קיין מוירע ניט פאַר קאָנקורענטן אַ פ ן א י נ ע ר ל א כ ן מ אַ ר ק בא זייער אייניקונג מיט די ביינק, איז אָבער אַזאַ קאָנקורענץ אַפן וועלט־מאַרק ניט בלויז מעגלאך, נאָר בא דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן אויך אומפאַרמיידלאך.

ד) אַן אנדער אָפּשטאַם פונם פינאַנץ־קאַפּיטל.

צוליב איינפאכקייט האָבן מיר אויבן געמאָלט, אז די אנטשטייאונג פונם־פינאַנץ־קאפּיטאל (דער צונויפוווקס פונם באנק־קאפּיטאל מיטן אינדוסטריעלן קאפּיטאל) קומט פאָר אזוי: דער באנק־קאפּיטאל באַהערשט די אינדוסטריע, און דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל דרינגט אריין אין דעם באנק־וועזן; די איניציאַטיוו גייט ארויס פון די ביינק, און זיי געהערט די ערשטע ראָליע אינם אויסגעבילדעטן צונויפוווקס.

מאשמאָעס אָבער, אז דערזעלביקער צונויפוווקס פון דיביידע מינים קאפּיטאל וועט פאָרקומען אויך אין יענעם פאל, ווען דער אינדוסטריעלער קאפּיטאל וועט דער ערשטער אָנהויבן אריינדרינגען אין באנק־וועזן און וועט אים באהערשן. אזעלכע פאלן גיבן אויך (צ. ב. דער גרעסטער באנק פון די צפון־אַמעריקאנישע פאריייניקטע שטאטן געהערט דעם נאפט־קיניג, ראָקפעלערן). באזונדערס אָפט באמערקט מען דאָס טאקע אין אמעריקע, ווייל דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליזם אנטוויקלט זיך דאָרטן שנעלער, איידער אין איירָאָפּע, און די אינדוסטריעלע אָרגאניזאַציעס זיינען דאָרט אויסגעוואקסן אזוי, אז די באַנקירן האָבן זיי ניט געקאָנט אונטערטעניקן,—פארקערט, אין פיל פאלן האָבן די טרעסטן אוועקגעשטעלט די באנקירן אין אַן אָפּהייננגיקער לאַגע.

אבער אויך אין דעם פאַל ענדערט זיך אין טאָך גאָרנישט פון דעם, וואָס מיר האָבן אויבן באשריבן.

1. ס'איז גאנץ קלאָר, אז אין אזא פאל באקומען די טרעסטן, מיט דער הילף פון די ביינק, אין זייער רעשוס א גוואלדיקן סכום „פרעמדע מיטלען”.

2. ס'איז ניט ווייניקער קלאָר, אז דידאָזיקע ביינק, וואָס זיינען אָרגאַניזירט דורך די טרעסטן אָדער צו זיי אונטערטעניק, וועלן אָנקלייבן אזא קאָלאָסאַלן סכום פרעמדע געלטן, אז זיי וועלן שוין דידאָזיקע אלע מיטלען ניט קאָנען פארלייען די פארשיידענע סאלידע אונ־טערנעמונגען, א באדייטנדיקן טייל מיטלען וועלן זיי מוזן אריינטאָן אין דער פּראָדוקציע. דאָס איז נאָך מער אומפארמיידלאך דערפאר, וואָס דער טרעסט, פון וועלכן זיי הייגען אָפּ, וועט זיי געוויס אָף אָט דעם וועג שטויסן און זיי דערינען שטיצן.

3. ס'איז אויך קלאָר, אז דידאָזיקע פרעמדע געלטן וועלן שטאַרק פאַרברייטערן און פארשטאַרקן דעם געהעריקן טרעסט.

4. ס'איז אויך קיין שום סאָפעק ניט דערין, אז אזא באַנק וועט מיט א באזונדערן כיישעק זיך פלייסן ניט צו דערלאָזן אָרגאַניזירן זיך אזא אונטערנעמונג, וואָס דער טרעסט

ווילַ ניט, און אויבּ צו זיי (צו די טרעסטן) זיינען אונטערגעוואָרפן אַלע וויכטיקע בּיינק פונם געגעבענעם לאַנד, קאָנען זיי אין די לאַנד־גרענעצן אַ האָר ניט מוירע האָבּן פאַר ניט געווינטשטער קאָנקורענץ.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז ס׳איז קיין שום נאַפּקעמינע ניט, וועלכע פון די זיך צונויפּ־וואַקסנדיקע צדאָדים סע שפּילט די ערשטע פידל. סייווי וועט דאָ פּאָרקומען אַ צונויפּ־וווּקס פונט בּאַנק־קאַפּיטאַל מיטן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל — ד. ה. סע וועט אופקומען פינאַנץ־קאַפּיטאַל, — סייווי וועט אין דער אינדוסטריע נעמען פליסן אַ בּרייטער שטראָם פרעמדע געלטן, און דאָס וועט זי פאַרגרעסערן בּיז אַזאַ קאָלאָסאַלער מאָס, אַז דער ערדקיילאַך וועט איינגיכן ווערן אַ צו קליינע און צו איינגע אַרענע פאַר דער טעטיקייט פון דידאָזיקע טרעסטן און צווישן זיי וועט אומפאַרמיידלאַך מוזן פּאָרקומען אַ קאַמף ניט אַף לעבּן, נאָר אַף טויט. דאָס וועט אויך אומפאַרמיידלאַך בּריינגען, ווי מיר האָבּן שוין אויבּן געשריבּן, צו מילכאָמעס אָן אַ שיר, און, הייסט עס, צום אונטערגאַנג פון דער מענטשהייט, ווען דעם פּראָלעטאַריאַט וועט ניט געלינגען צו מאַכן אַ סאָף צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

6. די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל

א) פאַר־באַמערקונגען.

מיר האָבּן שוין געזעען, אַז די אַנטוויקלונג פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל בּריינגט אומפאַר־מיידלאַך צו מילכאָמעס צווישן די לענדער, וועלכע זיינען קאַפּיטאַליסטיש מער אַנטוויקלט. אַ מילכאָמע אָבּער קאָן זיך דאָך אייביק ניט ציען. אין וואָס זשע דריקט זיך אויס די „פרידלאַכע״ פּאָליטיק פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל? אין פאַרכאַפּן אַלץ, וואָס מע קאָן נאָר. פאַרכאַפּן די לענדער, וואָס האָבּן ניט קיין אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, ד. ה. די אַזוי גערופענע „קאָלאָניעס״. זיי זיינען נויטיק פאַר די לענדער פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל מאַכמעס דריי טאַמים. ערשטנס, אַלס אַפּזאַץ־מאַרק פאַר זייערע סכוירעס; צווייטנס, אַלס אַ פּלאַץ, ווו זיי קאָנען בּאַקומען וואָלוועלן רויוואַרג; דריטנס, אַלס אַן אָרט, וווהין אַרויס־צופירן קאַפּיטאַל. לאָמיר בּאַטראַכטן יעדן פונקט בּאַזונדער.

בּ) די קאָלאָניעס, אַלס אַפּזאַץ־מאַרק.

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, — ד. ה. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, וואָס איז צונויפּגעוואָקסן מיטן בּאַנק־קאַפּיטאַל און איז אַ דאַנק דעמדאָזיקן צונויפּוווּקס אויסגעוואָקסן און פאַר־שטאַרקט געוואָרן, — וואַרפט אַרויס אַפן מאַרק אַזאַ שלאַל מיט סכוירעס, אַז ער קאָן פאַר זיי קיין אָפּזאַץ ניט געפינען אין די לענדער פונם אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם. מע מוז אָנקו־מען צו דער הילף פון די קאָלאָניעס. דאָרטן אָבּער הערשט דאָך די נאַטוראַלע ווירטשאַפט. הייסט עס, אַז זייער מאַרק איז קליין און בּאַגרענעצט, דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל מוז אים פאַרבּרייטערן. דערצו פירן עטלאַכע וועגן.

ערשטנס—מיט אַלע מעטאָדן, וואָס ער האָט אין זיין רעשוס, און מיט דער הילף פון אַלע קויכעס און מיטלען, וואָס ער קאָן אויסנוצן, הויבּט אָן דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל צעשטערן „דעם פאַרצייטיקן״, „פּאַטריאַרכאַלן״ שטייגער פון די קאָלאָניאַלע לענדער, פאַרניכטן די אומאַנטוויקלטע נאַטוראַלע ווירטשאַפט און איבּערפירן זי אַף אַ העכערער מאַדרייגע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, אַף אַ געלט־ווירטשאַפט. ניט געקוקט אַף דער גאַנצער נידער־טרעכטיקייט פון די מיטלען, וואָס ער געבּרויכט, קאָן מען דאָך ניט אָפּלייקענען, אַז אין דער היגזיכט שפּילט ער אַ פּראָגרעסיווע ראָליע און האָט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן בּאַטייט.

צווייטנס — דאָס לאַנד, וואָס פאַרמאָגט קאָלאָניעס (א מעטראָפּאָליע) בויט דאָרטן אלערליי פאַרפעסטונגען, פירט דורך סטראַטעגישע אייזנבאַנען א. א. וו. צוליב דעם אלעמען דאַרף מען האָבן מאַטעריאַלן א. א. וו. מע קויפט עס איין אין דער מעטראָפּאָליע, און אזוי ארום ווערט פאַר דער לעצטער אנטדעקט נאָך א נייער אָפּזאַץ-קוואַל.

דריטנס — אין דער מעטראָפּאָליע ווערן אלעמאָל געגרינדעט פיל אקציען-געזעלשאַפטן אף צו עקספּלואַטירן די נאַטור-רייכטימער פון די קאָלאָניעס, אף דורכצעפירן דאָרט אייזנבאַנען א. א. וו. א. א. וו. קימאַט דידאָזיקע אלע אונטערנעמונגען, בעטויכאָם אויך די אייזנבאַנען פאָדערן פאַר זייער איינריכטונג פיל זאַכן, וועלכע ווערן אין די קאָלאָניעס ניט פּראָדוצירט. קויפט מען זיי איין אין דער מעטראָפּאָליע, וועלכע באַקומט אזוי ארום נאָך איין אפּזאַץ-קוואַל פאַף אירע סכוירעס און דערביי זייער א רייכן קוואַל, ווייל מיטלען אף דידאָזיקע אלע איינריכטונגען גיט ניט די קאָלאָניע מיט איר אָרימער באפעלקערונג, נאָר דאָס רייכערע פאַרכאַפּער-לאַנד.

ג) די יאָגעניש נאָך רויע מאַטעריאַלן.

די אנטוויקלונג פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל העלפט מיט צו שאַפן מעכטיקע טרעסטן. די לעצטע, האָבנדיק גוואַלדיקע פּראָדוציר-אַפּאַראַטן, פאָדערן א קאָלאָסאַלע מאַסע רויוואַרג. דער טיטאַנישער ערפאָלג פון דער טעכניק אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער באַרג-אינדוסטריע וואָלטן, מיסטאַמע, געגעבן די מעגלאכקייט צו באַקומען דאָס גאַנצע רויוואַרג, וואָס די טרעסטן דאַרפן האָבן, אויך אף דער טעריטאָריע פון די מעטראָפּאָליעס גופע.

אין אזא פאַל אָבער וואָלט מען געמוזט באַאַרבעטן אויך די פאַרהעלטעניסמעסיק ווייניק פּרוכפּעריקע ערדן און די פאַרהעלטעניסמעסיק אָרימע גרובנס. און העיויס ווי די ווערט פון אַן איינסל רויוואַרג ווערט באַשטימט דורך יענעם סכום אַרבעט, וואָס מע דאַרף פאַרווענדן אף צו באַקומען זי אף דער ערד פונם ע ר ג ס ט ן סאָרט צווישן יענע ערדן, וואָס באַאַרבעטן זיי איז נויטיק, קעדיי צו דעקן דעם קויפּפייאיקן נאָכפרעג פון דער געזעלשאַפט אף רויוואַרג, האָט די ווערט פונם רויוואַרג געקאָנט זיך אופהויבן אזוי, אז די פאַבריקאַטן פונם טרעסט וואָלטן ניט געפינען קיין גענוג ברייטן אָפּזאַץ מאַכמעס זייער יאַקרעס.

דאָס צווינגט דעם פינאַנץ-קאַפּיטאַל (די טרעסטן) צו זוכן אלץ נייע קאָלאָניעס; מאַכמעס די ניט אויסגענוצטע ראַכוועסן זייערע, איז אין די קאָלאָניעס פאַראַן א האָפענונג צו געפינען דאָסזעלביקע רויוואַרג און דערצו ו ע ל ו ו ע ל ע ר; וועלוועלער ניט בלויז איידער דאָס, וואָס די מעטראָפּאָליע וואָלט אָנהויבן פּראָדוצירן בא דער ווייטערדיקער אינטענסיפיקאַציע (אינטענסיפיקאַציע הייסט פאַרווענדן א גרעסערן סכום אַרבעט—קאַפּיטאַל אויך—אף אַן איינסל פלאַץ) פון אנטשפּרעכיקע ספערעס פון דער פאָלק-ווירטשאַפט, נאָר אויך איידער דאָס, וואָס מע באַקומט דאָרט אין געגעבענעם מאָמענט.

דאָסדאָזיקע וואָלוועלע רויוואַרג איז וויכטיק פאַר די טרעסטן און פאַר די ביינק, וואָס שטייען הינטער זיי, מאַכמעס דריי טאַמים.

ערשטנס — אין יענע פונקטן, ווו דעם טרעסט קומט אויס אויסצוהאַלטן א קאָנקורענץ פון אַנדערע טרעסטן (וועלכע ווערן פינאַנסירט דורך אנדערע קרעדיט-אנשטאַלטן), האָט ער, אדאַנק דער ביליקייט פונם רויוואַרג, די מעגלאכקייט נידעריקער צו מאַכן די פּרייזן פון די אנטשפּרעכיקע פאַבריקאַטן און אזוי ארום ארויסצושטויסן פון מאַרק זיינע קאָנקורענטן, אויב די לעצטע וועלן ניט באַקומען די „ארגומענטן פון א שלאָג-כאַראַקטער" (דרעדנויטן א. א. וו.).

צווייטנס — אין יענע פאַלן, ווען דער געגעבענער טרעסט קאָנקורירט מיט קיינעם ניט און דעריבער האָט ער ניט דעם פאַרלאַנג נידעריקער צו מאַכן די פּרייזן אף זיינע סכויעס, באַקומט ער, ווען ער באַנוצט זיך מיטן ביליקן רויוואַרג, א ה ע כ ע ר ן רעוואַך.

דריטנס—דער טרעסט, ווען ער באהערשט דעם קוואַל פון רויוואַרג, ווערט ער שטאַר־קער, ער קאָן בעסער דיקטירן זיין ווילן דעם מארק און ער האָט וויניקער מוירע, טאָמער וועט אנטשטיין א קאָנקורירנדיקע אָרגאַניזאַציע.

יעדער פון די דאָזיקע סיבעס באַזונדער איז שוין גאַנץ גענוג, אז דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל זאָל אָנהויבן א היציקע יאָגעניש נאָך קאָלאָניעס. ביפראַט ווען אלע סיבעס ווירקן צוזאַמען.

לאָמיר פאַרצייכענען נאָך פאָלגנדן וויכטיקן אומשטאַנד. די יאָגעניש פון די טרעסטן נאָך גוואַלדיקע סכומען רויוואַרג ברייננגט דערצו, אז אין די קאָלאָניעס נעמט מען פיל פּראָדוצירן. דאָס לעצטע פון זיין זייט באַטייט דאָס, וואָס די אייזנבאַנען, וועלכע ווערן דאָרט געבויט, ברייננגען ניט קיין אָנוועד, ווי דאָס וואָלט אומפאַרמיידלאַך געווען, ווען מע וואָלט נאָר איבערפירן יענע מאָסע סכוירעס, וואָס די געגעבענע קאָלאָניע האָט פּראָדוצירט אינם מאָמענט, ווען מע האָט זי פאַרכאַפּט. איידער נאָך דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט געגנו־מען פאָדערן די פאַרשטאַרקונג פון דער אָרטיקער פּראָדוקציע, איידער ער איז געקומען מיט זיין נאָכפרעג אַף גוואַלדיקע אלץ וואַקסנדיקע מאָסן רויוואַרג. אנדערש גערעדט, די אייזנבאַנען ווערן האַכנאָסעדיק ניט דערפאַר, וואָס זיי באַדינען די באַשיידענע באַדערפע־נישן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, נאָר דערפאַר, וואָס זיי שטעלן צו גוואַלדיקע מאַסן סכוירעס (רויוואַרג), וואָס זיינען נויטיק פאַר די קאַפּיטאַליסטיש אנטוויקלטע לענדער.

ד) דער אַרויספיר פון קאַפּיטאַל אין די קאָלאָניעס.

ווי גרויס סע איז ניט די ראָליע פון די קאָלאָניעס, אלס אָפּזאַץ־מארק און אלס א פּלאַץ אַף צו באַקומען ביליקן רויוואַרג, באַשטייט פאָרט זייער הויפּט־באַטייט פאַר די מעטראָפּאָ־ליעס גיט דערינען, נאָר אין דעם, וואָס זיי קאָנען איינשלינגען אומגעהייערע מאַסן קאַפּיטאַל, זיי גיבן דער מעטראָפּאָליע די מעגלאַכקייט ארויסצופירן זייער גרויסע מיינגעס קאַפּיטאַל און באַקומען גרויסע רעוואָכים.

און פאַר דער מעטראָפּאָליע איז עס ביז גאָר נויטיק. אינדערעמעסן, די טרעסטערס (די אייגנטימער פון די טרעסט־אַקציעס) באַקומען אומגעהייערע רעוואָכים, אָבער גאַנץ אָפּט וויסן זיי ניט וווהין זיי אָנצואָנווענדן. ניט אלעמאָל לוינט עס ווייטער צו פאַרברייטערן דעם טרעסט, ווייל דאָס רופט אַרויס א פאַרגרעסערונג פונם אנבאָט אַף סכוירעס און, הייסט עס, דאָס פאַלן פון זייערע פּרייזן.

די ניט טרעסטירטע צווייגן פון דער אינדוסטריע (ווען ס׳זיינען דאָ טרעסטירטע) גיבן אַ קליינעם פּראָצענט רעוואַך און זיי ציען צו זיך ניט צו די קאַפּיטאַליסטן. דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס, צ. ב., באַם גרעסטן אוישער אין דער וועלט, באַם „נאַפט־קיניג״ ראָקפעלערן איז דאָ אַ ספּעציעלער הויך־קוואַליפיצירטער און גוט באַלוינטער אָנגעשטעלטער (מיט א גאַנצן שטאַט מיטאַרבעטער), וועלכער באַשעפטיקט זיך נאָר מיט צוטראַכטן, וווהין זאָל דערדאָזיקער „קיניג״ אַריינלייגן זיין רעוואַך.

ס׳איז פאַרשטענדלאַך, אַז די לאַגע פון אַנדערע קאַפּיטאַליסטן, ניט קיין „קיניגן״, און ביפראַט נאָך פון די, וואָס „אַרבעטן״ אין די ניט טרעסטירטע צווייגן פון דער אינדוסטריע, איז א האָר גיט קיין בעסערע, זיי ווייסן אויך ניט, וווהין אַריינצולייגן זייערע מיטלען: אין דער ניט טרעסטירטער אינדוסטריע לוינט ניט, און אין דער טרעסטירטער לאָזט מען ניט.

אַלזאָ, די לאַגע פון אַלע קאַפּיטאַליסטן פון דער מעטראָפּאָליע, פון די טרעסטערס און פון די ניט טרעסטערס, איז „קלאָגעדיק״: זיי ווייסן, „נעבאַך״, ניט, וווהין זיי זאָלן זייער געלט אַהינטאָן.

פיל באַזיצער פון באַשיידענע מיטלען קאָנען אויך ניט געפינען קיין לוינבאַרע אָנווענ־דונג פון זייערע קאַפּיטאַלן.

איז אָט : די קאָלאָניעס ראַטעווען זיי פון זייער „טראַגישער” לאַגע. זיי זיינען אימשטאַנד איינצושלינגען אַ קאָלאָסאַלע מאַסע קאַפּיטאַלן. באַ זייערע גוואַלדיקע ערד־שעטאַכן פּאָדערן זיי קאָלאָסאַלע מיטלען אַף צו בויען אייזנבאַנען.

אויבן האָבן מיר געשריבן, אַז אונטער דער ווירקונג פונם נאָכפרעג מיצאַד די מעטראָפּאָליעס העכערן די קאָלאָניעס זייער אַרויסבאַקום פון רויוואַרג. דאָ קאָן מען אויך אָנווענדן ניט קיין קליינעם סכום קאַפּיטאַלן, ווייל די איינריכטונגען אַף אַרויסצובאַקומען רויוואַרג קאָנען קאָסטן זייער טייער. אזוי, לעמאָשל, איז אינם נאַפט־געשעפט אין מעקסיקע, וועלכע איז אין דער עקאָנאָמישער הינזיכט קימאט א האַלב קאָלאָניאַל לאַנד, איז אַריינגעלייגט געוואָרן א מאסע אויסלענדישע קאַפּיטאַלן, און איבער דעם האָט זי זיך אָנגעהויבן גוואַלדיק צו אַנטוויקלען.

נאָך אינם ערשטן יאָר פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, אין 1901 יאָר, האָט מען אין מעקסיקע אַרויסבאַקומען אינגאַנצן 10.345 באַרעלן (א באַרעל = 159 פונט) רויען נאַפט. און סאַכאַקל אין 20 יאָר אַרום, 1920 יאָר, האָט מען שוין דאָרט אַרויסבאַקומען 163.540.000 באַרעלן רויען נאַפט, ד. ה. קימאַט אין 16.000 (זעכצן טויזנט) מאָל מער. פאַר 20 יאָר איז דער אַרויסבאַקום פון נאַפט אויסגעוואַקסן מער, איידער אַף אנדערהאלבן מיליאָן פראָצענטן!

ענדלאַך איז די נאָענטקייט פון וואָלוועלן רויוואַרג מאַכט, אַז סע לוינט בעסער צו באַאַרבעטן אים דאָ אַפן אָרט, אין די קאָלאָניעס. לויט דעם באַריכט פונם מעקסיקאַנישן מיניסטעריום פון אינדוסטרי און געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט, האָבן אין מעקסיקע אין 1921 יאָר געאַרבעט צוואַנציק דעסטיליר־פאַבריקן מיט א פּראָדוציר־פייאיקייט פון 24.000 באַרעלן אין אַ טאָג. און מיטלען אַף אויסצובויען די אַנטשפּרעכיקע פאַבריקן גיט ווייטער טאַקע די מעטראָפּאָליע דערמיט, וואָס זי קויפט אויס די אַקציעס פון די אונטערנעמונגען, וועלכע שטעלן אַוועק זייערע פאַבריקן אין די קאָלאָניעס.

נאָר ס׳איז ווייניק, וואָס די קאָלאָניעס שלינגען איין אַ מאַסע מיטלען, וואָס פון זייער שעפע ווערן די מעטראָפּאָליעס דערשטיקט, זיי גיבן נאָך אַף זיי רעוואַך, וועלכער איז העכער פונם דורכשניטלאכן רעוואַך אין דער מעטראָפּאָליע גופע. דאָס דערקלערט זיך מיט צוויי אומשטאַנדן.

ערשטנס — אין די קאָלאָניעס ווערט אַף אַ גלייכגרויסן קאַפּיטאַל אויסגעפּרעסט אַ גרעסערע מערווערט, ווייל די מיטעלע דורכשניטלאַכע קאָנסטרוקציע פונם קאַפּיטאַל אין די קאָלאָניעס איז נידעריקער, ד. ה. אין פאַרגלייך מיטן גאַנצן קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלייגט אינם לאנד (אין די קאָלאָניעס), איז דאָרט באשעפטיקט אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער (איידער אין דער מעטראָפּאָליע), און צווייטנס, מאַכמעס די פאַרהעלטנישמעסיקער שיטערקייט פון דער באַפעלקערונג גייט אַוועק אַ גרעסערער כיילעק פון דער אויסגעפּרעסטער מערווערט אַף דער אויסבילדונג פון רעוואַך, ווייל ווייניקער גייט אוועק אַף דער אויסבילדונג פון אבסאָלוטער רענטע. דעריבער איז קיין וווּנדער ניט, וואָס מיט דער אַנטוויקלונג פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָט זיך אַ מעכטיקער שטראָם פון קאַפּיטאַל אַ לאָז געטאָן פון דער מעטראָפּאָליע אין די קאָלאָניעס.

מיכ. פאַוולאָוויטש מיינט אפילע, אַז צום קאַפּיטאַל־עקספּאָרט פון די מעטראָפּאָליעס אין די קאָלאָניעס איז „אין עצעם קיין גרענעצן ניטאָ” (מיכ. פאַוולאָוויטש, „אימפּעריאַליזם”), ווייל דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל „רעכנט זיך ניט מיט דעם, צי באַצאָלט זיך די אייזנבאַן און צי זי איז נוצלאַך עקאָנאָמיש און מעלוכיש, אַבי ס׳זאָלן זיך נאָר געפינען נאַאיווע מענטשן, וועלכע זאָלן מאַסקים זיין אריינצולייגן זייער אָפּגעשפּאָרט געלט אַף צו בויען אַזאַ אייזנבאַן”, און אזעלכע מענטשן זיינען פאַראַן איבערגענוג, ווייל „פאַרבלענדטע פונם

טרוים צו פאַרגרעסערן זייער באַשיידענע האַכנאָסע און אָנהויבן לעבן, ווי רייכע לייט, טראָגן די קליינע און מיטעלע ראַנטיע — קרעמערלאַך, די אָנגעשטעלטע, די פּויערים, די קוואַ-ליפיצירטע אַרבעטער א. א. וו. זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטן אין באַנק אַריין און קויפן אַקציעס פון אויסלענדישע אונטערנעמונגען" (דאַרטן), פון וועלכע זיי מיינען ניסאָשער ווערן.

ס'איז גאַנץ אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי סע איז אין 20-טן יאָרהונדערט פאַר-טיילט געוואָרן דער קאַפּיטאַל פון די ניי-געגרינדעטע אַקציען-אונטערנעמונגען צווישן דער מעטראָפּאָליע און די קאָלאָניעס. לאָמיר נעמען דאָס לאַנד פון די גרעסטע קאָלאָניעס: איינגלאַנד. פאַר די אַקציען-געזעלשאַפטן, וואָס זייערע אַקציעס זיינען זיך צעגאַנגען אין לאָנדאָן, האָבן מיר פאָלגנדע ציפער:

יאָרן	אַריינגעלייגט אין איינגלאַנד טויזנטער פונט	אַריינגעלייגט אויסער די גרענעצן פון איינגלאַנד
1901	106.585	26.978
1902	75.124	62.214
1903	44.869	60.013
1904	50.083	64.616
1905	48.426	110.617
1906	39.314	72.995
1907	32.988	79.334
1908	50.052	117.871
1909	18.681	150.468
1910	60.269	179.832
1011	26.146	142.740
1912	45.335	144.560
1913	35.951	149.755

מיר זעען, אַז נאָך אין אָנהויב יאָרהונדערט איז דער קאַפּיטאַל פון די ניי-געגרינדעטע אַקציען-געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין איינגלאַנד גופא, געווען אַסאַך גרעסער איידער דער קאַפּיטאַל פון די אַקציען-געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די קאָלאָ-ניעס. דער ערשטער אָבער איז אַלץ קלענער געוואָרן, און דער צווייטער אַלץ גרעסער, און פאַר דער מילכאָמע האָט שוין דער צווייטער היפּש איבערגעוואַקסן דעם ערשטן. די סומע פון די קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען אַריינגעטאָן געוואָרן אויסער די גרענעצן פונם לאַנד, האָט מען גערעכנט אין 1914 יאָר פאַר איינגלאַנד בערערך 3.500 מיליאָן פונט שטערלינג, פאַר פראַנקרייך 1.800 פ. שט, פאַר דייטשלאַנד 1.200 פ. שט.

אַף אָנצולאָדן אַזאַ מאַסע גאָלד, וואָלט מען געדאַרפט פאַרנעמען בערערך 3.250 פראַכט-וואַגאָנען. און די הויפּט-מאַסע פון דידאָזיקע מיטלען איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די קאָ-לאָניעס און האַלב-קאָלאָניעס.

מאַכמעס דעם, וואָס אין די געגנטן מיט אַ שיטערער באַפעלקערונג איז קימאַט גאָר ניטאָ קיין אַבסאָלוטע רענטע, זיינען די קאַפּיטאַלן גערנער געגאַנגען אין אַזעלכע קאָלאָ-ניעס, איידער אין געדיכט באַפעלקערטע געגנטן, ווען אַפילע די לעצטע זיינען רייכער מיט נאַטורעלע אויצרעס. עס איז כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט דער פאַקט, וואָס אין דער וואונדערבאַר רייכער פון דער נאַטור, נאָר געדיכט-באַפעלקערטער אינדיע איז דער שטראָם פונם איינגלישן קאַפּיטאַל אַלץ קלענער געוואָרן, און אין דער שיטער באַפעלקערטער קאַ-נאַדע, וועלכע מע קאָן גאָרניט פאַרגלײַכן מיט אינדיע אין רייכקייט פון נאַטור, איז ער אַלץ געוואַקסן און איז פאַרגרעסערט געוואָרן זייער שנעל און באַדייטנד.

7. דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל און די אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם אין די קאָלאָניעס.

א) די ווירקונג פונט פינאַנץ-קאַפּיטאַל אַפן עקאָנאָמישן לעבן פון דער קאָלאָניע.

ווי מיר האָבן געזעען, נויטיקט זיך דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל אין קאָלאָניעס צוליב דריי טיימים: אָפּזועצן סכוירעס פון דער מעטראָפּאָליע, באַקומען וואָלוועלן רויוואַרג, אַרויספירן קאַפּיטאַל.

די אַלע דריי אומשטענדן ווירקן מיט דער אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם אין די קאָלאָניעס.

לאָמיר זיך טכילעס אָפּשטעלן אפן ערשטן. ווי באַוווּסט, שפּילט איצט געוויינטלאַך די הויפּט-ראָליע אין דער אינדוסטריע פון די מעטראָפּאָליעס די אייזנגוס-אינדוסטריע. צווישן אירע צווייגן פאַרנעמט אַן אָנגעזועען אָרט די מאַשינענבוי. ס'איז דאָך גאַנץ פאַרשטענדלאַך, אַז דער עקספּאָרט פון מאַשינען אין די קאָלאָניעס ווירקט מיט, אַז דאָרטן זאָל אַנטשטיין און אַנטוויקלען זיך דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם, ביפּראַט, אַז דאָס דורכפירן אייזנבאַנען (דאָס הייסט ווידער טאַקע דער עקספּאָרט פון סכוירעס, רעלסן א. א. וו. פון די מעטראָפּאָליעס) שאַפט דאָרט אַ מעגלאַכקייט פאַר דערדאָזיקער אַנטוויקלונג.

איבערגייענדיק צום קאָלאָניאַלן רויוואַרג, זעען מיר, אַז די פאַרגרעסערונג פון זיין אַרויסבאַקום, מאַכמעסן נאָכפרעג פון דער מעטראָפּאָליע, ווירקט אויך זייער מיט דער אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם אין די קאָלאָניעס. ערשטנס, דערפאַר, וואָס די פאַרגרעסערונג פונם אָנבאָט פונם דאָזיקן רויוואַרג מאַכט אָפּטמאָל, אַז ס׳ע לוינט צו באַארבעטן אים (כאָטש אין האלב-פאַבריקאַטן) דאָ אפן אָרט, נעענטער צום רויוואַרג, און דאָס ברענגט פריער אָדער שפּעטער דערצו, אַז אין די קאָלאָניעס גופא אַנטשטייען אַנטשפּרעכיקע פאַבריקן און זאַוואָדן. צווייטנס דערפאַר, וואָס אָפט קומט אויס, אַז נאָר דער גוואַלדיקער נאָכפרעג פון דער מעטראָפּאָליע מאַכט עקאָנאָמיש מעגלאַך דעם אַרויסבאַקום פון דעם אָדער יענעם רויוואַרג, צ. ב. נאַפט, וואָס צוליב אַרויסבאַקומען עס מוז מען האָבן גרויסע איינריכטונגען א. א. וו. מיט איין וואָרט, אַ באַדייטנדיקן קאַפּיטאַל. דריטנס דערפאַר, וואָס אַ פאַרשטאַרקטער אַרויסבאַקום פון רויוואַרג פאָדערט געוויינטלאַך די אָנווענדונג פון אַ גרויסן סכום פאַרשיידנערליי מאַשינען און אינסטרומענטן, וואָס מע קאָן זיי דעריקער אָנהויבן פראָדוצירן אין די קאָלאָניעס גופא.

לאמיר איצט איבערגיין צו דער דריטער סיבע, פאַרוואָס קאָלאָניעס זיינען נויטיק: צום עקספּאָרט פון קאַפּיטאַלן.

ס'איז קלאָר, אז דער לעצטער ווירקט זייער מיט דער אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם אין די קאָלאָניעס, ווייל א געוויסער טייל זיינער גייט אפאיינצוריכטן דאָרט פאַבריקן, זאַוואָדן א. א. וו.

דידאָזיקע אלע דריי סיבעס פלעכטן זיך איבער און געבן די מעגלאַכקייט פאַר יעדערער פון זיי שטאַרקער אַרויסצווייזן איר ווירקונג אף דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין די קאָלאָניעס. צ. ב., די פאָדערונג פון דער מעטראָפּאָליע אף רויען מאַטעריאַל ברענגט דערצו אַז סע הויבט איר אָן לוינען אַרויסצופירן מיטלען אף איינצוריכטן געביידעס, וועלכע זיינען נויטיק אף אַרויסצובאַקומען אים.

איינער פון די סאַמע אויטאָריטעטע פאָרשער אין דער פראַגע וועגן דער עקספּאָרט פון קאַפּיטאַל, האָבסאָן, שרייבט:

„דעריקער, אף וואס סע גייען די קאָלאָסאַלע סומען פונם עקספּאָרטירטן קאַפּיטאַל, איז נאָך אַלץ דאָס בויען אײַזנבאַנען קימאַט אין אַלע וועלט-טיילן. דאָקן, וואַסער-לייטונגען, גאַז-און עלעקטרי-באַלײַכטונג, טעלעגראַפן און טראַמוויַיען בילדן די צווייטע וויכטיקע גרופּע אונטערנעמונגען, וועלכע פאָדערן שטענדיק אַלץ נייע און נייע קאַפּיטאַלן. דערצו דאַרף מען נאָך מוסיף זיין די אַקציע-קאָמפּאַניעס אף צו באַאַרבעטן גרובן און פּלאַנטאַ-ציעס, היפּאָטעק-בייַנק (ד. ה. בייַנק, וואָס גיבן אַרויס האַלוואָעס אף אומבאַוועגלאַכע גיטער: ערד, הייזער א. א. וו.), בייַנק, סטראַכירונג-און האַנדלס-געשעפטן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן, דעריקער, אין דער ערשטער צייט, ווען סע האָט גענומען אַריינדרינגען דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל. אין די לעצטע פינף יאָר אָבער (אָנהויבס 1909 יאָר. ל. ל.) באַמערקן מיר א נייע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט אין דער ריכטונג פונם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, די טענדענץ אַריינצודרינגען אין דער „מ א נ ו פ א ק ט ו ר און א י נ ד ו ס ט ר י“.

אזוי אַרום זעען מיר, אַז דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל, דערגרייכנדיק צו א געוויסער שטופע פון צייטיקייט, הויבט ער אָן קולטיווירן אין די קאָלאָניעס און בכלל אין די לענדער, וואָס שטייען אף א נידעריקער מאַדרייגע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, אויב ער איז נאָך דאָרטן גאָר ניט געווען, און פאַרסירן זיין אַנטוויקלונג, אויב ער איז שוין דאָרטן געווען.

ווען מיר זיך נאָך דערביי דערמאָנען, אַז דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל הויבט אָן אַנטוויקלען אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער דעם האַנדל-קאַפּיטאַל, וועלן מיר קאָנען פעסט-שטעלן דעם געזעץ, אַז די ע ק אָ נ אָ מ י ש פ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ע ל ע נ ד ע ר ק ו ל ט י װ י ר ן (און פאַרשטאַרקן) אין די ע ק א נ אָ מ י ש-אָ פ ג ע ש ט א נ ע נ ע ל ע נ ד ע ר ד ע ם מ י ן ק א פ י ט א ל י ז ם, וועלכער שטייט אף איין שטאַפּל נידעריקער פון יענעם קאַפּיטאַליזם, וואָס בליט אין די דאָזיקע פּראָגרעסיווע לענדער.

אין גענעבענעם פאַל אָבער אינטערעסירט אונז ניט אַזױפיל דער אַלגעמיינער געזעץ, וויפל די ראָליע פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל אין דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון די קאָ-לאָניעס און פון די עקאָנאָמיש נאָענטע צו זיי לענדער.

האָבן מיר זיך שוין אויבן איבערצייגט, אַז אין אַזעלכע לענדער צעשטערט דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל דעם פּאַטריאַרכאַלן לעבנשטייגער זייערן. נאָר וואָס האָבן מיר געזען, אַז דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל קולטיווירט דאָרט דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם. מוז מען דערפון אַרויסדרינגען, אַז זיין ראָליע אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע לענדער איז אין אַלגעמיין אי גרויס, אי פּראָגרעסיוו, אי פּאָזיטיוו.

ס'פאַרשטייט זיך, דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל פירט דורך זיין פּאָליטיק ניט אין „זאַמשענע האַנדשן“, נאָר ברוטאַל, אומענטשלאַך און נידערטרעכטיק; געוויס, זיין וועג איז אויסגע-שפּרייט מיט די טויטע גופים פון די אָרימע און שוואַכע פון די אָרטיקע עלעמענטן, אָבער די אַנטשטייונג פון קאַפּיטאַליזם אין מיירעוו-אייראָפּע איז פאָרגעקומען ניט אין שענערע פאָרמען. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דערצו, אַז (ווי מאַרקס האָט דאָס באַוויזן) זיין געבויר און אַנטוויקלונג זאָל זיין א פּראָגרעסיווער פאַקטאָר, א נויטיקער טנאַי פאַרן קינפ-טיקן פולשטענדיקן און אַבסאָלוטן ניצחון פונם סאָציאַליזם.

נימצע — דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל שפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קוי-כעס נאָך יענע פּאָזיטיווע ראָליע, וואָס העלפט מיט דערצו, אַז ס'זאָל דערשיינען און אַנטוויקלען זיך דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל אין פילע פון יענע לענדער, ווו סע וואָלט אין קעגנפאַל נאָך גאַנץ לאַנג ניט געווען יענער הויכער שטאַפּל פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, וועלכער אַנטשפּרעכט דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם.

מיר ווייסן אבער, אז דאס, וואס אנטוויקלט די פּראָדוקטיווע קרעפטן, ברייננגט אום־פארמיידלאך צום פאטאַלן אונטערגאַנג פונם קאַפּיטאַליזם. דאס איז אויך ריכטיק אין אונזער פאל, אויב בלויז יענע לענדער, ווו סע הערשט דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל, פּראָדוצירן סכוירעס אסאך מער, איידער סע קאָן זיי איינשלינגען די גאנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט, היינט אפשיטע שוין, אז זי איז ניט אימשטאַנד אויסצוקויפן אלע פּראָדוצירטע סכוירעס, ווען קאָלאָסאלע מיינגעס סכוירעס הויבן אויך אן ארויסוואַרפן די נייע לענדער, וועלכע ווערן ארויסגערופן פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל צו קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. אויב די ראמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען געווען צו איינג נאך איידער סע האָבן זיך באַוויזן די נייע צוגאב־סכוירעס, טויגן זיי נאָך דעם לאכלוטן ניט, און נאך שטארקער, ווי פריער, פאָדערן זיי צו פארבייטן די קאַפּיטאַליסטישע ארדענונג אף א סאָציאַליסטישער (א קאָמוניסטישער).

צום שלוס פון פאראגראַף וועלן מיר אָנווייזן אף פאָלגנדן זייער וויכטיקן אומשטאנד. ווי באוווסט, געפינט די סאָציאליסטישע רעוואלוציע אין איצטיקער צייט א הייסע און ענערגישע שטיצע אין די לענדער פונם שוואך אנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם. דאָס דערקלערט זיך אין א באַדייטנדער מאָס דערמיט, וואס דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל האט שוין דאָרט פאר־פלאַנצט דעם אינדוסטריעלן קאפּיטאַליזם, וועלכער האָט געשאפן אַן ארבעטער־קלאַס, דעם הויפּט־קעמפער פארן סאָציאַליזם (קאָמוניזם), און האט דארט צעשטערט דעם פּאטריאר־כאלן שטייגער, געצוווּנגען אומגעהייערע מאסן פון דער באפעלקערונג צו זוכן נייע, בע־סערע לעבנספאָרמען און צו קעמפן מיט די איצטיקע האַרן פון דער וועלט.

דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל גרייט אף אזא אויפן צו און דערציט די קאברנים פונם קאַפּי־טאַליזם ניט בלויז אין אַ פארהעלטעניסמעסיק שמאָלן קרייז לענדער מיט א שטארק אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, לענדער פון פינאנץ־קאַפּיטאַל, נאר אויך אין אסאך א ברייטערן קרייז לענדער מיט אַ ווייניק אנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, לענדער, ווו דער פינאנץ־קאַפּיטאל האָט פארפלאנצט דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם אין זיינע פארשיידענע אנטוויקלונג־סטאַדיעס.

און די קאַפּיטאליסטן, וועלכע מיינען, אז שאפנדיק זיך מערק אין די ווייטע און ווייניק קולטורעלע לענדער, ראטעווען זיי פון אונטערגאַנג די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, דערמאָנען אין טאָך יענעם בער, וואָס האָט שטאַרק א שטויס געטאָן די קלאָץ, וועלכע איז געהאנגען אפן בוים, ווו סע איז געשטאַנען דער בינטשאָק מיט האניק. יענער בער האָט אויך געמיינט, אז מיט זיין אָפּשטויסן די קלאָץ ווערט ער שוין איינגאנצן פון איר פּאָטער און ער קאָן שוין זיכער נאַשן דעם געשמאקן האָניק, בעאייס איינדערעמעסן קערט זיך באלד די קלאָץ אום צוריק אַף צו פלעטן אים דעם מויאך.

ב) די גרייס פון די קאָלאָניעס.

די קאַפּיטאַליסטן אָבער קוקן גאָר אנדערש. זיי דוכט זיך, אַז שאפנדיק פאַר דער אינדוסטרי נייע מערק, פאַרפעסטיקן זיי אַף אייביקע יאָרן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. און פילע קאַפּיטאַליסטן פארטראכטן זיך לעגאמרע ניט אַפן גוירל פונם קאַפּיטאַליזם. אום־באוווסט פאָלגן זיי דעם פּרינציפּ: „נאָך אונז — כאָטש אַ מאבל". זיי דייגן נאָר פאַרן רע־וואַך פון היינטיקן טאָג. אָבער אויך די אינטערעסן פונם דאָזיקן רעוואַך שטויסן דידאָזיקע פאָרשטייער פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל צו יאָגן זיך נאָך נייע מערק פאַר זייערע סכוירעס און קאַפּיטאַלן און ביכלאל וואָס מער צו פאַרברייטערן יענעם פלאַץ, פון וואנען זיי קאָנען מיט ווייניקער דייגעס און זאָרגן באקומען אַ גרעסערן רעוואך. סע איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס מיט דער אַנטוויקלונג פונם פינאנץ־קאַפּיטאַל הויבט אָן געשווינד וואקסן די

קאָלאָניאַלע טעריטאָריע. לויט סופּאַנס ציפער, וואָס לענין ציטירט, האָט דער פּראָצענט פונם ערד-שעטאַך, וואָס געהערט צו די אייראָפּייאישע מעדינעס און צו צאָפן-אמעריקאַנישע פאַראייניקטע שטאַטן, אויסגעמאַכט

	אין 1876 יאָר	אין 1900 יאָר	פאַרגרעסערט אַף
אין אַפריקע	10,8%	90,4%	+ 79,6%
פּאָלינעזיע	56,8 "	98,9 "	+ 42,1
אויסטראַליע	100,0	100,0	—

ברייִנגענדיק דידאָזיקע ציפער, באַמערקט לענין זייער ריכטיק: העיוס ווי אין אַזיע און אמעריקע איז קיין ניטספאַרנומענע ערדן, ד. ה., אַזעלכע וואָס געהערן ניט צו קיין מעלוכע ניטאָ, איז... קומט אויס... צו זאָגן, אז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונם באַ-טראַכטן פּעריאָד איז די ענדגילטיקע צעטיילונג פון דער ערד, ענדגילטיקע ניט אינם זין, אַז ס׳איז אומעגלאַך אַן איבערטיילונג (לענינס קורסיוו) — אדעראַבע, איבערטיילונגען זיינען מעגלאַך און אומפאַרמיידלאַך — נאָר אין דעם זין, וואָס די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט פאַרענדיקט (לענינס קורסיוו) צו פאַרכאַפּן די ניט פאַרנומענע ערד אַף אונזער פּלאַנעט". אינם זעלביקן בוך, מיט עטלאכע זייטלאַך שפּעטער, נוצט אויס לענין די ציפער פון גיובנערס „געאָגראַפיש-סטאַטיסטישע טאַבעלעס" און גיט אָט וואָס פאַר אַ קלאָר בילד פון די קאָלאָניאַלע גיטער פון זעקס גרויסע מעדינעס אינם 1914 יאָר.

	דער שעטאַך (אין מיל. קוו. קילאָמ.)	באַפעלקערונג אין מיליאָנען איינוו.
זייער מעטראָפּאָליעס	16,5	437,2
זייערע קאָלאָניעס	65,0	523,4
די קאָלאָניעס פון די איבעריקע מעדינעס	9,9	45,3
האַלבקאָלאָניעס	14,5	361,2
איבעריקע לענדער	28,0	289,0
די גאַנצע ערד	133,9	1657,0

8. פּראָטעקציע־סיסטעם און פרייהייט פון האנדל.

א) די פּאָזיציעס פון די אָנהייגער פון דידאָזיקע ריכטונגען.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל באַגרענעצט זיך ניט בלויז מיטן „אופשטעלן" די געהעריקע פּאָן אַף די פאַרכאַפּטע ערדן, נאָר ער שטרעבט צו מער רעאַלע און מאַמאָשעסדיקע זאַכן; ער שטרעבט דערצו, ער אליין זאָל געניסן פון אָט די פאַרכאַפּטע קאָלאָניעס, ניט דערלאָזנדיק דערצו זיינע קאָנקורענטן; ער מוז זיך „פּאַרטיידיקן" קעגן זיי, אַניט הויבן זיי אָן אים דריקן אפילע אין די גרענעצן פון זיין אייגענער מע-טראָפּאָליע. ס׳פאַרשטייט זיך, אז ער קאָן אַזוינס ניט דערלאָזן, האַגאַם דאָס וואלט ניט זעלטן זייער געלוינט פאַר דער גאַנצער איבעריקער באַפעלקערונג פון דער מעטראָפּאָליע, וועלכע באַקומט אדאַנק דעם די מעגלאַכקייט צו קויפן וועלוועלער סכוירעס. באַנוצנדיק זיך מיט זיין אויסשליסלאַכער ווירקונג אַפן מעלוכישן אַפּאַראַט און פאַרדעקנדיק זיך מיטן שלייער פון די אינטערעסן פון דער אינדוסטרי, הויבט אָן דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל צו פאָ-דערן אַ הויכע גרענעץ-צאָל, עקספּאָרט-פּרעמיעס (ד. ה. איינצאָלן אַ געוויסע פּרעמיע באַם אַרויספירן סכוירעס קיין אויסלאַנד, דאָס פאַרשטאַרקט, פאַרשטייט זיך, דעם עקספּאָרט). בעקיצער, אַ ריי מיטלען, וואָס העלפן מיט דעם סכוירע-עקספּאָרט פון דער געגעבענער

מעלוכע און פארשווערינקן דעם אימפּאָרט אין איר, צ. ב. אייזנבאַן-טאַריפן (געצאָלטס פאַר טראַנספּאָרט, נידעריקערע אין דער ריכטונג צום האַפן און צו די גרענעץ-פונקטן, העכערע — פון האַפן און פון די גרענעץ-פונקטן).

מע דאַרף, אגעוו, באמערקן, אַז אזעלכע פּאָדערונגען שטעלט ניט די גרויס-בורזשו-אַזיע, נאָר „בלויז״ יענע מיטגלידער אירע, וועלכע ס'קומט אויס צו פירן אַ שטאַרקן קאַמף מיט אן אנאלאָגישער פּראָדוקציע אין אויסלאַנד. די באַזיצער פון די אונטערנעמונגען פון יענע פּראָדוקציע-צווייגן, וועלכע האָבן ניט מוירע פאַר דער אויסלענדישער קאָנקו-רענץ, וועלכע קאָנען, פארקערט, עקספּאַנמיש פאַר זיך באַקעמפן אונזער גאַנצע פּלאַנעטע יענע זיינען קעגנער פון די אָנגעוויזענע מיטלען און פארטיידיקן די „פרייהייט פון האַנדל״, ד. ה. דאָס רעכט פון יעדן אונטערנעמער אָן קיינע מעניעס אריינצופירן זיינע סכוירעס, וווהין ער וויל. זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז דאָסדאָזיקע רעכט פון פרייען האַנדל האַגאַם סע ווערט „גרויסמוטיק״ געגעבן פאַר אלעמען, וועט דאָך אינדערעמעסן דינען נאָר זיי אליין, ווייל דאָס וועט זיי געבן די מעגלאכקייט צו פארכאַפּן דעם גאַנצן וועלט-מאַרק.

ב) דער פּראָטעקציאָניזם מוז אומפארמיידלאך האָבן ערפאָלג.

וואָס ווייטער אָבער, ווערן די אָנהייגער פון פרייען האנדל אלץ ווייניקער צווישן דער בורזשואַזיע, ווייל ס'ווערט אלץ קלענער די צאָל פון יענע פּראָדוקציע-צווייגן, וועלכע דאַרפן ניט מוירע האָבן פאַר דער אויסלענדישער קאָנקורענץ.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען איינגלאנד איז געווען ניט בלויז „די הערשערן פון די יאמען״, נאָר אויך די מאלקע פון דער אינדוסטרי. דערפאַר האָט דאָרט אַ לאַנגע צייט געהערשט די שטרעמונג, וועלכע פארטיידיקט די פרייהייט פון האנדל. דידאָזיקע שטרע-מונג האָט אפילע געטראָגן דעם נאָמען מאַנטשעסטערטום, לויטן נאָמען פון דער איינגלי-שער שטאָט מאַנטשעסטער, דעם צענטער פון דער איינגלישער טעקסטיל-אינדוסטריע, די שטאַרקסטע שטיצע פון די אָנהייגער פון פרייען האַנדל. איצט זעען מיר דעם אָפּגאַנג פון דערדאָזיקער שטרעמונג אפילע אין איינגלאנד, ווייל די אויסלענדישע קאָנקורענץ האָט גענומען דריקן איין צווייג פון דער איינגלישער אינדוסטריע נאָך דער צווייטער. דער לייטער פון איינער זייער אָן אָנגעזעענער איינגלישער פּראָטעקציאָניסטישער צייטונג האָט איינמאָל געשריבן: „איך שרייב דעמדאָזיקן ארטיקל קעגן דער פרייהייט פון האנדל, כ'מוז אָבער מודע זיין — דאָס הענטל און די פען זיינען בא מיר דייטשישע, די טינט און דער טינטער זיינען אויך געמאַכט אין דייטשלאנד, דאָס באלאנגט אויך צום פּאַפּיר און צום לעשפּאַפּיר. סע איז בא מיר טינט אויסגעגאנגען, האָב איך אַ קלונג געטאָן מיטן גלעקעלע (אויך פון דייטשן אָפּשטאַם) צום מיידל, זי זאָל ברייגגען טינט: זי איז אריין, און די שפּילקע אפּן פארטוך און אויך דער פאַרטוך זיינען דייטשישע; כ'האָב פון פארדראָס געוואלט אַ שפּיי טאָן, איז אָבער אַפּן שפּיי-קעסטל אָנגעשריבן: „געמאַכט אין דייטשלאנד״.

ווי אזוי זשע זאָלן די איינגלישע פאַבריקאנטן, באַזונדערס די מעטאלורגיסטן, וועלכע האָבן אמערסטן געליטן פון דער דייטשישער קאָנקורענץ, ניט פירן קיין לעבעדיקע אגיטאציע פאַר איינפירן אַ הויכע גרענעץ-צאָל אין לאנד?

ג) די שוואכקייט פון דער טעאָריע פון פּראָטעקציאָניזם.

פאַר יעדן ניט פארינטערעסירטן מענטשן איז אבער קלאָר, אַז דערדאָזיקער שטאַנד-פונקט קאָן זיך ניט בארימען אפילע מיט א לאָגישער אויסגעהאלטנקייט, אפגערעדט שוין פון זיינע איבעריקע כעסרוינעס. אינדערעמעסן, ארויסגייענדיק פונם דאָזיקן שטאנדפונקט, מוזן מיר אומפארמיידלאַך קומען צום אויספיר, אַז יעדער פּראָגרעס אין דער פּראָדוקציע,

יעדער פארבעסערונג אין טראנספּאָרט, יעדע נייע אנטדעקונג און דערפינדונג — איז א בייז, און זייער א גרויסער בייז, ווייל זיי פארשטאַרקן די אויסלענדישע קאָנקורענץ, קעגן וועלכע מע מוז זיך פארטיידיקן מיט אלע קאָשערע און ניט קאָשערע מיטלען, און פּאַרקערט, יעדע אומגערעטעניש, אויסשעפּונג פון די רויוואַרג-קוואַלן, ערדציטערניש, טי-פוס, דזשומאַ, כאָלערע (באַזונדערס בא די קאָנקורענטן) — דאָס איז, פאַרקערט, דאָס גרויסע גוטס, ווייל זיי שוואַכן אָפּ די אויסלענדישע קאָנקורענץ, און ס'וואָלט ביכלאל גאר גוט געווען, ווען אלע אנדערע מעלוכעס זאָלן אוועק „אין קאַפּעקאַל".

ס'איז ווידער קלאר, אז אויב די אָנהייבער פונם דאזיקן שטאַנדפּונקט שטעלן זיך אַזוי שטאַרק קעגן ביליקע פּראָדוקטן פון אויסלאנד, דארפן זיי נאך מער שפּרינגען פון דער הויט קעגן דער אומזיסטיקער גאָב פון דער נאטור. און אין דעם פּראט איז פול-שטענדיק גערעכט געווען דער שאַרפזיניקער פראנצויזישער עקאָנאָמיסט באַסטיא, ווען ער האָט נאָך מיט א דריי פערטל יאָרהונדערט צוריק געצווונגען (אין זיין בוך) די פראנ-צויזישע „פאבריקאַנטן" פון ליכט, טעלער, ספרינאַווע ליכט, פון לאָמפּן, לייכטער, רעפלעקטאָרן, שניצער, לעשער, די פּראָדוצירער פון כיילעווע אייל, אלקאָהאָל און ביכלאל פון אַלץ, וואָס האט א שייכעס צו באַלייכטונג", זיי זאָלן זיך ווענדן צום פּאַרלאַמענט מיט אַ באַקאָשע צו פארטיידיקן זיי פון דער קאָנקורענץ פון דער זון, וועלכע גיט אומזיסט ליכט און דערמיט רואינירט זי זיי, ווייל זיי קאָנען דאך ניט געבן זייערע פּראָדוקטן פאַר אַזאַ נידעריקן פּרייז. די פאבריקאַנטן דאַרפן דערביי „איידל" געבן אָנצוהערעניש, אז די זון טוט דאס אַזוי, ווייל ס'האָט זי אָנגערייצט דער „פאַלשער אלביאָן" (אייגגלאַנד), דער אייביקער פיינט פון דער פראנצויזישער אינדוסטרי.

ד) די פּאָזיציע פונם פּראָלעטאַריאַט.

ס'איז קלאר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, דער פּראָגרעסיוועסטער פון אלע קלאַסן, קאָן ניט באַגיטיקן די פּאָזיציע פון פּראָטעקציאָניזם, ווייל זי ברענגט, אויב מע זאָל זיין קאָנסעק-ווענט, צום זינגען לויבגעזאַנג דעם טעכנישן רעגרעס, און די יעשוע פונם פּראָלעטאַריאַט ליגט דאפקע אין דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן, וועלכע וועט אופרייסן דעם קאַפּיטאַליזם.

סע קאָנען זיך אבער די באַוווסטזיניקע שיכטן פונם פּראָלעטאַריאַט אויך ניט שטעלן אַף דער קעגנזעצלאכער פּאָזיציע, אפן שטאַנדפּונקט פון האַנדלס-פרייהייט, אָדער, ברייטער, אַפן שטאַנדפּונקט פון „פרייער שפּיל פון די עקאָנאָמישע קרעפטן". ס'איז דאָך קלאָר, אַז דורכפירן דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט קאָנסעקווענט וואָלט געהייסן, אַז מיר דארפן זיין קעגן יעדער אַרבעטער-געזעצגעבונג, וועלכע איז אויך איוועער אַף דערדאָזיקער „פרייער שפּיל", און דאָס הייסט — לאָזן דעם ארבעטער אַפן בּאראט פון דער אומבאַגרענעצטער עקספּלואַטאַציע מיצאַד דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

אַלזאָ, — דער ארבעטער-קלאַס קאָן ניט זיין קיין אָנהייגער ניט פון פּראָטעקציאָניזם, ניט פון דער פרייער שפּיל פון די עקאָנאָמישע קרעפטן. ער דארף זיין קעגן ביידע בורזשואזע אידעאָלאָגיעס, ער דארף פאָדערן די אומשטירצונג פונם קאַפּיטאַליזם, וואָס ס'איז עקאָנאָ-מיש מעגלאַך, און ניט קעמפן פאר איין וואַריאַנט זיינעם קעגן דעם צווייטן. אין געגע-בענעם פאַל דארף ער טאָן אזוי, ווי ער טוט בענוגייע צו דער רעליגיע. די באַוווסטזיניקע עלעמענטן זיינע פירן ניט קיין וויקוכים, וועלכע פון די רעליגיעס איז בעסער: קריסטנטום, בודיזם, איסלאַם, יודאַאיזם, א. א. וו. נאַר, פּאַשעט און פּראָסט, זיי לייקענען זיי אלע אָפּ. אַזוי דא אויך. מיר זיינען ניט מעכויעוו אנצונעמען איינע פון די קעמפנדיקע בורזשואזע אידעאָ-לאָגיעס, מיר דארפן פארנעמען אַ פיינטלאַכע פּאָזיציע צו דער איינער און צו דער אַנדערער.

ה) די אומפּרוכפּעריקייט פון פּראָטעקציאָניזם.

אויב אָבער דער פּראָטעקציאָניזם קאָן ניט געפינען קיין אָנהייגגער צווישן די באַוווסט-זיניקע פּאָרשטייער פונם פּראָלעטאַריאַט, איז צווישן דער בורזשואזיע האָט ער אַן אַלץ שטייגנדיקן ערפּאָלג: אַלץ גרעסערע און גרעסערע מאַכנעס אירע טרוימען צו זיגן אונטער דערדאָזיקער פאָן. אומזיסטע האָפענונגען! יעדער שריט פון פּראָטעקציאָניסטישער פּאָליטיק באַגעגנט פונקט אזא שריט מיצאַד דעם קאָנקורירנדיקער מעלוכע, אַזוי אַז ניט געקוקט אַף אַלע באַמיאונגען פון די פּראָטעקציאָניסטן, לאָזט זיך דאָס ווידער אויס „צו דער פרייער שפּיל פון די עקאָנאָמישע קויכעס".

אינדערעמעסן. איין לאַנד העכערט דעם גרענעץ-צאָל, דאָס צווייטע ענטפערט דערויף מיט עקספּאָרט-פּרעמיעס, וועלכע פאַרניכטן דעם באַטייט פונם קעגנערס שריט. דאָס ערשטע לאַנד פירט איין אַ באַן-טאַריף, וועלכער איז ניט גינסטיק פאַרן אריינפירן סכוירעס, קומט דאָס צווייטע לאַנד און פאַרגרעסערט די עקספּאָרט-פּרעמיעס און פּאַראַליזירט אזוי ארום די אומגינסטיקע רעזולטאַטן פון אזא טאַריף.

דאָס ערשטע לאַנד פון זיין זייט פּאַראַליזירט אַף דעמזעלביקן אויפן די פּרווון פונם צווייטן לאַנד צו פאַרמאַכן פאַר אים זיינע גרענעצן און, סאָפקאָלסאָף, ווען אַלע לענדער ווערן אין אַ גלייכער מאָס פּראָטעקציאָניסטן, ווערט די ווירקונג פונם פּראָטעקציאָניזם קעגנזייטיק נייטראַליזירט; ער ווירקט נאָר ביז דאַן און אַף אזויפיל, אַף וויפל איין לאַנד איז פּראָטעקציאָניסטיש אין אַ גרעסערער מאָס, איידער דאָס צווייטע.

דער וווקס אָבער פונם פּראָטעקציאָניזם אין איין לאַנד ברייגגט פונקט צו אזא פּראָ-טעקציאָניזם באַם קאָנקורענט.

אַזוי מוזן די קאַפּיטאַליסטן, פאַרוועגדנדיק אַ מאַסע קויכעס און ענערגיע, ווידער קו-מען צו דער צעבראָכענער קאָרעטע: צו דער פרייער שפּיל פון די עקאָנאָמישע קויכעס. ס'פאַרשטייט זיך, יענער צאַד, וואָס אים לוינט דאָס ניט, און דעריבער איז ער אוועק אַפּן וועג פון דער פּראָטעקציאָניסטישער פּאָליטיק, קאָן אַזאַ זאַך ניט דערלאָזן און פון „פרידלאַכע" מיטלען גייט ער איבער צום געווער. בעכיין מוז דער פּראָטעקציאָניזם אומ-פאַרמיידלאַך ברייגגען צו מילכאָמע, און העיויס ווי אַף דער מילכאָמע קומען אום דערי-קער ארבעטער און פּויערים, אָבער בעשום אויפן ניט די גרויסבורזשואזיע, האָבן די אר-בעטער געוויס קיין שום גרונט ניט צו שטעלן זיך אַפּן צאַד פון דער פּראָטעקציאָניסטי-שער פּאָליטיק.

ו) פּראָטעקציאָניזם און מילכאָמע.

אַזוי זעען מיר, אַז די בורזשואזיע שטויסט אירע רעגירונגען צו מילכאָמע מיט די קאָנקורענטן. דאָס איז אומפאַרמיידלאַך און נאַטירלאַך. וואַרטן אַף עפּעס אנדערש איז פונקט אַזאַ אומזין, ווי וואַרטן, אַז אַף אַ זומפּ זאָלן וואַקסן דעמבעס.

נאָר אויב ס'איז אַ קלאַל, אַז דער, וואָס טרינקט זיך, וועט זיך אָנכאַפּן ניט בלויז פאַר אַ שטרויעלע, נאָר אויך פאַר אַ שארפן מעסער, אַזוי איז אויך אַ קלאַל, אַז ניט דאָס שטרויעלע, און נאָך מער ניט דער שארפער מעסער וועלן אים ניט ראַטעווען פון אונ-טערגאַנג.

אפילע די לענדער-באַזיגער גייען אויך ניט ארויס אַף אַ וועג, וואָס איז מיט רויזן באַשאָטן. אינדערעמעסן. ערשטנס, די הייגטיקע מילכאָמע פאָדערט אזעלכע קאָרבאָנעס פון מענטשן און מיטלען, אַז אפילע די לענדער-זיגער קאָנען ניט גיך קומען צו זיך פון אירע רעזולטאַטן און זייגען פאַרווטיילט נאָך לאנג „צו פאַרלעקן זייערע ווונדן".

צווייטנס, העיוס ווי די מילכאָמעס קומען דעריקער פאַר צווישן לענדער, וואָס זיינען אינדוסטריעל הויך אנטוויקלט, ווערן די לענדער-זיגער ניט בלויז פּאַטער פון זייער קאָנ-קורענט, נאָר זיי שוואכן דאָ אויך אָפּ זייער קוינע, ווייל יעדער אינדוסטריעל לאַנד איז ניט בלויז אַ קאָנקורענט מיט די איבעריקע אינדוסטריעלע לענדער, נאָר עס איז אויך אַ געברויכער פון זייערע פּראָדוקטן. לענין („אימפּעריאַליזם") ווייזט זייער ריכטיק אָן אַף דעם אומשטאנד, אַז די אייראָפּייאישע אינדוסטריעלע לענדער זיינען געווען זייער גרויסע קוינים איינס באם אנדערן. אַף צו באשטעטיקן דעמדאָזיקן געדאנק, קאָן מען ברייגען דעם האַנדלס-אומזאַץ פון דייטשלאנד אליין. דער עקספּאָרט פון דייטשלאנד אין 1911 יאָר האָט אויסגעמאכט:

אין גרויס-בריטאַניע	1139,7	מיל. מארק
" פראנקרייך	598,6	" "
" שווייץ	482,4	" "
" בעלגיע	412,7	" "

דער עקספּאָרט אָבער אין די ריין אגראַרישע לענדער האָט באטראָפן אַסאַך וויניקער; דער גרעסטער פון זיי (אין ארגענטינע) האָט אויסגעמאכט 255,9 מיליאָן מארק.

פונקט אזוי איז געווען אויך דער עקספּאָרט פון דידאָזיקע אינדוסטריעלע לענדער אין דייטשלאַנד. וועגן דעם ריידן די פאָלגנדע ציפער:

עקספּאָרט פון גרויס-בריטאַניע	808,8	מיל. מארק
" " פראנקרייך	524,4	" "
" " שווייץ	179,6	" "
" " בעלגיע	340,0	" "

דער אומזאץ צווישן די אינדוסטריעלע לענדער איז דערביי געוואקסן גאַנץ שנעל. מע קאָן דאָס אילוסטרירן, ווען מיר נעמען אלס ביישפּיל די קעגנזייטיקע האַנדלס-באַציונגען צווישן דייטשלאנד און איינגלאנד.

(1000 פ. שטערל.)	1908	1909	1910	1911	1912
עקספּאָרט פון איינגלאנד קיין דייטשלאנד	38,031	57,785	61,830	65,281	70,074
עקספּאָרט פון דייטשלאנד קיין איינגלאַנד	38,398	32,256	37,021	39,284	40,377

מע דארף נאָך צוגעבן, אַז האגאם דער עקספּאָרט פון איינגלאנד קיין דייטשלאנד איז געוואקסן אַסאַך לאנגזאַמער, איידער דער עקספּאָרט פון דייטשלאנד קיין איינגלאנד, איז דאָך קיין איין לאַנד ניט געווען אזא גרויסער געברויכער פון די איינגלישע סכוירעס, ווי דאפקע דייטשלאנד.

דריטנס, די שטרייטנדיקע מעלוכעס שטרייגען אָן אַלע זייערע קויכעס צו פּראָדוצירן די זאַכן, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער מילכאָמע, זיי פאַרלירן בעשאַס דער מילכאָמע זייערע מערק, וועלכע ווערן אין אַזוינע פאַלן פאַרכאַפּט דורך יענע לענדער, וועלכע האָבן זיך גאָר ניט באטייליקט אין דער מילכאָמע אָדער וועלכע האָבן צו איר געהאַט בלויז א קליינע שייכעס. און נאָכדעם קערן די לענדער-זיגער מיט גרויס מי אום די מערק, וואָס זיי האבן אָנגעוואָרן (אויב זיי קערן זיי ביקלאַל אים!). צ. ב. בעשאַס דער לעצטער מילכאָמע האָט איינגלאַנד פארלאָרן דעם דאָרעם-אַמעריקאַנישן מאַרק, וועלכער איז איבערגעגאַנגען צו די צאָפן-אַמעריקאַנישע פאַרייניקטע שטאַטן, און ניט געקוקט אַף אַלע אירע באַמיונגען, קאָן זי אים נאָך אַדאַיעם ניט ארייננעמען צו זיך איינגאַנצן.

אַף אַזאַ אויפן ז.יז די איצטיקע ווע ט-מילכאָמעס ברייגגען נוצן דעריקער פאר יענע לענדער, וועלכע האָבן זיך ניט באַטייליקט אינם געשלעג, לעפּאָכעס פאַר אייניקע פון זיי (די סאַמע

גוּויסע אין אינדוסטריעלער הינזיכט), ווייל דידאָזיקע לענדער נוצן אויס דעם אומ־שטאַנד, וואָס די קאָנקורענץ מיצאַד די שטרייטנדיקע מעדינעס ווערט אָפּגעשוואַכט און הויבן, ערשטנס, אָן פולער צו באַדינען זייער אינערלאַכן מאַרק, און באַקומען, צווייטנס, די מעגלאַכקייט צו פאַרכאַפּן לעפּאָכעס א טייל פון די מערק, וואָס פריער האָבן געווען זיי באַדינט די שטרייטנדיקע מעדינעס.

אויסערדעם באַקומט די אינדוסטריע פון די לענדער, וועלכע האָבן זיך ניט באַטייליקט אָדער קנאַפּ באַטייליקט אין דער מילכאָמע, נייע מערק אפילע אינעווייניק אין די שטרייטנ־דיקע לענדער גופע, וווהין זיי האָבן פריער אַפילע קיין דריסאס-האָרעגל ניט געהאַט: דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואס א מילכאָמע פאָדערט א קאָלאָסאַלן סכום האַרמאַטן, קאנאנען, קלייזאיען און אַמוניציע א. א. וו., וואָס ניט אַלע שטרייטנדיקע פעלקער קאָנען דאָס אליין פראָדוצירן, — און אויך דערמיט, וואָס די אינדוסטרי פון די שטרייטנדיקע פעלקער, פאַר־נומען מיט באַפרידיקן די מיליטערישע באַדערפעניש, איז ניט בעקויאַך צו באַפרידיקן דעם קויפּפייאיקן נאָכפרעג פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

אַזוי אַרוס זעען מיר, אַז פון דער מילכאָמע געווינען נאָר א יי נ י ק ע מעלוכעס, די, וועלכע האָבן זיך אין איר ניט אריינגעפאַקט אָדער די, וואָס האָבן אין איר גענומען נאָר אַ נאָמינאַלן אַנטייל. ס'פאַרשטייט זיך, א נייטראַלע מעלוכע, וועלכע געפינט זיך צווישן די מילכאָמע-פירנדיקע, וועט זיך ניט זייער גוט פילן. זי קאָן אַריינפאַלן צווישן האַמער און קאָוואַדלע, אָבער די שטאַרקע מעלוכעס, וועלכע געפינען זיך נאָך דערצו גאַנץ ווייט פונם געשלעג-פלאַץ, קאָנען געווינען פון זייער נייטראַליטעט אָבער דערפון, וואָס זיי האָבן זיך לעכאַטכילע אָפּגעהאַלטן פון א באלדיקן אַקטיוון באַטייליקן אין דער מילכאָמע. אָט אַזוי האָט די מילכאָמע פון 1914 — 1918 אַמערסטן געבראַכט נוצן דער אינדוסטריע פון כינע, יאַפּאָניע און צאָפן-אַמעריקע. די לעצטע איז ביז דער מילכאָמע געווען אייראָפּע א באַלכויוו, און נאָך דער מילכאָמע איז זי געוואָרן איר קרעדיטאָר. נאָך מער. ביז דער מילכאָמע איז קימאַט ניט געווען קיין איין גרויסע אַמע, יקאַנישע אונטערנעמונג, וואָס אירע אַקציעס זאָלן אין א באַדייטנדיקער מאָס ניט געהערן צו אייראָפּייער, און איצט, פאַרקערט, געהערט דער גרעסטער טייל אַקציעס פון פילע אייראָפּייאישע אונטערנעמונגען צו די קאַפּיטאַליסטן פון אַמעריקע. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער עקספּאָרט פון אַמעריקע, וועלכער האָט פאַר די זעקס פארמילכאָמע-יאָרן (1914—1909) אויסגעמאַכט סאַכאַקל 7,963 מיל. דאָלאַרן, איז פאַר די זעקס מילכאָמע און נאָכמילכאָמע-יאָרן (1920—1915) אויסגעוואָקסן ביז 24,213 מיליאָן דאָלאַר, ד. ה. מער איידער אין דריי מאָל; פאַרקערט, דער אימפּאָרט פון אייראָפּע קיין אמעריקע איז פאַר דעם פעדיאָד צייט נידעריקער געוואָרן קימאַט אַף 21% (פון 4,875 מ. ד. אין 1914—1919 אַף 3.878 מ. ד. אין 1920—1315).

איז אָט: אָנהויבנדיק די מילכאָמע, קעדיי פּאָטער צו ווערן פון א געפערלאַכן קאָנקו־רענט, — באַקומען די לענדער-זיגער אַלס רעזולטאַט פון דערדאָזיקער מילכאָמע נאָך א מעכטיקערן קאָנקורענט (אָדער קאָנקורענטן), וועלכער איז נאָך געפערלאַכער דערמיט, וואָס די אָפּגעשוואַכטע פון דער מילכאָמע לענדער-זיגער קאָנען זיך אַזוי ענערגיש און שטאַרק ניט אַנטקעגן שטעלן קעגן אים, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן בענויגייע צום קאָנקורענט, וועל־כער איז פאַרטיליקט געוואָרן דורך דער מילכאָמע. סע קומט דאָ אויס: שלעכט אזוי, און ביטער אַזוי. די קאַפּיטאַליסטיש אַנטוויקלטע לענדער, די לענדער פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל איז זיי אָן מילכאָמע שלעכט, מיט מילכאָמע—ביטער. קיין וווּנדער איז דאָס ניט: א כוילע, ווי דו זאָלסט אים ניט לייגן, טוט אים אַלץ וויי, און די לענדער פונם אַנטוויקלטן קאַפּי־טאַליזם קריינקען מיט אַן אָרגאַנישער כוילאַס—מיטן ווידערשפּרוך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג: דער קאָלעקטיווער פּראָדוציר-אויפן און דער אינדיווידועלער פּאראייגענונג-אויפן.

ז) די מילכאָמע, אַלס סיבע פון ווייטערדיקע מילכאָמעס.

די מילכאָמעס, ווי מיר האָבן געזעען, לייזן ניט די גרונט-סטירע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, זיי זיינען אָבער אומפאַרמיידלאַך באַם אַנטוויקלטן פינאַנץ-קאַפּיטאַל, ווי ס׳זיינען אומפאַרמיידלאַך, לאָמיר זאָגן, די קריזיסן, וועלכע לייזן אויך ניט און פאַרשאַרפן נאָר די גרונט-סטירע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. די מילכאָמעס זיינען אומפאַרמיידלאַך שוין דערמיט אליין, וואָס יעדער קאַפּיטאַליסטישע פאַרייניקונג דייגעט נאָר פאַר אירע אינטערעסן און קומט צו אַן אומדערלאָזבאַרער סטירע מיט די אינטערעסן פון אנדערע קאַפּיטאַליסטישע גרופּעס און פאַרייניקונגען. דידאָזיקע סטירעס קאָן מען ניט לייזן אַף אַן עקאָנאָמישן אויפן. דעריבער מוז ארויסטרעטן אף דער סצענע דאָס געווער. אָבער דאָס ראַטעווועט ניט פון קאָנקורענץ, סע געבוירט נאָך נייע קאָנקורענטן; דאָס ראַטעווועט ניט די קאַפּיטאַליסטן ניט פון די קריזיסן, ניט פון אנדערע דערנער, וועלכע זיינען אריינגעפלאָכטן אין זייער גאָלדענעם קראַנץ, ווייל אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג קאָן מען פון זיי ניט פּאָטער ווערן.

דאָס איז ווייניק, איז יעדערער פון דידאָזיקע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן האלט אין זיך פאַרבאָרגן אַנ׳אָנהויב פון אומפאַרמיידלאכע, נאָך מער אכזאָריעסדיקע און בלוטיקע ווייטערדיקע מילכאָמעס.

די מילכאָמעס קאָנען אויסברעכן אין דריי הויפּט-ריכטונגען: באפרייט זיך פון פריערדיקן קאָנקורענט, טרעטן די לענדער-זיגער אַריין אין א פאַרביסענעם קאַמף צווישן זיך. דאָס איז באזונדערס מעגלאַך, ווען עפּעס איינע פון די זיגער-לענדער וועט פון דער יערושע אָדער פאַרמעגן פונם באזיגטן זיך באַנוצן מיט עפּעס אזוינס, וואס קאָן זייער פאַרשטאַרקן זיין קאַפּיטאַליסטישע מאכט און אזוי ארום שטערן דאָס געשאַפענע גלייכגעוויכט.

צווייטנס, די זיגער-לענדער אָדער א טייל זייערער זיינען אביסל צו זיך געקומען פון דער פאַריקער מילכאָמע אָדער זיי האבן געבילדעט אַ געגנוג מעכטיקן נייעם פארבאנד און זיי קאָנען שוין אַרויסטרעטן מיט געווער אין די הענט קעגן יענעם נייעם מעכטיקן קאָנקורענט, וועלכער האָט זיך ניט באטייליקט אדער קימאט זיך ניט באַטייליקט אין דער פאַריקער מילכאָמע, און וועלכער טרעט איצט ארויס, ווי א נייע שטאַרקע סאַקאָנע פאר דער עקאָנאָמישער הערשאַפט פון די זיגער-לענדער (אָדער פון א טייל זייערן).

דריטנס, די לענדער, וואָס האבן זיך ניט באטייליקט אין דער פאַריקער מילכאָמע זיינען פאר דער צייט אויסגעוואקסן און פארשטאַרקן אַזוי די קאָנקורענץ, אז זיי כאפּן זיך פארן שווערד.

ס׳פארשטייט זיך, אויסער דידאָזיקע גרונט-ריכטונגען, קאָן די מילכאָמע אויסברעכן אין אַזוינע ליניעס, וואס זיינען קאָמבינאַציעס פון דידאָזיקע ריכטונגען. ס׳איז צ. ב. מעגלאַך, אַז די זיגער-לענדער, באשליסנדיק צו מעלדן א קריג איינע צום אנדערן, וועלן פריער ארייננטרעטן אין א פארבאַנד מיט די אָדער יענע לענדער, וועלכע האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער פאַריקער מילכאָמע.

ס׳איז גאַנץ ווארשיינלאַך, אז אין דידאָזיקע אַלע פאַלן וועט די נייע מילכאָמע אַרומכאפּן נאך א ברייטערן שעטאַך, איידער די פאָריקע, ווייל אויסער די מעלוכעס, וואָס האבן זיך באטייליקט אין דער לעצטער, וועלן אין איר אריינגעצויגן ווערן נאָך אנדערע לענדער. די סאַקאָנע פון א מילכאָמע ווערט נאך שטאַרקער מאכמעס דעם, וואָס קימאַט בא דידאָזיקע אַלע קאָמבינאַציעס איז מעגלאַך, אַז די מילכאָמע וועט מעלדן ניט בלויז יענע גרופּע, וועלכע ליידט א מאַפּאָלע אינם קאָנקורענץ-קאַמף, נאר אויך די זיגער אינם דאָזיקן קאַמף, ווייל זיי זיינען אומצופרידן מיט דער לאַנגזאַמקייט פונם טעמפּ פונם דאָזיקן ניצאָכן,

וועלכער אַנטשפּרעכט ניט דער שנעלקייט פון דער אַנטוויקלונג פון זייערע פּראָדוקטיווע קרעפטן. ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז דידאָזיקע נייע מילכאָמעס פאַרבאָרגן אין זיך זוימען פון נאָך אַ גרעסערער צאָל ווייטערדיקע מילכאָמעס א. א. וו. א. א. וו.

דראָענדיק איינגלאַנד פאַר איר נאַפט-פּאָליטיק, האָט פראַנקלין ק. ליין געזאָגט (אין 1920 יאָר): „צי איז ניט קלאָר, אַז אויב שוין די פּריוואַטע בירגער, נאַר די מעלוכעס גופע, אַלס פּאָליטישע איינהייטן, אין דער געשטאַלט פון זייערע רעגירונגען, וועלן זיך נעמען אריינמישן אין דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ און וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין האַנדלס-פירמעס אָדער אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, — דאַן וועט מען שוין ניט קאָנען וואַרטן, אַז ס׳זאָלן ווייכער ווערן די קאָנפליקטן, וועלכע נעמען זיך פון דער אום-אופהערלאַכער האַנדלס-קאָנקורענץ".

אין העיוויס ווי דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל בריינגט אומפאַרמיידלאַך צו אַזאַ רעזולטאַט, ד. ה. דערצו, אַז די רעגירונגען מישן זיך אריין אַקטיוו אין דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, דעריבער מוזן, קאָלזמאַן ער עקסיסטירט, אומפאַרמיידלאַך קומען איין מילכאָמע נאָך דער צווייטער, ביז וואַנען עס וועט ניט פאַרשווינדן די סיבע, וואָס רופט זיי ארויס, — דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל און, הייסט עס, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג ביכלאַל, ווייל דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל — דאָס איז די לעצטע פאַזע פונם קאַפּיטאַליזם.

שלוס

אזוי אַרום קומען מיר ווייטער צום אויספיר, אַז דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל שטעלט פאַר דער געשיכטע אַ דילעמע: אָדער סע דאַרף פאַרניכט ווערן די מענטשהייט, אָדער סע דאַרף פאַרניכט ווערן דער קאַפּיטאַליזם. ס׳איז קיין שום סאָפעק ניטאָ, אַז די געשיכטע וועט גיין אָפן צווייטן וועג. ביפראַט, אַז די מילכאָמעס צווינגען צו באַוואָפענען די ברייטע פאָלק-מאַסן און דעם פּראָלעטאַריאַט אויך בעטויכאָם. אַדאַנק זיין לאַגע אין דער פּראָדוקציע, האָט דער פּראָלעטאַריאַט נאָך א גרעסערן געוויכט אין לאַנד, איידער דאָס אַנטשפּרעכט אַפילע זיין צאָל. ס׳איז קיין שום סאָפעק ניטאָ, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט דער פּראָלעטאַריאַט אויסנוצן זיין באַוואָפענונג אין די אינטערעסן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. מע דאַרף נאָך דערצו מויסעף זיין, אַז העיוויס ווי דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל האָט פאַרפלאַנצט דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם און, הייסט עס, אויך דעם פּראָלעטאַריאַט אין פילע פונקטן פונם ערד-קיילאַך, וועט דעריבער די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע טרעפן א שטאַרקע שטיצע אַף אסאַך א גרעסערן שטעטאַך איידער דאַן, ווען דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל וואָלט ניט געווען. אַזוי אַרום איבערצייגן מיר זיך נאָכאַמאָל דערין, אַז דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל (פאַרשטייט זיך, אָן זיין ווילן) האָט אָפּגעשפּילט א גרויסע און א פּאָזיטיווע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג-געשיכטע פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן און, הייסט עס, אין דער מעגלאַכקייט צו פאַרווירקלאַכן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג. וואָס ג י כ ע ר אָבער ער וועט דידאָזיקע ראָליע אָפּשפּילן און ענדגילטיק אַוועק אין זיין רו אריין, אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פאַרן פּראָלעטאַריאַט און פאַר אַנדערע איצט ניט הערשנדיקע (אין וועלט-מאַסשטאַב) קלאַסן. קיינעם וועט ניט פאַרדריסן אַף זיין פאַרשווינדן, קיינער וועט זיך ניט פּרוּוון צו ארהאַלטן אים, ווייל —

מע קאָן זיין געצוווּנגען איבער בלאָטע צו גיין, באָדן זיך דאָרטן בלויז קאָנען כאַזיירים.

א י נ ה א ל ט

זייט

ארייַנפיר — 3

I אָפטייל. דער קעגנשטאַנד פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

II אָפטייל. די טעאָריע פון אַרבעטסווערט. (7—9)

1. דאָס געזעץ פון ארבעטסווערט — 10
2. פּרייז און ווערט — 14
3. דער פעטישיזם פון סכוירעס — 16
4. רעדוקציע — 18
5. קאָנקרעטע ארבעט און אבסטראַקטע — 21

III אפטייל. געלט. (24—38)

1. די נויטיקייט פון געלט און געלט-מאַטעריאַל — 24
2. די פאַרהעלטניסמעסיקע און עקוויוואלענטע פאָרם פון ווערט — 26
3. די מאַטבייע — 27
4. פּאַפּיר-געלט — 28
5. פּאַפּיר-געלט און יאקרעס — 31

IV אָפטייל. די טעאָריע פון מערווערט. (39—48)

1. די ווערט פון ארבעט-קראַפט — 39
2. וואָס איז אזוינס מערווערט און ווי אזוי זי בילדעט זיך אויס — 40
3. די אבסלוטע און פאַרהעלטניסמעסיקע מערווערט — 41
4. פּראָדוציר-מיטלען און קאַפּיטאַל — 45
5. מערווערט און רעווואך — 46

V אָפטייל. די טעאָריע פון פּראָדוקציע-פּרייזן (49—62)

1. דאָס אויספּרעסן און פאַרטיילן די מערווערט — 49
2. די פּרייז פון דער פּראָדוקציע — 50
3. דער דורכשניטלאַכער רעוואך און די פאַרטיילונג פון דער מערווערט — 52
4. די סטרוקטור פון קאַפּיטאַל — 52
5. די סטרוקטור פון קאַפּיטאַל און די פּרייזן פון דער פּראָדוקציע — 53
6. די שנעלקייט פון דער צירקוליאַציע פון קאַפּיטאל און די פּרייז פון דער פּראָדוקציע — 55
7. דאס אלגעמיינע געזעץ — 56
8. די דערקלערונג פון די פאלן, ווען סע נטשפּרעכן ניט איינע די אנדערע — דער סכום רעוואך און דער סכום באַש פטיקטע ארבעטער — 57
9. וועגן צוזאַמענהאגג צווישן דער טעאריע פון ארבעטסווערט און דער טעאריע פון פּראָ-דוקציע-פּרייז — 59
10. די נויט קייט פון דער ארבעטסווערט-טעאריע — 62

VI אָפטייל. די טעאָריע פון ערד-רענטע. (63—82)

1. די פּרייז פון ערד — 63
2. דיפערענציאלע רענטע — 64
3. אבסאָלוטע רענטע — 73
4. די רענטע און איר געזעלשאפטלאכער באַטייט — 76

VII אָפּטייל. די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע. (83—98)

1. דער מעהוס און באַטייט פון דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע — 83
2. קריזיסן — 85
3. די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע און דער וווּקס פונם אַרבעטער-קלאַס — 90
4. דיאַלעקטיק — 93
5. רעוואָלוציע און עוואָלוציע — 96

VIII אָפּטייל. די קריטיק פון די דערווידערונגען קעגן דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע (99—117)

1. די קריטיק פון די דערווידערונגען קעגן מאַרקס קריזיסן-טעאָריע — 99
2. די קריטיק פון די דערווידערונגען קעגן דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע — 102
3. די קריטיק פון די דערווידערונגען קעגן דער קאָנצענטראַציע-טעאָריע און דער אַרבעט-טעאָריע — 106
4. דער טעמפּ פון דער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע אין דער לאַנדווירטשאַפט — 114
שלוס — 116

IX אָפּטייל. דער לעצטער פאַזיס פון קאַפּיטאַליזם. פינאַנץ-קאַפּיטאַל. (118—160)

1. נאָך וועגן דער טעאָריע פון קאָנצענטראַציע — 118
2. די קאָאָפּעראַציע — 118
3. אַקציען-געזעלשאַפט — 120
4. טרעסטן — 123
5. פינאַנץ-קאַפּיטאַל — 137
6. די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פונם פינאַנץ-קאַפּיטאַל — 145
7. דער פינאַנץ-קאַפּיטאַל און די אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם אין די קאָלאָניעס — 150
8. פּראָטעקציע-סיסטעם און פרייהייט פון האַנדל — 153
שלוס — 160